STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11573

GRENADIR-SHTRASE

Fishl, d. 1958. Sheneurson

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בענבארעסן

פישל שניאורסאן

גרענאדיר-שטראסע

(ראמאן פון יידישן לעבן אין דייטשלאנד)

יידישער צענטער
ביבליאטעק
פעטאלומא

ארויסגעגעבן דורך „ליטעראַרישע בלעטער"

וואַרשע 1935

Printed in Poland

F. Sznejersohn—Grenadir-Strasse
Nakład tyg. „Literarisze Bleter“

Drukarnia „Grafia“, Nowolipki 7

פישל שניאורסאָן

דעם אָנדענק פון מיין גרויסן פאָטער
דעם חבדישן שיין־גייסט
הרב ר' שניאור זלמן ז"ל

דערציילונגען פון פישל שניאורסאָן:

חיים גראָוויצער ערשטער טייל

(די געשיכטע פון דעם געפאַלענעם)

חיים גראָוויצער צווייטער טייל

(די ראַנגלעניש פון דעם געפאַלענעם)

קאַראַהאָד

(די פאַרבלאָנדזשעניש פון אפרים-איציען דעם קירזשנער)

יידישע נקמה

(פון דער עקסטערן וועלט)

1

אויסטערלישע געשעענישן

אויף דער רוישיקער באַן־סטאַנציע „אַלעקסאַנדער־פּלאַץ" אין בערלין איז היינט פאָרגעקומען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט ווי אַן אויסטערלישע סענסאַציע שיר נישט אויפגערודערט דעם גאַנצן וואָקזאַל.

ס'איז געווען אַ קאַלטער ווינטערדיקער פרימאָרגן, די לעצטע טעג פון פעברואַר. ווי אַלעמאָל האָט עס אויפן וואָקזאַל געקאָכט און געזאָדן. דער ריזיקער נעץ פון רעלסן אויף דעם וואָקזאַל האָט אַ מינוט נישט גערוט. אין דעם גערויש און רעש פון אַלע וויילע אָנקומענדיקע און אַוועקגייענדיקע צוגן האָבן מענטשן ווי אַ שטראָם זיך געטראָגן אַריין און אַרויס אויפן וואָקזאַל. די אַוועקגייענדיקע צוגן בלאָזן פון זיך טונקל־שפּיציקע וואָלקנס רויך, קלאַפּן מיט די רעדער און פייפן אַזוי ווילדוונגעריש גלייך ווי יעדער פון זיי וואָלט פון ס'ניי אָנגעפייפט דעם גאַנצן באַן־גערודער אויף דעם איבערגעלאָזענעם טומלדיקן וואָקזאַל. און כאָטש אין דעם כוואַליעדיקן מענטשן־שטראָם זעט נישט איינער דעם צווייטן — האָט מען זיך דאָך פון אַלע זייטן נייגעריק אומגעקוקט אויף די טשעקאַווע גרופּעס מענטשן, וואָס האָבן איבעראַשט מיט זייער אויסזען און וואָס האָבן זיך מאַסנווייז געזאַמלט רעכטס ביי דער אייזנבאַן־ליניע, ווו ס'קומט אָן דער צוג פון יענער זייט גרענעץ.

ווי אַלע מאָל וואַרטן אויף אָט דעם צוג, וואָס ברענגט אויסלענדישע פּאַסאַזשירן פון מזרח־אייראָפּע, האָטעל־אַגענטן, געפּעק־טרעגער, קרובים און פריינט פון אָנקומענדיקע פּאַסאַזשירן. היינטיקס מאָל אָבער איז דאָ אויך געשטאַנען אַ היבשער עולם פון מער ווי הונדערט מזרח־יידן מיט בערד און פּיאות, די מייסטן גייען אין לאַנגע קאַפּאָטעס. צווישן אָט דעם עולם זענען אייניקע עלטערע מענטשן מיט גרוי־ווייסע בערד, אויך עטלעכע רבנים אין זיידענע קאַפּאָטעס טימ רבנישע, אַטלאַסענע, ברייטע פּוילישע קאַפּעליושן. אַלע זענען זיי איינגעוואַנדערטע מזרח־יידן, מייסטנס פון

פוילן און גאַליציע, וואָס האָבן זיך זייט יאָרן באַזעצט דאָ אין בערלין אין דער באַקאַנטער דרום-געגנט (בערלין—נאָרד) אַרום דער גרענאַדיר-שטראַסע. צום גרעסטן טייל זענען אָט די אייגוואַנדערער קליינע הענדלער, בעלי-מלאכות, טענדלער, אַלטוואַרג-זאַמלער, שנאָרערס א. ד. גל. ס'זע-נען שוין פאַראַן צווישן זיי אויפגעקומענע סוחרים, אויך זענען בשעת דער מלחמה אַנגעפאָרן פון פוילן און גאַליציע אייניקע רייכע חסידישע פאַמיליעס. אָבער אַלע לעבן זיי דאָ אין דער געגנט פון גרענאַדיר-שטראַסע אויפן פויליש-גאַליציאַנער חסידישן שניט, האָבן דאָ חסידישע שולן און „שטיבלעך“. ביי די דייטשן, ספּעציעל ביי די דייטשע יידן, הייסט די דאָזיקע געגנט „דאָס אָסט-יידישע פּירטל“, אָדער סתּם „די גרענאַדיר-שטראַסע“. דאָס זאָגט מען אַרויס מיט אַזאַ מינע, גלייך ווי דאָרטן וואָלטן געוווינט מענטשן פון אַן אַנדער וועלט. ביי די עלעגאַנט-רייכע דייטשע יידן פון וועסט-בערלין האָט געמלעך די „גרענאַדיר-שטראַ-סע“ אַ טאָפּלט-קלאַנג: פון איין זייט קלינגט עס אָפּשטויסנט ווי עטוואָס לאַנג-באָרדיקעס, לאַנג-קאַפּאָטיקעס, ברודיק-פאַרוואַקסענעם, פאַרצייַ-טיק-אַלט-מאָדישעס, דלותדיק-איינגעגעסענעם, עמיגראַנטיש-קרעמעריש-שנאָרערישעס; פון דער אַנדער זייט קלינגט די „גרענאַדיר-שטראַסע“ אומהיימלעך ווי עטוואָס מעכטיק-פאַרעקשנטעס, דרינגנדעס, פאַרוואָרצלט-טראַדיציאָנעלעס, פאַנאַטיש-פלאַמיקעס, לעגענדאַריש-גלויביקעס, געדול-דיק-ליידנדעס, פאַרפלייצנדעס, אומבאַזיגבאַרעס...

— גרענאַדיר-שטראַסע!

די מייסטע צווישן עולם דאָ אויפן וואָקזאַל, ווי בכלל די מזרח-יידן פון דער גרענאַדיר-שטראַסע, האָבן טאַקע דאָס אייגנאַרטיקע אויס-זען פון פוילישע און גאַליצישע חסידים נישט נאָר דורך זייערע בערד און לאַנגע קאַפּאָטעס, נאָר אויך דורך זייערע זודיקע תּנועות און פּאַס-טעמקעס, דורך די הייסע אומרואיקע בליקן, וואָס זענען פול מיט אַ ווייט-פרעמדן, גאָר נישט דייטשישן, צאַפּלדיקן אימפּעט. דאָך דערקענט מען אין זיי דעם טשעקאַוון דייטשמערישן איינפלוס, וואָס, למשל, אָנ-שטאָט היטלען און קאַשקעטן טראָגן אַלע קאַפּעליושן, פון הינטער די קאַפּאָטעס רוקן זיך אַרויס אַרום האַלז האַרטע ווייסע העמד-קראַגנס מיט לויזע, מייסטנס קרומלעך-געבונדענע שניפּסן. אַ חוץ דעם גייען שוין פיל אין קורצע רעקלעך, וואָס זעען אויס ווי אונטערגעשניטענע קאַפּאָטעס, און ביי פיל זענען די פּיאות פאַרקאַטשעט הינטער די אויערן. אָבער דאָרט הינטער די אויערן גרייזלען זיך די פּיאות באַהאַלטן און שעפּטשען

פון הינטער די אויערן ארוים צו די רחבותדיקע בערד: „זאָל אונז דער אויבערשטער אזוי העלפן, ווי אַט די בערלינער קאַפּעליושלעך מיט די ווייסע קראַגנס זענען נישט ווערט קיין זעץ אין דער ערד". ווען די דאָזיקע יידן קומען אין שול אָדער אין שטיבל אויף דער גרענאַדיר־שטראַסע, נעמען זיי געוויינלעך צוריק ארוים די פאַרקאַטשעטע פּיאות, וועלכע גלייכן זיך אוים און צעליגן זיך פריי אויףביידע זייטן פון דער שטאָלץ־וואַקסנדיקער באָרד. און ווען יונגערע מענטשן טוען אָן אין שטיבל אַ חסידישן גאַרטל אויף דעם קורצן רעקל, זעט עס אוים, ווי פונם רעקל וואָלטן זיך ציען אומזיכטבאַרע פּאָלעס פון אַן אמתער קאַפּאָטע.

פון אַלע זייטן אויפן וואָקזאַל וואַרפט מען נייגעריקע בליקן אויף אַט דעם עולם מיט די לאַנגע בערד. די מייסטע דייטשן, באַזונדערס די דורכפאָרנדיקע נישט־בערלינער, ווייסן ווייניק פון אַזוינע יידן, וואָס זענען דאָך אין פאַרגלייך מיט דער באַפעלקערונג אַ פאַרשווינדנדיק קליינע צאָל און לעבן תמיד אָפּגעזונדערט אין ווייטע זייטיקע געגנטן. קוקן זיי, די דייטשן, איצט פאַרוווּנדערט: ווער זענען אַט די פאַרשווינענע? ווען דערוואַרטן זיי אזוי האַפּערדיק און פאַרוואָס שטופן זיי זיך אזוי אומגעדולדיק? יעדער וויל שטיין פאָרנט ארום דער סאַמע באַן־ליניע. ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטיקל גערודער, ווען אַ גרופּע פּאָליציאַנטן איז ארויפגעקומען אויפן וואָקזאַל. שוין אין דער פרי האָט מען אין פּאָליציי זיך דערוווּסט וועגן אַט דער מאַסן־באַגעגעניש אויפן וואָקזאַל, זענען ארויסגעשיקט געוואָרן פּאָליציאַנטן צו היטן די אָרדנונג. דערזען דעם הונדערט־קעפּיקן עולם, די אָנגעשטרענגטע פּנימער און די אַלגעמיינע שפּאַנונג — האָבן זיי מיט דרך־ארצדיק־פייערלעכער, אָבער פּאָליצייאיש־שטרענגער ערנסטקייט זיך געשטעלט אין פאַרשידענע עקן ארום עולם צו היטן די אָרדנונג. קודם־כל איז עס געפערלעך צו שטיין צו נאָענט צום ראַנד פון דער ליניע.

— ניכט דרענגען, ביטע!

— צוריקטרעטן!

שטייט איצט דער עולם אויפן פּלאַטפאָרם פּלייצע־ביי־פּלייצע. אָנבויגנדיק די קעפּ פאָרויס, קוקן זיי זיך אוים די אויגן אין דער ריכטונג פון דעם אָנקומענדיקן צוג, כאָטש אַלע ווייסן, אַז אַט דער צוג וועט געוויינלעך מיט דייטשער פּינקטלעכקייט אָנקומען גענוי צו דער באַשטימטער צייט, נישט אויף אַ מינוט פריער.

און טאַקע נאָך איידער דער גרויסער ווייזער אויף דעם וואָקזאַל־זייגער האָט זיך אָקאָרשט צוגערוקט צו דער פינפטער מינוט נאָך עלף האָט זיך באַוויזן פון וויטן דער אַנקומענדיקער לאָקאָמאָטיוו, וואָס האָט גייענדיק פריילעך און בשורהדיק געפייפט, געשיפּעט מיט שוואַרצן רויך פון די קוימענס און האָט זיך מיט קנאַקעדיקן אימפּעט אָפּגעשטעלט אַרום וואָקזאַל.

ס'איז געוואָרן אַ געלויף, אַ שטיקל גערדרענג אַרום די טירן פון די וואַגאָנעס. און אָט זענען די מזרח־יידן מיט פאַרכאַפּטן אָטעם צוגעלאָפן צום זעקסטן וואַגאָן. צוערשט זענען פון אָט דעם וואַגאָן אַראָפּגעשפּרונגען עטלעכע הויכוווקסיקע פּוילישע חסידישע יידן, וואָס האָבן מיט אימפּעט גענומען מאַכן פאַר עמעצן אַ וועג. כאָטש זיי האָבן דעם זעלביקן חסידישן אויסזען ווי די „גרענאַדיר״־יידן, זענען זיי אָבער פרייער, האָפּערדיקער, אימפּעטיקער, אָן האַרטע קראַגנס, מיט קיינמאָל נישט פאַרקאַטשעטע פּיאות, וואָס רודערן פראַנק און פריי אויף וואָס די וועלט שטייט (אין פאַרגלייך מיט זיי זעען זיי אויס די „גרענאַדיר״־יידן ווי עטוואָס צוגעפּלעטשטע), שטיין איצט די אָנגעקומענע ביים טירל פון וואַגאָן מיט אויסגעשטרעקטע הענט און שרייען:

— מאַכט אַ וועג!

— אַ וועג!

פונם וואַגאָן האָט מען אויף די הענט אַרויסגעטראָגן אַ געהויבענעם מאַן, אַ גרויסן חולה, און מ'האָט אים גלייך מיט גרויס אָפּשיי און פאַרזיכט אַנידערגעלייגט אויף דעם טראָג־בעטל, וואָס מ'האָט אויף אַ מינוט אַוועקגעשטעלט אויפן פּלאַטפאָרם. מיט טיפן דרך־ארץ האָבן די עלטערע צווישן די מזרח־יידן, איינער נאָך דעם אַנדערן, געגעבן שלום דעם אָנגעקומענעם גרויסן גאַסט.

ווען מ'האָט אויף די הענט אויפגעהויבן דאָס טראָג־בעטל און זיך געזאָלט לאָזן גיין — האָט דער גאַנצער וואָקזאַל אַ ציטער געטון. אַלע אויגן זענען געווען צוגעקאָוועט צו דעם אויסערגעוויינלעכן מאַן אויף דעם טראָג־בעטל. אַ הויכגעוואוקסיקער, מיט משונה־גרויסע שוואַרצע אויגן אויף אַ ברייטן, געלבלעך־בלאַסן פּנים, מיט אַ הויך־געוועלבטן שטערן, מיט אַ לאַנגער שוואַרצער באָרד, דורכגעזילבערט מיט איינצלנע גרויע האָר. כאָטש דאָס געלבלעך־בלאַסע פּנים איז פאַרצערט פון איינגעהאַלטענע ליידן, האָט אָבער זיין גאַנצע מעכטיקע פיגור געאָטעמט מיט פייעריקער געהויבנקייט, און דער שניידנדיק שאַרפער בליק פון אונטער

די געדיכטע שוואַרצע ברעמען האָט ערגעץ געבלאַנדזשעט איבער אַלע־מענס קעפּ. אין אַ ברייטן פוטער מיט אַן אָפּגעלייגטן באָבראָוון קאָלנער, מיט אַ שוואַרצן קאַטיקענעם היטל, הויך און שפּיציק, איז ער געלעגן אויף אַ זייט, אָנגעשפּאַרט אויף דער לינקער האַנט, דער אויבערשטער טייל פון קערפּער עטוואָס אויפגעהויבן. האַרט צוקאָפּנס, אַרום טראָג־בעטל זענען האַפּערדיק געגאַנגען די אָנגעקומענע באַגלייטער, אַט די הויכוווקסיקע פּוילישע חסידישע יידן, אין לאַנגע האַלב־צעבראַסטעטע קאַפּאָטעס, וואָס גייענדיק האַלטן זיי אַן אויג אויפן טראָג־בעטל און גיבן אַכטונג אַרום זיך, אויף דעם נאָכגייענדיקן עולם, אויפהאַלטנדיק אַלע ווײַלע מיט הייסע וואָרנדיקע בליקן און מיט אויפגעהויבענע הענט דעם צו גרויסן דראַנג.

כמעט מ׳האָט גענומען געפּעק־טרעגער האָבן דאָך די גרענאַדיר־יידן זעלבסט מיט ציטערדיקער פאַרזיכט געטראָגן דעם אָנגעקומענעם. יעדער האָט זיך געשטופּט צום טראָג־בעטל, יעדן האָט זיך געוואָלט אונטערשפּאַרן אַ פּלייצע. די פּאָליציאַנטן האָבן רעגולירט דעם צו־גרויסן אָנדראַנג פון נייגעריקע.

איז מען לאַנגזאַם געגאַנגען מיט דעם טראָג־בעטל, שווייגנדיק, מיט פייערלעך איינגעהאַלטענער אויפרעגונג, וואָס האָט ווי צוזאַמענגע־שמידט דעם הונדערט־קעפּיקן עולם.

דאָס שפּיציקע קאַטיקענע היטל האָט זיך לאַנגזאַם באַוועגט אויף דעם טראָג־בעטל און האָט איבער אַלעמענס קעפּ אומהיימלעך געבליש־טשעט אַנטקעגן דעם האַלב־טונקעלן ליכט־שיין פון וואָקזאַל.

אַט די גאַנצע „פּראָצעסיע" האָט אויסגעזען אַזוי אימפּאָזאַנט און אויסערגעוויינלעך, דאָס דער גאַנצער וואָקזאַל איז געווען ווי פאַרכאַפּט. נישט נאָר די פּאַסאַזשירן, נאָר אויך די קאָנדוקטאָרן פון די דאָ און דאָרט־אָנקומענדיקע צוגן האָבן געקוקט פאַרגאַפּט. פאַר די דייטשע קריסטן האָט עס שיר נישט אויסגעזען ווי אַ פּראָצעסיע פון אַ פאַרצייט־טיק־אָריענטאַלישן הערשער, וואָס ווערט געטראָגן פון אַ סוויטע קעניג־לעכע באַגלייטער מיט לאַנגע בערד און אָריענטאַלישער קליידונג. פאַר די חסידים אָבער פון יענער זייט גרענעץ, ווי פאַר די היגע מזרח־יידן פון דער גרענאַדיר־שטראַסע, איז דער אָנגעקומענער געווען נישט קיין אַנדערער ווי דער באַרימטער גראַלניער רבי, מ׳האָט אים אויך גערופן „דער גראַלניער גאון".

און אַט איז פאָרגעקומען אַן אינצידענט, וואָס האָט ערשט שפּעטער באַקומען גרויסע באַדייטונג.

מ'איז נאָר אָפּגעגאַנגען עטלעכע שפּאַן, האָט דער רבי אויפן טראָג־בעטל פּלוצים אויפגעהויבן האַסטיק דעם קאָפּ, האָט אַ מאַך געטון צאַר־ניק מיט דער רעכטער האַנט צו עמעצן אין דער זייט צווישן עולם און האָט אַ ברען־געטון אין דער לופט מיט אַ געשריי:

— אוועק פון דאַנען... נעמט אוועק די הענט!..

דער וואַקזאַל האָט זיך געליַיגט פון דעם געשריי. אַלע האָבן זיך פאַרוואונדערט אומגעקוקט און גלייך דערזען, אויף וועמען מ'האָט עס געשריגן. דאָס איז געווען אַ דייטש פּאָרל, אַ מאַן און פרוי, פון מיטעלן עלטער, זייער עלעגאַנט געקליידעט, מיט דעם ראַפינירט־נאַאיוון אויסזען פון פאַרשמאַכטע טוריסטן. זיי האָבן עס געוואָלט פאָטאָגראַפירן דעם רבין און די אימפּאָזאַנטע פּראָצעסיע, האָבן זיי אָבער ווי אַ ציטער געטון פון פּלוצימדיקן געשריי, וואָס האָט זיי איבעראַשט און צעטומלט. און שטייענדיק איצט מיט די פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן אין די אַראָפּ־געלאָזטע הענט, האָבן זיי האַלב־פאַרלוירן געקוקט אויף דעם גראַלניער גאון, וואָס האָט דאָ אויף דעם רוישיקן דייטשן וואַקזאַל אויסגעזען אַזוי אומהיימלעך איבעראַשנדיק.

ביי דעם פּאָרל, נאָך מער ווי ביי די דייטשן דאָ אויפן וואַקזאַל, האָבן נייגיר און איבעראַשונג אונטערדריקט די געוויינלעכע דייטשע שטייפקייט און דאָס געפיל פון פרעמדקייט. אויף אַ מאָמענט האָט די „פּראָצעסיע" דאָ געוועקט די באַהאַלטענע נייגונג פונם גרויס־שטאָטישן אייראָפּייער צום אימפּאָזאַנטן און אויסערגעוויינלעכן, אַט יענע פאַרוואונ־דערונג פאַר דאָס טשעקאַווע אָריענטאַלישע, וואָס לאָקט אַזוי דעם איי־ראָפּייער אין די מוזייען, אין דעם טוריסטן־דראַנג נאָך אָריענטאַלישע לענדער.

מ'האָט אַראָפּגעפירט דאָס טראָג־בעטל אויף די טרעפּ אַראָפּ צום אַרויסגאַנג אויפן גאַס, וווּ ס'האָט שוין געוואַרט אַ וואָגן. פיל נייגעריקע דייטשן זענען נאָכגעגאַנגען אויף די טרעפּ, צווישן זיי אויך דאָס עלע־גאַנטע דייטשע פּאָרל מיט די פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן אונטער די אָרעמס. זיי, דאָס פּאָרל, זענען איצט געווען נאָך מער פאַראינטערעסירט, ווען זיי האָבן זיך אָקאָרשט ביי אייניקע גרענאַדיר־יידן דערוווּסט, אַז דער גרויסער מאַן אויפן טראָג־בעטל איז אַ באַרימטער רבי, אַ היילי־קער, אַ גאון. אויך האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז דער רבי איז קראַנק און

איז געקומען אהער זיך היילן ביי בערלינער פּראָפעסאָרן. צווישן דעם גייענדיקן עולם האָבן זיך געפונען חסידישע יונגעלייטלעך, רירעוודיקע און עטוואָס מאָדערניזירטע, וואָס האָבן גייענדיק זייער גערן געשמועסט מיט די נייגיריקע דייטשלעך וועגן דעם לעבן פון די גרענאַדיר־יידן.

דאָס דייטשע פּאָרל האָט זיך געוווּנדערט. לאַנגיאָריקע טוריסטן, אין שטענדיקן געיעג נאָך אויסערגעוויינלעכע איבערלעבענישן, האָבן זיי דאָ מיט אַמאָל דערפילט אַ נייע, טשעקאַווע און געהיימע וועלט. ס'איז אָבער געווען נאָך עטוואָס אַנדערס, וואָס האָט דאָס דייטשע פּאָרל אינטערעסירט און וואָס האט זיך שפּעטער ארויסגעוויזן פאר זייער ווייכטיק.

לאַנגזאַם און פאָרזיכטיק איז מען געגאַנגען מיט דעם טראָג־בעטל אַראָפּ אויף די טרעפּ. ס'איז שוין געווען נאָענט צום ארויסגאַנג, ווען די יונגעלייטלעך האָבן אַ פרעג געטון דאָס דייטשע פּאָרל:

— און ווער זענט איר?

— מיר זענען דייטשע יידן. כ'בין יאָהאַן קעטנער און אָט איז מיין פרוי, העלענא קעטנער...

ביי די לעצטע ווערטער האָט ער מיט דער רעכטער האַנט פייערלעך פאָרגעשטעלט זיין פרוי, אַ ברונעטע שענהייט, וואָס איז געגאַנגען לעבן אים און האָט איבעראַשט - באַגייסטערט געשמייכלט צו די ארומיקע. —

אָט די פייערלעכע דייטשמערישע העפלעכקייט האָט ארויסגערופן אַ קוים איינגעהאַלטענעם שמייכל ביי די יונגע גרענאַדיר־יידן, וועלכע זענען באַלד אין גערדראַנג פאַרשוווּנדן צווישן עולם.

און אָט איז פאָרגעקומען אַן אינצידענט.

דרויסן ביים ארויסגאַנג פון וואָקזאַל זענען איצט געשטאַנען פיל נייגיריקע דייטשן - פּאַסאַזשירן פון וואָקזאַל און סתם דורכגייער פון גאַס. פון וואַנען האָבן זיך עס דאָ מיט אַמאָל גענומען אזוי פיל צייטונג־לייט? דערשמעקט דאָ אַ סענסאַציע, מאַטעריאַל פאר אַ טשעקאַווע בילד, זענען זיי ווי די הייושעריקן באַפאַלן דעם ארויסגאַנג און זיך גענומען אָקאָרשט אָנשטעלן די פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן. דער גראַלגיער האָט זיך אַ ריס געטון אויפן טראָג־בעטל און הערשעריש געשריגן צו די ארומיקע. האָבן זיך צווישן עולם געפונען גענוג יידן מיט שירעמס אין די הענט. און אין איין רגע האָבן זיי זיך ווי אַ וואַנט געשטעלט פון ביידע זייטן טראָג־בעטל, און אונטער דעם צווייזייטיקן צודעק פון די צעעפנטע שירעמס האָט מען פאָרזיכטיק געהאָלפן דעם רבין אריין אין

וואַגן. און אַט ווען דער וואַגן האָט זיך גערירט און געלאָזט פּאַמעלעך גיין, זענען די גרענאַדיר־יידן מיט אַנגעשטעלטע צעעפנטע שירעמס, ווי אַ באַוואָפנטע לייב־גוואַרדיע, נאָכגעגאַנגען צו פוס פוןביידע זייטן וואָגן, וואָס איז לויט דעם רבינס ווונטש געפאָרן זייער פּאַמעלעך. הונ־דערטער מענטשן זענען נאָכגעגאַנגען הינטער דעם וואָגן. מיט פּאַמעלעך איינגעהאַלטענע פעסטע טריט האָבן זיי, נאָכגייענדיק דעם וואָגן, געדול־דיק און זיכער דורכגעשלאָגן זיך אַ וועג אויף די ווייניקער גערוישיקע בערלינער גאַסן.

(אויף מאָרגן איז אין די צייטונגען אונטער דעם קעפּל „דער גע־היימער וואָגן" געווען געדרוקט דאָס בילד פון דער ענטוזיאַסטישער פּראָצעסיע פון הונדערטער אויסטערלישע אָסט־יידן נאָך דעם „געהיי־מען" וואָגן, מיט דעם פאַרבאָרגענעם „וונדער־רבי", וואָס איז פון ביידע זייטן מיט שירעמס געשיצט).

דאָס עלעגאַנטע דייטשע פּאָרל, די קעטנערס, מיט די פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן אונטער די אָרעמס, זענען נאָכגעגאַנגען דעם רבינס וואָגן, האַלטנדיק זיך עטוואָס אָן אַ זייט. זיי האָבן נאָך אַלץ נייגיריק געקוקט אויף דער „פּראָצעסיע". און אַט האָט יאָהאַן קעטנער זיך אַ קער געטון צו זיין פרוי:

— אַ מאָדנע זאַך, העלענא, כ'האָב נאָך אין די סטודענטן־יאָרן זייער פיל געהערט וועגן דער גרענאַדיר־שטראַסע און בין דאָך קיינמאָל נישט געגאַנגען אהין אַ קוק טון. און אַט האָבן מיר יאָרן לאַנג געוואַנ־דערט אין פאַרשידענע לענדער — אין כינע, יאַפּאַן, סיביר און — ווו נישט! און דאָ געפינט זיך אין בערלין זעלבסט, אונטער דער נאָז, אַט די איינגאַרטיקע אומגעזעענע וועלט פון דער גרענאַדיר־שטראַסע, וואָס מיר קענען כמעט ווי גאָרנישט. זע נאָר, העלענא, ווי געשלאָסן זיי גייען אַרום רבינס וואָגן, ווי זיכער זיי מאַרשירן אויף פרעמדע גאַסן! וואָס זאָגסטו בלויז אויף די שירעמס, כע־כע־כע (זיי האָבן זיך ביידע גוט־מוטיק צעלאַכט)...

— ס'איז מיר דווקא זייער געפעלן, יאָהאַן, וואָס די לעצטע צייט האָסטו באַקומען אַ נייגונג צו האַלטן הייסע לעקציעס. ווער־ווער, אָבער איך הער דיך זייער גערן, זייער...

— הער נאָר, העלענא, כ'האָב זיך דאָ פריער צווישן עולם דערוווּסט, אַז אין גאַנץ מערב־אייראָפּע געפינט זיך כמעט אין יעדער גרעסערער שטאָט אַזאַ געגנט פון איינגעוואַנדערטע אָרעמע מזרח־יידן. זיי האַלטן

זיך אַלע צוזאַמען און שאַפן אומעטום זייער אייגענעם קרייז (כ׳דערמאָן זיך איצט, אין פּאַריז האָט מען מיר טאַקע אָנגעוויזן דערציילט וועגן אַ טשעקאַווער אָסט־יידישער געגנט דאָרט אַרום רו־די־ראָזיע). אין בערלין איז עס די געגנט פון גרענאַדיר־שטראַסע — אַ וועלט פאַר זיך, אייגנאַרטיק און אָפּגעשלאָסן. האָסט דאָך געהערט דעם רבינס געשריי אויפן וואָקזאַל — ס׳איז דער געשריי פון אַ הערשער. זייערע חסידישע צווייבער־לעגענדעס ווערן איצט איבערזעצט כמעט אויף אַלע שפּראַכן. אין דער דייטשער איבערזעצונג האָבן די חסידישע פאָלקס־מעשיות געמאַכט אַזאַ געוואַלטיקן איינדרוק אין סאַמע פאַרשידענע דייטשע קרייזן. ווער ווייסט, אפשר טראָגן זיי פאַרבאָרגן די קוואַלן פון עכטער יידישער קלוגשאַפט, פון אמתער גייסטיקייט, אפשר... לאָמיר איצט אָקאָרשט גיין מיט זיי, לאָמיר זיך ווענדן צו זייער פירער, צום רבין... זע נאָר, העלענאַ, דעם רבנ׳ס וואָגן פאַרקירעוועט רעכטס, מיר מוזן אַריבערגיין אויף יענער זייט... גייען מיר ביז צום הויז, וווהין דער רבי וועט פאַרפאָרן, יאָ?.. אָט איז איצט שוין די גרענאַדיר־שטראַסע, מ׳זעט שוין דאָ שילדן מיט יידישע אויפשריפטן. אַ שאָד וואָס מיר קאָנען נישט לייענען גוט יידיש. ווי די גאַס זעט אויס? אָט גייען זיי אַרויס פון דער גרענאַדיר־שטראַסע רעכטס אויף אַ נאָענטער גאַס... זעסטו, העלענאַ, אַרום אַ גרויסן הויז דאָרט שטייען פיל מזרח־יידן און הויבן די הענט אַנטקעגן דעם אָנקומענדיקן רבינס וואָגן. דאָרט מסתמא וועט זיך דער רבי אָפּשטעלן. דו מוזסט, העלענאַ, אַריבערגיין צו די פרויען, וואָס שטייען דאָרט אָן אַ זייט. ביי חסידים, האָב איך פריער געהערט, קען אַ פרוי נישט זיצן צווישן מאַנסבילן. אויף ווידערזען! פאַרליר מיך נאָר נישט פון די אויגן, אויף ווידערזען!..

2

א טשעקאווע לעבנסגעשיכטע פון א דייטשל

(די פארלוירענע מוטער)

די באַגעגעניש פונם גראלניער רבין אויפן בערלינער וואָקזאל מיט די קעטנערס האָט שפּעטער געפירט צו אומגעריכטע מאָדנע פּאַסירונגען, וואָס זענען פאַר די מייסטן נאָך ביז היינט געבליבן אומבאַקאַנט. ס'איז אָבער שוין דעמאָלט נישט געווען קיין צופאל, וואָס אָט די באַגעגעניש האָט געמאַכט אַזאַ טיפן איינדרוק אויף די קעטנערס, און צוגעצויגן זיי, אָט די דייטש־יידישע אינטעליגענטן, נאָכגיין דעם רבינס וואָגן ביז אויף דער גרענאַדיר־שטראַסע. די אויסערגעוויינלעכע פּאַסירונגען פון קעטנערס אייגענעם לעבן האָבן זיך דאָ מאָדנע פאַרפלאָכטן מיט די גייסטיקע שטרעמונגען פון יענער צייט אין דייטשלאַנד.

ס'איז דעמאָלסט געווען בלויז אייניקע יאָרן נאָך דער וועלט־מלחמה. דייטשלאַנד איז נאָך נישט געקומען צו זיך נאָך דעם שווארצן אויסגאַנג פון דער וועלט־שחיטה און נאָך דעם קורצן סוף פון דער נאָכפאָלגנדיקער דייטשער רעוואָלוציע. ווען אייניקע קאָמפּסלוסטיקע עלעמענטן האָבן נאָך געהאַט דעם מוט פאָרטצוזעצן אָדער אָנצוהויבן אַ נייע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין פאַרשידענע אַרבעטער־קרייזן, האָבן אָבער זייער פיל אונטערדריקטע געמיטער געזוכט צו אַנטלויפן פון דער שווערערווירקלעכקייט. די מער־ליכטזיניקע עלעמענטן האָבן געזוכט פאַרגעסנקייט אין דזשימי־טענץ, פרייער ליבע און אַזאַרט־פאַרגעניגנס. פיל אָבער צווישן דער אינטעליגענץ האָבן זיך געלאָזט פאַרכאַפּן פון איבערערדישע שטימונגען און מיסטישע שטרעבונגען. איבערזעטיקטע און אַנטוישטע פון קולטור, האָבן פיל גערעדט וועגן דעם אונטערגאַנג פון מערב־אייראָפּע. דאָ און דאָרט זענען אַנטשטאַנען רעליגיעזע מיסטישע ניגונגען. ס'איז געוואָרן אין אייניקע קרייזן אַ מין מאָדע אויף כינעזישע, אינדישע און אַנדערע אָריענטאַלישע מיסטיק. צווישן דער

דייטש־יידישער אינטעליגענץ האָט זיך פאַרשטאַרקט דער אינטערעס צו דער אַלטער און נייער יידישער מיסטיק — צו קבלה און חסידות. ס'האָבן נישט ווייניק מיטגעהאָלפן די מייסטערהאַפטע דייטשע איבערזעצונגען פון חסידישע וווּנדער־געשיכטן און חסידישע לערעס, וואָס זענען געוואָרן נישט ווייניקער פּאָפּולער ביי קריסטן און וואָס האָבן אָבער שטאַרק פאַרכאַפּט ברייטע קרייזן פון דער יידישער יוגנט. זענען דאָ אָפט פאָרגעקומען מאָדנע זאַכן.

אין פיל הייזער פון דורות לאַנג אַסימילירטע דייטשע יידן, האָבן יינגלעך און מיידלעך מיט פאַרכאַפּטן אינטערעס געלייענט די פאַרשפּריי־טע איבערזעצונגען פון חסידישע מעשיות, ספּעציעל די מעשיות פון דעם בעל־שם און זיינע נאָכפאָלגער. ס'האָט באַזונדערס געווירקט אויף דער פאַנטאַזיע פון דער יוגנט די ווונדערלעכע לעבנס־געשיכטע פונם בעל־שם, וואָס האָט יאָרן־לאַנג געוואַנדערט איינזאַם אין די בערג און האָט דערנאָך געטראָגן צום פאָלק זיינע דערהויבענע אַנטפּלעקונגען. די גרויסע לערנער האָבן אים פאַרפאָלגט, נאָר די אָרעמע פאָלקס־מאַסן האָבן דער־שפּירט דאָס ליכט פון זיינע רייד און האָבן אויסגעשטרעקט צו אים די הענט. ביי דער יוגנט האָט עס געוועקט אַ ראָמאַנטישע בענקשאַפט צו יענע אומבאַקאַנטע יידישע מאַסן, וואָס זענען צעשפּרייט איבער גאָר דער וועלט און וואָס שאַפן אין גרוים ליידן אַן אייגן מעכטיק לעבן פול פון שטורעמס, לעגענדעס און אַנטפּלעקונגען. ס'האָט שיר נישט אויס־געזען, ווי דער בעל־שם וואָלט זיך איצט נאָכאַמאָל אַנטפּלעקט אין בער־לין, וואָלט דאָ מיט געהיימע טריט געגאַנגען איבער אַלט־פאַרדייטשטע יידישע הייזער און וואָלט מיט דעם גרויסן וווּנדער פון זיין לעבן געוועקט די אויסגעוואַרצלטע יידישע יוגנט. יעדנפאַלס האָט אַט דער ראָמאַנטי־שער אינטערעס פאַר חסידישער פאָלקס־שאַפונג צוזאַמען מיט אַנדערע ווירקונגען דורכגעאַקערט אַ וועג פאַר דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין פאַרשידענע קרייזן פון דער יידישער יוגנט אין דייטשלאַנד.

יאָהאַן קעטנער איז געווען פאַרכאַפּט פון אַט די אַלגעמיינע שטי־מונגען. די לעצטע צייט האָט ער באַזונדערס נייגיריק שטודירט אַלערליי דייטשע ווערק וועגן קבלה און חסידות. ווי פיל ראַפינירטע אינטעליגענטן, האָט ער געגרעדט וועגן דעם אונטערגאַנג פון דער קולטור. ער האָט איצט אויף זיין טרוימערישן שטייגער געגלויבט, אַז אין דער יידישער מיסטיק זענען פאַרבאָרגן אוצרות פון עכט־יידישער גייסטיקייט, וואָס קאָן ווייזן אַ וועג פאַר דערלייזונג. ס'האָט אים אין דער מיסטיק געצויגן דאָס פאַר־

נעפּלטע און סודותדיקע, וואָס איז דערצו אַזוי פול מיט צוזאָג און גע־היימער שפּאַנונג. די מעכטיקע קולטור האָט אים אויסגעזען, ווי אַ בוים סוף זומער מיט „שוין" אויסגעוואַקסענע רייפע פּירות, וואָס אָט־אָט הויבן זיי אָן פאַלן. די מיסטיק אָבער איז פאַרחלומטער פּרילינג מיט ציטערדיקע בלימעלעך און „נאָך" פאַרמאַכטע קנאָספּן, וואָס אָט־אָט וועלן זיי זיך צעבליען — גאָט ווייסט ווען און ווי אַזוי. אַליין אַ באַ־גאַבטער פּאָרטרעטן - מאָלער, האָט יאָהאַן איצט אין זיין סטודיע גע־אַרבעט אויף אַ בילד פון אָריענטאַלישע מיסטיקער. ער און זיין פרוי האָבן אַפילו געהערט צו די יעניקע, וואָס האָבן נישט לאַנג גע־שאַפן אַ „געזעלשאַפט פאַר יידישער מיסטיק".

די קעטנערס זענען דערפאַר געווען איצט אַזוי באַגייסטערט פון דער אומגעריכטער באַגעגעניש מיט דעם גראַלניער רבין אויף דעם וואָקזאַל. דעם רבינס געשריי אויפן וואָקזאַל האָט זיי ווי ערשיטערט און נאָך מער מיסטיש געשטימט. זיי האָבן אין דעם דערשפּירט אַ פאַרבאָרגענע וואָר־נונג, אַ געהיימען רוף.

אָבער נישט אַזוי די מיסטישע שטרעמונגען פון דער צייט, ווי די מאָדנע פּאַסירונגען פון קעטנערס אייגענעם לעבן האָבן אין אים גע־שאַפן יענע פאַרשמאַכטע אומרו, וואָס האָט אים שטענדיק געצויגן אין ווייטע אומבאַקאַנטע לענדער און וואָס האָט אים איצט געפירט צו דעם גראַלניער אויף גרענאַדיר־שטראַסע. נאָך אין די קינדער־יאָרן איז מיט יאָ־האַנען געמלעך פאַרגעקומען עפּעס אַזוינס, וואָס איז פאַר אַלעמען (אַפילו פאַר זיין אייגענעם פאָטער) געבליבן אומבאַקאַנט און וואָס האָט אים דערנאָך אַ גאַנץ לעבן פאַרפאָלגט און געטריבן.

* * *

יאָהאַן קעטנער איז געווען דער איינציקער זון פונם באַקאַנטן בער־לינער באַנקיר אַדאָלף קעטנער. ער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אינם פאָ־טערס פּרעכטיקן פּאַלאַץ אין אַ גרויסן גוט נישט ווייט פון בערלין. זיין פאָטער איז געווען אַן ערפאָלגרייכער פינאַנסיסט, אַן ענערגישער דעספּאָ־טישער באַנקיר מיט אַן אינטערנאַציאָנאַלער רעפּוטאַציע. ער האָט זיך גלייכצייטיק אויסגעצייכנט מיט שאַרפער אינטעליגענץ און געלערזאַמ־קייט, האָט געהאַט אין זיין פּאַלאַץ אַ רייכע זעלטזאַמע ביבליאָטעק, צווישן זיי גאַנצע שאַפעס מיט זעלטענע מאַנוסקריפּטן, אויך אַ רייכע קונסט־זאַמלונג. ער איז געווען פון די רייכע „ליבעראַלע" יידן — ביז גאָר אַסימילירט, אין הויז און אין לעבן קיין זכר פון יידישקייט; נאָר

ווי די מייסטע ליבעראַלן צאָלט ער דאָך שטייער אין דער יידישער געמיינדע, גיט אָפט אַ גרויסע נדבה אויף אַ יידישער אַנשטאַלט, אין הערבסט קומט ער ביידע טעג ראש־השנה און יום־כיפור אין דער אָרגל־סינאַגאָגע, פאַרנעמט דאָרט אַ סאַמע בכבודיקן פּלאַץ אויבן־אָן אויף דער ערשטער באַנק צווישן פאָרנעמע ליבעראַלע באַנקירן, אינדוסטריעלער און טיטולירטע באַרימטקייטן. אין גלאַנציקן צילינדער, מיט אַ שוואַרצן ראָק, מיט אַ שניי־ווייסן שמאָלן טליתל, ווי אַ שאַרף איבערן האַלז — הערט ער מיט פאַרזשמורעטע אויגן דעם קאַנטאָר, דעם כאָר־געזאַנג, דעם פאַרפירעריש ווייכן צושפּיל פון אָרגל, די דרשה־פּרידיקט פונם ראַבינער אינם שוואַרץ־גלאַנציקן מאַנטל מיט גלחיש־ברייטע אַרבל. נישטאָ דערביי קיין חכמות, קיין קונצן. „ווען שוין — דען שוין!'' אין שטייפער פייערלעכקייט שטייט ער אויס יום־כיפור דעם גאַנצן גאָטעס־דינסט מיט אַלע „צערעמאָניעס'' און פילט זיך אויסגעלייטערט אויף אַ גאַנץ יאָר. ס'איז איבערגענוג! וואָרום יידישקייט איז פאַר אים אַ מין זעלטן געווירץ, וואָס אַ ביסעלע, אויף אַ גאָווינע, מאַכט עס דעם מאכל באַטעמט, עטוואָס מער איז שוין איבערגעווירצט.

זיין שוואָגער דער אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָר גערבער, געהערט דווקא צו די „פרומע'', „קאָנסערוואַטיווע''. ער גייט כמעט יעדן שבת אין אַן אָן־אָרגל־סינאַגאָגע (בפירוש אָן אָרגל!), ער האַלט יידישע טראַדיציע אין דער היים, דערהויפּט אַ טראַדיציאָנעלע כשרע קיך. ער איז שטאָלץ אויף זיין כשר עסן, וואָס איז פאַר אים נישט, ווי פאַר אַ מזרח־יידן, אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, נאָר אַ מין העלדן־טאַט, שיר נישט אַ גאָטעס־דינסט. יעדער כשרער ביסן פאַרבינדט אים פעסטער מיט דעם יידישן גלויבן, מיט דעם יידנטום. פרייטיק צו נאַכטס מאַכט ער קידוש אויף וויין, אויפן טיש ליגט האַלב־צוגעדעקט אַ „באַרעכעס'', דאָס איז אַ דייטשמעריש געפלאָכטענע זיסלעכע חלה. נאָך קידוש מאַכט ער פייערלעך „האַמאָ—אַ—צע'' (המוציא), צעשניידט פאַמעלעך די באַרעכעס און גיט יעדן ביים טיש אַ קליין שטיקל, וואָס מ'קייט פאַמעלעך און מ'סמאַקעוועט געלאַסן.

דער ליבעראַלער קעגנער רופט מיט פאַרדרוס זיין קאָנסערוואַטיוון שוואָגער „פאַנאַטיקער'', „קיך־יידנטום''. און יענער רופט אים צו שפּאָטיש „דריי־טאָג־יידנטום'', ד. ה. אַ יידנטום וואָס באַגרענעצט זיך אויף די צוויי טעג ראש השנה און איין טאָג יום־כיפור. זיי ביידע קענען זיך גאָרנישט פאַרטראָגן און מיידן אויס איינער דעם צווייטן.

זיין גאַנצע צייט פאַרברענגט קעטנער מייסטנס אין זיין ביבליאָטעק, די ביכער זענען זיין לײדנשאַפט, ספּעציעל ביכער פון עקאָנאָמיק און אַלטער געשיכטע. מיט דעם דיקן סיגאַר אין מויל אונטער געדיכטע שוואַרצע וואָנצן, מיט אָנגערוקטע גאָלדענע פּענסנע אויף אַ פּליישיקער נאָז, מיט אַ כמורן שמייכל אויף אַ ברייט־מאַסיוון גלאַט־ראַזירטן פּנים, מיט אַ פאַרזשמורעטע לינקן אויג, אָנגעשפּאַרט דעם ברייטפּלייציקן קערפּער אויף די ווענטלעך פון אַ הויכן לעדערנעם פּאַטערשטול — פלעגט ער זיצן אָפט אין ביבליאָטעק ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין און דאָרט לייענען אָדער שרייבן. דער כמורער שמייכל דערלאַנגט נאָר ביז צו די שוואַרצע ברעמען — דער ברייטער שטערן און דער גלאַטער שאַרבן זענען פאַר זיך שטייף אָפּגעשלאָסן, האַרט און עקיק, ווי די אייזערנע געלט־שראַנקען פון זיין באַנק אויף דער מויער־שטראַסע אין בערלין. אַ חוץ אייניקע ווערק וועגן פינאַנץ־פראַגן, האָט ער געשריבן טשעכאָווע ביכער וועגן דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פון גריכישן און רוימישן אַלטערטום. פון אים האָט עס יאָהאַן גע׳ירשנט די שאַרפע אינטעליגענץ און די ליבע צום שטודירן.

די מוטער איז געווען, אויף וויפל יאָהאַן געדענקט פון די פריסטע קינדער־יאָרן, אַ בלאָנדע שיינע פרוי, שלאַנק און צאַרט, זייער שעמעוודיק און אָפּגעשלאָסן. זי פלעגט זייער לייכט רויט ווערן, האָט זעלטן אַ וואָרט אַרויסגערעדט. אויפגעהאָדעוועט אינם קאָנסערוואַטיוון הויז פון די גערבערס (איר פאָטער איז גאָר נישט געווען אַזוי שטרענג קאָנסערוואַטיוו ווי איר ברודער, און ער האָט דערפאַר מיט אַ לייכטער האַרץ זי אויסגעגעבן פאַר דעם שטיין־רייכן ליבעראַלן באַנקיר), האָט זי זיך גאָרנישט געקענט איינלעבן אין דער האַרטער הויז־פירונג פונם איינזאַמען פּאַלאַץ. ס׳איז דאָרט נישט געווען קיין זכר פון אַ שבת, פון וועלכער ס׳איז וואַרעמער טראַדיציע, וואָס איז אַזוי געווען פאַרפלאָכטן מיט אירע טרוימערישע מיידל־יאָרן. די ערשטע צייט פלעגט זי פריטיק אַוונט אומבאַמערקט אַוועקלייגן אויפן טיש אַ קליינע, שיין געפלאָכטענע „בארעכעס״. זי שניידט אָפּ אַ קליין שטיקל. די ווייבע, געשמאַקע, זיסלעכע חלה צעגייט זיך אין מויל און פאַרבינדט זי ווי דורך אַ דינעם זילבער־טרוים מיט דעם פייערלעכן שבת פון דער היים. איינמאָל האָט קעטנער אָבער אָנגעשטעלט איבער די גאָלדענע פּענסנע אַ לאַנגן שפּאָטישן בליק אויף דער קליינער געפלאָכטענער בארעכעס, דערנאָך האָט ער שטום אַ שאָקל געטון שפּאָטיש צו איר מיט דעם קאָפּ. פון דאַמאָלסט אָן

איז געוואָרן אויס מיט די באַרעכעס. ס'האָט זי הויפּטזעכלעך אונטער־דריקט די דעספּאָטישע נאַטור פון דעם שטענדיק־פּאַרנומענעם באַנקיר, וואָס איז ווי פון מאַרמאָר אויסגעגאָסן און לאָזט זיך נישט בויגן אויף אַ האָר. צאַרט און שעמעוודיק, האָט זי אינם איינזאַמען פּאַלאַץ אינער־לעך געפלאַטערט, ווי אַ בלימל אין אַ פּראָסטיקן טאָג. זי איז געווען זייער מוזיקאַליש, פלעגט גאַנצע טעג (ווען דער מאַן איז געוויינלעך פאַר־נומען געשעפטלעך אין שטאָט) אָפּזיצן איינזאַם אין איר קליינעם מוזיק־סאַלאָן אַרום דער פּיאַנע. ס'זענען פון איר געבליבן איניקע קליינע קאָמ־פּאָזיציעס, טרויעריק ־ פאַרטרוימטע, וואָס ווערן דאָ און דאָרט איבער־געריסן דורך ווילדע פאַרצווייפלטע אָדער סתם אומזיניקע טענער. אָט די טענער האָבן אויבגעדריקט אַ נישט־גוט־אָנזאָגנדיקן נשמה־ווייטיק, וואָס קיינער האָט אָבער באַצייטנס נישט באַמערקט. פון איר האָט עס יאָהאַן איבערגענומען זיין עטוואָס מעלאַנכאָלישע, מוזיקאַליש־פאַר־טרוימטע נאַטור.

ווען ער איז אַלט געווען קנאַפּע צען יאָר, איז מיט אים אָט וואָס פאָרגעקומען. אָנהויב פרילינג איז ער איינמאָל אין אַ פרי־מאָרגן אַריין צו דער מוטער אין סאַלאָן און פאַרוווּנדערט דערזען, ווי זי ליגט מיט דעם קאָפּ אויף דער פּיאַנע און וויינט. אירע פּלייצעס האָבן קרעמפּנדיק געציטערט און די בלאָנדע האָר האָבן זיך אומבאַהאָלפן צעשאָטן איבער האַלז און רוקן. יאָהאַן איז צוגעלאָפן צו איר און דערשראָקן זי אַרומ־גענומען מיט די הענטלעך:

— מאַמע, וואָס וויינסטו?

— מאַמע, מאַמע...

זי האָט נישט געענטפערט. זי האָט נאָר אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט אַרומגענומען דאָס קינד און ווייטער געוויינט שטיל און פאַר־צווייפלט. דאָס קינד האָט געפלאַטערט פון שרעק און ליידן, ביז די גו־ווערנאַנטקע איז נישט אָנגעלאָפן און אַוועקגעפירט דאָס קינד צו זיך. זי האָט אָבער נישט אויפגעהערט צו וויינען, האָט גאָר נישט געקענט קומען צו זיך און די הענט איבערן קאָפּ געבראָכן.

ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ גערודער. דער פאָטער איז געקומען צו־לויפן פון שטאָט. מ'האָט באַלד אַראָפּגעבראַכט דאָקטוירים, וועלכע האָבן דערקלערט, אַז זי איז איצט גייסטיק קראַנק און מ'מוז זי האַלטן אונטער שטרענגער אויפזיכט. זי איז פון יענעם טאָג אָן געווען אָפּגעשפּאַרט אין דער רעכטער העלפט פון פּאַלאַץ, זי האָט זיך דאָרט אויפגעהאַלטן אינם

ברייטן שלאָף־צימער, וואָס הינטער דעם מוזיקאַלישן סאַלאָן. א חוץ די רעגלמעסיק קומענדיקע דאָקטוירים, איז שוין דעם ערשטן טאָג נאָכמי־טאָג אַראָפּגעקומען אַ קראַנקן־שוועסטער, אין א ווייסן מאַנטל און א ווייסן הויבל איבערן קאָפּ, וואָס האָט זיך געשטעלט אויף דער וואך אין יענער העלפט פון פּאַלאַץ. די דינער זענען אין די קאָרידאָרן געגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער מיט יענעם אויסדרוק פון אַנגסט און זאָרג, וואָס מ'האָט בשעת א שווער קראַנקער איז אין הויז.

מ'האָט יאָהאַנען נישט צוגעלאָזן אהין צו דער מוטער. דאָס קינד האָט זיך אויסגעקוקט די אויגן אין שרעק און נאָגנדיקער בענקשאַפט. האָט אָבער מורא געהאַט זיך צו דערנענטערן צו די געהיים־אָפּגעשלאָסענע חדרים. זיין שלאָף איז געוואָרן אומרואיק, אונטער די אויגן האָבן זיך באַוויזן שוואַרצע קרייזן.

איינמאָל האָט ער זיך אויפגעכאַפּט אין מיטן א חלום פאַרטאָג, ווען אַלע אין הויז זענען געשלאָפן. כאָטש ער האָט דעם חלום גלייך פאַרגעסן, איז אָבער געבליבן שטעקן אין דער נשמה עפּעס א מאַוימדיקע וואָרנונג, וואָס האָט אים גערופן און געצויגן, ווי א מאַגנעט. ס'האָט אים אויפגע־הויבן פון בעטל. ער איז שטילערהייט אַראָפּ פון אונטער דער קאָלדרע. אינם האַלב־טונקעלן פאַרטאָגיקן שיין איז ער, א באָרוויסער, אין דעם נאַכט־העמדל, דורכגעלאָפן פאַרביי דער שלאָפנדיקער גוווערנאַנטקע, האָט זיך מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם פאַרגנבעט אין דער רעכטער העלפט פון פּאַלאַץ. דורכגייענדיק דאָרט פיל טירן, איז ער ענדלעך צוגעקומען צו דער מוטערס שלאָף־צימער. איינהאַלטנדיק דעם אָטעם, האָט ער מיט אָנגעשטרענגטער פאָרזיכט געעפנט עטוואָס די טיר, דערזען צוערשט דורך דעם שפּאַלט די קראַנקן־שוועסטער, וואָס איז געזעסן אויף דעם שטול איינגעדרימלט, דעם קאָפּ מיטן ווייסן הויבל צו דער ברוסט אַראָפּ־געבויגן. אויף די שפּיץ פינגער איז ער אַריין אין צימער אויף א זייט דורך דער געעפנטער טיר־שפּאַלט, און איז גלייך געבליבן שטיין אויפן שוועל א געפּלעפטער. מיט גרויסע דערשראָקענע אויגן האָט ער דערזען: די מוטער איז געזעסן אומבאַוועגלעך אין בעט, די בלאַסע הענט איבער דער קאָלדרע, דאָס פּנים בלייך און פאַרצערט, די ליפּן צוזאַמענגע־פּרעסט — זי האָט געקוקט שטאַר פאָרויס, א „פאַרעמדע", אַן אָפּוועזנדיקע. דורך די פענסטער האָט אַריינגעקוקט א שוואַכער גרוילעכער באַגינען־שיין און זיך פאַרחלשט געלייגט אויף די אומבאַוועגלעכע פּלייצעס פון דער קראַנקער. ביים קינד איז דאָס האַרץ איינגעפאַלן. ס'האָט אים עפּעס

אַ קלאַפּ געטון אין מוח. נאָר באַלד האָט אים באַהערשט אַן אָטעם־רויבנדיקער שרעק, וואָס צווינגט אים דאָך צו זען אַלץ אַדורך מיט גרע־לער קלאָרקייט און קרענקלעך רואיקער געלאַסנקייט. ווי אין הימל־פּלעט איז ער אויף די שפּיץ־פינגער צוגעגאַנגען נאָענט צום בעט. מיט דער גאַנצער זעעוודיקער קראַפט פון אַ פאַרשאַרפט קינדלעכן אינסטינקט האָט ער דערפילט, אַז די מוטער שטייט אויף אַן אָפּגרונט, אַז אַ גרויסער אומ־גליק איז אויף איר געקומען. אין גרוים שרעק האָט ער צו איר גע־פליסטערט:

— מאַמע, מאַמע...

זי האָט אפילו נישט אַ פּינטל געטון מיט אַן אויג און איז ווי פריער געבליבן אומבאַוועגלעך. איז מיט אים פאָרגעקומען יענער איבער־ברוך, וואָס קומט אָפּט פאָר מיט געוויסע קינדער בשעת אַ נשמה־קאַטאַסטראָפע. ער איז מיט אַמאָל ווי עלטער געוואָרן אויף אַ גאַנץ לעבן. ערגעץ אינעווייניק אין אים האָט זיך אויפגעכאַפּט דער אימפּעט פון צו גרויסער פאַרצווייפלונג. ער האָט רואיק ליבלעך געגלעט די מוטער, האָט געלאָסן און זיכער צו איר געפליסטערט, גלייך ווי ער וואָלט זי דערמיט וועלן טרייסטן, ערמוטיקן. ער האָט זיך אָנגעבויגן און צאַרט אַ קוש געטון די קאַלטע אומבאַוועגלעכע האַנט. זי האָט אַ קער געטון צו אים דעם קאָפּ און אים שטום אָנגעקוקט. פון אירע אויסגעלאָשענע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אויף יאָהאַנען אַ פאַרגליווערטע ליידיקקייט, אַ פרעמ־דע, אַ נישט־דאָ־איקע, וואָס האָט אים ווי אַ בליץ אַ שניט געטון אין מוח. ס'האָט אים געוואָרפן אין קעלט, ער האָט דריבנע געציטערט מיטן גאַנצן קערפּער. פלוצים האָט די דרעמלענדיקע שוועסטער זיך אָנגעהויבן רירן אויף דעם שטול. יאָהאַן איז אויף גיך אומבאַמערקט פאַרשוווּנדן פון צימער. ער איז, אַ באָרוויסער, אָן אָטעם, דורכגעלאָפן אַלע חדרים ביז צוריק אין זיין צימער, וווּ ער האָט זיך שטיל געלייגט אין זיין בעטל אונטער דער קאָלדרע.

ער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן פאַרטרויערט און באַנומען. אין דעם נישט־איבערגעקאָכטן טויט־שרעק זענען אים די נערוון ווי סטרו־נעס אָנגעצויגן, און אין מוח הערשט אַ שפּאַנענדיקע שטילקייט. עס האָט אים געמאַטערט דאָס קלאָרע און דאָך שניידנדיקע געפיל, אַז אינם לעבן שטעקט אַ שוואַרצער אָפּגרונט און מ'מוז באַצייטנס „עפּעס" טון, כדי עס בייצוקומען. וואָס טון? וואָס?..

ערשט שפּעטער אַרום אַכט אַ זייגער האָט ער זיך ווי פלוצים אויפ־געכאַפּט פון זיין באַנומענקייט, ווען די גוווערנאַנטקע איז צו אים צוגע־

גאַנגען. זי האָט אים פאַרווונדערט אָנגעקוקט. אין זיינע ציטערדיק־געלאַסענע באַוועגונגען, אין די שטיל־לייכטנדיקע אויגן איז געווען קענטיק אַן אומקינדישע טיפּזיניקע פּאַרטראַכטקייט, די הכנעהדיקע ערנסטע שטילקייט פון נישט־איבערגעקאָכטער פאַרצווייפלונג.

אין אָוונט איז ער אַריין צום פּאָטער אין ביבליאָטעק. דער פּאָטער פלעגט אים אַלעמאָל באַהאַנדלען ערנסט־קאָרעקט, מיט יענער גדולה, נייגיר און זאַכלעכקייט, מיט וועלכער ער פלעגט באַהאַנדלען אַן אויסטערלישן קליענט אין באַנק אָדער אַ זייער טשעקאַוון מאַנוסקריפּט אין ביבליאָטעק. ער האָט איצט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון בוך, אַרויסגענומען דעם סיגאַר פון מויל און „פריינדלעך" איינגעלאַדן יאָהאַנען מיט אַ האַנד־באַוועגונג זיך זעצן לעבן אים.

— וואָס זאָגן די דאָקטוירים וועגן דער מאַמען?

— ס'וועט נעמען צייט, אָבער זי וועט פּאַמעלעך געזונט ווערן.

יאָהאַן האָט גערעדט ערנסט־באַזאָרגט, מעשה־דערוואַקסענער. פּלוצים איז ער צוגעגאַנגען האַרט צום פּאָטער, און, קוקנדיק אים אַ רגע שווייגנדיק אין די אויגן, האָט ער פּלוצים צוזאַמענגעבראָכן, — ער איז געפאַלן וויינענדיק אויף דעם פּאָטערס אַקסל.

— כ'בעט דיך, יאָהאַן, דו ביסט מיין איינציקער זון — זיי אַ יינג, אַ העלד, און ווער מיין פריינט און מיין שטיצע...

יאָהאַן האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און ערשטוינט דערזען: אויף דעם מאַסיוון פּנים אונטער די געדיכטע וואָנצן האָט קוים געפּלאָטערט אַ פאַרלוירענער שמייכל, און הינטער די גאָלדענע פענסנע האָבן די אויגן געקוקט (ווי יאָהאַנען האָט זיך געדוכט) מיט יענער פאַרגליווערטער ליידיקקייט, וואָס ער האָט היינט פאַרטאָג אַזוי ערשיטערט דערזען אינם בליק פון דער מוטער. ביי יאָהאַנען האָבן מיט אַמאָל אויסגעטריקנט די טרערן. ס'האָט אים ווי פאַרטאָג פּלוצים באַהערשט אַן אָטעם־רויבנדיקער שרעק, וואָס מאַכט אים דאָך קרענקלעך רואיק. ער האָט אַרומגענומען דעם פּאָטער, האָט זיך אַ ווייַלע שטום צו אים געלאַשטשעט. נאָר אָט האָט זיך דער פּאָטער אַ כאַפּ געטון, האָט מיט אַ לייכטער באַוועגונג אַראָפּגענומען דעם יינגלס האַנט און אַ זאָג געטון מיט אַ ווידער האַרט געוואָרענער שטים:

— גענוג צו כניוקען, יונגערמאַן, ס'איז שוין צייט צו גיין שלאָפן...

פּאָטער און זון האָבן זיך באַגעגנט מיט די בליקן. איצט איז געשטאַנען פאַר דעם פּאָטער עפּעס ווי אַ פּלוצים־אויסגעוואַקסענער יונג,

מיט אַן אייגענעם טיפֿן בליק, מיט אייגענע נישט־ארויסגעזאָגטע סודות און ליידן (ער האָט קיינעם אין לעבן קיינמאָל נישט דערציילט וועגן זיין פּאַרטאָגיקן באַזוך ביי דער קראַנקער מוטער). ער האָט שווייגנדיק א קוש געטון דעם פֿאָטער און איז ארויס פֿון צימער.

אין עטלעכע חדשים ארום איז די מוטער געשטאָרבן פֿון אַן אומגע־ריכטער לונגען־אָנצינדונג. יאָהאַן האָט דעם ערשטן טאָג אויסגעזען, ווי געפּלעפּט. מיט אָפענע פאַרווייינטע אויגן האָט ער געקוקט ארום זיך שטום־פאַרוואונדערט, ערשטוינט־פאַרטראַכט. עס האָט אָבער באַ־זונדערס געשראָקן די ארומיקע זיין גאָרנישט קינדישע האַלטונג אויפֿן בית־עולם.

צאַרט און שלאַנק ווי די מוטער, מיט גרויסע, שווארצע, עטוואָס ארויסגעשטאַרצטע מאַנדל־אויגן, איז ער מיט א געבויגענעם קאָפּ גע־שטאַנען פֿאַר דער מוטערס קבר, ווי א פֿאַרשטיינערטער. אין דעם האַרט אָפּגעשלאָסענעם אָרון, אין דער טויטער קבר־שטילקייט, אין דער שטומע־פֿרעמדקייט פֿון די קראַנצן און די קבר־בלומען, אין דער קאַלטער גלייכ־גילטיקייט פֿון דעם ריזיקן בית־עולם, פֿון די קיילעכדיקע סאַמעטענע היטלען ביי ראַבינער און קאַנטאָר — אומעטום האָט ער דערפֿילט יענע פֿאַרגליווערטע לייזיקייט, וואָס ער האָט דאַמאָלסט פֿאַרטאָג געזען אין דעם מוטערס שטאַרן בליק און וואָס האָט איצט ווי א שווארצע רעטע־ניש פּאַראַליזירט דעם צעטרייסלטן יינגלישן מוח. כאָטש ס'איז שוין סוף אויגוסט, איז דאָך אויסגעפֿאַלן א זוניקער האַרבסט־מאָרגן. די זון האָט מילד, מיט גרוים רחמנות, געלויכטן אויף דער פאַרוויאַנעטער אָפּ־געבליטער האַרבסט־וועלט. דער גאַנצער בית־עולם איז באַדעקט מיט אַלערליי מצבות און געדענק־סטאַטועס, מאַרמאָרנע און בראָנזענע, וואָס צווישן טונקל־גרינע גראָזן און פֿאַרשפּעטיקטע האַרבסט־בלומען קוקן זיי ארויס אומבאַוועגלעך, ווי א פֿאַרגליווערטע און דאָך מאָנענדיקע בית־עולם־רעטעניש. די רעטעניש איז אַלט־באַנאַל און אַזוי פֿאַרוויאַנעט, ווי די געפֿאַלענע געלע בלעטער ארום די נאַקעטע בית־עולם־בוימער. וואָס איז דאָס אָקאָרשט פֿאַר א וועלט, וו מ'לעבט מיט גוואַלט און מען שטאַרבט מיט גוואַלט. וו טויט און לעבן פֿאַרגוואַלטיקן יעדע באַשעפֿע־ניש. מיט דערשטיקטע פֿאַרגליווערטע טרערן מאָנט און שרייט די דאָזיקע רעטעניש: צוליב וואָס שפּאַרט מען דעם מענטשן מיט גוואַלט אזא ווילדן חשק צו לעבן און דערנאָכדעם לאָזט מען אים גוסן אין ווילדע קרעמפּן?
און כאָטש יאָהאַן שטייט מיט געבויגענעם קאָפּ ווי פֿאַרשטיינערט, האָט

ביי אים פּלוצים די אונטערשטע ליפּ אָנגעהויבן קאָנוולסיוו צו ציטערן, ווען ער האָט דערהערט דעם טרויעריקן געזאַנג פון דעם קאַנטאָר און דערנאָך די נאָך־טרויעריקער דעקלאַמירטע פּריידיקט פון דעם הויכן שלאַנקן ראַבינער אין אַ שוואַרץ־גלאַנציקן מאַנטל. יאָהאַן האָט ווייניק וואָס פאַרשטאַנען — פאַר זיין גאַנצן לעבן אינם פאָטערס פּאַלאַץ האָט ער דאָך כּמעט ווי קיינמאָל נישט געהערט נישט דאָס רעליגיעזע, נישט דאָס יידישע לעבעדיקע וואָרט. אין דער אַרומיקער טויטער שטילקייט האָבן זיך די מאַרמאָר־גלאַטע קלאַנגען פון געזאַנג און פּריידיקט פאַרלוירן אין דעם פאַרגליווערט ־ שרייענדיקן בית ־ עולם ־ רעטעניש. דאָך האָבן זיך די דאָזיקע מאַרמאָר־גלאַטע קלאַנגען פאַרקליבן ערגעץ אין מוח און אַרויסגעוויזן ערשט פיל שפּעטער, אין אַ צייט אַרום אַן אומגעריכטע ווירקונג.

אויף מאָרגן האָט זיך יאָהאַן ווי אויפגעכאַפּט פון אַ הינער־פּלעט. ער האָט זיך באַהערשט. ער האָט ווייניק געוויינט, האָט אַפילו פּרובירט צו טרייסטן דעם פאָטער, וואָס איז אַ גאַנצן טאָג געזעסן אין ביבליאָטעק אומבאַוועגלעך אין זיין פאָטער־שטול, מיט אַ נישט־אָנגעצונדענעם סיגאַר אין דער האַנט.

ס'האָט זיך איצט אין יאָהאַנען נאָך מער געפילט די הכנעהדיקערנסטע שטילקייט פון אַ געבראָכענעם, פּלוצים עלטער געוואָרענעם יינגל. דאָס טראַגישע בילד פון דער שעמעוודיקער און שטום־ליידנדיקער מוטער, דאָס געהיימניש פון זיין לעצטן פאַרטאָגיקן באַזוך ביי איר, האָבן אין אים אויף אַלע מאָל איבערגעלאָזן אַזאַ נאָגנדיקע בענקשאַפט, וואָס האָט זיך גאַרנישט געלאָזט שטילן. נאָר טיף אינעווייניק האָט ער געפילט, און מיט יעדן טאָג איז דאָס געפיל געוואָרן אַלץ רייפער און ברענענדיקער, דאָס אין לעבן איז דאָך פאַראַן „עפּעס" אַזוינס, גרויסעס און הייליקעס, וואָס קאָן שטילן יעדע בענקשאַפט. ער האָט אָבער נישט געוווסט, ווו און ווי אַזוי עס צו זוכן און האָט עס דערפאַר געזוכט אומעטום. יאָהאַן האָט זיך מיט אימפּעט געוואָרפן אויף יעדער נייער זאַך אין לעבן. ער האָט קינדלעך־נאַאיוו געגנישטערט און געזוכט יענעם „עפּעס".

די ערשטע חדשים נאָך דער מוטערס טויט איז זיין שלאָף געווען זייער אומרואיק. ער פלעגט נעמלעך זייער אָפט האָבן ביינאַכט דעם זעליקן חלום, וואָס ער האָט געהאַט דאַמאָלסט אין דער נאַכט פון זיין לעצטן געהיימען באַזוך ביי דער מוטער. ווי דאַן פלעגט ער דעם חלום ביים אויפוואַכן גלייך פאַרגעסן, נאָר אין דער נשמה פלעגט בלייבן

שטעקן, ווי דאמאלסט, א מאוימדיקע ווארנונג, וואס האט ערגעץ גע־רופן און געצויגן ווי א מאגנעט. אין אזוינע שווערע מאמענטן פון אומ־דערטרעגלעכער בענקשאפט און פארטרוימטע לײדן האט זיך ביי אים אין זיין אויפגערעגטן יינגלשן מוח אויסגעכאוועט א פריידיק געפיל פון א מיסיע, אז ער, יאהאן, וועט א גאנץ לעבן נישט רוען, וועט אין העלדישע אנשטרענגונגען געפינען „דעם" וועג פון טרייסט און אויס־לייזונג. דאס אלץ האט זיך מאדנע אפגעשפיגלט אויף זיין ערשטוינלעך איבערגעגעבענער שול־ארבעט, און האט באלד אויף אן איבערראשנדיקן אופן אויפגערודערט די איינזאמע שטילקייט אינם פאטערס פאלאץ.

יאהאן האט געלערנט אין מיטל־שול מיט גרויס ערפאלג. ווי זיין פא־טער, האט ער ליב געהאט פיל צו לייענען און צו לערנען. ער האט אויך שטודירט מוזיק, מאלן און קנעטן. ער האט געהאט אינטערעס פאר אלץ, אבער קיין זאך האט נישט פארכאפט אינגאנצן זיין בענקענדיקע נשמה. די מעלאנכאלישע פארטרוימטקייט און צארטע ווייכקייט, וואס ער האט געירשנט פון דער מוטער, האבן שטארק אפגעשוואכט די יינגלשע אמ־ביציעס פון שפיל און קאמף. זייער פרי האט ער ארויסגעוויזן א נייגונג פאר מאלעריי. שוין צו צוועלף יאר האט ער געמאכט שטימונגספולע בילדער, וואס האבן געצויגן די אויפמערקזאמקייט פון לערער און חברים. ער האט אויך ליב געהאט מוזיק. מיט אימפעט פלעגט ער שפילן שעהן־לאנג אויף דער זעלביקער פיאנע, וווּ די מוטער איז צום ערשטן מאל פאר זיינע אויגן צוזאמענגעבראכן. גלייכצייטיק אבער האט ער געהאט א גרויסן אינטערעס פאר ליטעראטור און געשיכטע. ער האט פארכאפט געלייענט ביכער, איינס נאכן צווייטן, האט זיך אבער אויף קיין בוך נישט געקענט אפשטעלן. דער פאטער האט טרויעריק געקלערט, צי איז נישט יאהאן דער געבוירענער דילעטאנט, וואס האט ליב אלץ און איז צו קיין זאך נישט צוגעבונדן. ער האט אבער ארויסגעוויזן אזא פלאמענ־דיקע גלויביקייט, אזא אינערלעכע גרייטקייט פאר ארבעט און אנשטרענ־גונג. ער האט נאך געהאט זיינע אייגענע באהאלטענע שטרעבונגען, וואס האבן אים נישט געלאזט אויף קיין זאך זיך אפשטעלן. אט די שטרעבונ־גען האבן עס באלד געבראכט צו מאדנע קאנפליקטן צווישן פאטער און זון. אויף דער קאנפירמאציע (בר־מצוה) פון יאהאנען האט אומגע־ריכט אויסגעבראכן א שווערער קאנפליקט, וועגן וועלכן מ׳האט א גאנצע צייט גערעדט אין פארשידענע קרייזן.

פארגעקומען איז עס אט ווי אזוי.

כאָטש אין די סאַמע פאַרשידנסטע געגנטן פון בערלין זענען דורך דער יידישער געמיינדע איינגעאָרדנט געוויסע נאָכמיטאָג־שטונדן פאַר רעליגיעזע אונטערריכט פון יידישע שילער, האָט דאָך דער „ליבעראַלער" קעטנער נישט געשיקט אהין יאָהאַנען אויף אָט דעם אונטערריכט. ער האָט עס געהאַלטן לחלוטין פאַר איבעריק. נאָר אַ זעקס וואָכן פאַר דער קאָנפירמאַציע, האָט ער איינגעלאַדן אַ יידישן רעליגיע־לערער, כּדי פאַר־צובארייטן יאָהאַנען צו דער „צערעמאָניע" אין טעמפּל. ס'איז געווען פאַר יאָהאַנען אַ גאַנצע געשעעניש. זיין קוזין, פריץ קעטנער, וואָס איז מיט אים אין איינע יאָרן, האָט אויך דאַמאָלסט געהאַט בר־מצוה און זיך מיט יאָהאַנען צוזאַמען צוגעגרייט. פריץ איז אַ בליענדיקער פעסטער יונג מיט בלויע אויגן, שטיפט און לערנט ווי געהעריק, שניידט זיך אויף אַ דייטשיש־קולטיווירטן יונגענמאַן. אין יענעם שבת פון בר־מצוה, גאַנץ פרי, זענען זיי ביידע, יאָהאַן און פריץ, געגאַנגען מיט די עלטערן אין טעמפּל. אַ חוץ פאַרוואַנדטע און פריינט פון די קעטנערס זענען דאָ אין טעמפּל בלויז אייניקע דאַווענער — די מייסטע אין גלאַנציקע ציליג־דערס און שוואַרצע ראָקן, שטייען אָדער זיצן, פייערלעך אויסגע־שטרעקטע, מיט שוואַרץ־באַטאָולטע סדורים אין דער האַנט. עטוואָס אָן אַ זייט, צעשטרייט אויף פאַרשידענע בענק, שטייען אייניקע מענטשן אין פּשוטע פּאַלטנס מיט וואָכעדיקע קאַפּעליושן, — נישט זיי זענען אויסגעשטרעקט, נישט זיי האַלטן סדורים, נאָר זיי גלאָצן נייגיריק די אויגן. איינער פון זיי, מיט אַ שוואַרץ בערדל און אַן אויפגעשטעלטן פּאַלטאָ־קאָלנער האָט אפילו שפּאָטיש געזשמורעט מיט די אויגן.

— ווער זענען אָט די... — יאָהאַן ווייזט דעם פאָטער מיט די פינ־גער אויף די וואָכעדיקע קאַפּעליושן.

— דאָס זענען פרעמדע דורכרייזנדיקע אָדער נייגיריקע אָסט־יידן פון דער גרענאַדיר־שטראַסע...

— גרענאַדיר־שטראַסע?

מ'האָט מער נישט געקענט רעדן בשעת דעם גאָטעס־דינסט. אויף יאָהאַנען, וואָס איז דאָ דעם ערשטן מאָל, האָט געמאַכט אַ טיפן איינ־דרוק דער גרויסער טעמפּל מיט דעם פּרעכטיקן געוועלב און שיינע כאָרן. ס'אַר אַ געהיימע פּראַכט דאָרט אויבן אין דער פאָדער־וואַנט אויף דער בימה — עלעקטרישע פייערלעך לויכטן דאָרט אין צוויבער־שטילקייט. כ'האָט יאָהאַנען בלויז געוואונדערט, וואָס די מיינסטע בענק זענען ליידיק. דאָ און דאָרט זענען צעשטרויט קליינע גרופּעס, וואָס מאַכן אָבער נאָך

אויפפאַלנדיקער די איינזאַמע לײדיקקייט פון די מייסטע בענק. צי שטייט נישט דערפאַר דער חזן מיטן רוקן צו די בענק, כּדי נישט צו זען, פאַר וויפל לײדיקע בענק ער זינגט דאָס? צי איז נישט דערפאַר אויך דער כאָר באַהאַלטן ערגעץ אין דער הויך, פונוואַנען ס׳טראָגן זיך באַהאַלטענע געזאַנגען? ניין! בפירוש נישט! נישט נאָר דער ראַבינער אויבן אין דעם פייערלעכן שוואַרץ גלאַנציקן מאַנטל, נאָר אויך די שוואַרץ געקליידעטע דינער (שמשים) אין סאַמעטענע קעפּקעס, און די אַלע דאַוונער מיט די שוואַרץ־באַטאָוולטע סדורים — אַלע האָבן זיי אויסגעזען פעסט און זיכער, מיט דער מינע פון יענער פייערלעכער שטייפקייט, וואָס האָט געהייסן: „מעגן זיין בלויז צוויי אָדער צוויי טויזנט — די אָרדנונג איז דאָ תּמיד אַן אייזערנע, נישט אויף אַ האָר צו ענדערן״... אויסלענדישע יידן טייטשן אויס אַלץ די דאָזיקע שטייפקייט, ווי „פּאַרגליווערטקייט״, „קאַלטקייט״. אָבער יאָהאַן האָט מיט זיין קינדישן אינסטינקט דערפילט דאָ די שטייפע פעסטקייט פון אַלט אויסגעוואַקסענע דעמבעס. דער אַלטער יידישער קיבוץ אין דייטשלאַנד, צי דער אָרטאָדאָקסיש־קאָנסערוואַטיווער, צי דער רעפאָרמעריש־ליבעראַלער טייל — יעדער פון זיי האָט זיין אייגענעם שניט. אפילו ווען זיי מאַכן נאָך אַנדערע, האָבן זיי אַן אייגענע עקשנות׳דיקע נאָטע, פאַר וועלכער זיי קעמפן מיט זייערע געגנער שוין גאָר נישט קאַלטבלוטיק.

יאָהאַן זעט, ווי פריץ שטייט אויסגעשטרעקט נעבן זיין פאָטער און זיין ייִנגלישער געזיכט באַקומט אַלץ מער די זעלבע פייערלעך שטייפע ערנסטקייט, ווי ביים פאָטער. פאַרוואָס קאָן ער, יאָהאַן, נישט זיין אַזוי? ס׳נאָגט אים אינערלעך אַ ווייטיקדיקע אומרו, דאָס האַרץ קלעמט אים. ער כאַפּט אַ קוק אויף די כאָרן, אויף דער גאַלעריע, וווּ ס׳זיצן די פרויען, צווישן זיי אויך די טאַנטע, די מוטער פון פריץ. פאַרוואָס האָט זיין מוטער, די שעמעוודיקע און שטום לײדנדיקע, נישט דערלעבט אָט דעם טאָג פון פרייד? ער דערמאָנט זיך פלוצלינג די קאַלטע אומבאַוועגלעכע האַנט, וואָס ער האָט אין שרעק באַרירט מיט די ליפּן יענעם פאַרטאָג ארום איר טויטן בעט. ווי אַ בליץ טוט אַ שימער פאַר אים איר שטאַרער בליק. ס׳שטיקט אים אין דער ברוסט, ס׳ווילט זיך אים וויינען אויף אַ קול. נאָר אָט פליסן ערגעץ פון דער הויך ווייכע כוואַליעס פון כאָר־געזאַנג, וואָס טראָגן זיך איבער די גלאַנציקע צילינדערס און צעגיסן זיך ווייט־ווייט איבער די לײדיקע בענק. יאָהאַן בויגט אָן דעם קאָפּ און לאָזט זיך פאַרכאַפּן פון די לאַשצנדיקע געזאַנג־כוואַליעס, וואָס דער הויכער קול פון חזן צערודערט און באַהערשט, ווי מיט זילבערנע רודערס. אַלע ווילע לויפן נאָך

פּליסנדיק בּרייטע אָרגל־קולות, צעטראָגן זיך אין דער לופט ווי פאַר־פּירערישער ווײַרויך, נעמען ארום מיט פּלומרשטע ווייכע גלעטנדיקע אָרעמס דעם גאַנצן געזאַנג און האַלטן אים אין פעסטער אָרדענונג...

אָבער אָט נאָכן לייענען איז אַלעס פאַרשטומט געוואָרן. דעם לעצטן כאָר־קלאַנג האָט דער אָרגל מיט ווייכע שלום־אַקאָרדן איינגעשלונגען. אין פייערלעכער שטילקייט האָבן זיך די דאַוונער מיט די צילינדערס אוועק־געזעצט. (אויף דעם שטרענגן ווונק פון די שוואַרץ געקליידעטע דינער האָבן אויך די פאַרשווינען מיט די וואָכעדיקע קאַפּעלושן זיך געמוזט אוועקזעצן), און דער ראַבּינער איז מיט געמאָסטענע אומהערבּאַרע טריט צוגעגאַנגען צום קאַנצעל. ווען יאָהאַן און פריץ, מיט שמאָלע שניי ווייסע טליתימלעך אויפן האַלז, זענען שפּעטער ארויפגעפירט געוואָרן אין דער הויך אויפן בּימה און דער ראַבּינער האָט זיך געווענדעט צו זיי מיט א פּריידיקט, איז יאָהאַן ווידער אומרואיק געוואָרן. ער האָט ערשט איצט מיט א מאָל דערקענט די הויכע, שלאַנקע פיגור פון דעם זעלבּיקן ראַבּינער אין שוואַרץ גלאַנצנדיקן מאַנטל, וואָס האָט געפּריידיקט אויף דעם קבר פון זיין מוטער. ווי דאַמאָלס האָבן אויך איצט אין דער פייערלעכער שטילקייט געקלונגען די מאַרמאָר־גלאַטע רייד, וואָס ער האָט מיט גע־מאָסטענעם אימפּעט דעקלאַמירט. יאָהאַנען האָט געשווינדלט אין די אויגן. אונטער די פלייצעס פון רעדנדיקן ראַבּינער האָט ארויסגעקוקט די זעלבּי־קע טויט־פאַרגליווערטע לײַדיקקייט, וואָס האָט אים, יאָהאַנען, אַזוי גע־שטיקט בּשעת דער פּריידיק פונם ראַבּינער אויף דער מוטערס קבר. ווי אַלע מאָל אין אַזוינע שווערע מאָמענטן, מאַטערט אים א מין דרינגענד געפיל, אַז מ'מוז בּאַצייטנס „עפּעס" טאָן, כדי צו געפינען א רעטונג. אָבער אָט האָט אים ווי א צי געטאָן א שאַרפע ווענדונג פון דער פּריידיקט:

— ווי אַן אוצר, האָט דער ראַבּינער מיט געפּרעסטן פייער דעקלאַ־מירט, זאָלט איר היטן די טריקייט צום יידנטום, צו יידישע רעליגיע, וואָס ווערן אייך אַלע מאָל שיצן אין שווערע מאָמענטן, וואָס...

יאָהאַן איז געווען שטאַרק איבּעראַשט. אַזוי גאָר! ער נישטערט און זוכט א רעטונג, בּשעת דער ראַבּינער האָט עס פון לאַנג פאַרטיק. פאַר־וואָס־זשע האָט מען עס פון אים בּיז אַהער בּאַהאַלטן? ס'שווינדלט אים נאָך אַלץ אין די אויגן, עפּעס איז ער צערודערט. ווען נאָכן גאָטעס־דינסט האָבן פאָטער און פאַרוואַנדטע אים אַרומגערינגלט און גראַטולירט, האָט

ער אָפּגערופן דעם פאָטער אין א זייט און מיט א געהיימער מינע געפרעגט:

— האָסט געהערט, דער ראַבינער זאָגט, אַז יידנטום און יידישע רע־ליגיע קאָנען שיצן א מענטשן אין שווערע צייטן — פאַרוואָס זשע האָס־טו מיר עס ביז אהער נישט געזאָגט, פאַרוואָס...

די קינדלעכע פראַגע זעט אויס דעם פאָטער רירנד־נאַיוו, ער צע־שמייכלט זיך אונטער די דיקע וואָנצן און טוט א קלאַפּ יאָהאַנען פריילעך אין פּלייצע:

— ס'וועט שוין זיין רעכט, יינגערמאַן, איצט מוזן מיר דאָך גיין פון דאַנען...

ביי יאָהאַנען האָבן זיך געפּלאָנטערט אומקלאָרע רעיונות. דער פאָטער האָט געמערקט, אַז דאָס קינד איז עפּעס צעמישט און געקרענקט. אויפן וועג איז יאָהאַן ווייטער צוגעשטאַנען צום פאָטער:

— ווו זענען עס די אַלע מענטשן אין דער סינאַגאָגע, וואָס זייערע פּלעצער אויף די בענק שטייען דאָרט ליידיק...

— אַלע קומען צו די פייער־טעג אין הערבסט, היינטיקס יאָר וועל איך דיך אויך מיטנעמען אהין (דו ביסט דאָך שוין א גרויסער), דאַמאָלס איז די סינאַגאָגע געפּאַקט, קאָפּ אויף קאָפּ, מ'לאָזט אריין נאָר אויף בילעטן...

— פאַרוואָס גייען מענטשן אַלע טאָג אין געשעפט און בלויז אַמאָל אין הערבסט צום גאָטעס דינסט?

— דו ווייסט דאָך, אַז ביים מיטאָג־עסן נעמט מען א גרויסן טעלער זופּ, א פולן טעלער פלייש מיט געמיזע, אָבער קאָמפּאָט נעמט מען צום סוף אויף א קליינער שאָל. דאָס זיסטע און דאָס איידלסטע, דעם סאַמע קאָמפּאָט פון לעבן, נעמט מען אַלע מאָל צום סוף און א ביסעלע...

— איז רעליגיע בלויז א קאָמפּאָט, דער ראַבינער האָט דאָך געזאָגט, אַז...

— דו וועסט עלטער ווערן, מיין זון, וועסטו אַלץ וויסן...

דאָס אומגעריכטע איז אָבער געקומען עטוואָס שפּעטער.

ווי אַלע מאָל בשעת א שמחה וואַכט אויף מיט א באַזונדערער שאַרפ־קייט דער אָנדענק פון נאָענטע פארשטאָרבענע, אַזוי האָט די פייערלעכקייט היינט אין טעמפּל אויפגעוועקט ביי יאָהאַנען די אַזוי אַנגעוויטיקטע דערי־נערונגען פון דער מוטער. ס'האָט אים באַהערשט אַן אומדערטרעגלעכע בענקשאַפט. א געמישט געפיל פון רחמנות און ליבע האָט אים פאַר־

קוועטשט און געבריט דאָס האַרץ. ווען ער איז געקומען אַ היים און אַריין צו זיך אין צימער, איז ער דאָרט געפאַלן אויפן סאָפע מיטן פּנים אַראָפּ און צומאַכנדיק דאָס פּנים מיט די הענט, האָט ער זיך גאָר קינדיש צעוויינט. ס'האָט ווי אַלע מאָל געפּלאַצט זיין גאַנצע אָנגעצויגענע זעלבסט־באַהערשונג פון יענעם לעצטן געהיימען באַזוך ביי דער מוטער ביז אויף היינטיקן טאָג. די אַלע נישט אויסגעוויינטע, אין שרעק דערשטיקטע טרערן האָבן איצט דורכגעבראָכן און דערשיטערט זיין יינגלשע ברוסט. ער האָט זיך געקאָרטשעט אויפן סאָפע און זיך פאַרכליפּעט פון טרערן. דאָס האַרץ האָט אים געשניטן פון ווייטיק און בענקשאַפט. וואָס זאָל ער בלויז טאָן? ער וויינט פאַרצווייפלט און צוקט מיטן גאַנצן קערפּער...

ווי תּמיד זוכט מען און מען געפינט אין גרויס לײדן עמיצן אַ שול־דיקן, און די צערייצטע פאַנטאַזיע טרייבט דערביי איבער יעדן פאַר־דרוס. אַזוי וואַכט אויך אין יאָהאַנען אַ ביטערע אויפרעגונג קעגן פאָטער, ראַבינער און אָט די אַלע דערוואַקסענע, וואָס קומען אויף אַ ווײַלע אין די צילינדערס צום קבֿר, צו קאָנפירמאַציע, זיי רעדן און זינגען ווען געטלעכער גנאָד אין יידנטום... דערנאָך לאָזן זיי אים אַליין, און ער הויבט נישט אָן צו פאַרשטיין... ערשט איצט האָט ער זיך דערמאָנט פון די סאַמע פריסטע קינדער־יאָרן, דאָס די מוטער פלעגט גאַנצע טעג אַרומגיין איינזאַם איבער די חדרים, דאָס זי פלעגט אָפט קוקן מיט דערשראָקענע בליקן אויפן פאָטער... עפּעס דערפילט ער אומקלאָר מיט זיין קינדישן אינסטינקט, דאָס די מוטער איז דאָ געווען פאַריינזאַמט, באַעוולט און פאַר־אומגליקט... אין פּלוצים אויפפלאַמענדיקן צאָרן זעצט ער זיך אויפן סאָפע און מיט געביילטע פויסטן טרייסלט ער דראָענדיק אין דער לופט. נאָר האָט אַ נייע כוואַליע טרערן געשטיקט די ברוסט און פאַרנעפּלט דעם מוח. ער פאַלט אונמעכטיק אויפן סאָפע מיטן פּנים אַראָפּ און קאָרטשעט זיך ווייטער אין פאַרצווייפלטן געוויין...

דער פאָטער איז יענעם טאָג געבליבן אין הויז (מחמת פאַרשיידענע אומשטענדן האָט ער איינגעלאַדן פאַרוואַנדטע און איניקע נאָענטע פריינט צו אַ קליינעם פריילעכן מאָלצייט ערשט אויף זעקס אַ זייגער אָוונט). ווען ער איז אַריין צו יאָהאַנען אין צימער רופן אים צום מיטאָג־עסן, האָט ער שוין אויפן שוועל מיט שרעק דערזען דעם פאַרצווייפלט וויינענדיקן יינגל. דאָס נייע שוואַרצע קאָסטיומל איז ביי אים אינגאַנצן צעקנייטשט און פאַריסן. ער ליגט אויפן סאָפע מיטן פּנים אַראָפּ, און די שמאָלע יינגלישע פּלייצעס טרייסלען זיך אין שווערן געוויין־קראַמף. פון אומגע־

ריכטן שרעק איז דעם פֿאָטער טונקל געוואָרן אין די אויגן. ס'האָט אים אַ בליץ געטאָן אין מוח דער מאָומ'דיקער געדאַנק, צי האָט נישט דער זון איבערגענומען בירושה פֿון דער מוטער די מעלאַנכאָלישע גייסט קראַנקהייט. און ער, דער האַרטער דעספּאָטישער באַנקיר, האָט זיך איצט גאָר פֿאַרלוירן. אונטער די געדיכטע שוואַרצע וואָנסן האָבן די ליפּן געצוקט, ווי ביי אַן עלטערער וויינענדיקער פֿרוי. ער איז צוגעלאָפֿן צום סאָפֿע און זיך איינגעבויגן איבערן יינגל:

— מיין זון, מיין ליבער, וואָס איז מיט דיר, וואָס איז...

און אָט האָט ער אויפֿגעהויבן יאָהאַנען, ווי אַ קינד אויף די הענט און אַרומנעמענדיק אים האָט ער זיך אוועקגעזעצט אויפֿן סאָפֿע האַלטנדיק אים אויף די קני. יאָהאַן האָט זיך גאַרנישט געוועהרט, גלייך ווי ער וואָלט שוין לאַנג זשעדנע געוווּנטשן נאָך אַ מוטערלעכער צערטלעכקייט. ער האָט זיך ווי אַ קינד צענויפֿגעקנוילט אין דעם פֿאָטערס אָרעמס און גאַנץ אומבאַהאָלפֿן פֿאַרלייגט דעם קאָפּ אויפֿן פֿאָטערס פּלייצע. דער פֿאָטער האָט אים מיט ציטעריקע הענט געגלעט דעם קאָפּ. יאָהאַן האָט זיך ביסלעכוויז באַרויקט, האָט נאָר אַלע ווײַלע געשלוכצט און געכליפּעט. פֿון גרויס אויסשעפּונג האָט ער נאָר מעשה קינד פֿאַמעלעך איינגעדרעמלט אויפֿן פֿאָטערס הענט. אַ ווײַלע איז דער פֿאָטער געזעסן אומבאַוועגלעך, מורא האָבנדיק מיט אַ ריר אים אויפֿצוּוועקן. יאָהאַן האָט אָבער טיף איינגעשלאָפֿן. דער פֿאָטער האָט אים פֿאָרזיכטיק געלייגט אויפֿן בעטל, באַפֿרייט אים פֿון הלבשה און צוגעדעקט. אַ ווײַלע איז ער געזעסן לעבן בעט. שווערע געדאַנקען האָבן אים געפּלאָגט.

אין אַ קנאַפּע צוויי שעה אַרום האָט זיך יאָהאַן אויפֿגעכאַפּט. דער שלאָף האָט אים וואויל געטאָן. אויפֿן פּנים האָט זיך ביי אים באַוויזן אַ ראָזע פֿאַרב, און די אויגן האָבן ביי אים לעבעדיק געגלאַנצט. דער פֿאָטער איז אַליין אַרויס מיט אים שפּאַצירן אין פּאַרק, ער איז געווען רעדעווודיק און צוגעלאָזן צום קינד. ס'איז געווען אַנהויב אַפּריל, אַ וואַרימער העלער נאָכמיטאָג. אין דער לופֿט האָט געשמעקט מיט פֿרילינג. אין פּאַרק האָבן די נאַקעטע בוימער געאָטעמט מיט באַהאַלטענעם אויפֿבלי, און די מוטער־ערד, פֿריש און צעוויכט, איז גרייט געווען צו געבן חיונה פֿאַר יעדן מינדסטן גרעזל. ביי יאָהאַנען זענען זיך די אויגן צעלאָפֿן. ווענן קנאָספּן און גרעזער, ווענן יעדן ביימל און געוויקסל פֿרעגט ער, און דער פֿאָטער דערציילט אים מיט חשק. ביידע האָבן זיי מערקווירדיק נישט באַרירט מיט קיין וואָרט די פֿריערדיקע סצענע.

אָנהויב אָוונט איז שוין געווען העל באַלויכטן דער ברייטער צופאַר צו קעטנערס פּאַלאַץ, און הינטער דער פאַראַד טיר זענען געשטאַנען דינער אין ווייסע האַנדשו. נאָך פּאַר זעקס אַ זייגער זענען זיך צונויפגעפאָרן פאַרוואַנדטע און נאָענטע פריינט, צווישן זיי אויך געהויבענע מיטגלידער פון סינאַגאָגע - פאַרשטאַנד און דער ראַבינער זעלבסט. ווען יאָהאַן איז אַריינגעקומען און דערזען די הויכע שלאַנקע פיגור פונם ראַבינער, איז ער ווידער אומרואיק געוואָרן. דער ראַבינער איז איצט געווען אין אַן עלעגאַנטן שווארצן ראָק (נישט אין דעם שווארצן מאַנטל) און האָט אויסגעזען נאָך העכער און שלאַנקער. אויף דעם גלאַט-ראַזירטן פּנים האָבן זיינע העל בלויע אויגן מיד געלויכטן. אַלע געסט האָבן יאָהאַנען זייער ליבליך גראַטולירט. נאָר באַלד האָט זיך אָנגעהויבן ביים טיש אַן אַלגעמיינער שמועס, מ׳האָט איצט אגב גערעדט מיט באַוווּנדערונג וועגן דער ריזיקער סומע, וואָס קעטנער האָט היינט געשפּענדעט פאַר דעם אויפבוי פון אַ נייער אָפּטיילונג אינם יידישן קראַנקן-הויז. יאָהאַן האָט זיך געפילט אַליין צווישן די דערוואַקסענע, איינזאַם און פאַרלאָזן, (ווייל ביי פּריצן איז דער פאָטער נאָכמיטאָג געווען נישט מיט אַלעמען, זענען זיי איצטביידע נישט געקומען). יאָהאַן האָט בגנבה אַ זופּ געטאָן פון אַן אָנגעגאָסענעם וויין-גלאָז. דער פאָטער האָט אים צאַרט געכאַפּט פאַר דער האַנט און אים גוטמוטיק אָפּגעשטעלט. אַ ווײַלע איז יאָהאַן געזעסן גאַנץ שטיל, נאָר די אויגן האָבן ביי אים נערוועז געפינקלט. ערשט שפּעטער האָט ביי אים אָנגעהויבן ציטערן די אונטערשטע ליפּ, ווען ביים דעסערט האָט זיך אויפגעהויבן די הויכע, שלאַנקע פיגור און געהאַלטן אַ מין טאָסט-רעדע. אין פייערלעכער שטילקייט האָבן געקלונגען די (אַזוי באַקאַנטע פאַר יאָהאַנען) מאַרמאָר-גלאַטע קלאַנגען, וואָס דער ראַבינער האָט איצט אויף אַ מער היימישן שטייגער דעקלאַמירט.

ער האָט אָנגעהויבן מעשה-טאָסט צו רעדן וועגן דער בר-מצוה, וועגן די שיינע ליבעראַלע טראַדיציעס און גרויסע פאַרדינסטן פון קעטנערס הויז. ער איז באַלד אַריבערגעגאַנגען צו קעטנערס גרויסער שפּענדונג אויפן קראַנקן-הויז. ס׳איז נישט בלויז גוט האַרציקייט, זאָגט דער ראַבינער, נאָר דאָ ווייזט זיך אַרויס אַ טיפער חוש פאַר סאָציאַלע אינסטיטוציעס, וואָס איז דער עכטער אויסדרוק פון ליבעראַלן יידנטום.

דער ראַבינער האָט זיך צעוואַרעמט:

— די שאַרפסטע קעגנער פון ליבעראַלן יידנטום, האָט דער ראַבינער פאָרגעזעצט, מוזן דאָך מודה זיין, אַז קיין יידישע געמיינדע אין דער

וועלט האָט נישט אויסגעבויט אַזוינע פּרעכטיקע אינסטיטוציעס פאַר קראַנקע און לײַדנדע, ווי גראַד די ליבעראַלע יידישע געמיינדע אין בערלין. פון אַלע עקן וועלט קומען יידישע לײַדנדע אין אונזער באַרימטן יידישן קראַנקן הויז, ווו יעדער איינער אָן אונטערשייד פון היימאַט און איבערצייגונג, ווערט אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. (פאַרוואָס איז יאָהאַן אַזוי בלאַס און אויפגערעגט? דער פאָטער איז אויסער זיך און באַשליסט אוועקצופירן דאָס קינד שלאָפן באַלד נאָך דעם ראַבינערס רעדע. ווען וועט ער בלויז ענדיקן?) פּוילישע, גאַליצישע און אַנדערע מזרח יידן מיט שטריימלעך און לאַנגע בערד, וואָס האַלטן אונז מסתמא ערגער פאַר משומדים, קומען דאָך אין אונזער קראַנקען - הויז און געניסן דאָ אָפט וואָכן־לאַנגע באַהאַנדלונג, היילונג און רעטונג. מיר פרעגן נישט דערביי זייערע איבערצייגונגען און פאַרלאַנגען נישט קיין דאַנק. איז דען נישט אַזאַ ברייטהאַרציקע אָן פניות׳דיקע, ברידערלעכע הילף דער עכטער גייסט פון דער יידישער רעליגיע? גראַד די ליבעראַלע יידן האָבן עס באַוויזן, דאָס ביי דער העכסטער פרייהייט פון גייסט, גראַד ווי עכט דייטשע בירגער, קאָן מען ערשט רעכט בלייבן טריי דעם יידנטום, דער יידישער רעליגיע, וואָס שיצן אונז פון...

ביי די לעצטע ווערטער האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ קנאַל פון צעבראָכענע טעלער. דאָס איז יאָהאַן אויפגעשפּרונגען פון שטול און אַ שלעפּ געטאָן אומגערן מיטן אַרבל אַ פּאָר טעלער. נאָך איידער מ׳האָט זיך אומגעקוקט, איז ער אויגעשפּרונגען פון טיש. אַ בלאַסער ווי קאַלך, מיט אַרויסגעשטאַרצטע אויגן, האָט ער געטרייסלט מיט די פויסטן אין דער לופט און מיט צוקנדיקע ליפּן געשריען:

— וואָס איז דאָס אַזוינס אי— דדענ—טום? פאַרוואָס באַהאַלט איר עס פון מיר, איר...?

ער האָט זיך פאַרבליניעט, צוקנדיק מיטן גאַנצן געזיכט. דער פאָטער האָט אים מיט קראַפט, פון הינטן אַרום, גענומען אויף די הענט און מיט האַסטיקע טריט האָט ער אים פאַרזיכטיק אַרויסגעטראָגן פון סאַלאָן.

אַלע זענען געבליבן ביים טיש ווי געפּלעפטע, אַ ווײַלע האָט מען זיך שטום אָנגעקוקט. אייניקע האָבן געשאָקלט די קעפּ מיט יענעם פריינטלעכן באַזאָרגטן אויסדרוק, וואָס האָט געהייסן: צי האָט דער יונג נישט געירשנט פון דער מוטער אַ גייסטיקע אויפרעגונג. די פיינלעכע שפּאַנונג האָט איבערגעריסן דער יוסטיץ־ראַט זעמערינג. ער איז דער עלטסטער מיטגליד אינם פאַרשטאַנד פון דער געמיינדע, אַ הויכער מיט גרוי־ווייסע

וואַנסן, מיט דאַר איינגעצויגענע גלאַט־ראַזירטע באַקן, רעדט מיט אַ די־
קער עטוואָס הייזעריקער שטים:

— ס׳איז נאָר קיין וואונדער נישט — די גאַנצע לופט איז דאָך היינט
אָנגעשטעקט מיט דעם פאַנאַטישן גייסט פון דער גרענאַדיר - שטראַסע,
אין ווין, אין בערלין און אין אַנדערע שטעט ווילדעווען פאַנטאַסטן אונ־
טער דעם נאָמען „ציוניסטן“, וואָס ווילן אויסבויען אַ יידישע מלוכה
אין אזיע, אין דער פאַרוויסטער פּאַלעסטינע. אין מאַנכע הויך געבילדעטע
ליבעראַלע הייזער קוויקן זיך יידישע יונגע לייט מיט אויסגעטראַכטע ווילדע
לעגענדעס וועגן די פאַנאַטישע חסידים, וואָס עכטע עקזעמפּלאַרן פון זיי
מיט קאַלטענעוואַטע בערד גייען אַרום דאָ אויף דער גרענאַדיר־שטראַסע...
ווי יאָהאַן דאָ ביים טיש, מאַכן זיי אַלע היסטעריקעס מיט דעם יידנטום
און...

אַלע האָבן זיך צעשמייכלט. דער אַלטער זעמערינג איז געווען באַקאַנט
מיט זיין מאַניע אַנטקעגן דער גרענאַדיר - שטראַסע, וואָס שטעקט אָן
פּלומרשט די לופט מיט עפּידעמיעס פון אַלערליי פאַנאַטישע אידעען...
ער פּלעגט דערביי אַזוי איבערטרייבן, דאָס די צוהערער פּלעגן נישט
ווילנדיק שמייכלען. דער ראַבינער האָט אים מיט אַ טרויעריק־ערנסטער
מינע איבערגעריסן:

— פאַרגעסט נישט, הער יוסטיץ־ראַט, דאָס אונזער יידישע דערציונג,
הינקט שטאַרק אונטער. די צו קנאַפּע נאָכמיטאָגס־שטונדן פאַר רעליגיאָנס־
אונטעריכט ווערן אַזוי ווייניק באַזוכט. גראַדע אַזוינע שווערמוטיקע קינ־
דער, וואָס...

דערווייל איז קעטנער צוריקגעקומען אין סאַלאָן. ס׳האָט אים געלונגען
מאַכן יאָהאַנען איינצושלאָפן. ער האָט אויסגעזען זייער אָנגעשטרענגט.
אַלע האָבן פּרובירט אים באַרואיקן און צעשטרייען. דער ראַבינער האָט
באַהויפּטעט, דאָס ביי פרי פאַריתומטע קינדער קומען אָפט פאַר אַזוינע
קריזיסן, וואָס איז דווקא דער אויסדרוק פון געזונטער גייסטיקער רעגזאַמ־
קייט. דער ראַבינער האָט דערציילט באַלערנדיקע ביישפּילן. אויב הער
קעטנער וויל, קען ער, דער ראַבינער, אים רעקאָמאַנדירן אַ פּאַסנדיקן
רעליגיאָנס - לערער, וואָס וועט דעם יינגל אויפקלערן און האַרמאָניש
דערציען... אויף אַ דעליקאַטן אופן האָט מען דערפירט די פאַרוויילונג
צו אַ שנעלערן סוף. מ׳האָט זיך פריינטלעך וואַרעם געזעגנט מיטן בעל־
הבית.

אויף מאָרגן, זונטיק אינדערפרי, האָט יאָהאַן זיך זייער גוט געפילט.

דער הויז־דאָקטאָר, וואָס האָט אים אונטערזוכט, האָט פאַרזיכערט, אַז ער איז פולקאָם געזונט. ער איז בלויז צו אָנגעשטרענגט און אויפגערעגט דורך די פאַרשידענע איבערלעבענישן. מ׳מוז אים געבן אַ באַרואיקנדיקע דער־ציאונג. נאָכמיטאָג איז געקומען פריץ און זיי זענען ביידע אַוועק אין פּאַרק.

מאָנטיק אינדערפרי, איז יאָהאַן ווי געוויינלעך געגאַנגען אין שולע. ער האָט זיך ווי פריער פליסיק געלערנט, געווען ווייך און ליבלעך, מיט הכנעהדיקער ערנסטער שטילקייט.

יענעם טאָג נאָכמיטאָג איז געקומען צו יאָהאַנען דער רעליגיאָנס־לערער. — מילא, האָט דער פאָטער געקלערט, זאָל זיין אַ רעליגיאָנס לערער, אַבי אַלץ איז אין אָרדענונג. האָט ער זיך אויף זיין פריערדיקן שטייגער פאַרהאַרטעוועט און שטייף אָפּגעשלאָסן. ער האָט נאָר באַלד געמוזט אייַנ־זען, דאָס יאָהאַן איז טאַקע געזונט אָבער ער איז פול מיט דרינגנדער אומרו. און אָט די אומרו האָט שפּעטער אָקאָרשט אויף אַן אומגעריכטן אופן ערשיטערט די איינזאַמע שטילקייט פון פּאַלאַץ.

ג

אומהײמלעכע קאָנפליקטן

ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן אומרואיקע צייטן בײ די קעטנערס, כאָטש אויסערלעך האָט מען גאָר נישט אַזוי פיל געמערקט. צייטנווייז פלעגן טאַקע דורכדעם די ראַנגלענישן צווישן פאָטער און זון ווערן אומהיימלעך, וואָס ס׳פלעגט מייסטנס דורכגיין שטיל, צו שטיל, פאַרצווייפלט שטיל. בײ אַלע קאָנפליקטן מיט יאָהאַנען פלעגט דער פאָטער האָבן דעם מאָדנעם איינדרוק, דאָס ער קומט צו שפּעט, ווען די אומגעווונטשענע פרוכט איז שוין אויסגעוואַקסן. יעדעס מאָל פלעגט זיך אים דוכטן, דאָס ווען ער קומט עטוואָס פריער, וואָלט ער נאָך אפשר געקענט פאַרכאַפּן און נישט דערלאָזן די פרוכט צעוואַקסן. די מעשה איז, וואָס אַלע זעען אויסגעוואַקסענע גראָזן, קיינער זעט אָבער נישט ווען און ווי אַזוי דאָס גראָז וואַקסט. כאָטש אפילו אָדער דווקא דערפאַר, וואָס ער, דער גרויסער פינאַנסיסט, האָט געהאַט אַזאַ ניכטערן קלאָרן קאָפּ, האָט ער תמיד פאַרזען דעם אינערלעכן וווּקס פון יונג. אָבער טאַקע ווי אַ מעכטיקער פינאַנסיסט, פלעגט ער תמיד בײ אַ גרויסן קראַך פון אַ קליענט נישט ליב האָבן צו מאַכן אומזיסטע טענות, פלעגט שנעל און רואיק ליקווידירן אַ מיאוסן עסק. אָט אַזוי פלעגט ער אויך בײ די קאָנפליקטן מיט יאָהאַנען שנעל און רואיק נאָכגעבן, ווי נאָר ער האָט דערזען, אַז ס׳איז צו שפּעט עפּעס צו ענדערן.

אין שווערע מאָמענטן פלעגט דער פאָטער צווייפלען, צי איז שוין בכלל נישט פאַרשפּעטיקט יעדער מעגלעכער איינפלוס אויף יאָהאַנען, ווייל שוין דאַמאָלסט אין די קינדער יאָרן האָט דער טויט פון דער מוטער. ווייזט אויס, אים טיף פאַרענדערט. מ׳וואָלט שוין דאַמאָלסט געדאַרפט פאַרכאַפּן און טאָן עפּעס אַנטקעגן דעם. וואָס טאָן און ווי אַזוי? ס׳דוכט זיך אים, אַז יאָהאַן האָט פון אָנהויב אָן געירשנט די מעלאַנכאָלישע נאַטור פון דער מוטער. ערשט די לעצטע צייט האָט ער באַמערקט, סאַראַ מאָדנע נאַטור בײ זיי ביידען (מוטער און זון): ווייכע, שטילע און צאַרטע —

וועלן זיי אָבער נישט נאָכגעבן אויף א האָר. זיי ווערן זיך נישט, ווען מ'רירט זיי אָן אין פּינטל, נאָר זיי גייען אוים ווי א ליכט, עסן דיך אויף מיט שטומע ליידן, אָדער זיי דערשרעקן מיט א פּלוצימדיקן צוזאַמענבּרוך. מ'וואָלט פון אָנהויב אָן באַדאַרפט אַנדערש דערציען יאָהאַנען, פאַר־האַרטעווען זיין נאַטור דורך א שטרענגער דערציונג, דורך... וואָס איז אָבער די נפקא מינה — איצט יעדנפאַלס זענען אַט די אַלע חקירות צו שפּעט. פאַרפאַלן! ער, דער פאָטער, וואָלט שוין אַלץ אויפגענומען, האָט אים אָבער איין פּרט באַזונדערס אויפגערעגט.

ווייניק וואָס ער האָט גענומען אין הויז א יידישן רעליגיאָנס־לערער (די קעטנערס האָבן דאָס קיינמאָל נישט געטאָן), פאַרשיט דער יונג דעם לערער מיט אַלערליי פראַגן וועגן יידנטום און לאָזט אים גאָר נישט אָטע־מען. ער גריבלט זיך וועגן דעם אויך אַליין אין פאַרשידענע ביכער, גלייך ווי דאָס יידנטום גייט אים אין לעבן. דאָס איז ווידער א פאַרפלוכטע ירושה פון דער מוטערס צד, פון די קאָנסערוואַטיווע גערבּערס, פון זייער פאַנאַטישן קיך־יידנטום, וואָס שטאָפּן די קישקעס מיט „כשר", פרעסן זיך אריין מיט די ציין אין רעליגיע און יידנטום (ביי אַט די געדאַנקען ציגדן זיך ביים באַנקיר די אויגן פון אויפרעגונג). אַזאַ וויסטע אָנשיקעניש, א מין גייסטיקע עפּילעפּסיע, וואָס קאָן אפילו אים, דעם באַנקיר, אַרויספירן פון געדולד. ס'איז דעם יונג אָבער נאָך ווייניק יידנטום. האָט ער זיך נאָך אריינגעזעצט אין קאָפּ די דאגה פאַר דעם יושר פון דער וועלט. וואָס קאָן זיין קרענקלעכער, ווען אַנשטאָט שפּיל, לוסטיקער שטיפעריי און ספּאָרט פאַר־מעסט זיך א יינגל גאָר צו דאגהנען וועגן דער וועלט און נאָך מיט א וועלכן אימפּעט! אפשר ליגט עס אין דער נאַטור פון אַלע פרי פאַריתומטע (בפרט נאָך ביי אַזאַ מעלאַנכאָליקער) צו דאגהנען וועגן אַלע געקריוודעטע. ער הערט אָבער, דאָס אין פיל ליבעראַלע הייזער בלאָזן אַזוינע בייזע ווינטן. אַלע ווילן זיי נישט אַנדערש, ווי איבערמאַכן די וועלט. אפשר איז טאַקע יוסטיץ־ראַט זעמערינג גערעכט (דער באַנקיר שמייכלט דערביי), דאָס אַט די גאַנצע היסטעריקע קומט פון דער גרענאַדיר־שטראַסע, כע־כע־כע... ס'איז אָבער ערגעץ נישט אַזוי שאַרף ווי ביי יאָהאַנען. אַנומלט קומט ער אריין אין אָוונט צו אים אין קאַבינעט, אַן אומרואיקער, א צערודערטער, מיט שוואַרצע קרייזן אונטער די אויגן, האָט ער פּלוצים אַרויסגעקנאַלט מיט אַזאַ אָפּגעשמאַקטער פראַגע:

— וואָס טוט זיך עס דאָ, פאָטער, כ'קאָן גאָר נישט פאַרשטיין. ד"ר בּרוין (דער יידישער רעליגיאָנס־לערער) לערנט מיט מיר כּסדר, דאָס

די יידן האָבן אַ באַזונדערע מיסיע צו פאַרשפּרייטן צווישן אַנדערע פעל־קער די געהויבענע אידייען פון דער ביבל. ווי קומט עס אָבער אַזאַ מיסיע צו אונז, ווען מיר לעבן גאָרנישט ביבליש און פירן זיך אויף ווי אַלע גע־מיינע דייטשן. לערנט מען געשיכטע אין דער שולע, זעט מען דאָס קריסט־לעכע פעלקער גלויבן אין זייער מיסיע צו פאַרשפּרייטן די קריסטלעכע רע־ליגיע פון ליבע, דערביי פירן זיי מלחמות און האסן זיך קעגנזייטיק. צוליב וואָס זשע מאַכט מען אַזאַ אָנשטעל מיט רעליגיעס. אָט פאַרנעמען מיר אַ גאַנצן פּאַלאַץ און לאָזן זיך באַדינען פון אַזוי פיל מענטשן, ווען לויט די נביאים קומט אויס, אַז...

אונטער די נאָלדענע פענסנע האָט אַ בלישטשע געטאָן אַ שאַרפער בליק. דער פאָטער האָט אים אומגעדולדיק איבערגעריסן:

— מיר דוכט זיך, יונגערמאַן, אַז פאַר דיר איז אַ ביסל נאָך צו פרי צו אורטיילן פעלקער און רעליגיעס. אַלע ייִנגלעך וואָלטן וועלן אייביקן פרילינג מיט שטענדיק בליענדיקע בלומען. וואָס אַרט עס זיי, די ייִנגלעך? די נאַטור האָט אָבער בילכערע אויפגאַבן. דער פרילינג צעבליט זיך בלויז איינמאָל אין יאָר אויף אַ ווײַלינקע; באַלד אָבער פאַרוועלקן די בלומען און ס'קומט דער שווערער לאַנגזאַמער וווּקס פון די פירות — מאַנכע דער־וואַקסן נישט, מאַנכע צעפוילן, בלויז מיט גרויס מי קאָן מען אַ געוויסן טייל זאַמלען. אויך יעדע רעליגיע, יעדע גייסטיקע באַוועגונג, ברענגט אויף אַ ווײַלע אַ נייעם פרילינג מיט צעבליטע האָפנונגען, אָבער נאָך דעם קורצן פרילינג קומט דער שווערער לאַנגזאַמער וווּקס...

יאָהאַן האָט נייגיריק פאַרקאָכט געפרעגט:

— איז דען שוין אַוועק דער פרילינג פון רעליגיע און אַלע אירע בלומען זענען שוין פאַרוועלקט... מיר האָבן דאָך עפּעס אַ מיסיע צו פאַר־שפּרייטן...

— וואָס דאַרפסטו פרעגן, יונגערמאַן, ביי אַנדערע. וועסט עלטער ווערן, וועסטו אַלץ אַליין זען און שעצן...

יאָהאַן שווייגט פאַרדריסלעך און לויפט אַרויס פון קאַבינעט. אַלע מאָל, ווען מען קומט צום וויכטיקן פונקט, דרייען זיי זיך אַרויס, די דער־וואַקסענע, און הייסן וואַרטן, ביז מ'וועט עלטער ווערן...

ווען יאָהאַן האָט געענדיקט די מיטל־שולע, האָט ער אין בערלינער אוניווערזיטעט אָנגעהויבן שטודירן פילאָזאָפיע קעגן ווילן פון זיין פאָטער. יענער האָט דורכויס געוואָלט, אַז יאָהאַן זאָל זיך פאַרנעמען מיט עקאָ־נאָמישע וויסנשאַפטן און זיך פאַרבערייטן פאַר דעם פאָטערס גרויסע

באַנק געשעפטן. איז אָבער יאָהאַן דאַן „שוין" געווען אַזוי דורכגעדרונגען און פאַרוואַקסן מיט זיינע גייסטיקע זוכענישן, אַז ס'איז שוין געווען „שפּעט" אים אָפּצורעדן.

ווי ס'פּאַסירט אָפט מיט עלטערן, האָט דער פאָטער אין יענער צייט עפּעס ווי פּלוצים באַמערקט, דאָס יאָהאַן האָט אַ גאַנץ אייגנאַרטיק, שיר נישט אויפפאַלנדיק, אויסזען, וואָס איז גאָר נישט ענלעך צו דעם פאָטערס און איז שוין גאָר אַ וועלט פאַר זיך. הויך און מאָגער, מיט עטוואָס איינגעהויקערטע פּלייצעס, דאָס פּנים דין און לענגלעך. פון אונטער דעם צוהויכן שטערן האָבן אַרויסגעשטאַרצט שוואַרצע, משונה־גרויסע מאַנדלאויגן. די גאַנצע אומרו איז געלעגן אין אָט די אויגן, וואָס האָבן זיך ווי געריסן פון די לעבער אין דער ווייטער וועלט אַריין. די נאָז איז עטוואָס פאַרבויגן מיט אַ קליינעם, גאָר קליינעם, האָרביקל. (דורך אָט דעם האָרביקל זענען שפּעטער פאַרגעקומען אומגלויבלעך טשיקאַווע סצענעס). אַ סדרה פאַר זיך זענען געווען די ליפּן — דינע, מיידלשע, צאַרט־רויטלעכע. ווען ער ווערט שטאַרק אויפגערעגט, פאַרקרימט זיך ביי אים צוקנדיק די אונטערשטע ליפּ, ווי ביי אַ קינד, וואָס האַלט זיך ביים צעוויינען. ער זעט דערביי זייער ענלעך אויס צו דער מוטער. ווען ער האָט אַנומלטן זיך געאַמפּערט מיטן פאָטער וועגן דעם אויסוואַל פון פאַקולטעט, האָט ער אין מיטן שמועס זיך שטאַרק אויפגערעגט, און די אונטערשטע ליפּ האָט זיך ציטערנדיק פאַרקרימט אָן אַ זייט. ביים פאָטער האָט פאַרכאַפּט דאָס האַרץ און ער האָט גלייך נאָכגעגעבן.

— כ'האָב מורא, מיין זון, אַז דו וועסט מיך אַזוי כּסדר פירן פאַר דער נאָז...

דער פאָטער האָט אַראָפּגענומען די גאָלדענע פּענסנע, אַ ציגעטון דעם דיקן ציגאַר און אַ שנאָרך געטון מיט דער ברייטער פליישיקער נאָז, וואָס האָט ווי פּראָטעסטירט שנאָרכנדיק, דאָס אַ יונגער שנעק זאָל זיך דערוועגן פירן אַזאַ פעסטע מיושבדיקע נאָז.

— כ'וואָלט נאָר וועלן, יונגערמאַן, דו זאָלסט מיך ריכטיק פאַרשטיין. כ'האָב גאָר נישט דאַקעגן, וואָס דו האָסט אַזוי ליב צו פילאָזאָפירן און צו מאָלן בילדער. כ'ווייס, אַז די גאַנצע פרייע צייט דיינע פאַרברענגסטו מיט ביכער אָדער דו מאָלסט. ס'איז זייער שיין, כאָטש אַ יונגערמאַן מוז זיך מער אָפּגעבן מיט ספּאָרט. כ'מיין אָבער, אַז פילאָזאָפיע און קונסט דאַרפן בלויז זיין אַ גייסטיקער פאַרגעניגן, אַ נשמה־געגנוס, אָבער נישט קיין פּראָפעסיע, קיין פּרנסה־זאַך. שפּינאָזאַ האָט

נישט געוואָלט לעבן פון פילאָזאָפיע און איז געווען אַ גלאָז - שלייפער. מאַכט מען פון גייסטיקע זאַכן אַ פרנסה, האָט מען נישט ביידע זאַכן — נישט קיין פרנסה, נישט קיין גייסט. ס'איז ווי מ'וואָלט וועלן עסן בלו־מען — אַז די בלומען צעפּטרט מען, אַז זאָט ווערט מען נישט, און אין מויל בלייבט נאָך אַ ביטערער טעם...

ביי יאָהאַנען האָבן די עטוואָס אַרויסגעשטאַרצטע אויגן גע־בלישטשעט.

— דו האָסט, פאָטער, גאָר אַן אַנדערע, אַ שטאַרקערע נאַטור. פאַר דיר איז יידנטום בלויז אַ קאָמפּאָט, און גייסטיקע אינטערעסן זענען נישט מער ווי בלומען. (דער פאָטער האָט אָוועקגעקוקט אַן אַ זייט, אים איז געווען פיינלעך דאָס וואָרט „קאָמפּאָט", אָט די ערינערונג פון זיין אויסדרוק אין יענעם שווערן בר־מצוה־טאָג). זינט דער מוטערס טויט זענען גייסטיקע אינטערעסן דער אָטעם פון מיין ברוסט. כ'וואָלט עס אַנדערש גאָרנישט אויסגעהאַלטן, כ'וואָלט...

ביי אים האָט זיך פון אויפרעגונג פאַרקרימט די אונטערשטע ליפּ. דער פאָטער האָט אים איבערגעריסן:

— וואָס טויגן די אומזיסטע רייד, יונגערמאַן, טו ווי דו ווילסט, כ'וועל דיר נישט שטערן...

יאָהאַן האָט נישט איבערטריבן. ס'איז טאַקע זיין שווערער גורל, וואָס גייסטיקע זוכענישן זענען געוואָרן פאַר אים אַ לעבנס - פראַגע. ס'האָט אים אַפילו אויסגעוויזן, דאָס ביי יענע ערשיטערונגען, וואָס ער האָט איבערגעלעבט זינט זיין לעצטן באַזוך ביי דער מוטערס טויטן בעט, וואָלט ער אַראָפּ פון זינען, ווען נישט די גייסטיקע אָנשטרענגונג, ווען נישט דער הייסער גלויבן, אַז היינט־מאָרגן וועט ער געפינען אַ וועג פון דערלייזונג, עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן שטילן יעדע פאַרצווייפלטע בענקשאַפט, אָבער נישט דער יידישער רעליגיאָנס - לערער אין דערהיים, נישט די דייטשע לערער אין דער שולע האָבן אים נישט געוויזן וועלכן ס'איז וועג פון דערלייזונג, ווייל זיי, די לערערס זעלבסט, דאַרפן עס נישט און זוכן נישט. די לערערס, ווי דער פאָטער און אַלע אַנדערע, זענען געזונטע מענטשן, וואָס קאָנען אויסקומען אָן דערלייזונג. די אַלע גרויסע „הייליקע" ביכער וועגן דעם זין פון לעבן זענען פאַר זיי בלויז אַ לוקס־סוס און אַ מין „קאָמפּאָט", אָדער „בלומען". וואָס מער מ'האָט מיט אים אָט די ביכער געלערנט, אַלץ ווייניקער האָט ער געוווסט, ווי אַזוי צו פאַרבינדן די אידייען פון יענע ביכער מיט דעם אַרומיקן לעבן, ווי

אַזוי זיך אַרויסצוגעפינען מיט זיין אינערלעכער אומרו. דערפאַר אָבער איז נאָך טיפער און ברענענדיקער געוואָרן זיין גלויבן, דאָס אין לעבן איז פאַראַן עפּעס גרויסעס און הייליקעס, וואָס מ׳דאַרף נאָר מיט גע־דולד און האָפנונג זוכן. אָט ווי אַ קאַפּיטאַן פון אַ פאַרבלאָנדזשעטער שיף, וואָס איז זיכער, אַז ערגעץ ווו איז דאָך פאַראַן אַ יבשה און מ׳מוז נאָר געדולדיק, מיטן קאָמפּאַס אין דער האַנט, קעמפן מיט שטורעמס און כוואַליעס אין פאַרשידענע ריכטונגען. זעט נאָר אָקאָרשט — שימערט נישט פון דערווייטן דורך די שוימענדיקע כוואַליעס דער ליכט־טורעם, וואָס רופט פאַרבלאָנדזשעטע שיפן צום רואיקן ברעג. דער אוני־ווערזיטעט, די הויכע בילדונג, דאָס זעלבסטשטענדיקע סטודענטן־לעבן — דאָס אַלעס האָט געלאָקט זיין פאַרשמאַכטע בענקשאַפט און געוועקט ליכטיקע האָפנונגען.

אין דעם ערשטן חודש פון זיין אָנקומען אין אוניווערזיטעט, אין האַרבסט, איז מיט אים פּאָרגעקומען אַזאַ פּאַסירונג.

אין אַ קילן פרישן פרימאָרגן איז ער אריין דורך די גרויסע אָפענע טויערן אויף דעם אוניווערזיטעט־הויף. ס׳האָט דאָרט געווימלט פון סטודענטישער יוגנט. יאָהאַן האָט פּלוצים באַמערקט אַ זייער שלאַנקע מיידל־פיגור אין שוואַרצן סאַמעט געקליידט. ווי נאָר ער האָט אַ קער געטון דעם קאָפּ, האָט ער דערזען: אויף אַ ראָז־בליענדיק פּנים האָבן פריילעך געשמייכלט צוויי אויגן, נאָך שוואַרצער ווי דער סאַמעט. דורך דעם העלן שמייכל פון די אויגן האָט דער גאַנצער סאַמעט אויף איר שלאַנקער פיגור נאָך ווייכער און וואַרעמער געבלישטשעט. ביי יאָהאַנען האָט דאָס האַרץ אַ ציטער געטון. ער האָט זיך אָבער דערשראָקן, ווען זי האָט זיך ווי פּלוצים אַ קער געטון און איז צו אים צוגעגאַנגען:

— זענט איר נישט יאָהאַן קעטנער?..

— יאָ, כ׳בין...

— איר דערקענט מיך גאָרנישט? שעמט זיך! כ׳בין העלענאַ גרינ־שטיין, די קוזינע פון אייער מוטער, כאָטש כ׳בין מיט אייך אין איינע יאָרן. ווען איר זענט אַלט געווען אכט יאָר, זענט איר מיט דער מוטער געווען ביי אונז אין הויז אין האַמבורג, מיר האָבן געשפּילט צוזאַמען. אַהאַ! איר דערמאָנט זיך שוין. כ׳בין היינט געקומען אַהער אין אוני־ווערזיטעט קריגן אויסקונפט פאַר מיין ברודער, היינט אין אָוונט פאָר איך צוריק אַ היים, אין האַמבורג. וואָס טוט איר? קומט פון דאַנעט אַ ביסל שפּאַצירן...

זיי זענען אוועק שפּאַצירן. איר פרייליכקייט און פרישקייט האָבן אים פאַרכאַפּט. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ לעבעדיקער שמועס, אַלע ווײַלע איבערגעריסן פון הילכיקן געלעכטער. און אָט האָבן זיי באַלד גערעדט צווישן זיך אַזוי פאַרטרויליך, גלײַך ווי זיי וואָלטן שוין יאָרן לאַנג זיך געקענט. יאָהאַן איז געווען איבעראַשט, וואָס אָט דאָס בליענדיקע קרעפּ־טיקע מיידל איז אַזוי נאַיוו, ראָמאַנטיש און גלויביק. זי האָט באַגייס־טערט אויסגעהערט זײַנע אָנשווינגען און באַוואונדערט זײַנע טיפע גע־דאַנקען. ס'זענען איר געווען אַזוי נאָענט זײַנע אידעאַלע שטרעבונגען. זי הערט אים אויפמערקזאַם, כאַפּט אויף, דערפילט דעם מינדסטן ניואַנס און שפּיגלט עס אָפּ באַגייסטערט נישט נאָר אין צושטימונגס־אויסרופן, נאָר אויך אין דעם גלאַנציקן שמייכל פון אירע אויגן, אין די אומצייי־ליקע סאַמעט - ווייכע שמייכלען פון איר יונגט־בליענדיקער פיגור. ביי יאָהאַנען ציטערט דאָס האַרץ פון פרייד. ער דערפילט אין איר אַן עכאָ פון זײַנע געדאַנקען, פון זײַן גאַנצן וועזן. אָט ווי פון צווישן גרינע בערג און טאָלן טראָגט זיך אַן עכאָ, וואָס חזרט איבער די זעלביקע רייד, אָבער אַזוי געהיים און פאַרצויבערט...

ווען זי האָט פּאַמעלעך ארויסגעפילט די שווערע ליידן פון יאָהאַנען, האָבן זיך בײַ איר געשטעלט טרערן אין די אויגן. זי האָט אים פרײַנד־לעך אָנגענומען פאַר די הענט.

— איר וועט זען, יאָהאַן, איר וועט אַלעס איבערווינדן. אײַערע אידעאַלן זענען דאָך אַזוינע ליכטיקע...

זיי האָבן זיך ביז גאָר באַפרײַנדעט. ער האָט זי באַגלייט אין אָוונט אויפן וואָקזאַל. ווען איר צוג איז אוועקגעפאָרן, איז ער אַ לאַנגע ווײַלע געשטאַנען מיט אַ פאַרטראַכטן שמייכל, ווי נאָך אַ שיינעם צויבער־חלום, וואָס לאָזט איבער אַ לאַנגע צייט אַ שמייכל אויף די ליפּן. שוין דאָ אויפן וואָקזאַל האָט ער אָנגעשריבן און אוועקגעשיקט איר אַ בריוו. ווען ער איז אין דער פרי אויפגעשטאַנען, האָט ער געפונען אַ בריוו פון איר. האָט ער מיט אַמאָל דערפילט, אַז זי איז אים נאָענט און טייער, אַז עפּעס אַזוינס האָט באַרירט זײַן האַרץ, וואָס לאָקט און פאַר־שכּורט, וואָס זאָגט צו גליק און טרייסט. פאַרוואָס־זשע קלעמט אים אַזוי דאָס האַרץ? פאַרוואָס ווילט זיך אים אַזוי וויינען? ער פילט נאָך שטאַר־קער די פאַרצווייפלטע שמערצלעכע בענקשאַפט. אַלעס זעט אים אויס נאָך מער טונקל און געהיים. מיט גרויס אימפּעט איז ער אַריין אין אוניווערזיטעט - לעבן.

אָבער שוין די ערשטע חדשים האָט יאָהאַן איבערגעלעבט אין אוני־ווערזיטעט מאָדנע איבערראַשונגען. ס׳זענען מיט אים פּאַרגעקומען גאָר מאָדנע זאַכן.

ווי פיל סטודענטן פון זיין קרייז, ווי למשל זיין קוזין פריץ קעטנער, איז אויך יאָהאַן גלייך פון אָנהויב געוואָרן א מיטגליד פון דער סטודענטישער קאָרפּאָראַציע „בורשנשאַפט". יאָהאַן האָט זיך דאַמאָלט דערוווּסט, דאָס די אַנדערע קאָרפּאָראַציע „קאָר", וווּהין עס גייען אריין סטודענטן פון הויכן דייטשן אדעל, נעמט נישט אויף קיין יידן.

אויסער דייטשלאַנד ווייסט מען זייער ווייניק וועגן אָט די סטודענטישע קאָרפּאָראַציעס, וואָס זענען אָבער נישט ווייניקער אויפפאַלנדיק און טשיקאַווע, ווי א שטייגער דער באַרימטער וואַסערפאַל אויפן ריין. טאַקע דאָרט, אין דער קאָרפּאָראַציע, האָט יאָהאַן אויף זיין דורכדרינגלעכן שטייגער דערפילט די גאַנצע טראַגישע צעריסנקייט פון זיין צייט און סביבה, דעם באַהאַלטענעם אומגליק פון יידישן לעבן. וואָס־זשע איז אַזוינס די קאָרפּאָראַציע?

די קאָרפּאָראַציע איז א פאַרבן ־ טראַגנדיקע סטודענטישע אָרגאַניזאַציע — די מיטגלידער טראָגן פאַרביקע פלאַטשיקע היטעלעך, פאַרביקע באַנדן איבער דער ברוסט און פאַרביקע צייכנס אין די ליולקעס. די קאָרפּאָראַציע האָט זיך אַנטוויקלט אין אָנהויב פון נייַנצנטן יאָרהונדערט פון די פריערע „לאַנדסמאַנשאַפטן". ביז צו דער לעצטער צייט נעמט ארום די קאָרפּאָראַציע א גרויסן טייל פון סטודענטן אין די דייטשע אוניווערזיטעטן. נאָך איידער ער איז געוואָרן א מיטגליד, האָט יאָהאַן ערשטוינט ארויסגעפונען פון פאַרשידענע סטאַטוטן, דאָס די קאָרפּאָראַציע איז געבויט אויף אַזוינע דריי יסודות: די שטרענגע אָפּהיטונג פון סטודענטישער „ערע" (פאַר א באַליידיקונג איז יעדער מיטגליד זיך מחויב צו שלאָגן אויף א דועל — „אומבאַדינגטע סאַטיספאַקציע!"), פריילעכער געניס פון סטודענטישער יוגנט (ביר, געזאַנג און מיידלעך), שאַרפע פּאַטריאָטישע געזינונג.

הערט נאָך ווייטער!

די קאָרפּאָראַציעס האָבן א „טרינק ־ קאָמענט" (ביר ־ קאָמענט) און „פעכט ־ קאָמענט", — דאָס זענען תקנות צו רעגולירן די טרינקליידנשאַפטן און די דועל־שלעגערייען, וואָס פלעגן אַמאָל פירן צו שוימלעכע ווילדקייטן (ס׳גייען ארום גאַנצע לעגענדעס וועגן די ווילדקייטן פון דער סטודענטישער „שוועבל ־ באַנדע" פון 1877 אין יענא). סיי־

ווי־סיי איז עס תּמיד אין דער קאָרפּאָראַציע אַ גרויסער שטאָלץ צו שלאָגן זיך אויף דועלן, די מייסטע קאָרפּאָראַנטן האָבן אויף די פּנימער קוים פאַרהיילטע גאַרבן פון די בלוטיקע שניטן, וואָס זיי באַקומען אויף די דועלן. אַזוינע גאַרבן זענען פאַר די קאָרפּאָראַנטן אַ מין שיינדל, אַ צייכן פון גבורה, פון־זיך־שוין־געשלאָגן־צו־האָבן.

באַשטייט דאָך אָבער די קאָרפּאָראַציע פון סטודענטן, פון שטודירנדיקער יוגנט — ווו־זשע זענען די שטרעבונגען פאַר וויסנשאַפט, פאַר גייסטיקער אַנטוויקלונג? יאָהאַן, אַט דער פאַרטרוימטער גריבלער, האָט טאַקע געוואָלט אַנטלויפן פון קאָרפּאָראַציע, ער האָט געוואָלט אַריינטרעטן אין די פרייע סטודענטישע פאַריינען, וואָס ווילן נישט וויסן פון דועל - צוואַנג אָדער ביר - צוואַנג. אָבער נישט נאָר זיינע חברים, נאָר אויך דער פאָטער, דער באַנקיר, האָבן אים שטאַרק צוגערעדט, ער זאָל כאָטש אויף אַ געוויסער צייט בלייבן אין קאָרפּאָראַציע, כּדי זיך צו „פאַרהאַרטעווען" אין דער „עהרע"־דיסציפּלין פון דער קאָרפּאָראַציע. זייער פיל באַרימטע געלערנטע און דיכטער אין דייטשלאַנד, טענהט דער פאָטער, זענען געוועזענע קאָרפּאָראַנטן. לערנט מען אין דייטשלאַנד, זאָגט ווייטער דער פאָטער, דאַרף מען זיך באַקענען מיט דעם דייטשן קאָרפּאָראַציע - גייסט. אַט די רייד האָבן געוועקט נייגיר ביי יאָהאַנען, און ער האָט נאָכגעגעבן.

צוערשט האָט יאָהאַן דוקא אויסגענומען אין דער קאָרפּאָראַציע מיט זיין אָריגינעלן יינגלש־חנעוודיקן אויסזען, מיט זיין נאַאיווער און דאָך איבעראַשנדיק טיפער ערנסטקייט. דער עולם אַמוזירט זיך, וואָס צווישן חברים רעדט ער וועגן „פּראָבלעמען" מיט אַזאַ טאָן, גלייך ווי ס'גייט אים אין לעבן. אַ חוץ דעם פלעגן זיך צייטנווייז אין אים אויפכאַפּן פונקען פון לוסטיקער שטיפערישקייט, וואָס פלעגן אַמוזירן, ווי אומגעריכטע ליבע - שמייכלען אויף אַ שטרענג אומשולדיקן מיידלשן פּנים. מ'האָט אים פריינדלעך שפּאָטיש גערופן „שפּינאָזאַ", אָדער נאָר „שפּינאָזעלע". באַלד אָבער איז פאָרגעקומען אַ „שטילער סקאַנדאַל", און טאַקע גאָר אומגעריכט.

די מעשה איז אַזוי.

אין דער קאָרפּאָראַציע איז עס געווען שיר נישט אַ שאַנד צו גיין דאָס ערשטע יאָר אויף לעקציעס, סיידן ס'איז דורכוים נויטיק. יעדן אָוונט קומט פאָר ביי פאַרשידענע גרופּעס פון דער קאָרפּאָראַציע אַ „קנייפּע", דאָס איז אַ מין סטודענטישער צוזאַמען־זיין מיט געזאַנג און ביר־טרינקען

(לויט דעם „ביר־קאָמענט"). די סטודענטן פון ערשטן יאָר הייסן „פוקסן", די עלטערע סטודענטן זענען „בורשען". די קנייפּעס פון די יינגערע ווערן אָנגעפירט דורך א „בורש", וואָס דאַרף אָקאָרשט ערציען די „פוקסן" אינם גייסט פון קאָרפּאָראַציע.

יאָהאַן האָט זיך נייגיריק אַריינגעצויגן אין אָט דער נייער אַטמאָס־פער. גייט ער אָוונט צוזאַמען מיט פריצן אויף דער אָפיציעלער קנייפּע. זיי קומען אַריין אין לאָקאַל, אין אָפּגעשלאָסן צימער אין א רעסטאָראַן. ארום טיש זיצן דאָרט עטלעכע און צוואַנציק פוקסן, דער „פירער" אויבן־אָן. ארום יעדן שטייט אויף א קיילעכדיקן קאַרטאָנדל א גרויס גלאָז ביר. דער פירער איז היינט דער באַקאַנטער בורש, היינריך „דער ערשטער", אַן עכטער פּרוסאַק. א הויכער יונג מיט אייזערנע פּלייצעס, א בלאָנדער מיט גרינע אויגן. דאָס גאַנצע פּנים איז אים באַדעקט מיט גאַרבן פון באַקומענע בלוטיקע שניטן אויף אומצייליקע דועלן און אַלערליי פּעכ־טערייען. מ'רופט אים היינריך „דער ערשטער", ווייל ער איז געווען דער ערשטער קענער אין אַלערליי מינים ספּאָרט, דערהויפּט אין באָקסן און פעכטן.

קוקן אַלע ארום טיש מיט אָפּשיי אויף היינריך דעם ערשטן. פאַרביקע באַנדן ציען זיך באַלכסון איבער סטודענטישע ברוסטן. דוכט זיך שמאָלע לויזע באַנדן, אָבער זיי פאַרשליסן אַזוי קאָרפּאָראַנטיש די בחורשע ברוסטן. אין די גלעזער שפּיגלט זיך דאָס גאָלדיק בלאַנדע ביר אַנטקעגן דעם עלעקטרישן ליכט, דאָ און דאָרט שוימט עס איבער די ראַנדן פון די גלעזער. יונגע פּנימער זענען איבערפולט מיט דער וויכטיקייט און שטאָלץ פון ערשט געוואָרענע מיטגלידער, פון פילן זיך צוגעהעריק צו א גרויסן קאָלעקטיוו. און אויף די ליפּן קלינגען שוין גאָר קאָרפּאָראַנטיש אַזוינע ווערטער ווי „ביר־קאָמענט", „פעכט־קאָמענט", „מענזורן" א. דגל.

ס'זעט אויס, ווי אָט די יונגע לייט ווילן גאָר קיין אַנדערע דאגות נישט האָבן, ווי ביר און דועל. אָדער אפשר איז עס א מין אויסטון זיך פון דער וועלט, פון יעדן ערנסט, כּדי זיך אָנצוזאַפּן אויפן גאַנצן לעבן מיט פרייד און פרייהייט פון שפּיל, און אפשר איז עס...

אָבער אָט האָט דער פירער א קלאַפּ געטון איבערן טיש. ווי איין מענטש זענען אַלע אויף קאָמאַנדע אויפגעשטאַנען און אָנגעהויבן זינ־גען א סטודענטיש ליד. נישט א שאָקל, נישט א ריר — ווי יונגע סאָסנעס אויסגעשטרעקט, שטייען די סטודענטן אומבאַוועגלעך ארום זייערע ער־טער ביים טיש און זינגען מיט שטייף־פרייַלעכן ערנסט. ווי געבעט־

ביכער, האַלט מען אין די הענט אַ ביכל פון סטודענטישע לידער („קאָ־מערס־בוך"). אַ חוץ פּאַטריאָטישע לידער זענען דאָרט פאַראַן ליבעס־און וואַנדער־לידער, אויך די וויציקע גראָטעסקע „בורשן" - לידער („בורשן" - ליריק). מיטזינגענדיק מיט די סטודענטן, האָט יאָהאַן מיט אַמאָל דערפילט, אַז דאָ מאַכט מען פון דעם שפּיל מיט ביר און שווערד אַ ביטערן ערנסט, אַ מין קולט מיט אייזערנער דיסציפּלין. וואָס איז מען דאָ אויסן? און אָט האָט מען געענדיקט דאָס ערשטע ליד. אויף קאָמאַנדע האָט מען שטייענדיק אויסגעטרונקען מיט איין אָטעם די גרויסע גלעזער און זיך ווי איין מענטש צוריקגעזעצט. פון אומגעוויינהייט האָט ביי יאָהאַנען נאָכן ערשטן גלאָז אַ שווינדל געטון אין קאָפּ. אַ ווײַלע האָט ער שטאַרק געפינטלט מיט די אַרויסגעשטאַרצטע אויגן. פונקט אַנטקעגן אים זיצט פריץ. יאָהאַן קוקט אויף אים און וואונדערט זיך. ווי נאַטירלעך פריץ האָט זיך דאַמאָלט אויף דער בר־מצוה פייערלעך שטייף אויסגע־שטרעקט נעבן זיין פאָטער אין טעמפּל, אַזוי נאַטירלעך האָט ער זיך איצט קאָרפּאָראַנטיש שטייף אויסגעשטרעקט צווישן די זינגענדיקע סטו־דענטן מיט דעם קאָמערס־בוך אין דער האַנט. ער איז שוין מיט די ביינער אריין אין דער קאָרפּאָראַציע — דער פאַרביקער באַנד ליגט אויף אים ווי אויסגעגאָסן.

צווישן געזאַנג, ביר און גערעדעריי איז מיט אַמאָל שטיל געוואָרן. דער פירער, היינריך דער ערשטער, האָט אָנגעהויבן אַ באַלערנדיקן שמועס מיט די פוקסן וועגן דעם סטודענטישן ערן־באַגריף.

— ערע! סטודענטן־ערע!

דאָס וואָרט „ערע" קלינגט ביים פירער אין מויל, ווי ביי פאַרציי־טיקע פעלקער דער נאָמען פון אַן אָפּגאָט, פאַר וועלכן מ'גייט מיט פרייד פאַרגיסן אייגן און פרעמד בלוט. אַ פעפער־שאַרפע אַמביציע רייצט און קיצלט יונג סטודענטיש בלוט. היינריך דער ערשטער דער־קלערט עפּעס פונם פעכט־קאָמענט:

— דער שווערער אָדער קרומער זעבל (אַ מין קרום געבויגן שווערדל), זאָגט ער, איז דער סטודענטישער וואָפן, כדי אויסצוקעמפן אויף דועלן אַ באַליידיקונג. בלויז ביים ספּאָרט ווערט באַנוצט דער גלייכער זעבל, דער...

די גאַרבן אויף היינריכס פנים רויטלען זיך אַנטקעגן דעם עלעק־טרישן ליכט, די גרינע אויגן שטעכן זיך אריין חבריש אין פאַרשידענע פנימער פון די פוקסן. ער רעדט אָפּגעהאַקט, מיט אַ ברוסטלעך דיקער

שטים, וואָס וואַרפט ווערטער אין דער לופט אַזוי שנעל און זיכער, ווי
א געניטער פעכטער דעם קרומען זעבל...

— דער שווערער, קרומער זעבל!..

טאַקע נישט אַזוי דורך היינריכס רייד, ווי דורך זיין טאָן האָט יאַהאַן מיט אַמאָל פאַרשטאַנען, וואָס מ'איז דאָ אויסן אין קאָרפּאָראַציע. אָט וואָס! כּדי סטודענטן זאָלן נישט ווערן דורך דער הויכער בילדונג פאַר־איידלט און פאַרגייסטיקט — דרילעוועט מען זיי סאָלדאַטיש אין דער קאָרפּאָראַציע, מ'האַמערט זיי אַריין אין קאָפּ און אין בלוט עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אַרומנעמען די נשמה ווי אַ פּאַנצער און נישט לאָזן דורכ־דרינגען דעם איידל־מאַכנדיקן איינפלוס פון דער וויסנשאַפט. מעג מען דערנאָך ווערן אַ געלערנטער, וועט מען שוין אינערלעך קאָנען בלייבן סאָלדאַטיש שטייף און האַרט. אָט אַזוי מאַכט מען, דאָס גייסטיקע אינ־טערעסן זאָלן אויף אַלע מאָל בלייבן נישט מער ווי אַ לוקסוס, אַ צאַצקע—„בלומען און קאָמפּאָט‘‘. בלומען און קאָמפּאָט!

ווי קומען אָבער לאַנגע חקירות אויף אַ קנייפּע! דער פּירע־ זעלבסט רייסט איבער אַלע ווילע זיינע קורצע, אַזוי באַלערנדיקע, שמועסן. אויף קאָמאַנדע זינגט מען געפּעפערטע סטודענטן־לידער, די קעלנער טראָגן אַריין אַלע ווילע פרישע גלעזער ביר. יונגע הערצער קלאַפּן שטאַרקער און דאָס בלוט ווערט הייסער. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ביי יאַהאַנען ציטערט די אונטערשטע ליפּ נישט נאָר פון אויפרעגונג, נאָר אויך פון אַן איבעריקן טרונק ביר. נאָך דעם דריטן גלאָז האָט עס ביי אים די אונטערשטע ליפּ אָנגעהויבן עטוואָס טאַנצן. שמייכלען אייניקע אויף אים קוקנדיק און פּליטערן צו אים פאַרוווּנדערט גוטמוטיק:

— וואָס איז דאָס, שפּינאָזאַ, מיט אייך געוואָרן...

ס'הויבט אים אָבער גאָר נישט אָן צו אַרן. פאַרקערט! ווי די אונ־טערשטע ליפּ, אַזוי האָט דאָס בלוט אין די אָדערן אָנגעהויבן טאַנצן. און כאָטש דער מוח איז אַ דורך פאַרנעפּלט, פילט ער אַז ס'איז אַ נעפּל פון גאַלע פרייד. פאַרוואָס טאַקע נישט זיין פריילעך?

אַ מאָדנע זאַך! ער איז דאָך גאָר שוין אַ קאָרפּאָראַנט. נישט נאָר זיינע גייסטיקע זוכענישן, נאָר זיין שמערץ און בענקשאַפט זענען שוין נישט מער ווי ווייטע בלומען, וואָס וואַקסן ערגעץ כ'ווים נישט ווו און וואָס בלויז אויף אַ טשעקאַוועס, ווען־נישט־ווען, רייסט מען זיי אַרויס פון די וואָרצלען און מ'הענגט זיי אָן פאַר אַ צאַצקע אויפן לאַץ. און אָט הויבן שוין אַלע ווידער די גלעזער הויבט אויך יאַהאַן אויף זיין גלאָז און ליידיקט

ביבליאָטעק

עס אוים. פריילעכע סטודענטן־לידער קלינגען הילכיק אין די אויערן, און די לופט ציטערט פון מעכטיקן געזאַנג... אָט אַזוי! דער מוח איז א דורך פאַרנעפּלט, אָבער דער נעפּל איז פול מיט פרייד. און דער פאַנ־צער — איי דער פאַנצער!.. ער קוקט אַנטקעגן צו פריצן און וויל אים אפּנים עפּעס זאָגן:

— פּ—פּ—פּ—פּריץ...

ער צעלאַכט זיך, וואָס די צונג טאַנצט אַזוי אויף דעם „פּ". און טאַקע בלויז פון פריילעכקייט וועגן הויבט ער אויף פּלוצים די האַנט צום פירער און טוט אים א פרעג. א מאָדנע זאַך: די צונג שטאָלפּערט נישט מער, און די ווערטער לויפן פייל פון בויגן:

— וואָלט דען יעזוס קריסטוס מיט אַלע זיינע אַפּאָסטאָלן געקענט אריין אין אונזער קאָרפּאָראַציע, ווען זיי זאָגן, אַז אויף א באַליידיקונג דאַרף מען ענטפערן נישט מיט א דועל, נאָר מיט ליבע, בע־בע, וואָלט דען...

היינריך האָט פיינט אַזוינע רייד אויף א קנייפּע. זיינע גרינע אויגן טוען א בליץ אויף יאָהאַנען, און פון אַלע גאַרבן־שניטן אויף זיין פּנים לויפט אַרוים א געשריי:

— שווייגן! דאָס מויל האַלטן!

קאָן אָבער יאָהאַן נישט איינהאַלטן די רייד, וואָס קייקלען זיך משוגענערווייז, ווי פון זיך זעלבסט, פייל פון בויגן:

— יעזוס האָט נישט דעם מינדסטן באַגריף פון אונזער סטודענטי־שער ערע, ער קאָן א זעבל אין האַנט נישט נעמען — ער מוז יאָרנלאַנג לערנען אויף אונזערע קנייפּעס, ער מוז...

ס'האָט זיך דערהערט א קנאַל איבערן טיש, עמעצער האָט א כאַפּ געטון יאָהאַנען פאַר די פּלייצעס, האָט יאָהאַן פּלוצים א ציטער געגעבן מיטן קאָפּ און איז ווי מיט אַמאָל ניכטער געוואָרן:

— אַנטשולדיקט!..

ניין! אין דער קאָרפּאָראַציע, ווי אין דער אַרמיי, אַנטשולדיקט מען נישט קיין ברוך פון דיסציפּלין. ער האָט גלייך באַקומען אַזאַ דיס־ציפּלינאַרע שטראָף: ביי דער הערשנדיקער שטילקייט פונם פּלוצים שטום־געוואָרענעם עולם האָט היינריך אים באַפוילן (ווי א שטראָף־עקזעקוציע): דריי מאָל נאָכאַנאַנד אויפשטיין און זעצן זיך.

ווי א בייטש האָט געפייערט אין דער לופט זיין קאָמאַנדע־געשריי:

— אויפשטיין — זיצן!

— אויפשטיין — זיצן!

— אויפשטיין — זיצן!

ווען יאָהאַן האָט זיך צוריקגעזעצט דאָס דריטע מאָל, איז ער געווען שטיל און פאַרטראַכט. די אַרויסגעשטאַרצטע אויגן האָבן זיך אויסגעלאָשן, און די אונטערשטע ליפּ האָט אומבאַהאָלפן עטוואָס אַראָפּגעהאָנגען. דאָס האַרץ האָט אים ווידער געקלעמט פון שמערץ און בענקשאַפט. ס׳האָט אים דערצו נאָך געעקלט פון דער דיסציפּלין־שטראָף, גלייך ווי מ׳וואָלט אים מיט אַ סאָלדאַטישן שטיוול אַ טרעט געטון אויפן קאָפּ. ער האָט גלייך דערפילט, אַז די קאָרפּאָראַציע וועט אים נישט אויסדרעסירן, נאָר וועט טיפער מאַכן זיין אינערלעכן שמערץ. אָט ווי אַן אומפּאַסנדיקער שליסל, וואָס מ׳דרייט אומזיסט אין אַ פרעמדן שלאָס און וואָס וועט דעם שלאָס נישט עפענען, נאָר צעברעכן. אין יעדן מענטשן, האָט ער געקלערט, איז אַפּנים פאַראַן עפּעס אַזאַ פינטל, וואָס איינמאָל אויפגעוועקט, לאָזט עס זיך גאָר נישט איינשטילן. אָט די אַמאָל אויפגעוועקטע אומרו ביי יאָהאַנען וועט די קאָרפּאָראַציע קיינמאָל נישט קענען שטילן. קיינמאָל נישט?

אויף מאָרגן איז ער אויפגעשטאַנען מיט דעם באַשלוס, אַז ער וועט דאָך פון קאָרפּאָראַציע דערווייל נישט אוועקגיין — ער וועט נאָך „אויס־פּרובירן". ס׳איז דאָך עפּעס אַ גאַנצע ריכטונג, שיר נישט די מעב־טיקסטע ריכטונג אין דייטשן אוניווערזיטעט צייט מער ווי אַ יאָרהונ־דערט. קאָן מען אַזוי גיך אַרויסטראָגן אַן אורטייל. דערצו האָט אַ באַ־האַלטענער פונק פון שטיפערישע טונקעלע גלוסטעניש אָנגעצונדן זיין בלוט און אַרויסגערופן אַ מאָומדיקע קיצלדיקע הייסקייט.

אָט די טונקעלע גלוסטענישן האָבן זיך באַלד אַרויסגעוויזן פיל שטאַרקער, ווי יאָהאַן האָט געגלויבט, און האָבן אים טאַקע אומגעריכט אַריינגעפירט אין אַ מאָדנעם פּלאָנטער.

אָנגעהויבן האָט זיך עס גאָר אומבאַמערקט.

פריץ און די אַנדערע חברים האָבן אים נישט איינמאָל דערציילט, אַז געוויינלעך פאַרשאַפט זיך יעדער סטודענט אַ „פאַרהעלטעניש". דאָס איז אַ מין פרייע ליבע. מ׳באַקענט זיך ערגעץ, ווו ס׳איז, מיט אַ מיידל, (מייסטנס אַ פאַרקויפערין אָדער אַ ביוראָליסטין) מ׳פאַרפירט מיט איר אַ ליבע און מ׳לעבט מיט איר אַזוי לאַנג, ביז... זי דערעסט (דאַן געפינט מען זיך אַן אַנדערע). פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ „פאַרהעלטעניש" קאָן מען האָבן נאָר מיט „פּראָסטע" מיידלעך, אָבער נישט מיט רייכע אָדער געבילדעטע — יענע זענען צוגענגלעך בלויז פאַר „חיילִיסקער" ליבע

אָדער „ערנסטע" חתונה - געדאַנקען. און כאָטש יאָהאַן זעלבסט איז אויפגעהאָדעוועט אין אַ רייכן הויז, זעט ער אָבער באַזונדערס שאַרף אין אָט דעם „פּארהעלטעניש" די גאַנצע וווּלגאַרע אומפאַרשעמטקייט פון די רייכע סטודענטעלעך צו מענטשן פון אָרעמערע קלאַסן.

— שטימט עס, פריץ, מיט דעם סטודענטישן ערן־באַגריף?

— דיר געפעלט נישט, יאָהאַן. דאַרף מען נישט, לאָז מיך אָפּ מיט דיינע גריבלענישן...

יעדנפאַלס פאַר יאָהאַנען קומט עס איצט גאָר נישט אין פראַגע. ער שרייבט זיך דורך מיט העלעגאַ גרינשטיין — צווישן זיי וועבן זיך אַזוינע האַרציקע באַציונגען, דאָס יעדער געדאַנק וועגן אַן אַנדער פרוי איז אוממעגלעך. אָבער דאָס פאַרפלוכטע וואָרט „פּאַרהעלטעניש", וואָס איז פאַר יאָהאַנען אַזוי פאַרבאָטן, אומאַנשטענדיק און וווּלגאַר, קיצלט דאָך די טונקעלע גלוסטענישן מיט דער לאָקנדיקער צוגענגלעכקייט מיט דעם „נאַ־דיר־תּיכּף־ומיד". ס'איז טאַקע טריף און נידריק, דערפאַר אָבער קאָן מען עס מיט דער האַנט דערלאַנגען, ווען די געהויבענע ליבע איז ערגעץ כ'ווייס ווו. יאָהאַן האָט זיך זעלבסט געכאַפּט ביי מיאוסע געדאַנקען, וואָס אָט די טונקעלע גלוסטענישן האָבן געטריבן אין מוח. ווי פרעמדע כּחות האָבן זיי אים אַטאַקירט און געבריט. האָט אָט וואָס געטראָפן.

איינמאָל איז ער געווען איינגעלאַדן צוזאַמען מיט פריצן אויף אַ קערמישל צום באַפריינדעטן סטודענט גרובער, וועלכער איז היי־יאָר געקומען פון דרעזדן אַהער שטודירן און וווינט אין געדונגענע קאָמ־פאָרטאַבלע צימער. יענער האָט געהאַט געבורטס־טאָג, האָט ער אויפן אָוונט גערופן איניקע סטודענטן אַ הוליע טון. דער אָוונט האָט זיך גלייך אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס יעדער איינער איז געקומען מיט זיין פריינ־דין („פּאַהעלטעניש"). מיט פריצן איז געקומען אַ חוץ זיין פריינדין אויך איר יינגערע שוועסטער — אַ גאָר יונגע שמייכלענדיקע בלאָנדינקע מיט פאַרשייטע חן־גריבעלעך אויף די פולע ראָזעווע באַקן. ס'האָט אַלעמען באַהערשט אַ סטודענטיש היימישע פרייִלעכקייט, וואָס ווי אויס־געלאָסן זי וואָלט נישט, האָט זי נאָך דאָך היפּשע רעשטלעך פון שטיפע־רישער פאַרבלאָנדזשעטער אומשולד. מיידלשער געלעכטער האָט ווי מיט הייסן זילבער די לופט געצונדן. מ'האָט געטרונקען פיל וויין, די מייד־לעך האָבן מיטגעטרונקען און זענען אַלץ פרייִלעכער געוואָרן. ווי דאָ־מאָלט אויף דער קנייפּע, האָט זיך אויך איצט ביי יאָהאַנען נאָך די

ערשטע גלעזער דער מוח פאַרנעפּלט — און דער נעפּל איז גאַלע פריידי. אָבער איצט האָבן, ווי פולע אָנגעגאָסענע קנאָספּן ארויסגעפּלאַצט די טונקעלע גלוסטעניש און האָבן אָנגעהויבן אין אים פּראַנק און פריי צו רודערן. און אַט האָט זיך די שמייכלענדיקע בלאָנדינקע געזעצט ביי אים אויף די קני און האָט אים מיט ווייכע הענט ארומגענומען. פון דעם געטרונקענעם ווין זענען ביי איר אַזש די חן־גריבעלעך צעשיכּורט. אַ מאַוימדיק זיסע וואַרעמקייט האָט זיך ביי אים אין די גלידער צעגאָסן. ער האָט זיך נישט געווערט, ער האָט זיך געלאָזט פאַרכאַפּן פון די צעהיצטע ווילד - געוואָרענע גלוסטעניש...

אויף מאָרגן איז ער אויפגעשטאַנען מיט אַ שווערן קאָפּ. אויפן טיש איז געלעגן אַ נאָר וואָס אָנגעקומענער בריוו. יאָהאַן האָט שוין פון ווייטן דערקענט אויפן קאָנווערט די קלאָרע ליבלעכע האַנטשריפט פון העלענא, ער האָט אָבער נישט געוואַגט דעם בריוו צו עפענען. ס׳איז אויף אים גע־קומען יענער שווערער אָנפאַל פון טרויעריקייט, וואָס פלעגט אים פון צייט צו צייט באַהערשן. ביי אַזאַ מעלאַנכאָלישן אָנפאַל פלעגט ער פילן אַזוי דייטלעך און שאַרף דעם אינערלעכן נשמה־שמערץ, ווי מ׳פילט אַ רייסנ־דיקן צאָן־ווייטיק. ער פלעגט אָבער מייסטנס מיט גרויסע גייסטיקע אָנ־שטרענגונגען בייקומען די שוואַרצע מעלאַנכאָליע.

ער איז איצט אַ לאַנגע צייט געשטאַנען אומבאַוועגלעך מיטן פּנים צום פענסטער, די אונטערשטע ליפּ עטוואָס אראָפּגעהאָנגען. ער האָט גע־קלערט, אַז אייגנטלעך האָט נעכטן מיט אים פּאַסירט אַ פּשוטע באַנאַלע זאַך. זינט די וועלט שטייט ווילן אויפגעקלערטע יונגען בייקומען זינדיקע תּאוות, פאַרבאָטענע ליבעס, און זיי ווערן דערביי מייסטנס געשטרויכלט. טאָקע אין יעדן ראָמאַן־ביכל, ביי יעדן בחור, טרעפט מען אַזוינס. ס׳איז אַפּנים אַזאַ נאַטירלעך־שטענדיקער פּלאָנטער ביים מענטשן, ווי דער טויט, ווי אַלע אייביקע פּלאָנטערס. און דאָך איז עס גאַלע רעטעניש. אַפּריער ציט די זינדיקע תּאווה ווי אַ מאַגנעט. באַפרידיקט מען זי — פילט מען זיך פּוסט, אויסגעליידיקט, און פון דער אויסגעלעבטער תּאווה בלייבט שטעקן אין דער נשמה אַן עיפּושדיקער ריח, ווי פון אַ בר־מינן. און נאָך איידער אַט דער מיאוסער גערוך האָט זיך אויסגעוועפּט, ווערט די זעל־ביקע תּאווה ווידער פון ס׳ניי געבוירן. אַט ווינקען שוין צו אים ווידער די פאַרשייטע חן־גריבעלעך... ער, יאָהאַן, זעט באַשיינפּערלעך אין דער אויסגעלעבטער תּאווה די זעלביקע פאַרגליווערטע ליידיקייט, וואָס ער האָט דאָן אין די קינדער־יאָרן געזען אינעם שטאַרן בליק פון דער שטאַרבנדיקער

מוטער, אין די שטומע קראַנצן אויפן קבר... אַט די אַלע פּלאָנטערס שטיקן אים אין דער ברוסט, לאָזן אים נישט אָטעמען. וואָס ער האָט ווייטער דאָ צו טון אין דער יונקערישער קאָרפּאָראַציע? ער מוז אַרויסגיין אויף ברייטע פּרייע גייסטיקע וועגן, ער מוז זוכן און געפינען דעם וועג פון דערלייזונג— אַנישט וועלן אים פאַרשלינגען די מעלאַנכאָלישע פּלאָנטערס...

ווער ווייסט, ווי לאַנג יאָהאַן וואָלט געקווענקלט, ווען ס'וואָלט נישט פאָרגעקומען אַזאַ טשעקאַווע זאַך, וואָס האָט געבראַכט אַן אומגעריכטן אויסגאַנג.

הערט אַ געשיכטע!

דער דייטשער סטודענט שמידט, קומט פון אַ קאַטוילישער פאַמיליע אין האַנאָווער, איז, ווי יאָהאַן, אַ מיטגליד פון דער זעלביקער קאָרפּאָ־ראַציע,כאָטש ער איז ערשט אַ „פוקס", קאָן ער שוין גאָר וווילייננעריש פעכטן מיטן זעבל, האָט דאָס חיות ליב דועלן און זוכט שטענדיק אַ גע־לעגנהייט פאַר אַ נייעם דועל. אין קאָרפּאָראַציע איז עס געוויינלעך געגוג מ'זאָל איינעם פאַרטשעפּען מיט אַ קרום וואָרט, אָדער בלויז מיט אַ קרומען בליק, כדי צו מוזן שלאָגן זיך דערפאַר אויף אַ דועל („סאַטיספאַקציע!"). פאַלט אים איין, שמידטן, צו פאַרטשעפּען זיך מיט יאָהאַנען, אַ דועל מיט אָט דעם קליינעם געצאַצקעטן שפּינאָזעלען וואָלט געוועזן אַ היפּשע סענסאַציע ביי די פוקסן. שמידט איז אַ שטרענגער אָנגעבלאָזענער קאָרפּאָראַנט, דאָס פּנים איז אים שוין באַדעקט מיט גאַרבן פון פיל דועלן, ער נעמט ביטער ערנסט די אַלע קאָרפּאָראַנטישע זיטן. און אָט, איינמאָל גייענדיק פון אַ קנייפּע, האָט ער אָנגעיאָגט יאָהאַנען און אויף אַ צעיושעטן שטייגער האָט ער גאָר אומגעלומפּערט, ווי פון העלער הויט, אים גייענדיק אַריינגעבראָקט:

— כ'האָב אייך, הער קעטנער, שוין לאַנג געוואָלט פרעגן, ווי שעמט איר זיך נישט צו טראָגן אַזאַ פאַרפלוכטע יידישע נאָז. דער האָרביקל אויפן נאָז איז פול מיט פאַרקאַפּטן יידישן אָריענט — ס'קערט די גאַל...

שמידט האָט זעלבסט דערפילט די אומגעלומפּערטע האַמעטנעקייט פון זיינע רייד און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. אָבער דאָ איז פאָרגעקומען עטוואָס אומגעריכטס. אָנשטאָט זיך צו באַליידיקן, האָט יאָהאַן אויסגע־שטעלט אויף שמידטן פאַרוואונדערט אויסגעשטאַרטע אויגן מיט אַזאַ אויס־דרוק פון איבעראַשונג, גליך ווי יענער וואָלט אים אַ געוואַלטיק נייעס אַנטדעקט:

— וואָס איר זאָגט! אַזאַ יידישע נאָז? איז דאָס מעגלעך?

— וואָס וווּנדערט איר זיך אַזוי?

יאָהאַן האָט גייענדיק זיך אַ קער געטון צו אים מיט אַ געהיימער מינע:

— ס'איז דאָך, הער שמידט, אַ וווּנדער, אַ מיסטעריע, וואָס נישט בלויז דער גייסט, נאָר אַ נאָז, אַ פּשוטע נאָז פאַר זיך, קאָן זיין יידיש, קאָן אויסדריקן די נאַציע פון אַ מענטשן, אָדער גאָר אַ קליין האָרביקל שפּריצט מיט יידישן אָריענט. דורך לאַנגע יאָרן דייטשער דערציונג, קאָן מען פאַר־דייטשן אונזער שפּראַך, געדאַנקען און געפילן. אָבער די יידישע נאָז שטאַרצט אַרויס אומבאַזיגבאַר. האָט איר געהערט אַזוינס! אויף אַ נאָז, אויף אַ האָרביקל, זאָלן זיך אַנטפּלעקן ראַסע, נאַציע, טויזנט־יעריקע פאַר־גאַנגענהייט! ס'איז טאַקע אַ שאַנדע, הער שמידט, צו וואַרטן, ביז פרעמדע מוזן דיך אַ שלעפּ טון פאַרן נאָז...

שמידט האָט מיט זיין קאָרפּאָראַנטישן מוח קוים באַנומען אָט די אַלע אומגעריכטע חקירות. קעגן דער געוויינלעכער צערעמאָניע פון אַרויסרופן אויף אַ דועל, האָט שמידט אומגעדולדיק איינפאַך אַרויסגעפּאָדערט:

—געוויס, הער קעטנער, אויב מיינע רייד באַליידיקן אייך, קענט איר פאַרלאַנגען סאַטיספאַקציע...

— פאַרקערט, כ'בין אייך זייער דאַנקבאַר, הער שמידט, וואָס איר האָט מיר באַוויזן און דערמאָנט מיין אייגענע געשטאַלט, וואָס פּאַסט טאַקע נישט פאַר דער קאָרפּאָראַציע. דאָרט זענען מייסטנס יונקערשע פּריצישע קינדער, — קינפּטיקע אָפיצירן, מיליטער־לייט. שפּילן זיי זיך באַצייטנס מיט שווערדלעך און מיליטערישער דיסציפּלין. יידן טאָרן אָבער סיי ווי סיי נישט פאַרנעמען קיין הויכע מיליטערישע פּאָסטנס, ווי די פּראָלע־טאַריער קאָנען זיי זיין בלויז סאָלדאַטן, וואָס נעמען נאָר אויס גויט אָדער פליכט אַ ביקס אין דער האַנט און האָבן קיין צייט נישט צו שפּילן זיך מיט דועלן. די רייכסטע יידן זענען ווי פּראָלעטאַריער צווייטראַנגיקע בירגער— זייער לעבן איז אַ פּראָבלעם — מוזן זיי זיך באַצייטנס פאַרנעמען מיט פּראָבלעמען. כ'האָב נישט וואָס צו טון אין דער קאָרפּאָראַציע — אייערע רייד זענען געווען דער לעצטער שטויס, דער לעצטער שלעפּ פאַרן נאָז. כ'גיי טאַקע אַרויס פון דער קאָרפּאָראַציע און וויל זיך לאָזן אַהין, וווּהין די יידישע נאָז וועט מיך פירן און...

די גאַנצע רייד האָבן אויסגעזען פאַר שמידטן ווילד־פרעמד, בטלניש־אַבסטראַקט, אומווירדיק פאַר אַ קאָרפּאָראַנט זיי אויסצוהערן. ער האָט מיט פאַראַכטונג אַ קוק געטון אויף יאָהאַנס יינגליש־צאַרטע פּלייצעס און

זיינע נאַיווע פאַרטרוימטע אויגן. נישט געגעבן די האַנט, האָט ער העפלעך קאַלט זיך אַ נויג געטון, און איז האַסטיק פאַרשווּנדן.

אָבער מיט יאָהאַנען איז פאָרגעקומען עפּעס אַזוינס, וואָס אַ ייד פון מזרח וואָלט עס קוים פאַרשטאַנען. יאָהאַן איז דערנאָך די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. די מעשה איז אַזוי.

ביים יידישן רעליגיאָנס-לערער, ביי אַלע אַרומיקע, האָט יאָהאַן שטענדיק באַקומען יידנטום ווי עפּעס אַ גלויבן, אַ פּרינציפּ, אַ מיסיע, עפּעס אַ מין גייסטיקער „קאַמפּאַט". האָט אים איצט געשראָקן און אַנטציקט די ווונדערלעכע אַנטדעקונג, אַז יידנטום שטעקט גאָר ביי אים אין בלוט, אַז ער איז נישט איינזאַם, נאָר פון פריער, אַזש פון פאַר דער געבורט, איז ער פאַרוואָרצלט אין אַ גרויסער, איבער דער גאַנצער וועלט צעשפּרייטער ראַסע, וואָס אירע אייגנשאַפטן טראָגט ער באַשיינפּערלעך אין בלוט און גלידער. ער האָט זיך שמייכלענדיק אַ טאַפּ געטון פאַר דער נאָז און געקלערט, אַז אָט דער האָרביקל גייט צו אים בירושה זייט אומצייליקע דורות, זייט טויזנטער יאָרן... אָט ווי אויף אַן עפּלבוים קאָן נישט וואַקסן קיין פלוים, נאָר יעדער עפּל טראָגט שוין פון סאַמע אָנהויב אין זיינע יאָדערלעך די חיונה, דאָס וועזן און די אייגנשאַפטן פון גאַנצן בוים און דורכן בוים איז דער עפּל פאַרבונדן מיט דער ערד, מיט די זונען-שטראַלן, מיט דער לופט (וואָס דער עפּל אָטעמט אין זיך איין), מיט דער גאַנצער וועלט. אַזוי האָט זיך יאָהאַן געפילט פאַרוואָרצלט מיט בלוט און גלידער אין דעם יידישן פאָלק, און דורך דעם פאָלק איז ער פאַרוואָרצלט אין דער גאַנצער וועלט-געשיכטע. ס'איז גאָלע מיסטעריע. אַנומלט איז פאַרביי דעם פּאַרק דורכגעגאַנגען אַ וואַנדערער אין אַ לאַנגן ראָק מיט אַ גרויסער שוואַרצער באָרד. דאָס איז געווען (אַזוי האָט מען אים געזאָגט) אַ מזרח-ייד פון גרענאַדיר-שטראַסע. ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט יענעמס בליקן, האָט אין אים אַ ציטער געטון יענץ געפיל פון אַמאָליקער היימישקייט, פון אור-אייגענעם מוטער-באָדן, אָט יענץ געפיל פון בלוט-וואַרימער היימישקייט, וואָס מ'האָט אין די פרישטע קינדער-יאָרן אויף דער מוטער-שויס. ער קלערט אויך, אַז...

די געדאַנקען האָבן יאָהאַנען געהויבן פון בעטל. ס'איז שוין שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, ער איז אַראָפּ, האָט געמאַכט ליכטיק און אָנגעשריבן אַ לאַנגן בריוו צו העלענען. ערשט פאַרטאָג איז ער איינגעשלאָפן...

יאָהאַן איז אויף מאָרגן אַרויס פון דער קאָרפּאָראַציע.

זינט דאַמאָלס האָט יאָהאַן אָנגעהויבן מיט אַ נייעם אימפּעט שטו-

דירן יידישע געשיכטע. ער האָט דערביי געהאַט דאָס געפיל, אַז ער שטו־דירט זיין אייגענע געשיכטע, אַז ער, יאָהאַן, האָט עס זעלבסט געוואַנ־דערט און געוואַנדלט מיט די פאַרגאַנגענע דורות, אַז ער מאַכט עס מיט דעם גאַנצן פאָלק נייע טריט אין דער געשיכטע. ער איז געוואָרן אַ מיט־גליד פון אַ נישט לאַנג געגרינדעטער ציוניסטישער סטודענטן־אָרגאַני־זאַציע. דער ציוניזם האָט אים צוגעצויגן שוין דערמיט, וואָס יידנטום איז דאָ נישט בלויז „קאָמפּאָט", נאָר אַ לעבנס־פראַגע. דאָס האָט אָבער שפּעטער געבראַכט נייע צוזאַמענשטויסן.

אין יענער צייט איז ער איינמאָל אין אָוונט אריין צום פאָטער אין ביבליאָטעק. ער האָט אים קורץ דערציילט זיין צוזאַמענשטויס מיט דעם סטודענט שמידט, זיין איבערלעבעניש פאַר דער לעצטער צייט, זיין אַרויסטריט פון דער קאָרפּאָראַציע און זיין אריינטריט אין דער ציוניסטי־שער אָרגאַניזאַציע. ער האָט נאָך צום סוף נאַיוו אַ פרעג געטון:

— פאַרוואָס לאָזט מען קינדער וואַרטן, ביז פרעמדע טוען זיי אַ שלעפּ פאַר דער נאָז?...

דער פאָטער האָט אַראָפּגענומען די גאָלדענע פּענסנע און פאַרוווּנ־דערט איבעראַשט אויפגעעפנט דאָס שטענדיק פאַרזשמורעטע לינקע אויג, וואָס איז עטוואָס קלענער און האָט איצט זעלבסט, פאַר זיך, גע־פינטלט און געבלינצלט.

— דו ביסט, מיין זון, גאָר נישט אַזוי אָריגינעל, ווי דו מיינסט. ס'איז איצט אין פיל הייזער געוואָרן אַ מאָדע, אַ מין עפּידעמיע אויף נאַציאָנאַליזם — אַלע מאַכן זיי אַ ווענז פון דער יידישער נאָז... אין ווין האָט אָנגעהויבן דעם ציוניסטישן טומל ד"ר הערצל, אַ פאַנטאַסט מיט אַ פּאַרצייטיקער שוואַרצער באָרד, וואָס מ'קאָן היינט געפינען נאָר ביי די שנאָרער און פאַנאַטיקער אין דער גרענאַדיר־שטראַסע. ביז אָבער די ציוניסטן וועלן אויסבויען אַ נייע יידישע מלוכה, וועלן זיי דערווייל צע־שטערן אונזערע אַזוי שווער אויסגעקעמפטע סיטואַציע צווישן פעלקער...

ביים באַנקיר האָט דאָס לינקע אויג אויפגעהערט צו פינטלען. קיי־לעכדיק אָפן און פינקלענדיק, האָט איצט דאָס לינקע אויג זיך שפּאָטיש וואָרנענדיק אָנגעשטעלט אויף יאָהאַנען:

— דיר פעלט אויך, יאָהאַן, אַ יידישע ראַסע? ס'גייט דיר אָפּ?..

יאָהאַן איז אָבער געווען פאַרטראַכט. ער האָט זיך אַ קער געטון צום פאָטער מיט אַ געהיימער מינע:

— ס'איז דאָך, פאָטער, אַ גרויסע מיסטעריע. אין מערב־אייראָפּאַ

טראָגט מען נישט קיין בערד. און אָט אין מיטן פון אַ גלאַט־ראַזירטער ציוויליזאַציע — פון וואַנען האָט זיך דאָס פּלוצים גענומען ביי הערצ־לען אַזאַ פאַרצייטיק אָריענטאַלישע שוואַרצע באָרד. אַנומלט האָב איך געזען אַ מזרח־ייד, אַ וואַנדערער, מיט אַזאַ שוואַרצער באָרד, ווי ביי הערצ־לען. טאַקע אָט די זעלביקע באָרד, וואָס וואַנדערט דורך יאָר־טויזנטער פון איין לאַנד צום אַנדערן, איז עס מיט אַזאַ קעניגלעכער פּראַכט אַרויס אויף הערצלס פּנים און באַצויבערט גאָר די וועלט...

מיט אַ געהיים פאַרטרוימטער מינע אויף די אַרויסגעשטאַרצטע מאַנדל־אויגן, האָט יאָהאַן האַלב געפּליסטערט:

— אָט די באָרד, אָט די האָריק־פאַרוואָרצלטע, איבער דער גאַנצער וועלט צעשפּרייטע, ראַסע, זיצט דאָך אין אונז זעלבסט, קוקט אַרויס פון יעדנס יידישער נאָז, קאָן אַ ליאַדע מינוט זיך פּלוצים איבער יעדן פּנים זיך באָרדיק צעבליִען... ס'איז זיך שוין גאָרנישט אויסצובאַהאַלטן...

ביים פאָטער איז ווידער דאָס לינקע אויג פאַרזשמורעט, דאָס פּנים אומבאַוועגלעך. אונטער די שוואַרצע וואָנסן האָבן זיך די ליפּן צוזאַמענ־געפּרעסט. ער האָט איינגעזען, אַז ס'איז שוין צו שפּעט איבערצורעדן יאָהאַנען, וועלכער איז „שוין" מיט די ביינער אַריין אין „פאַנאַטישן" ציוניזם..

— הער נאָר, יונגערמאַן, מאַך איבער די גאַנצע וועלט, אָבער לאָז נאָר מיך צורו... מיר וועלן נאָך אָקאָרשט זען, וואָס מיט דיין ציוניזם וועט פאָרקומען...

טאַקע שפּעטער זענען געקומען איבעראַשנדיקע וואַנדלונגען פון יאָהאַנס נייער באַגייסטערונג.

4

סטודענטישע אומרוהען און די גרענאַדיר־שטראַסע

ס׳זענען איינגיכן פֿאָרגעקומען אויפֿרעגנדיקע פּאַסירונגען, וואָס האָבן אויפֿגערודערט פֿיל דייטשע אוניווערזיטעטן. אָבער נאָך פֿאַר דעם איז יאָהאַן געווען אומרויִק. אַט ווי איינער, וואָס ליידט פֿון רעוומאַטיזם קאָן אין רעכטן זונען־שיין, ביי אַ שיין וועטער, דערפֿילן די פֿייכטקייט פֿון אַ קומענדיקן רעגן. אַזוי פֿלעגט דער טרוימעריש צעוויטאָגטער יאָהאַן דערפֿילן די באַהאַלטענע אַט־אָט פּלאַצנדיקע שטעלן פֿון אַ פֿלומרשט גלענצנדיקער סיטואַציע.

מיט אים איז צוערשט פֿאָרגעקומען אַן אינערלעכע ענדערונג. אין דער ציוניסטישער סטודענטן־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז האַלב־קאָרפּאָראַנטיש לויט איר גייסט און זיטן, איז אים אַלץ ענגער געוואָרן. דאָ קומט מען אָפּ ציוניזם מיט אַ שקל־צאָלן, מיט אַ זעלטענער דיסקוסיע־פֿאַרזאַמלונג, אָדער מיט אַ ביסל העברעאיש־שטודיום אויפֿן שפּיץ מעסער — בשעת זיין פֿלאַמענדיקע נאַטור האָט געגאַרט נאָך שווונג, נאָך גרויסע טאַטן און העראָאישע שפּאַנונגען. ווי די ליבעראַלן מאַכן פֿון יידנטום אַ מין קאָמפּאָט אויף צו פֿאַרזוכן פֿון אים בלויז אַמאָל אין אַ יובל, אַזוי איז דאָ, קלערט יאָהאַן, דער ציוניזם אַ מין נייער קאָמפּאָט, אַ פּאַרטייאיש פּראָגראַם אויף ווען־נישט־ווען צו דערמאָנען.

הויפּטזעכלעך אָבער האָבן די אָפּטע מעלאַנכאָלישע אָנפֿאַלן אים אינערלעך געבראַכט צו פֿילן אַזוי שמערצלעך די טראַגישע ליידן פֿון דעם איינצלנעם מענטשן, פֿון דעם מענטשן בכלל (ער האָט נאָך דאַמאָלסט געלייענט אין דער דייטשער איבערזעצונג די ווערק פֿון טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי, וואָס האָבן נאָך מער פֿאַרטיפֿט זיין געפֿיל פֿון מענטש־

לעבע לײדן). ס'האָט בײ אים אָנגעהויבן רײף צו װערן דער געדאַנק, אַז דאָס לײדנדיקע ײדישע פֿאָלק מוז גײן צוזאַמען מיט אַלע לײדנדיקע טײלן פֿון דער מענטשהײט. װער װײסט דען אַזױ די טיפֿעניש פֿון לײדן, װי ײדן? און װער איז נאָך אַזױ, װי דאָס ײדישע פֿאָלק, אָנגעװיזן מיט זײן גאַנצער עקזיסטענץ אױף סאָציאַלער גערעכטיקײט און פֿרײהײט? אַפֿילו כּדי אױפֿצובױען דאָס אײגענע לאַנד, מוזן ײדן האָבן די גערעכטיקײט און מיטװירקונג פֿון אַנדערע פֿעלקער. די אױסלײזונג פֿון ײדן מוז קומען צוזאַמען מיט דער אױסלײזונג פֿון דעם מענטשן און פֿון דער גאַנצער װעלט. װי־זשע זאָל עס געשען? זײן טרױמערישע נאַטור האָט אים געגװיגט צו מיסטישע איבערערדישע שטימונגען.

ס'האָט אָבער עפּעס פּאַסירט:

אױף דעם צװײטן אוניװערזיטעט־יאָר האָט יאָהאַן אָנגעהויבן שטודירן אַנטראָפּאָלאָגיע, ספּעציעל דעם בױ פֿון קערפּער בײ פֿאַרשידענע מענטשן־ראַסן. ער האָט צוליב דעם געזאָלט דורכמאַכן אַ פּראַקטישן קורס אין אַנאַטאָמישן אינסטיטוט, װו סטודענטן צעשנײדן און צעגלידערן טױטע קערפּער, כּדי צו שטודירן באַשײנפּערלעך דעם קערפּערלעכן אױפֿבױ פֿון אַ מענטשן. אָט דער אַנאַטאָמישער אינסטיטוט, אָט דאָס גװאַלטיקע מתים־שטיבל, האָט אַ לאַנגע צײט געשראָקן און צעטומלט יאָהאַנען. װי װעט ער דאָרט אָקאָרשט בײקומען דעם שרעק און עקל פֿאַר טױט און טױטע?

װען ער איז צום ערשטן מאָל אַרױף אױף די טרעפּ אַהינצו, האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין דער נאָז אַ געדיכטער עיפּושדיקער ריח, װי פֿון געפֿױלטע פֿלײש. ער האָט זיך אין שװערע אַנגסטן אָפּגעשטעלט אױף די טרעפּ, בלױז מיט גרױסער אָנשטרענגונג איז ער דאָך אַרױף אַהינצו. אױפֿן שװעל איז ער אַ װײלע געבליבן שטײן אומבאַװעגלעך — ער האָט דערזען פֿאָלגנדיק בילד:

אין גרױסע, ליכטיקע זאַלן, פֿאַרבונדן דורך טירן, זענען געדיכט צעשטעלט שורותװײז פּירעקיקע טישן, לענגלעכע, װײס געפֿאַרבטע, אײנער עטװאָס אָפּגערוקט פֿונם אַנדערן. כּמעט אױף יעדן טיש ליגט אױסגעשטרעקט אַ טױטער מיט אַ פֿאַרװאָרפֿענעם קאָפּ און פֿאַרגליװערטע גלידער (דער אױבערשטער טײל פֿונם טיש, דער „צוקאָפּנס", לאָזט זיך באַװעגן אַרױף און אַראָפּ, אַזױ אַרום קאָן מען הױבן אָדער אַראָפּלאָזן דעם אױבערשטן טײל פֿונם טױטן), אַרום דעם טױטן אױפֿן טיש שטײען

סטודענטן אין ווייסע כאלאטן און פרעפארירן די אברים פונם טויטן מיט מעסער און פינצעט.

צוערשט האט עס יאהאנען אפגעשראקן דער אנבליק און עקלדיקער ריח פון די מתים. ער האט אבער נאר געמאכט איייניקע טריט פון שוועל, האט ער זיך פארקוקט אויף צוויי סטודענטן אין ווייסע כאלאטן, וואס האבן זייער פארטיפט געארבעט ארום דעם נאענט צום שוועל שטייענדיקן טיש. זיי האבן מיט מעסער און פינצעט פרעפארירט ביים טויטן די מוסקולן פון דער האנט, האבן דערביי ארויסגעוויזן פיל פארשטענדעניש און גענױטקייט. אויף דער ברוסט פון דעם טויטן ליגט א צעעפנט בוך מיט בילדער פון האנט־מוסקולן — די סטודענטן האבן נאכגעקוקט אין בוך און האבן קונציק, לויט דעם אנווייז פון בוך, אויסגעפרעפארירט יעדן מוסקול באזונדער. יאהאן האט מיט אזא טיפן אינטערעס פארפאלגט זייער קונציקע ארבעט, דאס ער האט פארגעסן זיין גאנצע שרעק. ער האט זיך דערנאך אליין געוווּנדערט, ווי דורך דעם פארכאפנדיקן אינטערעס פון דער ארבעט זענען ביי אים אזוי שנעל פארשוווּנדן דער שרעק און דער שוידער פאר די מתים אין אנאטאמישן זאל. אט די געהיימע פארגליווערטע מתים זענען עס ווי מיטאמאל געווארן פאר אים פשוט א זאך פון ארבעט, פון שטודיום און נייגיר. אט אזוי, האט יאהאן געקלערט, ווערט מען דורך לערנען אלץ מער גלייכגילטיק צו די געהיימע רעטענישן פון טויט און אומגליק, וואס ווערן פשוט א זאך פון חקירות...

באלד אבער האט זיך ארויסגעוויזן, דאס אין אנאטאמישן זאל זענען די לעבעדיקע דארט פיל געהיימער און שרעקלעכער, ווי די טויטע. ס'זענען דארט שפעטער פארגעקומען אומרוען, און נישט די טויטע, נאר די לעבעדיקע, האבן דארט איינער אויפן אנדערן א שרעק אנגעיאגט.

שוין דעם ערשטן טאג האט יאהאן ערשטוינט דערזען אין אנאטאמישן זאל זייער פיל אויסלענדישע סטודענטן, נעמלעך, יידישע סטודענטן פון רוסלאנד, ווו מ'האט זיי אין יענע צארישע צייטן נישט אויפגענומען אין אוניווערזיטעט און זיי זענען מאסנווייז אנגעקומען אהער אין בערלינער אוניווערזיטעט. וויפל די דאזיקע האבן זיך נישט געסטארעט אויסצוזען דייטשמעריש, זענען זיי דאך געווען גענוג אויפפאלנדיק מיט זייער אימפעטיקן צעפאטלטן אויסזען. צווישן די גלאט־ראזירטע, עלעגאנט געקליידעטע דייטשן מיט שניי־ווייסע הויכע קראגנס און שטייף אויסגעהאלטענע מאניערן, צווישן אט די עכט־ציוויליזירטע יונגען, האבן

די יידיש־רוסישע סטודענטן עטוואָס איבערראַשט מיט זייער אומגעפּוצ־טער ברוויזנדיקער נאַטירלעכקייט. נישט יעדעס פּנים איז פריש ראַזירט, נישט יעדער קראַגן איז שניי־ווייס, די האָר אויפן קאָפּ צעשויבערט, און דאָס רעקל, אפילו, ווען אין בערלין געקויפט, איז נישט תמיד פריש גע־פּרעסט, ליגט עפּעס, ווי אָפּגעלאָזן. די יידיש־רוסישע סטודענטן האָבן דאָ אויסגעזען, ווי צעוואַקסענע וואַלד־בוימער צווישן קינסטלעך אַרומ־געשוירענע און אויסגעצאַצקעטע דעקאָראַטיווע פּאַרק־בוימער. און אָט דאָרט אין ווינקל בײַ אַ פענסטער שטייען אייניקע מיט בערדלעך, טאַקע ממש מיט בערדלעך. און זיי האָבן אַרויסגערופן בײַ יאָהאַנען, ווי אַנומלט דער מזרח־וואַנדערער, אַ געפיל פון אַמאָל־אַמאָליקער פאַרפרעמדעטער היימישקייט...

ס'האָט זיך באַזונדערס אויסגעטיילט אַ יידיש־רוסישער סטודענט מיט טיפע שוואַרצע אויגן און אַ קיילעכדיק שוואַרץ בערדל. זיין אויס־זען וועקט אין זאַל פאַרוווּנדערונג. אַ הייסער אימפּעט גליט אים אַרויס פונם פיין געשניצטן פּנים, אָבער מיט וועלכער טיפער איינגעהאַלטנקייט. באַוועגלעך און ריידעוודיק, איז ער דאָך פול מיט אָפּגעזונדערטקייט, פאַרטראַכטקייט און ווייכטיקייט. יאָהאַן האָט זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז זיין נאָמען איז ליובינסקי און אַז צווישן די רוסישע סטודענטן איז ער באַקאַנט, ווי אַ טיפע רעליגיעזע נאַטור און אָריגינעלער דענקער. טאַקע אים, ליובינסקין, איז אויסגעקומען שפּעטער צו שפּילן אַ ווייכטיקע ראָלע אין יאָהאַנס לעבן.

אין אַנאַטאָמישן זאַל האָט דאָ און דאָרט געקלונגען אַ געמיש פון שפּראַכן: דייטש, רוסיש, יידיש, אַמאָל אויך העברעאיש. וויפל די רוסי־שע סטודענטן האָבן זיך נישט געסטאַרעט צו רעדן שטיל, פלעגן דאָך אַלע ווײַלע אויפברויזן יידיש־רוסישע שמועסלעך. אָט צעאַמפּערן זיך, למשל, צוויי יידיש־רוסישע סטודענטן, וואָס אַרבעטן צוזאַמען בײַ איין טיש, אין ווייסע כאַלאַטן, מיט מעסער און פּינצעט אין די הענט:

— וווּהין קריכסטו, לאָקש, מיט דער פּינצעט? — דו ווייסט נישט פון דיין חיות...

— שאַ, שריי נישט אַזוי — דו ביסט דאָ נישט בײַ זיך אין יעהופּעץ...

די דייטשע סטודענטן קוקן זיך אום — צווערשט נייגעריק און דער־נאָך אויפגערעגט — אויף דעם פרעמד־שפּראַכיקן טומל פון די טשעקאַ־ווע אויסלענדער. אייניקע דייטש־יידישע סטודענטן פילן זיך קאָמפּראָמי־

טירט דורך די „אומדערצויגענע" „גלויבנס־גענאָסן" פון מזרח. מאַנכע קריצן אַזש מיט די ציין:

— גרענאַדיר־שטראַסע!

ווייל יאָהאַן ענדלעך ווייסן, וואָס איז אַזוינס „גרענאַדיר־שטראַסע", וועגן וועלכער ער האָט שוין נישט איינמאָל געהערט. האָט מען עס אים קורץ דערקלערט. אַלטמאָדישע יידן פון פוילן, גאַליציע און רוסלאַנד, פאַנאַטיקער אין לאַנגע „קאַפּטאַנעס" מיט גרויסע בערד, האָבן אַריינגע־וואַנדערט קיין בערלין און באַזעצט די געגנט פון גרענאַדיר־שטראַסע. די מייסטן זענען שנאָרער, אַלטוואַרג־הענדלער, בעל־מלאכהלעך (פאַר די סטודענטלעך איז אַ קליינער בעל־מלאכה אַזוי נידעריק, ווי אַ שנאָרער). אין דעם גלאַט־ראַזירטן ציוויליזירטן בערלין האָט זיך עס פאַרפירט אַזאַ באָרדיק־שנאָרערישע נעסט פון פאַנאַטיזם. און אָט זענען געקומען אָט די יונגעלייטלעך, די יידישע סטודענטן פון מזרח, און ווילן שאַפן אַ מין נייע גרענאַדיר־שטראַסע אין סאַמע אוניווערזיטעט.

איינגיכן אָבער האָט זיך יאָהאַן באַקענט מיט פיל יידיש־רוסישע סטודענטן און ער איז געווען איבעראַשט דורך זייער גייסטיקער רירעוו־דיקייט און ברייטן פאַרנעם. ביי זיי האָט ער עס ערשט געפונען אַן אָפּ־רוף אויף זיינע גייסטיקע זוכענישן, טאַקע ביי זיי האָט ער זיך דערוווּסט וועגן די נייע סאָציאַליסטישע און ציוניסטישע שטרעמונגען ביי דער יידישער יוגנט אין רוסלאַנד. ספּעציעל האָט אים געלאָקט די נייע פּאַר־טיי, וואָס וויל פאַרייניקן ביידעס: די אויסלייזונג פון יידן און די אויס־לייזונג פון עקספּלאָאַטירטע, פון דער גאַנצער וועלט. זאָל ער נישט צו־שטיין צו יענער פּאַרטיי? ווי ווערט מען נענטער באַקאַנט מיט יענער ריכטונג?

און אָט איז איינמאָל פאָרגעקומען אַזאַ מין מאָדנער אינצידענט:

ס'איז געווען אַ ווינטערדיקער פרימאָרגן. דער ליכטיקער אַנאַטאָמי־שער זאַל איז געווען געפּאַקט. ביי יעדן טיש ארום טויטן קערפּער זענען געשטאַנען געדיכטע גרופּן סטודענטן אין ווייסע כאַלאַטן און האָבן פּרע־פּאַרירט מיט מעסער און פּינצעט. אין דער לופט איז געשטאַנען אַ גע־דיכטער עיפּושדיקער ריח, וואָס די סטודענטן האָבן אָבער אויס געוואוינ־הייט שוין גאָר נישט באַמערקט. אין זאַל האָט געהערשט אַזאַ ערנסטע אַרבעט־שטימונג, די סטודענטן שטייען אַזוי פאַרטיפט ארום די טישלעך, גלייך ווי זיי וואָלטן אָפּערירט נישט טויטע, נאָר איינגעשלעפערטע לע־בעדיקע מענטשן.

פּלוצים האָט זיך דערהערט פון א ווייטן ווינקל א טומל פון אויפ־געדרעגטע קולות. פון אַלע טישלעך זענען די סטודענטן אין ווייסע כאַ־לאַטן צוגעלאָפן אהינצו. ס'איז באַלד געוואָרן א גרויס רעדל, אנדערע האָבן זיך געשטעלט אויף די קיילעכדיקע בענקלעך. וואָס איז? ס'איז דאָרט פאָרגעקומען א רעכט טשעקאווע צאַנקעריי צווישן א יידיש־רו־סישן און א דייטשן סטודענט, א קאָרפּאָראַנט. אינם געדיכט געוואָרענעם רעדל האָבן די רוסישע סטודענטן ביים ערשטן קוק דערשטוינט געשאָקלט מיט די קעפּ:

— אהאַ! פּינטשוק! ער האָט זיך אויף א גאָווינע צעקאָכט — האָט געפונען דאָ דאָס אָרט — אָט א יאָלד!

פּינטשוק איז דער סאַמער טשעקאַווער צווישן די יידישע סטו־דענטן פון רוסלאַנד. ער איז איבער דרייסיק, א קורצגעוויקסיקער, א גע־זעצטער, מיט ברייטע קרעפטיקע פּלייצעס — מיט א פּליך איבערן גאַנצן שאַרבן און א ברייט צעפּלאַטשטשע נאָז איבערן פּנים. נאָר די שוואַרצע אויגן בלישטשען פייערדיק, און אַליין איז ער גאָלע קוועקזילבער — באַ־וועגלעך און רירעווודיק. אין די פּריסטע קינדער־יאָרן פאַריתומט, האָט ער א צייט געלערנט אין ישיבה און געגעסן „טעג", דערנאָך געדינט אין סאָלדאַטן, דערנאָך געוואָרן אַן אַרבעטער, זיך געלערנט ביינאַכט, שפּע־טער האָט ער געהאַלטן עקזאַמענס און איז נאָך דרייסיק יאָר געוואָרן א היגער סטודענט. האָט כּסדר אויפגעהאַלטן זיין מוטער און שוועסטער, האָט דאָך אָפּגעשפּאָרט עפּעס אויף שטודירן. אין בערלין פאַרדינט ער עפּעס פון זיין שיינער שטימע, ער זינגט נעמלעך יעדן שבת ערגעץ אין א סינאַגאָגאַלן כאָר. און כאָטש ער איז פון זיינע אַרבעטער־יאָרן ביז היינט אַן ערנסטער פּאַרטיי־מענטש, איז ער אָבער א ברען, א שטיפער, א לעב־יונג. אין מאָמענטן פון כעס זעט ער אויס פּשוט געפערלעך, גרייט ווי א טיגער די אויגן אויסצורייסן, אָבער אין רעכטן מיטן רציחה קאָן ער מאַכן פּלוצים א וויץ און זיך צעלאַכן.

איצטיקס מאָל האָט ער זיך נישט אומזיסט צעקאָכט. די מעשה איז געווען אזוי: ער אַרבעט ביי א טיש אין א גרופּע פון פיר דייטשן. איינער פון די דייטשן איז שמידט, דער אָנגעבלאָזענער קאָרפּאָראַנט, וואָס דער פּנים איז שוין ביי אים פול מיט גאַרבן און צייכנס פון אָפּטע דועלן. ווען זיי האָבן היינט אינדערפרי שטייענדיק געאַרבעט אויף דעם טויטן קערפּער, און פּינטשוק, דער קורצוווקסיקער, האָט עטוואָס אָנגעבויגן דעם קאָפּ פאָרויס, — האָט שמידט, דער הויכער קאָרפּאָראַנט, וואָס איז

געשטאַנען אַנטקעגן פון דער אַנדערער זייט טיש, שפּאַטיש אַ קוק געטון פון אויבן אַראָפּ אויף דעם פּליך ביי פּינטשוקן. ער האָט זיך דערביי גיפ־טיק צעלאַכט פּינטשוקן אין פּנים אַריין:

— אייער פּליך גלאַנצט, ווי אַ פולע לבנה...

פּינטשוק האָט אַ בלישטש געטון מיט די אויגן:

— און איר לאַכט, ווי אַ גאַנצער אידיאָט...

האָט דער קאָרפּאָראַנט אַ וואָרף געטון מעסער און פּינצעט, איז אויפגעשפּרונגען פון אַרום דעם טישל, איז צוגעגאַנגען נעענטער צו פּינ־טשוקן און, שטייף אויסגעשטרעקט, האָט ער צווישן די פּאַרקוועטשטע ציין מיט צאָרן און פּאַראַכטונג אויסגעשריגן:

— וואָס האָט איר געזאָגט?!

פּינטשוק האָט פּאַרריסן דעם קאָפּ, אויסער זיך פון אויפרעגונג, האָט ער מיט זיין קלינגענדיקער שטים איבערן גאַנצן זאַל געשריגן צום קאָר־פּאָראַנט:

— כ'האָב געזאָגט אָט דאָס — וואָס איר האָט געהערט־ט־ט...

פון כּעס איז ער מיט אַמאָל בלאַס געוואָרן, ווי די וואַנט, די אויגן האָבן ווילד געפּלאַקערט. אַ קורצער, אַ געזעצטער, האָט ער איצט געפּלאָ־טערט און געוואָרפן מיטן גאַנצן קערפּער, גלייך, ווי די ערד וואָלט אונ־טער אים געזאָטן. אָט — אָט וועט ער ווי דינאַמיט אויפרייסן. ער האָט הויך געאָטעמט דורך די פּלאַטערנדיקע נאָז־לעכער פון דער ברייט־צע־פּלאַטשטער נאָז. דער קאָרפּאָראַנט האָט געקוקט אויף אים פּאַרוווּנדערט און צעטומלט. עפּעס אַזוינס האָט ער קיינמאָל נישט געזען, און ער האָט גאָרנישט געוווּסט, ווי עס צו באַנעמען און באַהאַנדלען. עטוואָס צע־מישט, האָט ער אומבאַרעכנט, אָן צערעמאָניעס, אַרויסגעפּאָדערט פּינ־טשוקן אויף אַ דועל. ער האָט זיך, אַזוי צו זאָגן, געשטעלט אויפן קאָר־פּאָראַנטישן באָדן. ער האָט פייערלעך פּאַרלאַנגט:

— סאַטיספאַקציע!

דאָ איז געשען עטוואָס אומגעריכטעס.

גלייך ווי פּינטשוק וואָלט נאָר דערויף געוואַרט. ער איז אונטערגע־שפּרונגען און אַ הויב געטון די הענט צום קאָרפּאָראַנט:

— כ'בין גרייט אויף אַ דועל, אָבער נישט מיט זעבל אָדער פּיסטאָ־לעטן, נאָר מיט פּולעמיאָטן (קוילנוואַרפער). כ'האָב געאַרבעט אַ צייט אין אַ פּולעמיאָטן־קאָמאַנדע. מ'נעמט דעם פּולעמיאָט און מ'שטעלט אים אַוועק אַזוי (ער האָט באַוויזן מיט די הענט אין דער לופטן), מ'טוט אַ מאַך

איינס, צוויי און ס׳הויבט אָן קנאַקן אין דער לופט, ווי מיט אַרבעס — טיק־טיק־טיק־טיק... טיק־טיק־טיק...

ער האָט קונציק נאָכגעמאַכט דעם פּולעמיאָט. פון צווישן זיינע געדיכטע ציין האָט זיך אַ שאָט געטון אין אַנאַטאָמישן זאַל אַ דריבנע—מעטאַלענע קנאַקעריי, וואָס האָט געהילכט אין די אויערן און זיך צעשאָטן אין די ווייטע ווינקלען. דערביי האָט ער אַזוי אויסטערליש־קאָמיש געפינטלט און געבלישטשעט מיט די אויגן, דאָס נישט נאָר די אין רעדל־שטייענדיקע, נאָר אויך דער קאָרפּאָראַנט זעלבסט האָט זיך צעלאַכט. דורך דעם געלעכטער איז אָבער מיט אַמאָל אַוועק די גאַנצע שפּאַנונג, און דער גאַנצער אינצידענט האָט זיך אומגעריכט פאַרוואַנדלט אין אַ וויץ. אַלע האָבן זיך אומגעקערט לאַכנדיק צו די טישן.

אויף יאָהאַנען האָט עס געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק, וואָס אַזאַ פּרעמדער און ווייטער מענטש דאָ אין זאַל, ווי פּינטשוק, האָט מיט איין װענדונג שיר נישט באַהערשט אַלע געמיטער, און האָט די גאַנצע פיינטלעכע אָנשטרענגונג פאַרוואַנדלט אין אַ געלעכטער. מיט איין ריכטיקער ווענדונג, הייסט דאָס, קאָן מען אַמאָל מער אויפטון, ווי מיט פּיל אָנגעפּיקעוועטע ביכער. ער האָט זיך באַפריינדעט מיט פּינטשוקן, וועלכער האָט אויף אים באַקומען אַ שטאַרקן איינפלוס. און אָט האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן, אַז פּינטשוק איז אַן אַקטיווער מיטגליד גראָד פון יענער פּאַרטיי, וואָס פאַרייניקט ציוניזם מיט סאָציאַליזם און וואָס האָט איצט אַזוי געלאָקט יאָהאַנען. נאָך אייניקע באַגייסטערטע שמועסן, איז יאָהאַן שוין גרייט געווען אַריינצוטרעטן אין יענער פּאַרטיי, ווען ער האָט פּלוצים געשטעלט אַזאַ נאַיווע פראַגע:

— ווי דאַרף אַ מיטגליד איינריכטן זיין איינן לעבן?

ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס אייגענע לעבן איז גאָר אַ פּריוואַט־זאַך, וואָס קימערט נישט דער פּאַרטיי. יעדער מיטגליד קאָן לעבן פאַר זיך, ווי אים געפעלט, אַבי נאָר ער אַרבעט צו פאַרווירקלעכן די אידעאַלן פון דער פּאַרטיי אין דער געזעלשאַפט. אָט דערציילט אים איינמאָל פּינטשוק אין אַן אינטימען שמועס, אַז ער האָט אַ „פאַרהעלטעניש״ מיט אַ פאַרקוי־פערין, ער האָט זי ערגעץ אין אַ פּאַרק אומבאַקאַנטערהייט אָנגעשפּראָכן און פאַרפירט מיט איר אַ פרייע ליבע. פריער האָט ער געהאַט אַ פאַרהעלטעניש מיט אַן אַנדערער, האָט ער זי אַוועקגעוואָרפן... ווי די קאָרפּאָראַנטן באַהאַלט, הייסט דאָס, אויך פּינטשוק די „אמתע״ ליבע פאַר דער ריכטיקער, איינמאָל אויסדערוויילטער, פרוי. ער אַליין וואָלט נישט וועלן,

למשל, אז מיט זיין שוועסטער זאָל עמיצער האָבן אזא „פאַרהעלטעניש", אויף א צייט, ביז זי וועט דערעסן. אין אָט דער, ווי אין יעדער אַנדער הינזיכט, אונטערשיידעט זיך נישט פינטשוק פון א נישט־סאָציאַליסט. ער גיט קיינעם נישט אָפּ, וואָס ער האָט איבעריקס, ער איז אפילו קאַרג אויף א גראָשן. מער נישט, וואָס ער האָט אַנדערע „איבערצייגונגען" און ער „קעמפט" אין דער פּאַרטיי. ס'קומט אויס, אַז ווי ביי די ליבעראַלן דאָס יידנטום, אַזוי איז אויך דער סאָציאַליזם ביי די סאָציאַליסטן א מין קאָמפּאָט, אַן איבערצייגונג, א גלויבן, א צוקונפט־אידעאַל, וואָס מוז נישט ענדערן דעם איינענעם „היינט", דאָס אייגענע טאָג־טעגלעכע לעבן. ווערט שוין יאָהאַן גאָר סענטימענטאַל און שטעלט נאַיווע יינגלשע פראַגן. קאָן דען, פרעגט ער, די אויסלייזונג פון יידישן פאָלק און פון דער גאַנצער מענטשהייט פאַרקומען אָן דער אויסלייזונג פונם איינצלנעם מענטשן? ווען מען פירט אליין א נידריק לעבן, איז דאָך..

פינטשוק אָבער לאַכט פון אים און קלאַפּט אים לוסטיק איבער די פּלייצעס:

— אַזעלכע רייד פּאַסן טאַקע פאַר א גבירישן בן־יחיד, א צעפּיעשטשעטע דייטשל, וואָס וויל שטענדיק א טעלערל פון הימל און טאַקע שוין אויפן אָרט...

אַן אַנדערש מאָל האָט אים פינטשוק געזאָגט:

— דו ביסט א מאָלער, א קינסטלער — און א קינסטער שטעלט זיך זעלטן אָפּ אויף א פּאַרטיי. ווי די בינען שפּרינגען פון איין בלום אויף דער אַנדערער, כאַפּן פון יעדער בלום א ביסל נעקטאַר און מאַכן דערפון שפּעטער האָניג אין זייער בינשטאָק. אָט אַזוי שפּרינגען קינסטלער פון איין פּאַרטיי צו דער אַנדערער, כאַפּן אומעטום בלויז מאַטעריאַל און שטימונגען פאַר זייער אַרבעט. צו קיין פּאַרטיי קלעפּן זיי זיך נישט צו, ראַבן שטענדיק פראַגן און טענות, און אָבער־אַמאָל און ווידער־אַמאָל... באַהיט זאָל מען פון זיי ווערן!...

דערווייל האָבן זיך אָנגעהויבן ערנסטע אומרוען אין די דייטשע אוניווערזיטעטן.

אין יענער צייט, נעמלעך, האָט אין פאַרשידענע דייטשע אוניווערזיטעטן, ווי פּלוצים, ארויסגעפּלאַצט א פיינטלעכע באַוועגונג צווישן דייטשע סטודענטן (ספּעציעל אין די קאָרפּאָראַציעס) קעגן די סטודענטן־אויסלענדער, וואָס האָבן „פאַרפּליצט" די מעדיצינישע פאַקולטעטן. מען האָט דערביי געמיינט, און די מייסטן האָבן עס אויך ארויסגעזאָגט, די

יידישע סטודענטן פון רוסלאַנד. די באַוועגונג האָט פאַרכאַפּט פיל פּראָווינצער אוניווערזיטעטן און האָט אָנגענומען אַלץ שאַרפערע פאָרמען. מ'האָט דערלאַנגט פּעטיציעס קעגן די אויסלענדער צו די אוניווערזיטעטישע אַדמיניסטראַציעס און בילדונגס־מיניסטעריום. די קאָרפּאָראַציעס האָבן געמאַכט פּראָטעסט ־ פאַרזאַמלונגען, ווו מען האָט געשאָטן פּעך און שוועבל אויף די קעפּ פון די „שמוציקע", „מינדערוואַרטיקע", אָסט־יידישע סטודענטן. דאָס גיפטיקע וואָרט „מינדערוואַרטיקע" האָט זיך געטראָגן איבער קאָרפּאָראַנטישע מיילער און פאַרפּעסטעט די אַטמאָספער. ס'האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען וועגן העסלעכע סצענעס און צוזאַמענשטויסן אין אייניקע אוניווערזיטעטן. אויך אין בערלין האָט עס אין פאַרשידענע קאָרפּאָראַציעס געשיפּעט מיט האַס און פּראָטעסט קעגן די „מינדערוואַרטיקע" אויסלענדער. נאָר אין דער גערוישיקער וועלט־שטאָט האָט זיך עס ווייניקער אָנגעזען.

אין אַנאַטאָמישן זאַל איז געשטאַנען אַ שווערע שפּאַנונג. די קאָרפּאָראַנטישע סטודענטן האָבן זיך פאַרהאַלטן שטייף און רעזערווירט צו די „אויסלענדער", דאָ און דאָרט האָבן מאַנכע פון צווישן די ציינער אַרויסגעשיפּעט שטעכיקע זידל־ווערטער. ווי אַ גלי־שטורעם, אַ טייפון, האָט געבושעוועט דער האַס אין מאַנכע הערצער און פאַרניכטעט די שפּראָצן פון דער באַקאַנטער „דייטשער העפלעכקייט", גאַסט־פריינטלעכקייט און קאָלעגיאַלישקייט. אויף די אָנגעשטרענגטע פּנימער פון די יידיש־רוסישע סטודענטן האָט זיך געלאָזט דערקענען אַ מין אַמביציעזע פאַרביסענע געפאַלנקייט, וואָס ריכט זיך אויף דאָס ערגסטע און וויל דאָך בשום אופן נישט נאָכגעבן.

ביידע צדדים, סיי די קאָרפּאָראַנטן, סיי די „אויסלענדער" האָבן מיט גרויס שפּאַנונג פאַרפאָלגט די וויטערדיקע געשעענישן.

נאָר פינטשוק האָט זיך אויף זיין שטייגער געוויצלט. די גרופּע, וואָס האָט געאַרבעט מיט אים ביי איין טישל, האָט איצט פּרעפּאַרירט די געדערים פונם טויטן קערפּער. פונם געעפנטן בויך האָט עס געטראָגן אַ זייער שווערער ריח. אין מיטן דער אַרבעט האָט פינטשוק אויפגעהויבן די האַנט צו די מיטאַרבעטנדע סטודענטן מיט אַ קאָמיש־געהיימער מינע:

— ווייסט איר, ווען מענטשן וואָלטן שטענדיק געדענקט, ווי זיי שטינקען נאָכן טויט, וואָלטן זיי אפשר ביים לעבן נישט קאַליע געמאַכט אַזוי די לופט. אַרום די לעבעדיקע איז אָפט נאָך שווערער צו אָטעמען, ווי ביי אָט דעם בויך, פיל שווערער...

ער האָט אַזוי געקרימט און געשנאָרכט מיט דער צעפּלאַטשטער נאָז, אַז מ׳האָט נישט ווילנדיק געלאַכט.

ס׳האָט אָבער יאָהאַנען באַזונדערס איבעראַשט, וואָס בשעת די סטודענטישע אומרוען זענען די דייטש־יידישע סטודענטן געשטאַנען פון דער זייט. אייניקע האָבן שווייגנדיק, אַנדערע האָבן אָפן פּאַטאַקעוועט די קאָרפּאָראַנטן. פריץ און אַנדערע ליבעראַלע דייטש־יידישע סטודענטן האָבן בייז מיטגעקעמפט קעגן אָט דער נייער „גרענאַדיר־שטראַסע״ אין אוניווערזיטעט. מיטן אויסנאַם פון געוויסע גרופּן האָבן אויך די ציוניסטיש־געשטימטע דייטשן זיך זייער ווייניק איינגעשטעלט. אין אַנאַטאָמישן זאַל האָבן פיל איבערדערציילט אַזאַ מין נייעם וויץ פון פינטשוקן:

אַ פאַרליבטער חתן דערוויסט זיך, דאָס זיין כּלה איז געוואָרן שוואַנגער פון אַן אַנדערן. ס׳כאַפּט אים אַ גרויל. וויל אים די כּלה באַרואיקן און פאַרזיכערט אים, אַז זי איז בלויז אַ קאַפּעטשקע שוואַנגער. די ליבעראַלע יידן, ווילט זיך פינטשוק, ווילן פאַרזיכערן דייטשלאַנד, אַז זיי זענען בלויז אַ קאַפּעטשקע יידן און האָבן גאָר ווייניק צו טון מיט דער גרענאַדיר־שטראַסע. זיי מאַכן זיך אָבער נישט וויסנדיק, אַז פאַר דעם קאָרפּאָראַנטישן דייטשלאַנד איז אַ קאַפּעטשקע אַזוי שלעכט, ווי צופיל.

פון פינטשוקן שטאַמט עס דער צונאָמעניש פאַר די סטודענטישע אומרוען, וואָס ער האָט אָנגערופן „רעפּעטיציע״ (פאָרשפּילן). שטייענדיק איינמאָל מיט יאָהאַנען אין אַ גרופּע פון דייטש־יידישע סטודענטן, האָט פינטשוק אויף זיין קאָמישן שטייגער אַ בליץ געטון מיט די אויגן און פאַרקרימענדיק דעם פּנים, האָט ער אַ זאָג געטון: — מ׳דאַרף זיין אַ בלינדער נישט צו זען, דאָס די סטודענטישע אומרוען זענען בלויז אַ שוואַכע „רעפּעטיציע״, וואָס די קאָרפּאָראַנטן מאַכן איצט מיט די אָסט־יידישע פייגעלעך. ווען אָט די קאָרפּאָראַנטלעך און זייער גלייכן וועלן אַמאָל אין אַ בייזער שעה באַהערשן דייטשלאַנד און אויפטרעטן אויף דער סצענע, וועלן זיי אָקאָרשט מאַכן דעם אמתן טרויער שפּיל טאַקע מיט די דייטשע יידן זעלבסט. היט באַצייטנס אייערע ביינער...

און אָט איז אין יענער שטורמישער צייט אויף די אוניווערזיטעט־לעקציעס פון דעם באַרימטן פּראָפעסאָר קראָנער פאָרגעקומען אַ מערקווירדיקער אינצידענט, וואָס האָט אַלעמען איבעראַשט. די מעשה איז געווען אַזוי.

געהיימראַט קראָנער, דער פּראָפעסאָר פון אַנאַטאָמיע, איז נישט נאָר אַ וועלט־באַרימטער געלערנטער, נאָר אויך אַ וווּנדערלעכע פּערזענלעכקייט,

וואָס רופט אַרויס באַוווּנדערונג און אָפּשיי סיי ביי סטודענטן, סיי ביי העכערע אַקאַדעמישע קרייזן. איבער זעכציק יאָר אַלט, טראָגט ער אַ גרויסע ווייסע באָרד, אויפן ברייטן ראָזאַ פּנים שטראַלן אַרויס טיף בלויע אויגן מיט אַ העל לייכטנדיקער רואיקייט. אויף די לעקציעס קומט ער יום־טובדיק אין אַ שוואַרצן סורדוט. זיינע לעקציעס זענען באַרימט. באַטש ער לייענט יעדן פרימאָרגן גאַנצע צוויי שעה, איז די אומגעהויער גרויסע אוידיטאָריע, וואָס איז אַמפיטעאַטריש געבויט, שטענדיק פול געפּאַקט. אַזאַ „טרוקענע" וויסנשאַפט, ווי אַנאַטאָמיע, באַקומט אין זיינע לעקציעס נייע שפּאַנונג און באַדייטונג. מיט איינגעהאַלטענעם פּאַטאָס פון גאונישער געניטקייט און פּאָרשערישער דורכדרינגונג שילדערט ער געניוי און זאַכלעך, אָבער מיט פאַרכאַפּנדיקער פּלאַסטישקייט דעם אויפבוי פון גלידער אין מענטשלעכן אָרגאַניזם, ווו יעדעם מינדסטע גליד איז פול מיט ווונדערלעך טיפער קאָמפּליצירטקייט. ער פּלעגט ליב האָבן צו דערציילן נישט נאָר די שוין אויסגעפאָרשטע און באַקאַנטע, נאָר אויך די נאָך ווייניק באַקאַנטע פאַרבאָרגנקייטן, די לעצטע סודות, וואָס שטעקן טיף אין יעדן גליד אָדער גאָר אין יעדן קעמערל, און וואָס ווינקען אַזוי צוזאָגנדיק פאַר דעם פאָרשנדיקן גייסט. סטודענטן הערן אים מיט אָפענע מיילער, אָפטמאָל פאַרכאַפּט דער אָטעם ביים יונגן עולם, הייסע בליקן קאָנען זיך גאָר נישט אָפּרייסן פון דעם גרייז־גרויען, אָבער אַזוי מעכטיקן און פרישן וויסנשאַפטסמאַן אין דעם שוואַרצן יום־טובדיקן סורדוט.

און אָט איינמאָל, אַ קורצע ווײַלע נאָך דעם אָנהויב פון דער לעקציע, ווען די טויזנט־קעפּיקע אוידיטאָריע האָט איין אַן אָנגעשטרענגטער שטילקייט געהערט דעם לעקטאָר, זענען אַריינגעקומען פאַרשפּעטיקטע יידיש־רוסישע סטודענטן, וואָס האָבן נישט ווילנדיק געמאַכט אַ שטיקל גערויש דורך דעם סקריפּ פון דער טיר און די האַסטיקע טריט. אין אייניקע רייען האָבן דייטשע סטודענטן אָנגעהויבן שאַרן מיט די פיס אַלס פּראָטעסט קעגן דעם שטערנדיקן גערויש פון די פאַרשפּעטיקטע. אַזאַ פּראָטעסט איז אַ געוויינלעכע דערשיינונג אין דייטשע אוידיטאָריעס. אָבער איצט האָט מען עס געוואָלט אויסנוצן אַלס פיינטלעכע דעמאָנסטראַציע קעגן די אויסלענדער. האָבן הונדערטער פיס אָנגעהויבן שאַרן זייער לאַנג און צאָרניק. גלייך ווי די פיס האָבן עס באַקומען אַ קאָרפּאָראַנטישע שפּראַך. מיט יעדער רגע האָט די שאַרעניש פאַרכאַפּט אַלץ מער נייע פיס און אומהיימלעך פאַרשטאַרקט די אויסטערליש געוואָרענע פיס־שאַרעניש.

דאָ איז אָבער געשען עטוואָס אומגעריכטס.

פּראָפעסאָר קראַנער, דער מאַן פון קלאַסישער רו, איז פּלוצים בלאַס געוואָרן פון אויפרעגונג. און, אויפהויבנדיק די רעכטע האַנט, האָט ער, ווי נישט מיט זיין קול, אַ געשריי געטון:

— האַלט!

פון דעם אומגעריכטן געשריי איז די טויזנטקעפּיקע אוידיטאָריע אין גרויס אָפּשיי ווי טויט געבליבן. אין דער הערשנדער שטילקייט איז קראַנער עטוואָס אָפּגעטרעטן פון דער טריבונע פאָרויס און זיך געשטעלט אַנטקעגן דער אוידיטאָריע אין זיין גאַנצער שוואַרץ געקליידעטער פיגור מיט דער גרויסער ווייסער באָרד. שווייגנדיק האָט ער שטרענג־פייערלעך אָפּגעמאָסטן מיט איין בליק די גאַנצע אוידיטאָריע, די פול באַזעצטע בענק פון אויבן נאָך אונטן. קיינער האָט זיך נישט געוואָגט אַ ריר צו טון, מ'האָט דעם אָטעם איינגעהאַלטן. און אָט איז ער פּאַמעלעך צוגעקומען צוריק צו דער טריבונע און אַ זאָג געטון רואיק, מיט יענעם טאָן פון וווּנדערלעך קלאָרער זאַכלעכקייט, פון אומבאַצווייפלטער פאַרכאַפּנדיקער געניטקייט, וואָס איז געווען אַזוי נאַטירלעך פאַר זיינע מייסטער־האַפטע לעקציעס.

— מיינע דאַמען און הערן! ס'איז נישט פּאַטריאָטיש צו באַרויבן דאָס אייגענע פאָטערלאַנד, די גרויסע ערע צו שיצן פאַרפאָלגטע סטודענטן און רעטן זייערע כּוחות פאַר דער וויסנשאַפט. אָט די וויסנשאַפט, וואָס מאַכט אונז אַזוי מעכטיק, צווינגט אונז צו שאַנעווען אירע אַרבעטער. ווער וויל דאָס אָפּנעמען ביים גרויסן דייטשלאַנד דאָס רעכט און די פריי־ווילעגיע פון אוניווערזיטעטישער גאַסטפריינטשאַפט? אויסלענדישע סטו־דענטן זענען דאָך קינפטיקע פּיאָנערן פון דייטשער וויסנשאַפט און דיי־טשער קולטור איבער גאָר דער וועלט. אַ חוץ דעם ברענגען אויסלענדישע סטודענטן אַ פרישן שטראָם, אַ נייעם שטוים פאַר אונזערע געמיטער. אין פאַרשידענע צייטן פלעגן בכלל סטודענטן פאָרן שטודירן אין אויס־לאַנד. איצטיקע אויפרעגונגען קעגן די אויסלענדישע סטודענטן זענען אַ גרויסער קלאַפּ פאַר דעם פּרעסטיזש און די הויכע אינטערעסן פון אונזער פאָלק און קולטור.

גלייך ווי גאָרנישט פּאַסירט, האָט דער פּראָפעסאָר פאָרגעזעצט זיין איבערגעריסענע אַנאַטאָמישע לעקציע.

די אומגעריכטע ווענדונג פון געהיימראַט קראַנער האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף דער סטודענטנשאַפט און האָט אַ היבש ביסל

געהאָלפן צו פאַרטרייבן די שוואַרצע כמאַרעס פון קענגזייטיקער אויפרעגונג. יאָהאַן האָט פריער אָפגעאָטעמט. ס'האָט אים נאָר אויסגעזען מאָדנע, דאָס נישט ביי די ליבעראַלע יידישע סטודענטן, נישט ביי די האַלב־קאָר־פּאָראַנטישע ציוניסטן, נאָר ביים אמתן וויסנשאַפטס־מאַן, ביים קריסט־לעכן פּראָפעסאָר קראַנער, געפינען איצט די פאַרפאָלגטע אָסט־יידן פריינט־שאַפט און פאַרשטענדעניש. ווער וועט אָבער פירן דייטשלאַנד — „היינ־ריך דער ערשטער", אָדער געהיימראַט קראַנער? רודערט דען נישט טאַקע צוליב דעם די קאָרפּאָראַציע אינם אוניווערזיטעט, כדי באַצייטנס אַרויפצוליייגן דעם סאָלדאַטישן שטיוול אויפן האַרץ פון דער וויסנשאַפט? ווי גיך אָבער זענען עס אין דער אווידיטאָריע די אַלע היינריכס טויט־שטיל געוואָרן דורך קראַנערס הויכע וואָרנונג. די פראַגע איז נאָר, ווי ווייט איז קראַנערס ווירקונג אויסער דער אווידיטאָריע, ווו ס'פאָכעט דער קרומער זעבל...

דעם זעלביקן פרימאָרגן האָט יאָהאַן געהאַט א נייע איבעראַשונג, וואָס האָט אים שפּעטער טיף דערשיטערט. באַלד נאָך יענער קראַנערס לעקציע, אַרום צען אַזייגער אינדערפרי, איז ער אַרויף אין אַנאַטאָמישן זאַל. ערשט נעכטן האָט יאָהאַן דאָרט פאַרענדיקט א געוויסע אַרבעט און האָט היינט געדאַרפט באַקומען א נייעם אַנאַטאָמישן פּרעפּאַראַט, ד. ה. א באַשטימטן טייל פון טויטן קערפּער צו באַאַרבעטן. האָט ער איצט צוזאַמען מיט נאָך דריי סטודענטן באַקומען צו באַאַרבעטן דעם מוח (קאָפּ־מאַרך). ס'איז געווען א צווייפאַכע איבעראַשונג. ערשטנס, איז איינער פון די דריי סטודענטן געווען ליובינסקי, מיט דעם קיילעכדיקן שוואַרצן בערדל, וועגן וועלכן ס'ווערט אַזויפיל דערציילט צווישן די יידיש־רוסישע סטודענטן. צווייטנס, איז עס דער נייער אַנאַטאָמישער פּרעפּאַראַט, דער מענטשלעכער מוח, וואָס רופט אַרויס אַזויפיל נייגיר ביי די מייסטע סטודענטן.

די איבעראַשונג איז אָבער אוועק פיל ווייטער.

ווי ס'פירט זיך, האָבן זיך די סטודענטן פון דער גרופּע קעגנזייטיק פאָרגעשטעלט זייער העפלעך, יעדער איינער האָט זיך א נייג געטון מיטן קאָפּ צו די אַנדערע און אָנגערופן זיין נאָמען. מיט נייגיר זענען די סטו־דענטן אין ווייסע כאַלאַטן צוגעגאַנגען צום אָנגעוויזענעם טיש, ווו ס'איז געלעגן מיטן פּנים אַרויף דער פאַרגליווערטער קערפּער פון א מיטלוועקסיקן מאַן מיט א זייער הויכן שטערן. דעם גאַנצן אינדערפרי האָבן זיי פאַרבראַכט דערויף, וואָס זיי האָבן לויט אָנווייזונגען געעפנט

דעם שאַרבן און אַ גאַנצע ווײַלע שטודירט דעם אַנטפּלעקטן אינהאַלט. ערשט נאָכמיטאָג האָט מען פֿאַמעלעך, מיט גרויס שפּאַנונג און פֿאַר־זיכט, אַרויסגעשיילט פֿונעם שאַרבן דעם היפּש שימערירנדיקן מוח. ווי אַ ניי־געבוירענער, ערשט פֿון דער געבערמוטער אַרויס, איז דער מוח פֿײַכט, וואַרים און ווייך, פֿול פֿון צאַפּלדיקער צאַרטקייט.

מ'האָט אים, דעם מוח, אויף די הענט פֿאָרזיכטיק צוגעטראָגן צו אַ קליין טישל נעבן פֿענסטער און אים דאָרט פֿאַמעלעך אַוועקגעלייגט. די סטודענטן האָבן פֿאַרגאַפֿט אויף אים געקוקט. זיי וואָלטן זיך פֿריער גאָר נישט געקאָנט פֿאָרשטעלן, דאָס דער מענטשלעכער מוח זעט אויס אַזוי וווּנדערלעך.

פֿאַרכאַפּט פֿון אייגענע טיפֿענישן, ליגט דער מוח אויפֿן טיש, ווי צונויפֿגעוויקלט, ווי אין זיך אַרײַנגעטון. ס'זעט שיר נישט אויס, ווי אַט דער מוח וואָלט נאָך ווײַטער געוועבט און פֿון ס'נײַ איבערגעקלערט דאָס טשעקאַווע רעטעניש פֿונעם מענטשלעכן לעבן, וואָס ער האָט יאָרנ־לאַנג אויסגעטראָגן אין יענעם ערשט געעפֿנטן שאַרבן. לענגלעך־אָוואַל, פֿון אונטן פֿלאַך, פֿון אויבן געוועלבט, ווי אַן אָפּגעשניטענע העלפֿט קאַ־וואָן מיט דעם שניט נאָך אונטן, טייגיק, ווייך און ווײַס, מיט אַ טונקל־ראָזן אָנבליק, אין צוויי העלפֿטן געטיילט און באַהעפֿט, איז דער מוח פֿול מיט אומצייליקע אײַן־אַנאַנדער געפֿלאָכטענע פֿאַלדן. דערווײַל איז ער אָבער נאָך באַדעקט מיט אַ דינעם הײַטל, אויף וועלכן מ'זעט נאָך אַ שײַנעם געפֿלעכט פֿון רויטע און בלויע בלוט־אָדערלעך.

די סטודענטן האָבן זיך געזעצט פֿון ביידע זײַטן טישל, צו צוויי פֿון יעדער זײַט. מ'האָט דעם מוח עטוואָס אַ רוק געטון צום מיטן־צו. דער מוח איז איצט גאַנץ אין זיך אָפּגעשלאָסן. וואָס הייבט מען אָן אָקאָרשט צו טון? מען צעעפֿנט ביכער מיט בילדער און דערקלערונגען וועגן מוח. די סטודענטן קוקן אָנגעשטרענגט אין די ביכער און קנייטשן זייערע שטערנס. ווערט דער מוח אויפֿן טיש שטום פֿאַרגאַפֿט, גלײַך, ווי ער וואָלט פֿאַרווונדערט דערפֿילט, דאָס אַנדערע מוחות, אַזעלכע ווי ער, ווילן זיך אין אים אַרײַנקלערן. בײַם סטודענט מיט דעם קײַלעכדיקן שוואַרצן בערדל, וואָס איז געזעסן האַרט נעבן פֿענסטער, האָט איצט נאָך מער ווי אַלעמאָל אַ שלאָג געטון פֿון פּנים אַ הייסער אימפּעט. ער, ליובינסקי, האָט זיך שמייכלענדיק אָנגערופֿן:

— גראָד די לעצטע צײַט האָב איך אַ ביסל שטודירט וועגן דעם

מענטשלעכן מוח. אויב איר ווילט, קאָן איך פּרובירן אייך אַריינפירן אין דעם ענין...

— געוויס!...

— ביטע זייער...

שוין ביי די ערשטע רייד ווערט מען איבעראַשט פון זיין געניטקייט. דער געלאַסענער אָבער אינטים וואַרעמער טאָן פון זיינע רייד פאַרכאַפּט מיט אַ שטיל איינגעהאַלטענעם אימפּעט. אויפן פּנים איז ביי אים דער שמייכל פאַרשוווּנדן, די ברעמען שטרענג אָנגעצויגן. ער רעדט אַזוי שאַרף און קלאָר, און מיט דער פּינצעט אין דער האַנט באַווייזט ער יעדע געזאָגטע זאַך אַזוי דייטלעך אויפן מוח, דאָס אַלע ווײַלע דערזעט מען באַ־שיינפּערלעך נייע שטיקער וועלטן פונם מוח. פריער דערקלערט ער און באַווייזט גענוי מיט דעם פּינצעט די פאַרשידענע הייטלעך פון מוח, גייט באַלד איבער צום פאַרפּלאָנטערטן געפלעכט פון רויטע און בלויע אָדער־לעך. יעדעם אָדערל האָט זיין נאָמען, זיין אייגענעם גאַנג, צעשיט זיך אין צווייגן און נעמט זיי באַלד צונויף, באַהעפט זיך און צעשיידט זיך מיט אַנדערע אָדערן — מיט דער פּינצעט פאַרפאָלגט ער דעם געשלענגלטן גאַנג פון יעדן אָדער. דער פּלאָנטער ווערט פּאַמעלעך אויפגעלויכטן און מען דערזעט באַלד די קונציקע צוזאַמענאַרבעט פון די בלומרשט פאַר־פּלאָנטערטע אָדערן.

און אָט צערייסט ליובינסקי מיט דער פּינצעט דאָס הייטל, שיילט דאָס דאָזיקע אַרונטער צוזאַמען מיט די אָדערלעך, די אַנדערע סטודענטן העלפן אים מיט זייערע פּינצעטן. איז איצט דער מוח גאַנץ אויסגע־טון — ער ליגט אויפן טיש אַ הוילער. טוט נאָר אַ קוק! ערשט איצט ווערן אויפפאַלנדיק די אומצייליקע פאַלדן פונם מוח. ס׳זעט אויס, ווי מ׳וואָלט אַ ריזיק טייג צונויפגעקנייטשט אין קינציק געפלאָכטענע פאַלדן. ווי אָט די פאַלדן זעען אויס! איבער דעם גאַנצן אויבערפלאַך פונם מוח ציען זיך געשלענגלט טיפע שפּאַלטן, וואָס אָט פאַרפלעכטן זיי זיך, גיסן זיך צונויף און אָט צעגייען זיי זיך און באַגעגענען זיך ווייַ־טער. צווישן די שפּאַלטן הויבן זיך בערגלעך, וואָס פאַרפלעכטן זיך געשלענגלט. באַווייזט ליובינסקי מיט דער פּינצעט, דאָס יעדעס בערגל (אַזוי אויך יעדער שפּאַלט) האָט זיין אייגענעם נאָמען, זיין אייגענע באַדייטונג. יעדעס בערגל איז אַ צענטער פון וואַנען ס׳גייען דירעקטיוון, באַפעלן און שטראָמען פאַר אַ באַשטימטן טייל פון קערפּער. אָט שטעלט זיך ליובינסקי אָפּ אויף אַ בערגל פון דער לינקער זייט מוח. דאָס

בערגל איז קוים אַ פינגער די גרוים. טײטלט אויף אים ליובינסקי מיטן פינצעט און ווײזט פּינקטלעך, ווי אויף אַט דעם קלײנעם בערגל געפינט זיך דער צענטער פון דער רעכטער העלפט קערפּער און אַט־אָ־דאָ דערבײ איז דער צענטער פון שפּראַך. ווען אַט די קלײנע געגנט אין מוח ווערט צעשטערט, נעמט אָפּ בײם מענטשן די רעכטע זײט און ער פאַרלירט אויך די שפּראַך. און אַט דאָ ווײטער געפינט זיך...

פון אײן בערגל צום צווײטן וויקלען זיך אָפּ כּסדר נײע געוואַלדיקע טעריטאָריעס מיט פאַרצווײגטע טיפענישן. ס'האָט זיך אָבער באַלד אַרויסגעוויזן, אַז וואָס מער דער מוח אַנטפּלעקט זיך אַלץ מער זעט ער אויס געהײמער. וואָס מער דער פּינצעט צערײסט די שלײערס און די פּלאָנטערס, אַלץ מער דערזעט מען דעם אומגלויבלעכן לאַבירינט פונם מענטשנס מוח. און אַט האָט ליובינסקי מיט אַ דינעם מעסער פאַר־זיכטיק צעשניטן דעם מוח אין דער לענג אויף צוויי העלפטן — האָבן זיך ערשט איצט מער אויפגעדעקט די אינערלעכע וועלטן פונם מוח. ליובינסקי טײטל מיט דעם פּינצעט און דערקלערט פּאַמעלעך און גע־לאַסן. איצט שטעלט מען זיך אָפּ אַלע ווײלע און מ'זאָגט זיך איבער דאָס דערקלערטע, כּדי נישט צו פאַרלירן דעם פאָדעם. אָבער בײ די סטו־דענטן שווינדלט שוין דער קאָפּ...

דערווײל איז שוין נאַכט געוואָרן, מ'האָט שוין אָנגעצונדן לאָמפּן אין אַנאַטאָמישן זאַל. נאָך אַ קורצער ווײלע ווערט דער עולם אין זאַל אַלץ שיטערער. מ'צעגײט זיך גרופּנווײז. אויך אַרום טיש מיט דעם צעשניטענעם מוח האָבן זיך די סטודענטן אויפגעהויבן, מידע און אָנגע־שטרענגטע. צוויי נעמען אָפּשײד און גײען אַוועק. אָבער ליובינסקי און יאָהאַן זעצן זיך צוריק. זײ קאָנען זיך אפנים נישט צעשײדן מיטן מוח און פאַרטיפן זיך אויף טשיקאַוועס ווײטער.

און כאָטש דער מוח איז אין דער לענג אויף צוויי העלפטן צע־שניטן, שטאַרצט אַרויס פון יעדער העלפט דער זעלביקער לאַקנדיקער סוד, נאָר מיט מער פאַרוויקלטער פּראַכט. און וואָס מער מ'פאַרטיפט זיך, אַלץ מער איבעראַשט דער לאָקנדיקער סוד. און אַט אויף די צעשניטענע זײטן פון בײדע העלפטן זעט מען קלאָרער אײנס נאָכן אַנדערן — דעם גרויסן מוח, דעם קלײנעם מוח, דעם לענגלעכן מוח, וואָס גײט איבער אין רוקן מאַרך. אויף טשעקאַוועס ווײזט ליובינסקי מיט דעם פּינצעט, ווי אויף דעם קלײנעם מוח אויפן שניט זעט מען דעם שײנעם „לעבנס־בוים", דאָס איז...

אין אַנאַטאָמישן זאַל זענען זיך שוין אַלע סטודענטן צעגאַנגען. דער דינער קלויבט צו דעם לײדיק געוואָרענעם זאַל. אײניקע טויטע האָט ער אַראָפּגענומען פון די טישן, פּאַרוואָרפן איבער די פּלײצעס און אַוועקגעטראָגן אין ווינקל, און אַן אָפּגעצוימטן אָרט, וווּ טויטע קערפּערס ליגן דאָרט אונטערן שלאָס אָנגעוואָרפן אײנע אויף די אַנ־דערע. אײניקע שטאַרק אויפגעשניטענע טרופן האָט דער דינער געלאָזט אויף די טישן און זיי בלויז צוגעדעקט. צוגעקליבן דעם זאַל, גייט דער דינער צו, מיט אַ ליולקע אין מויל, צו זײַער טישל, ציט אויס שפּאַ־טיש די ברעמען אויף אָט די פאַרשפּעטיקטע יאָלדן:

— מײַנע הערן, ס'איז שוין רעכטע צײַט...

ווען זיי קומען אַרויס אין דרויסן, באַמערקן זיי פאַרוווּנדערט, דאָס דער גרויסער הויף פון אַנאַטאָמישן אינסטיטוט, וואָס איז מעשה גאָרטן באַזעצט מיט בוימער, איז גאַנץ באַדעקט פון ווײַסן שניי. פאַרטון אין דער אַרבעט, האָבן זיי עס פריער גאָר נישט באַמערקט. אין בערלין גייט זעלטן אַ שניי, אָבער ווען ער קומט איז ער וווּנדערלעך. קלײנע שנײעלעך, ווייכע, פוכקע, ווײַסע — לויפן מיט אַ תוהו־ובוהודיקן ביז גאָר שטילן אימפּעט אין דער לופט און פרישן אָפּ גאָר די וועלט. קומט אַראָפּ מיט אַמאָל אויף דער וועלט אַ ווײַסע שטילקייט פון אַמאָל אַמאָליקע נאָך גאָר פאַרחלשטע, תהו־ובוהודיקע צײַטן. און כאָטש די נאַכט איז אַזוי טונקל און ליגט זיך מיט אַזוי פיל שאָטנס אויף דער ערד, דער־פילט דאָך דאָס אויג די קוויקנדיק ־ פרישע ווײַסקייט פון שניי. דאָ און דאָרט זענען אָנגעצונדן הויכע לאָמטערנס, וואָס קוקן שטום אויף די ווײַסע שניי באַדעקטע בוימער.

אַ ווײַלע גייען זיי שווײַגנדיקע דורך דער אַלייע צום אויסגאַנג צו. נאָר בײַ ליובינסקין האָט ווידער אַ הייסער אימפּעט אַ שלאָג געטון פון פּנים. ווייכע שנײעלעך האָבן זיך פאַרחידושט געלייגט אויף זײַן שוואַרצן בערדל.

— ס'אַרא מאָדנע זאַך! יעדע בלום, יעדעס שנײעלע איז אַ וועלט פאַר זיך. און אָט די אַלע אומצײַליקע וועלטן נעמט אַרום אונזער קלײ־נער צונויפגעוויקלטער מוח. דאָרט אינם שאַרבן, אין די פאַלדן און בערגלעך פונם מוח, שפּיגלען זיך אַלע וועלטן, ווערן באַטראַכט און איבערגעשאַפן. דאָס גרעסטע וווּנדער איז אָבער, וואָס דער מוח קלערט זיך אַרײַן אין דעם וועזן פונם מוח גופא, באַטראַכט זײַנע אייגענע טראַכטעניש...

ליובינסקי האָט אַ הייסן שמיכל געטון און זיך אַ קער געטון צו יאָהאַנען:

— איר פאַרשטייט, אַז ווי מיר האַלטן איצט דעם מוח אין די הענט און טראַכטן זיך אין אים אַריין, אַזוי וועלן מיר דורכדעם קענען אין גיכן אַרומנעמען די נשמה זעלבסט און אַריינקוקן אין אירע טיפע־נישן — דאָרט אין יענע טיפענישן, ליגט פאַרהלשט דאָס לעצטע געהיימניש...

אַ היפשע עטלעכע טעג האָט די גרופּע שטודירט צוזאַמען דעם מוח. די איבערלעבענישן פון יענע טעג האָבן זיך טיף איינגע־קריצט אין יאָהאַנס נשמה און האָבן עטוואָס שפּעטער אַרויסגעוויזן זייער ווירקונג.

דערווייל האָבן די סטודענטישע אומרוען ווידער מיט אַ נייער קראַפט אויפגעוואַכט. די קאָרפּאָראַנטן און די „אויסלענדער" האָבן גע־וואָלט איינער דעם אַנדערן דעם וועג פאַרכאַפּן... די אויסלענדער האָבן געשטרעבט צו שאַפן באַצייטנס אַ קעגן־באַוועגונג. זיי האָבן געשיקט קעגן־פּעטיציעס אין די אוניווערזיטעטן און מיניסטעריומס, האָבן גע־שיקט דעפּוטאַציעס צו איינפלוסרייכע פּערזאָנען און געזעלשאַפטן.

טאַקע אין יענער צייט איז פאָרגעקומען אַ שטורמישע פאַרזאַמלונג פון אַלע אויסלענדישע, ד. ה. יידיש - רוסישע סטודענטן. פּינטשוק האָט איינגעלאַדן יאָהאַנען אויף אָט דער פאַרזאַמלונג, ווו ס'זענען פאָרגעקומען אומגלויבלעכע פאַר יאָהאַנען פּאַסירונגען.

ווען זיי זענען אַרום ניין אַ זייגער אָוונט געקומען אויף דער פאַר־זאַמלונג, איז דער גרויסער זאַל שוין געווען פול געפּאַקט. ס'זענען זיך צונויפגעקומען אַרום זעקס הונדערט אויסלענדישע סטודענטן, אַלע יידישע בחורים, אַ טשעקאַווע זאַך! ס'איז דאָרט געווען איין און איינ־ציקער קריסטלעכער רוסישער סטודענט האָט ער געטראָגן אַ קליין טונקל־געלבלעך בערדל און האָט אויסגעזען ווי אַ קליין־שטעטלדיקער ישיבה־בחור. כאָטש ער איז דווקא געווען אַ לינקער, שאַרפער מענטש, פלעגט ער שוין פון געוווינהייט גוטמוטיק שמייכלען, ווען אויף אַ ווע־טשערינקע, למשל, פלעגט אַ יידישער סטודענט גוט־ברודעריש אַ קלאַפּ טון אים אין פּלייצע מיט אַ געשריי:

— טו זיך נאָר, חיים יאַנקל, אַ קער עטוואָס לעבעדיקער...

אינם געפּאַקטן זאַל איז די אַטמאָספער געווען שטאַרק עלעקטרי־זירט. פאַרשידענע גרופּעס האָבן אויפגערעגט דיסקוטירט, מ'האָט גע־

וואַרפן און געדראַט מיט די הענט. מ'האָט זיך געריכט אויף שטורעמס. די סטודענטן האָבן זיך פון אָנהויב אָן שאַרף געטיילט אויף צוויי פיינט־לעכע לאַגערן — „רעכטע", נאַציאָנאַליסטיש געשטימטע, און „לינקע", סאָציאַליסטיש געשטימטע, — וואָס האָבן זייער פאַרביטערט צווישן זיך געקעמפט. (זיי זענען אפילו צעטיילט אין צוויי אָפּגעזונדערטע סטודענטי־שע פאַריינען, נאָר איצט האָבן זיך אַלע געמוזט צונויפרעדן צוליב אַ געמיינזאַמער שול־אַקציע. אָבער ביים צוזאַמענטרעפן האָט זיך ווידער צעקאָכט דער פאַרביסענער קאַמף). די איצטיקע אומרוען אין די דייטשע אוניווערזיטעטן האָבן נאָך מער פאַרשאַרפט די קעגנזאַצן. זענען ביידע צדדים ביז גאָר געוואָרן פאַרביסן. ווי נאָר מ'האָט געעפנט די זיצונג, האָט גלייך אויסגעבראָכן אַ ביטערער קאַמף. די פאַרזאַמלונג איז גלייך געוואָרן שטורמיש. עפּעס ווי אַ נישט־גוטער וואָלט זיך אריינגעכאַפּט אין זאַל, און אָנגערייצט איינעם אויף דעם צווייטן. די רעדנער האָט מען אַלע ווייַלע איבערגעריסן — פייפערייען, פּוס־שאַרעניש פון די קעגנער, אַפּלאָדיסמענטן פון די אייגענע. אַלע ווייַלע האָט זיך אויפגע־הויבן אַ טומל, אַ סקאַנדאַל — דער פּאָרזיצער האָט געקלונגען מיטן גלעקל, דאָ און דאָרט האָט מען געבייַלט די פויסטן, געקריצט מיט די ציין.

יאָהאַן האָט ווייניק פאַרשטאַנען די רעדעס, ווייל מ'האָט גערעדט מייסטנס רוסיש, זעלטענער אויף יידיש. האָבן אים נאָך מער גערייצט די אויפגערעגטע אַטמאָספער, די האַס - אָנגעזאַפּטע לופט, די צעהיצטע פּנימער און די געבייַלטע פויסטן. ער האָט זיך גאָר קיין אָרט נישט גע־קענט געפינען.

און אָט איז פינטשוק אַרויף אויף דער טריבונע. ווי אַלע מאָל בשעת צאָרן האָבן ביי אים געפלאַטערט די צעפּלעטשטע נאָז־לעכער. ער האָט געקאָכט און געזאָדן. אויפן גאַנצן לענג פון קאָפּ האָט דער פּליך געבלישטשעט אַנטקעגן דער עלעקטרישער ליכט און זיך ווי ווייס־זילבער אָנגעגליט. האָט זיך געדוכט, אַז פון אָט דעם אָנגעגליטן פּליך קייקלען זיך זיינע זודיקע רייד. ער האָט פאַרביסן געטייטלט מיט די פינגער אויף די קעגנער און געדונערט אויף זייערע קעפּ. אַלע ווייַלע האָט אַ העלפט זאַל היסטעריש אויסגעבראָכן אין אַפּלאָדיסמענטן, ווען די צווייטע העלפט האָט אויסער זיך געפייפט און געשאַרט מיט די פיס. און אָט האָט פינטשוק אַ זאָג געטון אַפּנים אַ זייער גיפטיק וואָרט — פייל פון בויגן זענען אויפגעשפּרונגען הונדערטער פון די ערטער און

צוגעלאָפן מיט אויפגעהויבענע הענט צו דער טריבונע. ס'איז אַנטשטאַ־נען אַ פאַרביטערטע געשלעג, וואָס מ'האָט גאָר נישט געקענט פונאַנדער־נעמען. אָט דער צעווילדעוועטער האָס האָט ווי אַ זודיקער בליי זיך אַ גאָס געטון אויף יאָהאַנס נשמה — ער איז ווי אַ פאַרסמטער אַרויס פון דער פאַרזאַמלונג און אַנטלאָפן וווהין די אויגן האָבן אים גע־טראָגן.

(אַ שאָד וואָס יאָהאַן איז אַנטלאָפן און נישט געזען דעם אומגע־ריכטן אויסגאַנג. אין רעכטן מיטן געשלעג אויף דער טריבונע, האָט פינטשוק פּלוצים געמאַכט אַ געוואַלט, ווי אַ טויט־פאַרוווּנדעטער. אַלע האָבן זיך דערשראָקן, האָבן אָפּגעלאָזן איינער דעם צווייטן און גענו־מען קוקן מיט שרעק אויף פינטשוקן. אַ בלאַסער, אַן אויפגערעגטער, עטוואָס איבערטריבן פּלאַטערנדיק מיט די צעפּלעטשטע נאָז־לעכער, האָט ער מיט די פינגער געוויזן אויף זיין פּליך און מיט אַ דינעם קול געשריגן:

— איר האָט דאָך מיר, גזלנים, אַלע האָר פון קאָפּ אויסגעריסן... ווו זענען דען אַלע מיינע האָר?..

ער האָט דערביי אַזוי דערשראָקן - פאַרוווּנדערט געפּינטלט מיט די אויגן, דאָס דער גאַנצער זאַל האָט אויסגעפּלאַצט אין אַ געלעכטער. דאָס איז ביי פינטשוקן דער שטענדיק־ברויזנדיקער קוואַל פון אורטימ־לעכער לעבנס־פרייד וואָס קיין אומגליק קאָן נישט פאַרמאַכן און וואָס רייסט אַדורך די סאַמע שטיקנדיקע פאַרצווייפלונג. ווי געדיכטע וואָלקנס דורך אַ גאָס־רעגן, אַזוי האָט זיך דורך דעם געלעכטער אויסגעוועפּט מיט אַמאָל די גאַנצע שפּאַנונג. דער עולם איז שיר נישט לוסטיק גע־וואָרן. די רעדל־פירער האָבן שוין מער נישט געקענט אָנשרויפן די פאַר־זאַמלונג. מ'האָט אויף גיך גענומען שטימען די רעזאָלוציעס).

יאָהאַן איז שפּעט ביינאַכט געקומען אַהיים און האָט זיך אין די קליידער אַ וואָרף געטון אויף דער סאָפע. אין די אויערן האָבן אים נאָך געהילכט די געשרייען, פייפעריען און פוס־שאַרעריען. פאַר די אויגן זענען אים געשטאַנען די האָס־פאַרקרימטע פּנימער און הויפּטזעכלעך דער קורצוווקסיקער פינטשוק מיט דעם וויים אָנגעגליטן פּליך... אין יאָהאַנס געררייצטער פאַנטאַזיע האָט איצט די גאַנצע וועלט אויסגעזען צעווילדעוועט, פאַרקרימט, ציין־קריצעריש, ווי אָפּט בשעת אַ טיפער ערשיטערונג, איז אויף אים איצט געקומען אַ שטאַרקער אָנפאַל פון מעלאַנכאָליע. אַ שווערער אומעט האָט אים געפּרעסט דאָס האַרץ, ער

האָט זיך געקאָרטשעט אויפֿן סאַמע פֿון שמערץ, גלייך ווי אונטערן האַרצן וואָלט אַ שוואַרצע פּיאַווקע דאָרט געזויגן... ווי אַלע מאָל בשעת אַן אָנפֿאַל באַקומען סאַמע אַלגעמיינע געדאַנקען אַן איבערטריבענע שאַרפֿקייט און שניידן זיך אים אַריין שמערצלעך טיף אין דער נשמה, גלייך ווי אַט די געדאַנקען גייען אים אין לעבן. הייַנטיקס מאָל האָט זיך די מעלאַנכאָלישע גריבלערײַ שיר נישט פֿאַרענדיקט מיט אַ גאָר אימהדיקן סוף און אָט ווי אַזוי. צוערשט האָט אים איצט געעקבערט דער געדאַנק, אַז אויב די רוסיש - יידישע סטודענטן האָסן און באַפֿאַלן איינער דעם צווייטן מחמת פֿאַרשידענע איבערצייגונגען, טאָ וואָס איז דער חידוש, וואָס די דייטשע קאָרפּאָראַנטן האָסן די אויסלענדער מחמת זייערע פֿאַרשידענע ווערנס. און ווייטער דאָס זעלביקע: די דייטשע יידן, אויך די ציוניסטיש-געשטימטע, קוקן קרום אויף די מזרח-יידן מחמת זייערע פֿאַרשידענע קולטורן, ווי ס'קוקן די דייטשע קריסטן אויף די דייטשע יידן מחמת די נאָך מער פֿאַרשידענע היסטאָרישע וואָרצלען. עפּעס אַ מין צויבער-קרייז פֿון האָס און צעריסנקייט — גאָר נישט אַרויסצודרייען זיך...

די מעלאַנכאָליע האָט אַלץ מער צעהיצט יאָהאַנס פֿאַנטאַזיע. וואָס פֿאַר אַ פּנים, קלערט ער, קען מען האָבן דאָ אויף דער וועלט, אויב מ'וויל קיינעם נישט האָסן אָדער באַקעמפֿן? אָט, למשל, האָט קריסטוס דורכוים געוואָלט, מ'זאָל ליב האָבן פֿיינט, נישט אַנדערש, און טאַקע דערפֿאַר האָט ער זעלבסט... געהאַסט די פּרושים, וואָס ווילן נישט ליב האָבן קיין פֿיינט. אַנומלטן האָט ער, יאָהאַן, געקלערט, אַז די יידישע נאַז איז דער „עפּעס", וואָס קאָן שטילן די נשמה-בענקשאַפֿט, וואָס קאָן ראַטעווען פֿון איינזאַמקייט און פֿאַרבינדן דעם מענטשן מיטן פֿאָלק און דורכן פֿאָלק מיט דער גאַנצער מענטשהייט. ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז מיט דער יידישער נאַז אַליין קאָן מען זיך גייסטיק נישט אויפֿריכטן, וואָרום ס'ברענגט האָס און צעריסנקייט נישט נאָר צווישן יידן און נישט-יידן, נאָר אויך צווישן יידישע גרופּעס, וואָס יעדע האַלט די זעלביקע יידישע נאַז אויף אַן אַנדער זייט. דאָס זעלביקע איז אויך מיט דעם סאָציאַליזם, וואָס ברענגט קאַמף און שפּאַלטונג נישט נאָר צווישן סאָציאַליסטן און נישט-סאָציאַליסטן, נאָר אויך צווישן די פֿאַרשידענע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. מ'קאָן זיך ערגעץ נישט אויסבאַהאַלטן פֿון דער העסלעכער צײַן-קריצעניש. ס'קומט אויס, אַז צו דער יידישער נאַז און צום סאָציאַליזם דאַרף מען ערשט געפֿינען אָט יענעם „עפּעס",

וואָס ברענגט רעטונג און דערלייזונג. שטייט ער, יאָהאַן, שוין ווידער בײם אַנהויב פון זײַנע זוכעניש! ווי געפינט מען דעם וועג צום „עפּעס", ווי ראַטעוועט מען זיך פון דער שוואַרצער אומרו?.. וואָס טוט מען בלויז מיט די מעלאַנכאָלישע פלאָנטערס? שפּעט אין דער נאַכט איז ער אײַנגעשלאָפן אין די קליידער אויף דער סאָפע. און כאָטש ער איז טיף געשלאָפן, איז אָבער ערגעץ אונטערן האַרצן געבליבן וואַך אַ באַהאַלטן פֿינטעלע, וואָס האָט אים פון אינעווייניק מאָדנע געפּייניקט. ס'איז דאָך אײַנגנטלעך מיט אים גאָר נישט געשען — פאַרוואָס־זשע קאָן ער זיך קיין אָרט נישט געפינען. ער קערט זיך פון איין זײַט אויף דער צווייטער, וואַרפט זיך אומרואיק, צײַטנווײַז פאַרכאַפּט אים דער אָטעם אין שלאָף. ווען דאָס נאָגנדיקע פּינטעלע אונטערן האַרצן וואָלט נאָר אײַנשלאָפן! פּלוצים דערהערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר.

— ווער איז דאָרט?

קיינער ענטפערט נישט. ווײַל אָקאָרשט יאָהאַן אַ ווײַלע אָפּוואַרטן. טאַקע באַלד דערהערט זיך ווײַטער אַ מאָדנער קלאַפּ אין טיר. אַ שעמעוודיקער, אומזיכערער קלאַפּ, גלײַך ווי שוואַכע שרעקעוודיקע פינגער, וואָלטן פון יענער זײַט אומזיכער געקלאַפּט...

ביי יאָהאַנען פאַלט איין דאָס האַרץ. ער שטייט אויף און לאָזט זיך צו דער טיר צו. ווי נאָר ער עפנט די טיר, בלײַבט ער ווי געפּלעפט. אַרום סאַמע שוועל שטייט אַ בלאָנדע שעמעוודיקע פרוי, איר קאָפּ איז אויף דער זײַט געבויגן און די בלאָנדע האָר פאַלן צעפּאַטלט אומבאַהאָלפן אויף די פּלייצעס. דערקענט ער „איר" שטאַרן בליק, וואָס ער האָט נאָך דאַמאָלט פאַרטאָג ביים לעצטן... פּלוצים פאַרשווינדט ביי איר דער שטאַרער בליק, אירע אויגן ווערן פול מיט רחמנות און די ליפּן פאַרקרימען זיך אין גרויס לײַדן. זי פאַלט מיט דעם קאָפּ אויף זײַן אַקסל און צעוויינט זיך.

— יאָהאַן! זון מײַנער, וואָס ביסטו אַזוי פאַרחושכט? כ'קאָן עס גאָר נישט אַריבערטראָגן. זינט יענעם פאַרטאָג ביסטו אַזוי צעבראָכן, דאָס דו פילסט דעם שמערץ פון דער גאַנצער וועלט... יאָהאַן, יאָהאַן, יאָהאַן...

פון וואַנען נעמען זיך צו איר אַזוינע רייד? ער חלשט זי אַרײַנבעטן אין צימער, איר עפּעס דערציילן, דערפרייען... איז ער אָבער אַלץ געפּלעפט און קאָן קיין אבר נישט אַ ריר טון. און אָט טוט זי זיך אַ ריס פון אָרט, נעמט אָן מיט ביידע הענט זײַן קאָפּ און קוקט אים אַריין

טיף אין די אויגן אריין. און טאַקע נאָר ווי אין די פריסטע קינדער־יאָרן, ווען זי פלעגט אים, אַ וויינענדיקן, וועלן מאַכן פריילעך, ווערט זי מיט אַמאָל האַפּערדיק און פריילעך. נאָר אירע רייד זענען היינט אַזוי מאָדנע. נאָר נישט איר לשון (ענלעכע רייד האָט ער נאָר געהערט פון ליובינס־קין אין איינעם פון זייערע שמועסן):

— זיי שטאָלץ, יאָהאַן, דו האָסט דאַמאָלט פארזוכט די שווערסטע ליידן, אָט דעם געטלעכן געטראַנק, וואָס דו האָסט אַ קינד אַזוי מוטיק פאַרטראָגן. דערפאַר האָט מען דיר געשענקט די געטלעכע פּריווילעגיע צו לעבן נאָך אויסלייזונג פון דער וועלט, וואָס נאָר נביאים און מוזי־קער האָבן צו דעם זוכה געווען. קום מיט מיר, יאָהאַן, אַהין צום פּיאַנע, קום, קום...

זי נעמט אים פאַר דער האַנט, אָבער ער גנבעט זיך פּאַמעלעך פון איר אַרויס און בלייבט שטיין ווי פריער אויפן שוועל. ער הערט נאָר מיט פאַרכאַפּטן אָטעם, ווי זי גייט אין מוזיקאַלישן סאַלאָן, עפנט דאָרט די פּיאַנע און הויבט אָן האַפּערדיק צו שפּילן. אַהאַ! זי שפּילט טאַקע די זעלביקע מעלאָדיע, וואָס זי האָט אים, אַ פינפיעריק קינד געלערנט שפּילן. די מעלאָדיע הויבט זיך אָן לייכט און פאַרצויבערט, ווי אַ קינ־דער־מעשהלע. איצט איז די מעלאָדיע פול מיט צויבער ־ פרייד, וואָס צעגיסט זיך אין אַלע זיינע גלידער. אָבער כאָטש די פרייד וואַקסט, ווערט די מעלאָדיע אַלץ שטילער און ווייטער... אָט קאָן שוין דער אויער נאָר נישט אויפכאַפּן, נאָר טיף אין דער נשמה הילכט נאָך קוים די שטיל־שטילע מעלאָדיע. יאָהאַן שטרעקט די הענט פאַרויס נאָך דער אַנטלויפנ־דיקער, אויסגייענדיקער מעלאָדיע, ער טוט אַ געשריי און... כאַפּט זיך אויף.

ער זעצט זיך אויף דער סאָפע און קוקט אַ ווײַלע אַרום זיך פאַרוווּנ־דערט. ס'איז שוין רעכטער באַגינען. דורך די פענסטער קוקט אַריין פאַרחלשט דער גרויער מאָרגן און פּילט אָן גאָר די וועלט מיט שטומער בענקשאַפט. יאָהאַן שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף דער האַנט און שמייכלט פאַרגאַפט. כאָטש ער געדענקט נישט די מעלאָדיע, פילט ער אָבער איר פאַרגאַפטע פרייד אין אַלע זיינע גלידער. ער טוט זיך אויס, לייגט זיך אין בעט און ווערט באַלד אַנטשלאָפן מיט אַ פאַרגאַפטן שמייכל אויף די ליפּן...

נאָך יעדן מעלאַנכאָלישן אַנפאַל פלעגט אָפט אויף יאָהאַנען קומען אַ געהויבענע שטימונג פון אינערלעכער דערלויכטונג און באַנייטער האָפנונג. אָט ווי נאָך אַ שלאַגס־רעגן באַווייזט זיך אַ נײַ־שמייכלענדיקע

זון אויף דעם אויסגעליטערטן האָריזאָנט. היינטיקס מאָל איז ער נאָך די אימהדיקע איבערלעבענישן פון דער נאַכט אויפגעשטאַנען אין דער פרי גאָר מונטער מיט אַ פאַרטיקן אַנטשלוס. (דער אַנטשלוס איז אַזוי יינגליש־נאַיוו, דאָס נישט נאָר דער פאָטער, נאָר אויך אַנדערע האָבן פון אים געלאַכט. אָבער גראָד אָט די בלומרשט לעבערלעבע נאַיווישקייט האָט שפּעטער באַקומען אַ אומגעריכטע באַדייטונג):

פון דער ציוניסטישער פּאַרטיי איז ער ארויס און אין פינטשוקס פּאַרטיי וועט ער נישט אריין. פּאָליטיק איז מסתמא גאָר אַ נויטיקע זאַך, אָבער קיין דערלייזונג פון אומרו און צעריסנקייט וועט עס נישט ברענגען, ווייל פּאָליטיק מוז עמעצן האַסן, באַקעמפן און איז תמיד פול מיט ציין־קריצעניש. נישט ביי אייגענע, נישט ביי פרעמדע פּאָליטיקער, נאָר ביים פּראָפעסאָר קראַנער, ביים אמתן וויסנשאַפטסמאַן, האָבן די יידיש־רוסישע סטודענטן געפונען פריינטשאַפט און פאַרשטענדעניש. דער ליכטיקער וויסנשאַפטסמאַן! בלויז וויסנשאַפט און קונסט זענען די פלאַקערס, וואָס וועלן ווייזן דעם וועג אין די סאַמע טיפענישן פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ. האָבן איצט יאָהאַנען לאַקנדיק און צוזאָגנדיק געהילכט אין די אויערן ליובינסקיס פאַרגאַנגענע רייד:

— דאָרט אין יענע טיפענישן ליגט פאַרהלשט דאָס לעצטע געהיימניש.

יאָהאַן האָט איצט מיט פרייד דערפילט אין זיך די טיפע ווירקונג פון ליובינסקין, וועלכער טראָגט מיט רעליגיעזער פאַרכאַפּטקייט דאָס אָנגעצונדענע ליכט פון דער וויסנשאַפט...

ס'איז שוין באַלד סוף מערץ. יאָהאַן האָט באַשלאָסן צו פאַרענדיקן אויף גיך זיינע אַרבעטן אין אַנאַטאָמישן זאַל. ער וועט אָפּשניידן מיט אַלע פּאַרטייען, מיט פינטשוקן, מיט די יידיש־רוסישע סטודענטן, וואָס זענען כמעט אַלע פּאַרטייאישע ציין־קריצנדיקע וועלט־פאַרבעסערער. ער וועט אויף די זומער־חדשים זיך אָפּשליסן אינם אוניווערזיטעט־שטודיום, די פרייע צייט וועט ער אָפּגעבן דער מאַלעריי (דאָס נישט לאַנג פון אים פאַרענדיקטע אייל־בילד האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף אַלעמען, ס'שוועבן אים איצט אין קאָפּ נייע אידייען און פּרוון אין דער מאַלעריי), ער וועט...

אָבער קעטנער און ליובינסקי זענען נאָך ביידע זייער יונג, יעדער פון זיי ברענט אויף זיין שטייגער אין דעם פיבער פון צעגליטע יוגנט־טרוימען. וואָס וועט אָקאָרשט מיט זיי ווייטער פּאַסירן?

5

אומגעריכטע און אויפגעריכטע

וואָס איז אַזוינס פאָרגעקומען ביי די קעטנערס? פאַרוואָס גייט דער שטאָלצער באַנקיר אַזוי נערוועז אַרויף און אַראָפּ אין זיין קאַבינעט? ער שטעלט זיך אָפּ אַלע ווײַלע ביים שרייב־טיש אָפּצוטרייסלען דעם אַש פונם ציגאַר אויף דעם אַש־בעכער, כאָטש דער ציגאַר רויכערט זיך פּייעריק, נישט האָבנדיק קיין פּיצל אַש.

ס'איז היינט פאָרגעקומען אַ קליינע געשעעניש, וואָס האָט אָבער דעם באַנקיר שטאַרק אויפגערעגט. ער איז געקומען היינט פינף אַ זייגער אַהיים (ווי זיין שטייגער איז) צום עסן און געפונען אַ בריוול פון יאָהאַנען, דאָס ער איז היינט אין דער פרי אַוועקגעפאָרן אויף עטלעכע טעג אין האַמבורג צום אָנקל ד"ר אָסקאַר גרינשטיין (אייגנטלעך איז ער דער אָנקל פון זיין מוטער). דער באַנקיר האָט גלייך אַ שנאָרך געטון מיט דער ברייטער נאָז און פאַרביסן די ליפּן אונטער די געדיכטע וואָנסן. האָבן די דינער גלייך באַמערקט זיין אויפרעגונג און האָבן פאַרזיכטיק, מיט פאַרכאַפּטן אָטעם, סערווירט דעם טיש. ער האָט אַ פאַרכמורעטער זיך געזעצט צום טיש, פאַררוקט רוגזהדיק אַ סערוועטקע הינטערן קאָלנער, צוגעדריקט די גאָלדענע פענסנע אויפן נאָז און אָנגעהויבן פאַרטראַכט צו עסן...

ס'האָט טאַקע שיר נישט אויסגעזען, ווי ער וואָלט גאָר נישט עקזיסטירט פאַר יאָהאַנען. שטענדיק לאָזט אים יאָהאַן אַלעם וויסן נישט פריער, נאָר דערנאָכדעם, ווען ס'איז שוין געשען. אָבער אַוועקפאָרן פון דער היים, אָן אַ זיי־געזונט, אָן זיין ידיעה, איז שוין גאָר צו פיל. דאָס אומהיימלעכע איז, וואָס יאָהאַן האָט נישט דערביי (דער פאָטער ווייסט עס געגוי) קיין בייזע כוונות, נאָר ער לעבט איינפאַך זיין אייגן לעבן, און באַמערקט גאָר נישט דעם פאָטער. באַמערקט נישט! אָט אַזוי וואַקסט זיך אַ יונגער בוים, — אָן וועלכע ס'איז בייזע כוונות צעוואַקסט זיך אָט

דער בוים מיט די צווייגן און לאָזט אַנדערע בוימער הינטער אים אין שאָטן. ערשט נעכטן האָט ער זיך דערוווּסט, אַז אויף די וואַלן פון דער יידישער געמיינדע, האָבן אין פיל ליבעראַלע הייזער די קינדער גע־שטימט קעגן זייערע עלטערן פאַר די ציוניסטן. אַזוינס האָט מען נאָך גאָר נישט געהערט! עפּעס ווילדעס און פאַרעקשנטעס צעוואַקסט זיך אין דער נייער צייט און פאַררוקט די איצטיקע עפּאָכע אין שאָטן. ווי קומט אָבער יאָהאַן צו די גרינשטיינס? וואָס האָט ער מיט זיי צו טון? (יאָהאַן האָט אים קיינמאָל נישט דערציילט וועגן זיין באַגעגעניש און פריינט־שאַפט מיט העלענען).

ד"ר אָסקאַר גרינשטיין איז אַ באַקאַנטער אַדוואָקאַט אין האַמבורג. ער אַליין שטאַמט פון מזרח־יידן, נעמלעך פון אַ פּוילישער איינגעוואַנ־דערטער פאַמיליע אין האַמבורג (דאָרט מוז אויך זיין אַ מין „גרענאַדיר־שטראַסע"). כאָטש ער איז שוין געבוירן און ערצויגן געוואָרן אין דייטשלאַנד, איז ער דאָך אָנגעשטעקט (צי בירושה, צי דורך דעם איינ־פלוס פון די עלטערן) מיט דעם אָסט־יידישן „פאַנאַטיזם", נאָר אויף אַ נייעם שטייגער. ער איז נעמלעך אַ פאַרברענטער ציוניסט, פאָרט אַזש אַרום איבער פאַרשידענע שטעט צו האַלטן ציוניסטישע אַגיטאַציע־רעדעס. אַזאַ פאַנאַטיקער! (דער באַנקיר האָט אים נישט ליב. ווען דאָק־טאָר גרינשטיין איז מיט יאָרן צוריק געקומען אין בערלין צו אים אויף אַ באַזוך, האָט אים דער באַנקיר כמעט נישט אויפגענומען). זיינע קינ־דער זענען שוין אויפגעקלערטע סאָציאַליסטן. ווי־זשע קומט יאָהאַן אַהינצו? אַנומלטן איז יאָהאַן אריין צו אים אין קאַבינעט און געלאָזט אים וויסן, אַז ער איז „שוין" אַרויס פון דער ציוניסטישער געזעלשאַפט, אַז ער האָט אָפּגעשניטן מיט אַלע פּאַרטייען (וועלכע „אַלע" פּאַרטייען — דערציילט ער נישט), מיט דער פּאָליטיק, און ער וועט זוכן דערלייזונג אין דער וויסנשאַפט. גיך און גוט! וואָס־זשע לויפט ער אָקאָרשט צו די גרינשטיינס?

אין מיטן עסן בלייבט דער באַנקיר אַ ווײַלע אומבאַוועגלעך מיט דעם אויפגעהויבענעם גאָפּל אין דער האַנט און מיט דעם אָפּגעשטעלטן ביסן אין מויל. ס'האָט אים נעמלעך עפּעס אַ בליץ געטון אין מוח. ער האָט אַ שנאָרך געטון מיט דער נאָז און ווייטער געגעסן פאַרטראַכטער־הייט...

אים דוכט זיך אַז ביי גרינשטיין איז פאַראַן אַ יונגע טאָכטער. צי האָט זיך נישט יאָהאַן מיט איר ערגעץ געטראָפן. צי וועבט זיך נישט

עפּעס צווישן זיי? אָט די אַלע טרוימערס זענען דאָך פּייער און פּלאַם אין אַזוינע זאַכן. יאָהאַן וועט אים מסתּמא שפּעטער לאָזן וויסן, אַז ער איז „שוין" פאַרבונדן. וואָס? מער פעלט נישט, אַז יאָהאַן זאָל אַריינבּרענגען אין הויז אַ סאָציאַליסטקע פון דער האַמבּורגער „גרענאַדירשטראַסע"! זי וועט דאָ צוזאַמען מיט יאָהאַנען אַלעס איבּערקערן מיטן קאָפּ אַראָפּ הינטער זיינע פּלייצעס, און ער, דער באַנקיר, וועט אַרומגיין ווי אַ גלאָמפּ איבּערן שטוב. ניין — דאָס וועט ער נישט דערלאָזן. נישט, בשום אופן נישט! ער איז נאָך נישט קיין אינוואַליד!

ביים באַנקיר האָבּן הייסע אַנגסטן אַ זעץ געטון אויפן שטערן. ער האָט אָפּגערוקט ענערגיש דעם טעלער, אַראָפּגענומען פון זיך די סערוועטקע און אויפגעשטאַנען האַסטיק פון טיש.

גייענדיק אין קאַבּינעט האָט ער מיט אַמאָל דערפילט די איינזאַמע פּוסטקייט פון די אומצייליקע, ערשטווינט־נאָכקוקנדיקע און אויף עמעצן־וואַרטנדיקע, ליידיקע חדרים, גלייך ווי מיט יאָהאַנען וואָלט דער לעצטער אָטעם פון דאַנען פאַרשוווּנדן. צי בענקט ער נישט פּשוט נאָך דעם איינציקן זון זיינעם. נאָך דעם צאַרטן פאַרטרוימטן יינגל מיט די אויסגעשטאַרצטע מאַנדל־אויגן. ס'וואָלט גאָר נישט געווען אַזוי אומנאַטירלעך, בע־בע־בע...

אין קאַבּינעט האָט ער אָנגעצונדן אַ דיקן ציגאַר, וואָס ער האָט געהאַלטן מיט נערוועז - אומרויקע פינגער. ער איז געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ. ניין — די זאַך איז פיל ערנסטער. די מוטער איז פּלוצים אַוועק פון דער וועלט, דאָס גאַנצע לעבּן שטום און פאַרשלאָסן; איצט לויפט דער זון פּלוצים אַוועק פון שטוב, ווי זיין מוטער שטום און פאַרשלאָסן. די לעצטע צייטן האָט יאָהאַן אָפּטע אָנפאַלן פון מעלאַנכאָליע, ווען ער גייט אַרום שעהן לאַנג טרויעריק־פאַראומערט. צי האָט ער נישט טאָקע געירשנט פון דער מוטער אַ באַהאַלטענע גייסט־קראַנקהייט? דער דאָקטאָר באַרואיקט אים, דאָך זאָגט ער, אַז מ'קאָן מיט געוויסהייט נישט פאָרויסזאָגן, וואָס ס'קאָן שפּעטער מיט יאָהאַנען פּאַסירן, און מ'מוז זיין מיט אים פאָרזיכטיק. וואָס הייסט פאָרזיכטיק?

ביים באַנקיר האָבּן ווידער הייסע אַנגסטן אַ זעץ געטון פון שטערן. ביי דעם איינעם געדאַנק וועגן יאָהאַנס אַ מעגלעכע קראַנקהייט ווערט אים ליידיק אין האַרצן. ס'שווינדלט אים אין די אויגן, און די קני בויגן זיך פון אַנגסט. ער שטעלט זיך אָפּ אַ ווײַלע און כאַפּט איבּער דעם אָטעם. נאַרישקייטן! ווי קומט ער אָנוואַרפן אויף זיך אַזוינע

אַנגסטן? גלאַט געגרעדט! יאָהאַן איז פריש און קרעפטיק, שטייגט אַרויבער די מייסטע חברים מיט אינטעליגענץ און אַרבייטזאַמקייט. דערצו האָט יאָהאַן אַ שטאַרקע מאַלערישע באַגאַבונג, און ווי יעדע קינסטלערישע נאַטור, איז ער, פאַרשטייט זיך, פול מיט שטימונגען. טאַקע דערפאַר דוכט זיך, אַז...

דער באַנקיר איז מיד פונם אַרומגיין און זעצט זיך אַ ווײַלע אָפּרוען אויף דעם גרויסן קאַבינעט־שטול אין ווינקל. די פאַבריקע נאַכט איז ער כמעט נישט געשלאָפן, און נאָך אַזאַ נאַכט איז ער געוויינלעך סענטימענטאַל, גרינג אַפילו אויף אַ טרער. אויף דעם שרייב־טיש ברענט אַן עלעקטרישער לאָמפּ אונטער אַ גרינעם אַבאַזשור, דער גרויסער קאַבינעט איז האַלב טונקל, אין שאָטנס איינגעהילט. דערפילט ער באַשײַנפּערלעך די פאַרשמאַכטע שטילקייטן פון די אַלע איינזאַמע ליידיקע חדרים, וואָס ציען זיך און לויערן מאַסנווײַז פון יענער זייט קאַבינעט. „שטילקייטן" איז אַ גוטער אויסדרוק. ס׳איז טאַקע פאַראַן נישט איינע, נאָר פיל אַלערליי שטילקייטן. אין יעדן חדר האָט די שטילקייט אַן אַנדער אויסזען. אין דעם שלאָף־צימער פון דער פאַרשטאָרבענער פרוי איז די שטילקייט טרויעריק פאַראומערט, אינם קליינעם סאַלאָן מיט דער פיאַנאָ איז די שטילקייט שטאַרק מוזיקאַליש, פול מיט באַהאַלטענע קלאַנגען און שטימונגען, אין גאַרדעראָבע־צימער איז... דאָס איז אַלץ פוסטע זאַכן. ערנסטע דאגות הויבן אים פון שטול. גייט ער שוין ווידער אַרויף און אַראָפּ אין קאַבינעט, פאַרזונקען אין מחשבות...

ס׳איז טאַקע אָט וואָס צו באַוווּנדערן. אַזוינע ווייכע און צאַרטע נאַטורן, ווי יאָהאַן און זײַן מוטער, לעבן פאַר זיך אָפּגעשלאָסן, טראָגן אָבער אין זיך אַ טיף גראַבנדיקן אימפּעט, וואָס עגבערט ערגעץ שטום־אומבאַמערקט, און אַ ליאַדע מינוט שטייט מען פאַר געשעענע פאַקטן, וואָס מ׳קאָן אַפילו נישט פאָרויסזען. ס׳איז אַ מין סאָרט „אומגעריכטע" מענטשן, וואָס שטענדיק איבעראַשן זיי דיך פון אַן אומגעריכטער זייט. וואָס־זשע האָט ער דאָ אין הויז אויסגעפירט מיט זײַן תקיפות? ס׳איז באַשטימט געווען אַ פעלער פון זײַן זייט. ווען ער וואָלט באַצייטנס זיך נאָכגעגעבן אַריינגעפילט אין זייער אינערלעכער וועלט, וואָלטן זיי געהאַט מיט אים אַ געמיינזאַמען לעבן און טאַקע דאַמאָלט וואָלט ער אַלץ געקענט אויספירן. ס׳קאָן זײַן, אַז אָט דעם זעלביקן פעלער (נאָר אין אַ גרויסן מאַסשטאַב) מאַכן נישט נאָר די ליבעראַלע יידן, נאָר די איצטיקע מלוכה־פירער בכלל. וואָס מער די דאָזיקע זענען תקיף, אַלץ מער ווערן אָפּגע־

שלאָסן פאַר זיך די אומצופרידענע, די אומרואיקע — די ציוניסטן, סאָציאַליסטן און ווי זיי הייסן דאָרט אַלע (אויך די „באַהאַלטענע'' מיליטערישע קליקעס, וואָס גרייטן עפּעס סודותדיקס אין די שטאַבּן). דאָס זענען אַלץ „אומגעריכטע'' חברה־לייט. זיי זאַמלען ערגעץ שטומע אונטערערדישע כּוחות, און אַ ליאַדע מינוט וועלן די אַלע איצטיקע רעדלפירער פאַרשאָטן ווערן פלוצים פון „אומגעריכטע'' געשעענישן. איז דען נישט עפּעס ענלעכעס פאַרגעקומען אינם אַלטן רוים פאַר דעם אונטערגאַנג? ס'וועט נאָך אויסקומען...

דער באַנקיר האָט זיך אַ רגע אָפּגעשטעלט און אַ שנאָרך געטון בייז מיט דער נאָז. וואָס קריכן אים היינט אין קאָפּ, צו אַל די רוחות, אַזוינע שוואַרצע געדאַנקען? צי איז ער נישט פּריציטיק אַלט געוואָרן, וואָס ער לאָזט זיך אַריין אין אַזוינע כּניוקערייען. דער גאַנצער אומגליק איז טאַקע, וואָס ער, אַ שטורמישער פירער אין דער פינאַנץ־וועלט איז אין דער היים גאָר שווייגנדיק דיפּלאָמאַטיש, אַ גאַנצער פילאָזאָף. אין דער פינאַנץ - וועלט קאָן מען אַמאָל אַ קעגנער אָדער אַ מיטאַרבעטער שווייגנדיק באַזייטיקן, פאַרניכטן דורך איגנאָרירן. אָבער אַן אייגענעם זון קאָן מען נישט באַזייטיקן, מ'מוז רעדן מיט אים האַרטע דיבורים. בסך־הכּל איז יאָהאַן אַ שנעק, וואָס דאַרף פילן איבער זיך אַ שטאַרקע האַנט. מ'דאַרף אים פּשוט דערלאַנגען, אַז אים זאָל פאַרגיין יעדער חשק צו זיינע שטיקלעך... בכלל איז די גאַנצע זאַך איבערטריבן. מ'קאָן קיינמאָל נישט אַלעס פאָרויסזען. אָט איז יום־טיף־ראָט זעמערינג, אַזאַ מאַניאַק קעגן דער „גרענאַדיר - שטראַסע'', און זיינע זין, נאָך יונגע סטודענטן, זענען דווקא פאַרברענטע ציוניסטן. אָט איז, פאַרקערט, דעם באַנקירס ברודער, לעאָפּאָלד קעטנער, גאָר אַ קאַלטבלוטיקער ליבעראַל און זיין זון פריץ איז אַן עכטער ליבעראַלער סטודענט אַ קאָרפּאָראַנט מיט אַלע פּליטערלעך... ערשט יענע וואָך האָט אים דער פאָרזיצנדער פון דער יידישער געמיינדע באַוויזן די גרויסע ליסטע פון געטויפטע און געמישטע חתונות צווישן יידן און קריסטן. אַנומלטן האָט זיך זיין פריינט, רעגירונגס - ראַט בערנער געטויפט מיט דער גאַנצער פאַמיליע. וואָס טרייבט מען עס איבער די געפאַר פון די ציוניסטן, פון דער בלומרשט - פאַרפלייצנדיקער „גרענאַדיר - שטראַסע''? יעדער איינער דאַרף נעמען די לייצעס אין די הענט און נישט כּניוקען. ער וועט זיך איצט גאָר אַנדערש נעמען פאַר יאָהאַנען, ער וועט אים...

דער באַנקיר האָט פאַררויכערט א פרישן ציגאַר. ער איז ווידער אויף זיין געוויינלעכן שטייגער שטייף און קאַלט געוואָרן, האָט זיך גע־זעצט ביים שרייב־טיש, פאַרזשמורעט דאָס לינקע אויג און זיך גענומען ווידער פאַר זיין שטענדיקער אַרבעט.

אויף מאָרגן האָט אָט וואָס פּאַסירט.

גאַנץ פרי, נאָך פאַר אַכט אַ זייגער, ווען דער באַנקיר איז נאָך גע־זעסן ביים ערשטן מאָרגן־פרישטיק, איז ווי פּלוצים אַנגעקומען יאָהאַן און איז גלייך אריין צום פאָטער אין עס־צימער. ביים פאָטער האָט ס'האַרץ אַ צאַפּל געטון פון פרייד און בענקשאַפט. ער האָט אָבער געמאַכט אַ שטרענג פּנים, און קוקנדיק אָן אַ זייט, האָט ער קאַלטבלוטיק אים גע־געבן די האַנט:

— ביסט דאָך, יונגערמאַן, געקומען אַהיים פריער, ווי דו האָסט געשריבן...

נאָר אָט האָט ער אַ קוק געטון אויף יאָהאַנען, און פון אומגעריכטן שרעק איז דער ביסן ביי אים אין מויל געבליבן שטיין. ס'איז שווער געווען יאָהאַנען צו דערקענען. דאָס פּנים בלאַס און פאַרצערט, די אויגן דערשראָקענע. אויפן פּנים איז געשטאַנען דער שמייכל פון אַ געפאַלענעם. די פאַרלוירענע צעשטרייטע בליקן האָבן באַוויזן, דאָס ער הערט קוים, וואָס מ'רעדט צו אים. טאַקע גאָר אַ דערשלאָגענער. ביים פאָטער איז דאָס האַרץ איינגעפאַלן. ווי מורא האָבנדיק צו באַרירן אַ שווערע ווונד, זאָגט אים איצט דער פאָטער שטיל און באַזאָרגט, מיט אַ ווייך־באַרואיקנדער שטים:

— ווילסטו איצט, יאָהאַן, פרישטיקן אָדער דו וועסט פריער אָפּ־רוען פון וועג? ביסט דאָך געפאָרן ביי נאַכט — פילסטו זיך שלעכט? וואָס?

יאָהאַן שטייט אַ פאַרלוירענער, דאָס פּנים פול פון אַנגסט און שטומע ליידן. ער וויל עפּעס זאָגן, נאָר די ליפּן ציטערן אַ גאַנצע ווײַלע און קאָנען גאָרנישט אַרויסברענגען. נאָך אַ געוויסער אָנשטרענגונג זאָגט ער מיט אַ געפאַלענער שטים:

— ניין, — כ'וועל פריער גיין אָפּרוען, כ'וועל...

מיט וואַקלדיקע אומזיכערע טריט, ווי אַ באַטרונקענער, דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן, גייט יאָהאַן אוועק צו זיך אין צימער. דער פאָטער האָט אָפּגערוקט די נאָך נישט אויסגעטרונקענע קאַווע און אויפשטייענדיק

פון טיש האָט ער אונטער די וואָנסן גיפּטיק א שמייכל געטון צו זיך אַליין אויף זיינע נעכטיקע רעיונות.

— אדרבה, זיי אַ בריה און נעם אַזאַ יונגן מאַן אין די הענט אַריין...

גרויסע בערן אויף דער בערזע, וויכטיקע פּאָליטישע קעגנערס, קאָן ער אַמאָל ברוטאַל צעשמעטערן, אָבער אַזאַ געבראָכענעם יינגל ווייסט ער גאָר נישט ווי אַ ריר צו טון. וואָס טויגן אָבער איצט אָט די אַלע חקירות? וואָס טוט מען מיט דעם יינגל? צי האָט מיט אים עטוואָס פּאַסירט אָדער איז ער טאַקע נערוון־קראַנק? יעדנפאַלס איז די לאַגע ביז גאָר ערנסט, דער יינגל זעט דאָך שיר נישט אויס ווי אַ געריריטער...

דער פּאָטער דרייט זיך אַ ווײַלע איבערן עס־צימער. די קני בויגן זיך ביי אים פון אַנגסט. דאָך האָט ער מורא צו רופן גלייך אַ דאָקטאָר, וואָס קאָן אויף דער הייסער מינוט מאַכן אַ פּאַניק. ער וועט רופן דעם דאָקטאָר נאָכדעם, ווען ער וועט וויפל ס'איז די לאַגע אויפקלערן. ער האָט דאָך געפילט, אַז דאָס יינגל איז טויטלעך אויפגעטרייסלט עפּעס דורך אַ זייער שווערער פּאַסירונג, וואָס מ'מוז נישט מעדיציניש, נאָר מענטשלעך ארויסהעלפן און טאַקע באַלד. צי איז דאָ אָקאָרשט נישט פאָרגעקומען אַ ביטערע „האַרץ״ - געשיכטע ביי די גרינשטיינס? ווער ווייסט, אפשר איז...

ווי אַלע מאָל בשעת אַ קריטישן מאָמענט, ווערט ער, דער באַנקיר, מיט אַמאָל בויגעוודיק און דורכדרינגנדיק רויק. מ'טאָר איצט דעם קאָפּ נישט פאַרלירן, מ'מוז ראַטעווען וואָס און ווי ס'לאָזט זיך. ער באַקומט די מוטיקע דרינגנדיקע רויקייט, וואָס מ'האָט בשעת אַ שריפה, ווען יעדע רגע איז טייער און מ'דאַרף ווירקן רויק, אָבער שנעל און טרעפלעך.

ער איז צוגעגאַנגען צו יאָהאַנס צימער. די טיר איז דאָרט האַלבּ־אָפן, אויפן שוועל האָט ער אָט וואָס דערזען. יאָהאַן זיצט אומבאַוועג־לעך אויף אַ שטול נעבן טיש, דער קאָפּ אויף דער האַנט אָנגעשפּאַרט, איז אין גאַנצן ווי פאַרגליווערט. דער פּאָטער איז אַריין אין צימער צו יאָהאַנען, און עטוואָס אָנבויגנדיק זיך צו אים, האָט ער אים צאַרט גענומען פאַר דער האַנט. נישט נאָר דאָס אויסזען, נאָר אויך שטים און באַוועגונגען באַקומען איצט ביים פּאָטער אַ זייער קאָנצענטרירטע, טיף־אַריינדרינגנדיקע און שטאַרק־פאַרכאַפּנדיקע צאַרטקייט.

— וואָס איז מיט דיר, יאָהאַן!

— ב'האָב אַלץ פאַרלוירן.

— ווער איז זי?

— העלענאַ גרינשטיין!

— ווי אַזוי איז עס געשען?

יאָהאַן ענטפערט נישט אויף דער לעצטער פראַגע. דער פאָטער פרעגט נישט נאָכאַמאָל. ער זעצט זיך אויף אַ שטול נעבן יאָהאַנען, בלייבט זיצן שטיל, קוקנדיק פאַרטראַכט אין אַ זייט. און כאָטש יאָהאַן איז ווי פאַרגליווערט, טוט ער עטוואָס אַ קער די אויגן צום פאָטער, ווי ער וואָלט מיט אַ שטומען בליק, אָן ווערטער, אָפּענטפערן דעם פאָטערס שווייגנדיקע אָנטיילנעמונג. אין דער שטילקייט ווערן זיי אינטימער, נאָענטער, גלייך ווי נאָר די שטילקייט האָט עס געקענט כאָטש אויף אַ ווײַלע צערייסן די אומזיכטבאַרע שייד־וואַנט צווישן זיי. ערשט אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך דער פאָטער אויפגעהויבן און זיך צו אים ווידער געווענדעט מיט דער זעלביקער אַרײַנדרינגנדיקער רו פון שטים און אויסדרוק.

— דו ווייסט דאָך, יאָהאַן, אַז אין אַזוינע שווערע מאָמענטן איז מען גענייגט צו איבערטרײַבן. אפשר איז עס גאָר נישט פאַרלוירן. שלאָף איבער דיין אומעט; האָב האָפענונג. גראָד פאַר דיר איז דאָס לעבן וויכ־טיק נישט בלויז דורך פּערזענלעך גליק. כ'בעט דיך, לאָז דורך עטלעכע שעה, אויף איבערצוכאַפּן דעם אָטעם — וועלן מיר זיך אָקאָרשט באַ־ראַטן. קום, לייג זיך אויף אַ ווײַלע אָפּרוען, כ'בעט דיך. אָט אַזוי...

עפּעס איז געווען אינם פאָטערס רייד און אין זיין גאַנצן טאָן, וואָס האָט יאָהאַנען ביים האַרצן גערירט. ווען דער פאָטער האָט אים גענומען אונטער דער האַנט, האָט ער זיך נישט געוועהרט. ער האָט זיך געלאָזט צופירן צו דער נאָענטער סאָפע און זיך דאָרט אַנידערגעלייגט. אויסגעשעפּט ווי ער איז געווען, איז ער אָנמעכטיק אַרײַנגעפאַלן אין אַ שווערן דרימל. צוליב יאָהאַנען איז דער פאָטער יענעם טאָג נישט אַרויס פון שטוב, ער האָט איבערוואַכט דעם זון, פול מיט ווייטאָגייענ־דיקע אַנטשלוסן.

אַרום מיטאָג־צייט האָט זיך יאָהאַן אויפגעכאַפּט. כאָטש ער האָט נאָך אויסגעזען ווי פריער פאַרלוירן און דערשלאָגן, האָט ער זיך איצט דאָך אַזוי ווייט געקענט באַהערשן, דאָס ער האָט פאַרטרוילעך דערציילט דעם פאָטער די פּאַסירונגען פון די לעצטע טעג (ער האָט נאָר דורכגע־לאָזן אייניקע צו אינטימע פּרטים). ביידע האָבן זיך יענעם טאָג באַמיט

צו אונטערהאַלטן דעם טאָן פון יענער שטילקייט, וואָס האָט זיי היינט אין דער פרי אַזוי דערנענטערט.

פאַרגעקומען איז מיט אים אָט וואָס.

אַנומלטן, אַנהויב מערץ, גייענדיק איינמאָל פאַרנאַכט פון אַנאַטאָמישן זאַל, דערהערט ער פּלוצלינג הינטער זיך אַ רופנדיקע פרויען־שטים:

— הער קעטנער!

ער האָט זיך אומגעקוקט און איבעראַשט דערזען די שוועסטער פון פריצס פריינדין, די יונגע בלאָנדינקע מיט די שטיפערישע חן־גריבעלעך (וועלכע איז געווען מיט אים אַזוי פאַרפירעריש נאָענט אַנומלטן אויף דעם קערמישל ביים סטודענט שמידט).

— ווי שעמט איר זיך נישט, הער קעטנער, גאָר נישט לאָזן פון זיך הערן. געמאַכט שפּאַס מיט אַ מיידל — און פאַרשוווּנדן. נאָך יענער פריילעכער נאַכט האָט איר נאָך ססתּמא אָנשטאָט פריינטשאַפט און גוטער ערינערונג געהאַט פאַרדרוס און חרטה. איר האָט זיך נאָך מסתּמא געבלאָזן און געשפּילט נעבעך די פאַרפירטע אומשולד. אַזוי הער קעטנער? צווישן אַלע סטודענטן זענען די אידעאַליסטן די שלימסטע. אַזוי אַ סטודענט קאָן כאַטש דורך תּאוהדיקע ליבע צונויפקומען זיך אויף אַ צייט מיט אַ פּראָסטער מיידל. די אידעאַליסטן אָבער דערשטיקן יעדע תּאוה און פאַרהיטן זיך דורכדעם פון יעדער באַרירונג מיטן פּראָסטן פאָלק. דאָס זענען די סאַמע פאַלשע עגאָיסטן, וואָס פאַרשליסן מיט אַכצן שלעסער זייער רייכקייט, בילדונג און יחוס...

— כ׳בין ערשטוינט, פריילין, צו הערן פון אייך אַזוינע מאָדנע געדאַנקען. ס׳קומט דאָך אויס, אַז אַ „פאַרהעלטעניש" איז גאָר אַ ווויל־טאַט. כ׳בין נאָך דערפאַר, פריילין, ערשטוינט, וואָס...

— וואָס טויג מיר אייער ערשטוינטקייט, אַז איר ווייסט אַפילו נישט מיין נאָמען. כ׳הייס גערטרוד וויינטאַל. פאַרגעסט עס נישט, הער פילאָזאָף, און גלאָצט נישט אויף מיר אייערע אויגן. כ׳האָב אַ ברודער, אַ סאָציאַליסט, אַ רעדנער — הער איך שוין פון אים גענוג קלוגע רייד. ער קען אייך, אַריסטאָקראַטלעך, דורך און דורך, מאַכט ער פון אייך אַלעמען אויסצודרייען. אָבער ער אַליין פירט אַ היבש ביסל מיידלעך פאַר דער נאָז. איר זענט אַלע מענער, דערהויפּט די אידעאַליסטן, נישט ווערט קיין צעבראָכענעם גראָשן. כ׳וואָלט אייך אַלע ביז איינעם אויפגעהאָנגען, ווען ס׳וואָלט נאָר נישט געווען אַזוי איינזאַם אָן אייך, ליגנערס זענט איר אַלע! איינפאַכע ליגנער!

זי האָט אים קאָמיש געדראָט מיט דער קליינער פויסט אין סאַמע פּנים אַריין. מיט אַמאָל איז זי געוואָרן ערנסט און טרויעריק, ווי זי וואָלט זיך פּלוצים אָן עפּעס דערמאָנט. די אויגן זענען ביי איר פייכט געוואָרן.

— מיר זענען, ווייזט אויס, אַלע שוואַכע ברואים. יעדער איינער וויל טון דאָס בעסטע און טוט דאָס ערגסטע. מיין פאָטער האָט אַזוי ליב די פאַמיליע און דאָך שכורט ער טאָג און נאַכט... ס'איז אַ רחמנות אויף אים צו קוקן, ווי ער ראַנגלט זיך מיט דעם טרונק און קאָן אים נישט בייקומען. ער גייט אויס פון בושה, דער אָרעמער מענטש! אַ דאַנק גאָט, וואָס איך בין נישט קיין אידעאַליסטקע. איך בין אַליין אַ זינדיקע און האָב מיטליד מיט דעם אַנדערנס זינדיקע שוואַכקייטן. כ'וואָלט נאָר צעריסן די שטאָלצע אידעאַליסטן, וואָס ווילן יענעם באַשמוצן מיט זייער ריינקייט. אָבער גענוג צו פּלוי־דערן! כ'בין הונגעריק, לאָמיר אַריינגיין אין אַ רעסטאָראַן עפּעס עסן, אפשר אויך אַ טרונק ווייַן. אָט איז אַ שיינער רעסטאָראַן! איר זעט — קומט אַהין, קומט...

זיי האָבן זיך אין רעסטאָראַן געזעצט אין אַן אָפּגעזונדערטער נישע. ווען זי האָט אויסגעטון הוט און פּאַלטאָ און האָט מיט אַ לייכטער קאָפּ־באַוועגונג פאַרוואָרפן אירע היפּשע בלאָנדע האָר נאָך הינטן, האָט יאָ־האַן פריידיק דערפילט, וויפל זאַפטיקע און ליבלעכע איינפאַכקייט איר ווען פאַרמאָגט. זי האָט אים אָבער גאָר נישט געלאָזט קומען צו זיך.

— כ'בין היינט זייער אויפגערעגט, הער קעמנער, כ'רעד ווי פון פייער. איר ווייסט גאָר נישט, סאַרא העסלעכע סצענעס ס'קומען פאָר ביי מיר צו הויז. ס'ווילט זיך גאָר נישט גיין אהיים. לאָמיר אָקאָרשט אויסטרינקען אַ גלאָז וויין. איר האָט ליב שאַמפּאַניער? קרימט זיך נישט — כ'וועל אַלץ איינס פיל נישט טרינקען, וואָרום שוין אין אַ שעה אַרום מוז איך אַוועק אויף אַ וויכטיקער אַרבעט. נאַט אייך מיין אַדרעס, פאַלשער אידעאַליסט, איר וועט מיך ווען זען, וועט איר מיר שרייבן. די שפּייז־קאַרטע, הער אָבער (קעלנער)!

און כאָטש אירע אויגן לויכטן בייז און ביטרע, זענען זיי דאָך פול מיט קינדלעכער לעבנס־לוסט. אָט דער געמיש פון בייזקייט און נאַאיוו־קייט, פון בייסנדיקער שאַרפקייט און ליבלעכער צוגעלאָזנקייט האָט איצט אויף אַ נייעם אופן פאַרכאַפּט יאָהאַנען. נישט נאָר דאָס תאוהדיקע הייסע בלוט (ווי דאַמאָלט בייַנאַכט), נאָר אויך דאָס האַרץ האָט געצויגן

צום לײדנדיק - לוסטיקן מײדל מיט די כוואַליעדיקע בלאָנדע האָר.

אויף דעם גאַנצן װעג אַהײם איז אים איר רירנד בילד פאַר די אויגן געשטאַנען.

(דערצו האָבן אים אויפגערודערט אירע רײד, װאָס האָבן אַזוי אײנפאַך אויפגעדעקט די װאַקלדיקײט פון אַלע באַגריפן װעגן גוט און שלעכט אין הײנטיקער לעבנס - אָרדנונג. מ׳שטײט אין מיטן פון אַ פאַרבײשופטן קרײז. װי באַלד ס׳איז פאַראַן אַ שײד-װאַנט צװישן רײכערע און אָרעמערע קלאַסן, באַקומט גאָר אַ באַזונדער זכות די זינד, דאָס פאַרהעלטעניש, װאָס ברעכט כאָטש ערגעץ װוּ די מיאוסע שײד-װאַנט. װײל מען אָבער באַזײטיקן די קלאַסן - אונטערשידן, מוז מען אָקאָרשט „קעמפן" און צוזאַמען מיט די סאָציאַליסטן אויפשטעלן נײע שײד-װענט פון האַס צװישן סאָציאַליסטן און נישט סאָציאַליסטן, אויך צװישן פאַרשידענע מינים סאָציאַליסטן. װען די בלאָנדע גערטרוד װאָלט געװוּסט, דאָס די „אידעאַליסטן" דערגנידעריקן נישט נאָר די געמײנע מענטשן, נאָר אויך צװישן זיך זעלבסט קעמפן זײ פאַרביטערט. ס׳ליגט אפֿנים עפּעס אַזוינס אין דער מענטשלעכער נאַטור גופא װאָס װי מענטשן זאָלן זיך נישט דרײען, װאַקסן אױס צװישן זײ שײד-װענט. קומט ער, יאָהאַן, פון ס׳נײ צו ליובינסקיס אויספירונג, אַז „דאָרט" אין דעם מענטשן גופא ליגט פאַרהלשט דאָס לעצטע „געהײמניש". ער, יאָהאַן, װעט דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעבן פאַר דער װיסנשאַפט, װאָס פאָרשט אָט דאָס געהײמניש פון מענטשנס לעבן, אָט יענע... גערטרוד האָט אפֿנים אָן אַנדער אויסװעג פול פון דראַנג און לײדן. װי רירנד ס׳איז איר מיטלײד צום פאָטער, אירע לײדן אין דער הײם, אירע...).

דעם גאַנצן אָװנט האָט ער פון איר געקלערט. ער האָט אַלע װײלע אַ נעם געטאָן פון קעשענע איר אָנגעשריבענעם אַדרעס. ס׳האָט זיך אים געװאָלט איר שרײבן, טאַקע שױן, נאָך הײנט אָװנטשיקן דעם בריװ... ער האָט עס קוים געקאָנט אָפּלײגן אויף מאָרגן.

אָבער אויף מאָרגן אין דער פרי האָט ער באַקומען אַ בריװ פון העלענען. ער איז, דוכט זיך, געגנוג פול מיט צעריסנקײט, זאָל ער זיך נאָך לאָזן צערײסן צװישן צװײ פרױען? האָט ער אויף אײן פוס געפּריש-טיקט און איז אַװעק מיט דעם נאָענטן צוג קײן האַמבורג (דעם פאָטער האָט ער געלאָזט אַ בריװל װעגן זײן פּלוצימדיקן אָפּפאָר). ער װיל דאָרט פאַרבינדן זײן לעבן מיט העלענען און מיט איר צוזאַמען זוכן און געפֿי-נען דעם װעג פון דערלײזונג, פון... און כאָטש אים האָט עס אויסגע-

זען אוממעגלעך, איז ער דאָך געווען פול מיט גליקלעכער דערוואַרטונג.

אָבער גראָד אין האַמבורג איז מיט אים פאָרגעקומען אַן אומגע־הויערע, כמעט אומגלויבלעכע פּאַסירונג. אַנגעהויבן האָט עס זיך אַזוי.

ארום צוויי א זייגער נאָכמיטאָג האָט ער געקלונגען אין דער טיר פון גרינשטיינס הויז. ס'איז נאָך דאָס זעלביקע הויז, ווו נאָך גאָר אַמאָל איז ער אַן אַכטיאָריקער געווען דאָ צו גאַסט מיט זיין מוטער. די טיר האָט אים געעפנט זעלבסט העלענע. פאַר איבעראַשונג האָט זי זיך די ערשטע מינוט שיר נישט פאַרלוירן. און כאָטש זי איז אויסער זיך פון פרייד, האָט זי זיך עפּעס דערשראָקן פאַר דער אומגעריכטקייט. ס'האָט א הילך געטון אין דער לופט איר פרייילעך־דערשראָקענער געשריי:

— יאָהאַן, יאָהאַן!..

ס'איז געווען מערקווירדיק (יאָהאַן האָט עס מיט יאָרן שפּעטער געדענקט), וואָס העלענע איז איצט אָנגעטון אין דעם זעלביקן שוואַרץ־סאַמעטענעם קלייד, אין וועלכן זי האָט אים צום ערשטן מאָל באַגעגנט אין בערלין אויף דעם אוניווערזיטעט־הויף). א ווייך־בלישטשענדיקע ווארעמקייט האָט א הויך געטון אויף יאָהאַנען. זי האָט אים אָנגענומען פאַר ביידע הענט און אים אריינגעפירט אין זאַל, ווי ער שטייט און גייט אין פּאַלטן.

— ווי וווּנדערלעך דו זעסט אויס, יאָהאַן! ווי פון הימל ביסטו אַהער אראָפּגעפאַלן — אַזאַ ליכטיקע איבעראַשונג! זאָג מיר, יאָהאַן, האָט נישט עטוואָס באַזונדערס מיט דיר פּאַסירט?..

אָנשטאָט א דירעקטן ענטפער זאָגט ער:

— פאַרוואָס האָט עס געמוזט עטוואָס באַזונדערס פּאַסירן? מיר האָבן דאָך שוין אַזוי לאַנג געוואָלט זיך זען. ס'איז דיך, העלענאַ, נישט צו דערקענען. דו ביסט זייט דאַמאָלס נאָך שענער געוואָרן, פאַרבלענדנד שענער...

—וייסטו, יאָהאַן, יעדער בריוו דיינער, יעדער געדאַנק וועגן דיר, מאַכט מיך שענער און גליקלעכער. אונזער פריינטשאַפט איז א געשאַנק פון הימל... געדענקסט, יאָהאַן, ווי מיר האָבן דאָ קינדווייז געשפּילט ארום אָט דער סאָפע אין ווינקל. א גאַנצע וואָך ביסטו דאַמאָלס אין האַמבורג ביי אונז געווען מיט דער מוטער. מיר האָבן זיך גאַנצע טעג געשפּילט צוזאַמען, איינמאָל פאַרנאַכט האָט אונז די מוטער ביידן אָט דאָ אויפן סאָפע לעבן זיך אַנידערגעזעצט און... זע נאָר, דו שטייסט נאָך אין פּאַלטאָ, כע־כע־כע. האָסט דאָך נאָך גאָרנישט געגעסן. גיב מיר אָקאָרשט יאָהאַן, דיין פּאַלטאָ

און לאָמיר גלייך אריין אין עס־צימער פרישטיקן... אָ, אָט איז די מוטער!... דו דערקענסט זי, יאָהאַן?...

די מוטער איז אַן עלטערע גוטמוטיקע פרוי. זי איז צוגעלאָפן צו יאָהאַנען און אים ארומגענומען. ער האָט איר אויסגעזען, ווי גאָר אַנדערש. מעלטן, ווען ער איז דאָ געווען אַ קלייניקער. דערהויפּט זענען עס די זעלביקע מאַנדל־אויגן. ביי איר האָט זיך מיט אַמאָל אויפגעהויבן אַ כוואַליע ווארעמע דעראינערונגען וועגן דער שעמעוודיקער פרוי קעטנער, ווי זי האָט עס געפלאָטערט איבערן יינגל, ווי זי...

אויף דעם דראַנג פון העלענען זענען זיי אַלע אריין אין עס־צימער.

פאַר איין מינוט איז דער טיש געווען גרייט צום פרישטיק. צווישן ברויט און קוכן, קעז און פוטער, צווישן פארשידענע עסנווארג האָט אין רעכטן מיטן טיש געאָטעמט פריש פארקאָכטע קאַווע אין אַ ווייס־פּאַיאַנסאָוון קענדל מיט באַגילדערטע ראַנדן און שיינע גאָלדיקע קווייטן אויף די זייטן. דאָס קענדל איז ארומגערינגלט פון קליינע אומשולדיקע ווייס־פּאַיאַנסענע טעפּעלעך מיט די זעלביקע גאָלדענע ראַנדן און קווייטן. קוקן זיי די קליינע טעפּעלעך אַזוי פארשמאַכט ארויף צו דער מוטער קענדל, ביז העלענע האָט נישט ענערגיש, מיט גוואַלד, אָנגעבויגן דאָס קענדל און אָנגעגאָסן אַלע טעפּעלעך מיט הייסער שווארצער קרעפּטיק־שמעקנדיקער קאַווע, וואָס ווערט קוים געצוימט און פארווייסט דורך לאַשטשענדיקער ווארעמער מילך.

פרוי גרינשטיין האָט זיך אָפּגערופן:

— זעסטו, יאָהאַן, אָט דעם שיינעם קאַווע־סערוויז האָט מיר דיין מוטער געשענקט ביי איר לעצטן באַזוך אין האַמבורג. מיר באַנוצן עס בלויז ביי פייערלעכע געלעגנהייטן. דער סערוויז איז מיר זייער טייער. אַמאָל פלעגט...

— דו זאָלסט, מוטער, מיט אים מער נישט רעדן, ביז ער וועט אָקאָרשט נישט געמען פרישטיקן. ער האָט דאָך נאָך גאָרנישט גענומען! אין מויל. כ׳בעט דיך, יאָהאַן, טו זיך נאָר אַ ריר. אָט האָב איך דיר געמאַכט אַ פּוטערברויט, אָט... הער נאָר, יאָהאַן, דו ביסט דאָך אַ מאָלער, אַ פאַנטאַסט, שטענדיק פארזונקען אין טרוימען. זאָלסטו אָבער וויסן, אַז דאָ ביסטו אַ צו־אָנגעלייגטער גאַסט, וואָס מען האָט שטענדיק אויף אים אַן אויג. נעם דיך אָקאָרשט אין אַכט, מיין ליבער...

עטוואָס שפּעטער איז די מוטער אונטער אַן אויסרייד אויפגעשטאַנען און געלאָזט זיי אַליין ביים טיש. האָבן זיי זיך איצט געפילט לייכט

און פריי, ווי זיי וואָלטן גאָר די ערד נישט באַרירט. דאָס אַליין־זיין איז פול מיט וואַקסנדיקער פרייד, אַ פאַרכאַפּנדיקער שמועס פּליסט פון זיך זעלבסט. פילן זיי זיך שוין גאָר, ווי אַנומעלטן, ווען זיי האָבן קינדרווייז זיך געשפּילט אין די פאַרנאַכטן דאָ אין די באַליבטע ווינקעלעך אַרום די שאַפעס. ס'איז טאַקע די זעלביקע פרייד, וואָס ווערט בלויז דורך די יאָרן ווי שטאַרקער וויין אַלץ מער באַרוישנדיק און פאַרשיכּורנדיק...

דערווייל האָט זיך דערנענטערט דער פאַרנאַכט, וואָס האָט פאַרשמאַכט אַריינגעקוקט דורך די פענסטער. און כאָטש אויפן טיש ווערט שוין שטאַרק טונקל, בלישטשען דאָך די גאָלדענע קוויטן אויפן קאַווע־כערוויז אַזוי אייביקלעך שטיל, גלייך ווי מיט קיין שום שאָטנס אָדער וואָסערן זיי נישט אָראָפּצוואַשן. יאָהאַן דערציילט איר פון זיינע איבערלעבענישן און ראַנגלענישן פאַר דער לעצטער צייט. זי פאַרשטייט אים אויפן ווונק. זיינע אייגענע רייד לויכטן אַרוים צוריק פון אירע אויגן.

אייגנטלעך איז דאָך יאָהאַן אַהער געקומען מיט אַ באַשטימטן ציל, וואָס האָט אים אַליין שפּעטער אויסגעזען יינגליש־נאַיוו. ער מוז זיך נעמלעך אַרויספּלאָנטערן פון אָט די אַלע לאָקנדיקע חן־גריבעלעך און זיך פאַרבינדן מיט העלענאַן, כּדי מיט איר צוזאַמען זיך ווידמען דער גרויסער לעבנס־אויפגאַבע. מיט אָט דעם „ציל" איז ער געפאָרן קיין האַמבורג, כאָטש ער האָט לחלוטין נישט געוווּסט, צי ס'איז איבערהויפּט מעגלעך און ווי אַזוי וועט ער עס בלויז אָנהויבן צו פאַרווירקלעכן. איצט האָט ער עס אַ פּנים גאָר פאַרגעסן. ווי זאָל מען טאַקע וועגן עפּעס קלערן, ווען דער שמועס פּליסט פון זיך זעלבסט, און סאַמע געוויינלעכע רייד רופן אַרויס פרייד און געלעכטער. נישט די רייד זעלבסט, נאָר הינטער די רייד פּליסט אַ נאַטירלעכע פרייד, אַזוי נאַטירלעך, ווי דער אָטעם. ווי דער שטיל אָנקומענדיקער פאַרנאַכט.

אויף העלענאַס פּנים האָבן זיך פּלוצים באַוויזן שווערע ליידן, אין דער פאַרנאַכטיקער טונקלקייט האָט מען געקאָנט זען איר טרויעריקן דערשראָקענעם שמייכל. די צו גרויסע איבעראַשונג פון יאָהאַנס פּלוצימדיקן באַזוך און די צו טיפע צויבערלעכע ווירקונג פון זייער צוזאַמען־זיין האָבן צו שנעל און צו האַסטיק דערשיטערט איר געמיט און אַרויסגערופן די שרעקעוודיקע אומזיכערקייט פון אומגלויבלעכער האַמעטנער פרייד. אַ געהיימע אַנגסט האָט געקלעמט איר האַרץ.

— איז עס נישט מערקווירדיק, יאָהאַן, וואָס היינט אין דער פרי האָט מיך געצויגן אָנצוטון דאָס זעלביקע שוואַרץ־סאַמעטענע קלייד, אין וועלכן

איך האָב דיך פּלוצים אין בערלין דערזען. זינט יענער צייט האָט דאָס קלייד ביי מיר אַ געהיימע חשיבות. ס'איז אָנגעזאַפּט מיט דער פרייד פון אונזער באַגעגעניש, נאָר די שוואַרצע טרויער־פאַרב פונם סאַמעט שרעקט מיך. כ'בין געוואָרן אַזאַ שרעקעוודיקע. די לעצטע צייט שרעקן מיך די טונקעלע פאַרנאַכטן, ס'באַפאַלן מיך אַזעלכע אַנגסטן. בין איך געוואָרן אַבערגלויביש אָדער אפשר בין איך צו גליקלעך? דאָס האַרץ פּרעסט מיך איצט אַזוי, יאָהאַן, אַז כ'וויים גאָרנישט, ווי צו...

זי האָט פּלוצים אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף דער האַנט און האָט זיך צעוויינט. יאָהאַן איז אַ דערשראָקענער צו איר צוגעלאָפן און זי גע־נומען פאַר דער האַנט. ער האָט איר געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר די רייד האָבן זיך אים אין האַלז געשטעלט. האָט זי אַ פּנים פאַרשטאַנען זיינע נישט אַרויסגעזאָגטע רייד, האָט אים שטום אַרומגענומען און צוגעדריקט צום האַרצן... און כאָטש אפילו אָדער דווקא דערפאַר, וואָס זיי האָבן איצט קיין וואָרט צווישן זיך נישט אַרויסגערעדט, האָבן זיי ביידע געפילט, אַז זיי זענען פאַרבונדן אויף אַלעמאָל.

ווער ווייסט, ווי לאַנג זיי וואָלטן אַזוי אין דער טונקלקייט געזעסן, ווען די טיר וואָלט פּלוצים נישט געקלונגען. העלענאַ האָט זיך אויפגע־כאַפּט, האָט אָנגעצונדן דאָס עלעקטרישע ליכט אין עס־צימער.

— דאָס קומט, יאָהאַן, מיין פאָטער — כ'דערקען זיין קלינגען. גיי אַריין אין זאַל, דו וועסט דאָרט מיט אים פאַרברענגען, ביז כ'וועל דאָ אַלץ צוגרייטן צום אָוונט־ברויט. אָט גייט שוין אויך די מוטער...

רעדנדיק האָט זי אויף אַ רגע אַ קער געטון דעם קאָפּ און זיך באַ־געגנט מיט יאָהאַנס בליקן (אָט די באַגעגעניש פון הייסע בליקן האָט זיך דעם אָוונט נישט איינמאָל איבערגעחזרט און האָט צוזאַמען מיט אַנ־דערע מאָמענטן אַרויסגערופן אַן אומגעהויערע געשעעניש). טאַקע אין אַ רגע אַרום איז זי האַסטיק אַרויסגעלאָפן עפענען די טיר.

דער פאָטער איז אַ הויכוווקסיקער, מיט אַ פעסטן, ענערגישן פּנים, מיט אַ טשופּרינע שוואַרצע דורכגעגרויטע האָר, וואָס גיט אים דאָס אויס־זען פון אַ לייבן־קאָפּ, מיט אַ געדיכטער, קורץ־געשוירענער, שוואַרצער באָרד, שוין שטאַרק דורכגעזילבערט. ער האָט אַ טבע, ביי דער מינדסטער אויפרעגונג, צו באַוועגן שטאַרק מיט די ברייטע נאָזלעכער.

ער איז געווען זייער איבעראַשט פון יאָהאַנס אומגעריכטן באַזוך. ער האָט באַגריסט יאָהאַנען העפלעך, אָבער זייער קאַלט און טרוקן. דאָס

פּנים איז אפילו בײַ אים געוואָרן בײַז אומפּרײַנטלעך. די סיבה דערפון איז געווען אַזאַ:

נאָך מיט יאָרן צוריק, ווען יאָהאַנס מוטער האָט נאָך געלעבט, האָט ער אײנמאָל, מעשה פאַרוואַנדטער, באַזוכט אין בערלין די קעטנערס. דער באַנקיר האָט אים (דעם האַמבורגער אַדוואָקאַט פון אָסט־יידישער אָפּשטאַמונג) באַגעגנט מיט קוים אײנגעהאַלטענער פאַראַכטונג, האָט אים דערלאַנגט די שפּיץ־פינגער און אים גלײַך איבערגעלאָזט אַלײן מיט דער פרוי קעטנער. ווי אַ שלאַנגען־ביס האָט עס דעמאָלט דעם ד״ר גרינ־שטײן אויפגעבראַכט. זינט יענער צײַט האָט זיך אים אין האַרצן אײנגע־באַקן יענע פאַרביטערונג, וואָס עמפּפינדלעכע מענטשן האָבן, ווען אַ מיליאָנערסקער קרוב טרעט זיי אָן אויפן פוס. ער האָט קעטנערס נאָמען נישט געקאָנט מער הערן. האָט ער איצט אויך חושד געווען יאָהאַנען, דאָס אָט דער „מיליאָנערסקער זינדל״ וויל זיך לוסטיק מאַכן איבער דער שײנער טאָכטער פון אַן אָרימען קרוב. אָט די חברה האָבן זיך צוערשט זייער שפּאַס און דערנאָך קערן זיי זיך אום מיטן רוקן. דער פּלוצימדיקער באַזוך האָט אים באַלד אויסגעזען, ווי אַ חוצפּה פון אַ צעפּיעשטשעטע ייִנגל, וואָס רײַסט זיך אַרײַן צו אַן אָרימען קרוב, נישט אָנקלאַפּנדיק אפילו אין טיר. ד״ר גרינשטײן האָט אויפגערעגט באַוועגט מיט די ברייטע נאָזלעכער.

— ס׳וווּנדערט מיך זייער, הער קעטנער, איר האָט דאָך געהאַט מסתמא פיל גובערנאַנטקעס, וואָס האָבן אײַך שטענדיק געלערנט עטי־קעט. ווי זשע קומט עס, וואָס איר שאַפּט אונז פאַרגעניגן מיט אײַער באַזוך, נישט מאַכנדיק פריער קײן אָנפראַגע אָדער ווײַניקסטנס אַ מעל־דונג.

יאָהאַן האָט ייִנגליש פאַרווּנדערט געפינטלט מיט די אַרויסגע־שטאַרצטע אויגן, די אונטערשטע ליפּ האָט בײַ אים שיר נישט אָנגע־הויבן ציטערן.

— כ׳בין דאָך, אָנקל, נישט קײן פרעמדער בײַ אײַך אין הויז. כ׳בין דאָך שוין קינדווײַז געווען דאָ בײַ אײַך און האָב מיך מיט העלענען ווי קלײנע קינדער געשפּילט. אײַער הויז איז מיר אַזוי נאָענט, אָדער אפשר נאָך נענטער, ווי מײַן אײגענע הײם...

דער ייִנגליש־צאַרטער אויסזען פון דעם שלאַנקן בחור און זײַן נאַ־איוו האַרציקער טאָן האָבן אויף אַ ווײַלע עטוואָס באַרויקט און גערירט דעם אימפּולסיוון אַדוואָקאַט. ער האָט זיך נאָר פאַרגענומען צו האַלטן

אָן אויג אויף זייערע באַציונגען. ער האָט א טרייסל געטון מיט דער טשופּרינע און זיך גאָר זאַפּטיק צעשמייכלט, ווען העלענא איז אַריין. זי האָט פון ווייטן דערהערט זייער אויפגערעגטן שמועס, האָט זי זיך א לאָז געטון צו זיי.

— מען דערקענט גלייך, פּאָטער, אַז דו ביסט אַן אַדוואָקאַט. האָסט אים גענומען אויספרעגן, ווי אויפן געריכט. ווי לאַנג איז עס, אַז דו האָסט אים געהאַלטן אויף די הענט? הער נאָר, פּאָטער, דו זאָלסט אים רופן איינפאַך יאָהאַן און זאָגן אים „דו". ער איז נאָך א גאָר קליין יינגל, וואָס מען דאַרף אים אויף א נאָווינע אָנדרייען די אויערן. אָבער נישט דו, נאָר איך קאָן עס מאַכן. אָט אַזוי, כע־כע־כע... הערט נאָר, די מוטער גייט באַלד אַרויס צום טיש. כ'וועל אייך דאָ לאַנג נישט לאָזן זיצן, איר הערט?!

דער פּאָטער, זייער באַרעדעוודיק און נייגעריק, האָט זיך אַריינגעלאָזט אין א שמועס מיט דעם טשעקאָוון יינגל, וואָס האָט אים באַלד איבעראַשט מיט זיינע נאַיווע און דאָך טיף דורכדרינגנדיקע געדאַנקען... מען האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן די סטודענטישע אומרוען, דער אַדוואָקאַט האָט זיך אויפגערעגט, טרייסלענדיק מיט דער טשופּרינע, קעגן יענע ציוניסטישע סטודענטן, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַזוי ווייניק סאָלידאַרישקייט פאַר די יידיש־רוסישע קאָלעגן. ער איז אָבער געווען דערשטוינט דורך יאָהאַנס עקסטרעמען אויספיר:

— ס'קומט דאָך אויס אַזוי, אָנקל, דאָס יעדע פּאַרטיי האָט א שיינעם פּראָגראַם פאַר דער צוקונפט, כדי די מיטגלידער זאָלן קאָנען טון דאָס פאַרקערטע אין דער קעגנוואַרט. ווייניקסטנס אין דייטשלאַנד איז עס דאָך א פאַקט, דאָס די ציוניסטן קלערן נישט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל און זענען לויט שפּראַך און זיטן נישט ווייניקער אַסימילירט, ווי די ליבעראַלן. אויך קיין סאָציאַליסט גיט נישט אָפּ קיינעם זיין פאַרמעגן, עקספּלואַטירט אַנדערע און פירט זיך אויף נישט ווייניקער בורזשואיש, ווי די בורזשויען. אין דער פּאַרטיי קעמפט מען קעגן אַנדערע, כאָטש אַליין איז מען פּאַקטיש אין טאָג־טעגלעכן לעבן נישט אויף א האָר בעסער...

ביים אַדוואָקאַט האָט דאָס געזיכט באַקומען יענעם שמייכלענדיקן אויסדרוק, וואָס פּראַקטישע מענטשן ווייזן אַרויס, ווען א זאַכלעכער שמועס פאַרקערט זיך אָן א זייט. ער איז אַן אַקטיווער מענטש, א פּאָליטישער טוער, און זאַכן, וואָס מען קאָן נישט פּראַקטיש ענדערן, מעגן זיי זיין ווי וויכטיק, אָדער ווי אמתדיק, זענען זיי פאַר אים בלויז ליטעראַרישע פאַר־

ווילונג — יאָהאַן האָט אים אויסגעזוען צו דראַפּען זיך מיט יינגלישער עקסטרעמישקייט צו יענער שטאָלצער אויסגעהאַלטנקייט, וואָס איז מער טשעקאָווע ווי נוצלעך.

— דו גייסט, יאָהאַן, צו ווייט. אין רוסלאַנד פּרעדיקט טאָלסטאָי אַזעלכע ענלעכע אידייען, וואָס זענען אַזוי עקסטרעם אויסגעהאַלטן, דאָס זיי קאָנען פּראַקטיש גאָרנישט אויפטון און שאַפן בלויז אומפּרוכטבאַרע אידעאַליסטלעך. פאַרשטייסטו? ווען איינער ליגט אין אַ שווערער היץ־קראַנקייט, קאָן מען אים העכסטנס געבן אַ לעפל זופּ. קלערט מען אָבער אַזאַ קראַנקן דערלאַנגען אַ גאַנצן אָקס — איז מען אַ שעדלעכער פאַנטאַזיאָר. — דאָס יידישע פאָלק פיבערט אין דער אומנאָרמאַלער גלות־לאַגע. מוז מען פירן געדולדיק אַ לאַנגע סיסטעמאַטישע אַרבעט. ווי קאָנען אָבער אַלע מיטאַמאָל פאָרן קיין פּאַלעסטינע, ווען מען מוז סיי פּאָליטיש, סיי עקאָנאָמיש, פאָרבערייטן פּאַמעלעך דעם באָדן, אָדער ווי זאָלן עס אַלע...

יאָהאַן האָט אים אומגעדולדיק איבערגעריסן:

— פון אַזעלכע לאָגישע פּשרות קומען אַרויס סאָציאַליסטישע פאַבריקאַנטן און ציוניסטישע אַסימילאַטאָרן. אָט ווי די ציוניסטישע קאָרפּאָראַנטן האָבן זיך פאַרהאַלטן ביי די סטודענטישע אומרוען...

העלענאַ האָט זיי שטורמיש גערופן אין עס־צימער צום אָוונט־ברויט. דאָרט איז שוין געזעסן די מוטער אַרום אַ שיין געגרייטן טיש. דערווייל איז אָנגעקומען דער עלטערער זון ריכאַרד, וועלכער איז מיט העפטיקע טריט אַריין אין עס־צימער. טאַקע דורך אים איז באַלד אַנטשטאַנען אַ שווערע שפּאַנונג ביים טיש.

ריכאַרד איז אַ משונה־הויכער, פעסט־געבויטער יונג, מיט אַ ברוין טונקל גלאַט־ראַזירטן פּנים, אויף וועלכן די באַקן־ביינער שטאַרצן שפּיציק אַרויס. זיינע שוואַרצע אויגן, עטוואָס לענגלעכע און שמאָלע, האָבן שיר נישט אַ מאָנגאָליש אויסזען. ער רעדט גיך, מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער. ביים שמועס מאַכט ער דעם איינדרוק, דאָס ער ווערט יעדע רגע פון ס'נייַ אין כּעס. אָן אָנגעשטעלטער אין אַ ביוראָ, איז ער אַן עקסטראַלינקער סאָציאַליסט. דער סאַמע בייסיקסטער אין דער פּאַרטיי, נאָר די שוואַרצע האָר אויפן קאָפּ זענען דווקא זייער ווייכע און קרייזלען זיך גאָר גוט־ברודעריש. ער איז טאַקע אין תּוך אַ זייער ערלעכע איבערגעגעבענע נאַטור, נאָר אויסערלעך איז ער בייז, שטעכיק און ווילד.

ווען מען האָט אים פאָרגעשטעלט יאָהאַנען, האָט ער אַ שאָקל געַ־

טון אויף אים מיט די שמאָלע אויגן, האָט אים בייז דערלאַנגט אַ ברייטע אומבויגזאַמע האַנט.

— זענט איר עס דאָס מיליאָנערסקע זינדל?

אַלע האָבן זיך צעלאַכט, אַ חוץ יאָהאַנען. ס׳וואָלט אויך פאַר אים געווען אַ גלייכגילטיקל, ווען נישט דער בייזער בליק און דער שטעכיקער טאָן, צו וועלכע יאָהאַן איז נאָך נישט געוווינט געווען. נאָר העלענע האָט אויף איר פריילעך־שטורמישן שטייגער אָפּגעענטפערט:

— דו ביסט אויך אַ קנאַפּער פּראָלעטאַריער, ריכאַרד. ביסט נאָכגעגעבן און ווילד, ווי אַ געבוירענער מיליאַרדער — דו זאָלסט זיך נאָר נישט דערוועגן צו באַרירן אונזער ליבן גאַסט...

העלענאַ האָט אַ קער געטון דעם קאָפּ צו יאָהאַנען, זיי האָבן זיך באַגעגנט מיט לאַנגע הייסע בליקן, וואָס האָבן אַרויסגערופן ביי די עלטערן און ברודער אַ פאַרזאָרגטע אומרו. וואָס פאַרשיכּורטער העלענאַס בליק, אַלץ ניכטערער איז דער אומרו פון דער פאַמיליע. ס׳האָט ביי זיי, נעמלעך, אַ בליץ געטון אין מוח דער ניכטערער און בעל־הבתיש־איינפאַכער געדאַנק, דאָס ווען אַזעלכע רייכע יינגלעך זענען אפילו אידעאַליסטן און קומען מיט די בעסטע כּוונות צו אַן אָרימער קרובה, מישן זיך דאָך אַריין די דעספּאָטישע עלטערן, און דאָס אָרימע מיידל בלייבט מייסטנס איינזאַם און פאַרצווייפלט. און כאָטש אָט דער געדאַנק האָט זייער דערנידריקט, האָבן דאָך די עלטערן אונטערדריקט זייער אומרו, איבערלאָזנדיק אויף שפּעטער עס געניי און פּאָזיכטיק צו באַהאַנדלען. דערווייל האָבן זיי ווידער מיט וואַרימער קרובהשאַפט געקוקט צום נאַיוון יינגל, דעם איינציקן זון פון זייער פאַרשטאָרבענער ניכטע. זיי האָבן זיך פריינטלעך מיט אים אונטערהאַלטן און אים געשענקט באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. נאָר ריכאַרד האָט פאַרביסן די ליפּן און בייז געפינקלט מיט די אויגן. ווי ס׳פּאַסירט אָפט מיט פאַרליבטע, האָבן העלענאַ און יאָהאַן נישט באַמערקט די אונטערדריקטע אָנשטרענגונג און האָבן זיך געפילט זייער געמיטלעך. דערצו האָט דער אָוונט־ברויט געבראַכט פאַר יאָהאַנען איבעראַשנדע איינדרוקן.

ערשט ביים עסן האָט יאָהאַן באַמערקט די אייגנאַרטיקע הויז־פירונג, וואָס שטאַמט אַ פּנים נאָך פון דעם אדוואָקאַטס איינגעוואָנדערטע אָסט־יידישע עלטערן. כאָטש אַלע אין שטוב זענען פריי־דענקעריש, האָט דאָך די מוטער אויפגעהאַלטן אַ כּשרע קיך, ווי אויך מאַנכע אַנדערע טראַדיציעס, וואָס זי האָט צוזאַמען מיט אייניקע מעבל־שטיק איבערגענומען פון דעם

שווערס פאַמיליע. נעבן דעם מאַסיוון צווייגאַרנדיקן בופעט מיט אַלט־מאָדישע שניצערייען, האָט אויף אַ ספּעציעלן טישל אין ווינקל געבליש־טשעט אַ ניקלנער סאַמאָוואַר מיט אַ ניקלנעם טיי־קענדל פון אויבן און אַ ברייטער ניקלנער שיסל אונטערן קראַן. אַלט און אומבאַנוצט, ווערט דאָך דער סאַמאָוואַר אַ פּנים זייער אָפּט געשייערט. בלישטשעט ער מיט אַ גאָר אַמאָליקן אָפּגעלעבטן גלאַנץ, וואָס טרייע פרויען־הענט לאָזן דאָך פון הויז נישט פאַרשווינדן.

יאָהאַן האָט געכאַפּט אַ בליק אויף דער אַנטקעגנדיקער וואַנט, — און אַ ציטער געטון. אויף אים האָט געקוקט דאָס בילד פון אַן עלטערן, אָבער זייער אימפּעטיקן ייד, מיט עקשנותדיקע אָנגערוקטע ברעמען און פינקלדיקע אויגן. פון אונטער דער סאַמעטענער יאַרמולקע האָבן אַרויס־געשפּאַרט דיקע קרעפּטיקע לאָקן, וואָס צווישן זיי האָבן זיך תּקיפדיק אויסגעטיילט די שטייפע פּיאות. מען האָט גלייך דערקענט אינם בילד דעם אַדוואָקאַטס פאָטער. מ'האָט אַפילו אין זיינע לאָקן אויפן בילד דערקענט דעם אַדוואָקאַטס טשופּרינע, וואָס ווערט ביים פאָטער אָקאָרשט פאַרכאַפּט דורך דער יאַרמולקע און פּיאות. ווי אין די קינדער־יאָרן בשעת דער באַגעגעניש מיט דעם וואַנדער־יידן פון דער גרענאַדיר־שטראַ־סע, האָט יאָהאַן דאָ דערפילט אַן אַמאָל־אַמאָליקע היימישקייט, אַ מין וואַרימע האַריק־פאַרוואָקסענע איינגעוואָרצלטקייט...

און אָט האָט מען דערלאַנגט אויפן טיש אַ בלוט־רויטן הייסן באָרשטש, וואָס די פרוי גרינשטיין פלעגט עס אויף אַ טשעקאַוועס פאַרפאַראַוועז, ווי איר שוויגער פלעגט עס מאַכן. דער באָרשטש האָט דאָ געקאָכט אויפן טיש אין זיין הייסער אָנגעזאַפּטער רויטקייט, גלייך ווי נאָך גאָר אַמאָל אין מזרח־אייראָפּע, ווען מ'פלעגט אים, דעם באָרשטש, שטעלן אויפן טיש פאַר דעם אַדוואָקאַטס עלטערן. ער האָט געפּאַרעט און געקיצלט די נאָז מיט אַ גע־שמאַק פּיקאַנטן ריח. טאַקע אין אָט דעם ריח האָט יאָהאַן דערפילט אַ הויך פון עפּעס אַ ווייט־ווייטער און דאָך היימיש לאַנדיקער ווייטקייט. ס'איז ווי אין אַ קינדער־מעשהלע וועגן ווייטע לענדער, הינטער בערג און ימים, וואָס טאַקע דורך דער פאַרצויבערטער ווייטקייט זעט עס אויס דעם קינד אַזוי היימיש־נאָענט. — יאָהאַן האָט גענומען אָקאָרשט פאַרזוכן דעם ווייניקן באָרשטש.

— זאָל דיך דער אויבערשטער אויסהיטן, יאָהאַן, צו מאַכן אַ בייזע מינע וועגן אָט דעם רויטן סוף (אַזוי האָט זי גערופן דעם באָרשטש). אָט דער סוף גייט איבער ווי אַ קאָסטבאַרער אַנטיק בירושה אַזש פון די אור־

עלטערן, די מאַמע וועט דיר קיין בייזע מינע דאָ נישט פאַרציייען...

מ'האָט נאָר אָפּגעגעסן דעם באָרשטש, פאַרווילט זיך דעם אדוואָקאַט אָנהויבן ווייטער דעם פריערדיקן טשעקאַוון שמועס מיט יאָהאַנען. דער־ציילט ער איצט ביים טיש יאָהאַנס „נאַיווע" אָנשויאונגען, דערביי מאַכט ער אָן עטוואָס איבערטריבענע, אדוואָקאַטישע ברייטע פאָרמולירונג.

— הער נאָר אָקאָרשט, ריכאַרד, יאָהאַנס שאַרפע קריטיק. ער באַ־הויפּטעט, אַז די ציוניסטן האָבן אידעאַלן פאַר דער צוקונפט, כּדי נישט צו מוזן ענדערן שוין די קעגנוואַרט; אַז אין דער פּאַרטיי קעמפן אַלע קעגן אומרעכט, אָבער יעדער איינער פאַר זיך טוט דאָס זעלבע אומרעכט נישט אויף אַ האָר ווייניקער. אַלע סאָציאַליסטן קעמפן וועגן קאַפּיטאַל, אָבער קיין סאָציאַליסט וויל זיך דערוויל מיט קיינעם נישט טיילן זיין אייגנס, מעג עס זיין ווי גרויס, אונטער דעם קלוגן אויסרייד, וואָס...

ריכאַרד איז געוואָרן אומגעדולדיק. ער האָט שפּאָטיש בייז אַ קוק געטון מיט די שמאָלע אויגן אויף יאָהאַנען, און האָט מיט אַ רויער שטים ווי געוואָרפן אים אין פּנים אָפּגעהאַקטע ווערטער:

— אָט אַזוי רעדן אַלע באַנקירישע יינגעלייטלעך, וואָס ווילן דורך לאַקריץ - זיסע מאָראַלישקייט שיצן זייערע פּריווילעגיעס קעגן קלאַסן־קאַמף. אויב איר ווילט שוין יאָ זיין, הער קעטנער, אַ מוסר־זאָגער, טאָ וואָלט איר בעסער געפּריידיקט פאַר אייער פאָטער און זיין קאָמפּאַניע, אָט די וועלט - וווכערניקעס, וואָס שטיקן אַלעמען מיט די אָנגערויבטע געלט־זעק און...

יאָהאַן איז רויט געוואָרן, האָט קינדיש אויסגעשטרעקט דעם האַלז און מיט קוים איינגעהאַלטענעם אימפּעט געענטפערט:

— געוויס „קעמפן" די סאָציאַליסטן פאַר אַ גערעכטער צוקונפט, אָבער יעדער סאָציאַליסט טוט דאָס זעלביקע, וואָס מיין פאָטער, און האַלט פעסט אין די הענט זיין אייגנס, זיין פּריווילעגיע. אָט זענען מיר דאָ ביים טיש מענטשן פון פאַרשידענע איבערצייגונגען, אָבער מיר לאָזן זיך אַלע גלייך באַדינען פון אַ קעכערין, וואָס עסט דאָרט באַזונדער אין קיך... ס'וועט נאָך אויפשטיין אַמאָל אַ דור פון מער - אויפריכטיקע מענטשן, וואָס אָנשטאָט אַ צוקונפט־פּראָגראַם פון ציוניזם אָדער סאָ־ציאַליזם, וועלן זיי דורך זייער אייגענעם לעבן, טאָקע שוין, די מינוט...

ריכאַרד האָט זיך מיט אַ קאַלט - בלוטיקער פאַראַכטונג אַ קער געטון צו יאָהאַנען און אים אַ קוק געטון גלייך אין די אויגן אַריין:

— ווען כ'וואָלט געווען מיט אייך נאָענט באַקאַנט, וואָלט איך

איך געזאָגט, אז איר זענט אן אידיאָט, נאָר אזוי ווי כ׳קען איך ווייניק, וועל איך בעסער איגנאָרירן...

אַט די אומגעריכטע ברוטאַל־פארשפּיצטע זידלעריי איז ווי א דונער אויפן טיש געפאַלן. נאָך איידער די עלטערן האָבן צייט געהאַט צו רעאַגירן, האָט זיך דערהערט א הילכיק־קלינגענדיקע, האַלב־דער־שראָקענע מיידל־שטים:

— הער אויף. ווילדע חיה, דיינע גראָבקייטן. ענטפער אים נישט, יאָהאַן, ער איז נישט ווערט, וואָס מ׳רעדט מיט אים, דו פארביטערסט מיר, ריכאַרד, דאָס לעבן, ס׳ווערט מיר אוממעגלעך מיט דיר ביי איין טיש צו זיצן, אוממעגלעך...

די שטים האָט ביי איר א ציטער געטון און זיך איבערגעריסן — ריכאַרד האָט דאָס חיות ליב געהאַט די שוועסטער. ווילד און אומגע־לומפּערט ווי ער איז, פלעגט ער דאָך גאָר מעשה־יינגל נאָכגעבן אירע געשרייען. אויך איצט האָט ער פארשעמט, גוטמוטיק אויסגעהערט אירע פאָרוואורפן, ווערנדיק מיטאַמאָל נאָכגיביק און געצוימט.

— שריי נישט אזוי, העלענע! כ׳בין אפשר געווען צו שאַרף — אנטשולדיקט! אזא נאַטור איז ביי מיר. כ׳מוז איצט אַלץ איינס אוועק־גיין אויף א וויכטיקער פארזאַמלונג — וועל איך אייך מער נישט שטערן...

נאָכן עסן זענען געקומען געסט צו די עלטערן, אויך אייניקע יינגע־לייט צו העלענען. יאָהאַן איז אריין אין העלענעס צימער צוזאַמען מיט אירע געסט.

אין יענעם אָוונט האָט אַט וואָס פּאַסירט.

נאָך צען א זייגער איז יאָהאַן געגאַנגען שלאָפן אין א האָטעל נישט ווייט פון גרינשטיינס הויז (מ׳האָט דאָרט טעלעפאָניש באַשטעלט א צימער). ער האָט זיך אָפּגערעדט מיט העלענען קומען מאָרגן האַלב אכט צום פרישטיק.

א קנאַפּע צען מינוט נאָכדעם ווי יאָהאַן איז אריין אין זיין האָטעל־צימער און אויסגעטון דעם פּאַלטן, האָט זיך דערהערט א קלאַפּ אין טיר, אן ענערגישער אנטשיידנדיקער קלאַפּ. אויפן שוועל האָט זיך באַלד באוויזן ריכאַרד מיט א בייז־ערנסטן אויסדרוק אויפן געזיכט. א רגע האָט יאָהאַן געקוקט אויף אים ערשטוינט, דערשראָקן, דערנאָכדעם האָט ער געפּרוווט צו אים פריינטלעך שמייכלען.

— ווי קומט איר פּלוצים אַהער?

— כ'האָב, וואָס אמת, אויפן גאַס א לאַנגע ווײלע אייך געהיים אָפּגעוואַרט און אויסגעשפּירט. כ'מוז מיט אייך רעדן אויג אויף אויג, עטוואָס זייער ערנסטעס. מיך באַאומרויקן נעמלעך אייערע באַציונגען צו מיין שוועסטער, ס'קאָן זיך ענדיקן פאַר איר זייער טראַגיש. א ראָמאַן צווישן מענטשן פון פאַרשידענע קלאַסן שניידט אָפּ מייסטן זייער טראַגיש פאַר דעם אָרעמערן קלאַס. דערצו איז נאָך מיין שוועסטער אזוי פאַרטרויִלעך און איבערגעגעבן. בקיצור, מ'מוז דאָ באַצייטנס כירורגיש־גרויזאַם אָפּשניידן. אין א האַלבע שעה אַרום גייט א צוג נאָך בערלין. איר מוזט גלייך די מינוט, אוועקפאָרן. טוט זיך שוין אָן — אונטן וואַרט א וואָגן. כ'וועל אייך ברענגען אויפן וואָקזאַל...

יאָהאַן איז בלאַס געוואָרן, האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן.

— נישט אַלע מאָל ענדיקט זיך דאָך אזא ראָמאַן טראַגיש. איז דען נישט אייער איצטיקע האַנדלונג מער טראַגיש פאַר העלענען און פאַר מיר?..

— כ'ווייס וואָס איך טו — האָט קיין מורא נישט!...

פּלוצים האָט זיך ביי ריכאַרדן דאָס פּנים פאַרקרימט פון האַס און צאָרן. ער האָט א כאַפּ געטון יאָהאַנען פאַר די פּלייצעס און געקריצט אויף אים מיט די ציינער:

— קיין וואָרט זאָלט איר מער נישט אויסרעדן. קומט שוין, די מינוט, — איר פאַרפלוכטע בריאה!.. אָט איז אייך דער פּאַלטן — רוקט אַריין די הענט אין די אַרבל, אָט אזוי שנעל, שנעל. קיין וואָרט זאָלט איר נישט אויסרעדן. אויב איר ווילט אייסמיידן א מיאוסן אומגליק, פאַרפלוכ—כ—כ—כטע בריאה!..

יאָהאַנס פּאַלטן איז זייער גרויס, גאָרנישט נאָך זיין מאָס. אין די לאַנגע אַרבל און פּאַלעס זעט ער אויס נאָך מער יינגליש.

ריכאַרד האָט זיך אַריינגעזעצט מיט אים אין וואָגן, וואָס איז גלייך אַוועק צום וואָקזאַל. א גאַנצן וועג האָבן זיי קיין וואָרט צווישן זיך נישט אויסגערעדט. אויך אויפן וואָקזאַל זענען זיי געגאַנגען שווייגדיק. נאָכדעם ווי מ'האָט געקויפט א בילעט, זענען זיי אַרויס אויף דעם העל באַלויכטענעם גערוישיקן פּעראָן. ווי אויף אַלע גרויסע וואָקזאַלן, דערפילט מען באַלד אין דער קאָכיקער באַוועגונג, דאָס דאָ לאָזט מען נישט די נאַכט כאָטש וויפל ס'איז איינדרימלען. די פייפערייען און די רעדער־קלאַפּעניש פון די אָנקומענדיקע און אוועקגייענדיקע צוגן, דער

טומל און געלויף פון פּאַסאַזשירן און געפּעק־טרעגער, הילכן אָפּ זייער אומרויק אין דער שפּעטער נאַכט־שטונדע.

און אָט גייען זיי ביידע צו שווייגנדיק צו א צוג, ווו יאָהאַן איז מיט אומזיכערע טריט אַריינגעשטיגן אין א וואַגאָן. ער האָט דערביי גאָר יינגליש־אויפגערעגט געפּלאַטערט מיט די לאַנגע פּאַלטן־אַרבל. ריי־כאַרד איז געבליבן שטום שטיין אַרום די טרעפּלעך פון וואַגאָן, גלייך ווי ער וואָלט מורא געהאַט, יאָהאַן זאָל נישט בגנבה אַראָפּשפּרינגען. ווען דער צוג האָט זיך אָנגעהויבן רירן, איז יאָהאַן צוגעגאַנגען צום פענסטער. און כאָטש די אונטערשטע ליפּ האָט ביי אים קאָנוואַלסיוו געציטערט, האָט ער שטרענג אָפּגעמאָסטן ריכאַרדן מיט א לאַנגן בליק.

— ריכאַרד, ריכ...

דער אָפּפאָרנדיקער צוג איז באַלד פאַרשוואונדן אין דער צעראודער־טער נישט איינגעשלאָפענער נאַכט. ריכאַרד איז שטום אַרויס פון וואָק־זאַל, עטוואָס אויפגערעגט און צערודערט. גראַד יאָהאַנס לעצטער האַלב־דערשטיקטער „ריכ(אַרד)” האָט אים איצט אינערלעך געעקבערט.

אויף מאָרגן האַלב אַכט אין דער פרי האָט העלענע אומגעדולדיק געוואַרט יאָהאַנען צום פרישטיק. די עלטערן זענען שוין געזעסן ביים טיש (זיי האָבן גאָרנישט געוווסט וועגן ריכאַרדס נעכטיקער האַנדלונג).

ס'איז שוין פינף מינוטן נאָך האַלב אַכט און יאָהאַן איז נאָך נישטאָ. האָט ער זיך אפנים פאַרשלאָפן? ריכאַרד איז נאָך אויך נישטאָ צום פרישטיק. דריי פערטל אויף אַכט האָט העלענע גענומען קלינגען אויפן טעלעפאָן, וואָס געפינט זיך אין עס־צימער. וואָס זאָגט מען איר דאָרט אַזוינס? זי פרעגט איבער נאָכאַמאָל. אין א ווײַלע אַרום בלייבט זי שטיין געפּלעפּט. דאָס טעלעפאָן ־ רערל פאַלט אַרויס פון דער האַנט. ווי א באַנומענע זעצט זי זיך צום טיש, זי איז ווייס ווי די וואַנט און קוקט זיך אַרום שטום מיט גרויסע דערשראָקענע אויגן.

— וואָס איז, העלענע?

— וואָס האָט פּאַסירט?

זי האָט געעפנט דאָס מויל און געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר פּלוצים האָט זי א צוק געטון מיטן קערפּער, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין.

האָט זיך אויפגעהויבן אין שטוב א געשריי, א גערודער. אויפן געשריי זענען אָנגעלאָפן ריכאַרד, די קעכן. מ'האָט זי באַלד אָפּגעמונ־טערט. ווען זי איז געקומען צו זיך, איז זי האַסטיק אַוועק אין איר צי־

מער. דאָרט האָט זי זיך געזעצט אויפֿן סאָפע נעבן פֿענסטער, פֿאַרדעקט מיט די הענט דאָס פּנים און געוויינט פֿאַרצווייפֿלט — שטיל און מאָנאָ־טאָן ווי אַ קליין קינד. (ריכאַרד האָט שוין דערווייל דערציילט שטילער־הייט דעם פֿאָטער וועגן יאָהאַנס נעכטיקן אוועקפֿאָר). די עלטערן זיצן שווייגנדיק ביי איר אין צימער, מ'האָט מורא צו לאָזן זי אַליין. דער פֿאָטער איז היינט נישט געגאַנגען אויף זיין אַרבעט.

ווען ריכאַרד האָט דעם פֿאָטער פֿריער דערציילט וועגן זיין נעכטי־קער האַנדלונג מיט יאָהאַנען, איז דער פֿאָטער געוואָרן אַזוי אויפֿגע־בראַכט, דאָס ריכאַרד האָט געמוזט פֿאַרלאָזן דאָס הויז. ס'האָט דעם פֿאָטער געעקלט פֿון אַזאַ באַרבאַרישער ברוטאַלער האַנדלונג. ס'איז פּשוט אַ העסלעכע ווילדקייט, מ'מוז עס ווי נישט ווי פֿאַרריכטן. דער אַדוואָקאַט דרייט זיך איצט אַרויף און אַראָפּ אין צימער און טראַכט איבער דעם ענין. דערווייל וויל ער לאָזן די טאָכטער איבערקומען איר ערשטע דערשיטערונג.

העלענע וויינט אַזוי אומטרייסטלעך, מאָנאָטאָן, גלייך ווי זי וועט קיינמאָל נישט אויפֿהערן. די מוטער פּרוּווט צו איר רעדן, בעטן. מ'האָט נישט קיין ווירקונג. פּרוּווט די מוטער באַרירן די שוואַכע סטרונע.

— כ'האָב אַ קראַנק האַרץ, העלענע, כ'וועל עס גאָרנישט אַרי־בערטראָגן.

דאָס נעמט, העלענע ווערט שטיל אַ רגע און הויבט אויף די רויט־אָנגעלאָפֿענע אויגן צו דער מוטער. דערזעט מען ערשט איצט, אַז דאָס מיידל עקט זיך, כאָטש זי דערשטיקט אירע טרערן. ביי דער מוטער פֿאַלט איין דאָס האַרץ, זי פֿאַרברעכט די הענט און וויינט איצט צוזאַ־מען מיט העלענען.

— איר האָט זיך אַפּנים ביידע גערירט פֿון זינען, וואָס? אַ סוף זאָל עס נעמען! גענוג! מ'ווייסט דאָך אייגנטלעך נאָך גאָרנישט וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען. וואָס־זשע מאַכט מען פֿאַרא געוואַלטן?

דער פֿאָטער שרייט עס, באַוועגנדיק די ברייטע נאָזלעכער און טרייסלענדיק מיט דער טשופּרינע. און אָט האָט ער זיך געזעצט לעבן דער טאָכטער, האָט אַראָפּגענומען אירע הענט פֿון פּנים.

— דו ווייסט דאָך, העלענע, אַז כ'האָב נישט ליב קיין ליגן. גיב איך דיר איצט מיין ערן־וואָרט, אַז יאָהאַן איז געזונט און אַז ער איז נישט אוועקגעפֿאָרן מיט זיין אייגענעם ווילן, נאָר דורך אַ ווילדער נאַ־רישקייט. וואָס אַרט דיך, העלענע, פֿאַרלאָז זיך אויף מיר, וועסטו שוין

זען. לאָמיר נאָר דעם קאָפּ נישט פאַרלירן, וועלן מיר אין דער רו נאָך אַלעם גוט מאַכן. כ׳בעט דיך, קום אין עס־צימער, דו מוזט עפּעס נעמען אין מויל...

ביי העלענען האָבן אויפגעלויכטן די אויגן. ווי אַ דערטרונקענער כאַפּט זיך קרעמפּנדיק פאַר אַן אויסגעשטרעקטער רעטונגס – האַנט, אַזוי קלאַמערט זי זיך פאַר דעם פאָטערס צוזאָגנדיקע ווערטער. זי קוקט צו אים מיט בעטנדיקע האָפנדיקע בליקן. זי ווערט שטיל און לאָזט זיך פירן פון פאָטער צום טיש, ווו ס׳געלינגט פאַמעלעך זי צו באַרויקן, אויפוועקנדיק אין איר נייע האָפנונגען.

דער פאָטער איז אַוועק אין קאַבינעט און האָט זיך דאָרט אין גרויס פאַרלעגנהייט געדרייט אַראָפּ און אַרויף. ערשט איצט האָט ער זיך דערמאָנט, מיט וועלכער פאַראַכטונג דער בערלינער באַנקיר האָט אים מיט יאָרן צוריק דערלאַנגט די שפּיץ פינגער און נישט געוואָלט מיט אים אַ וואָרט אויסרעדן. ס׳נעמט אים אַ שוידער וועגן דעם געדאַנק פון אַ מעגלעכן קאַמף מיט אָט דעם פאַרביסענעם דעספּאָט. דערווייל מוז מען אָבער פאַרריכטן דעם וויסטן סקאַנדאַל, וואָס ריכאַרד האָט הינטער זיינע פּלייצעס געמאַכט. ער וועט גלייך שיקן אַ מענטשן קיין בערלין מיט אַ פּערזענלעכן בריוו פאַר יאָהאַנען, אָדער אפשר וועט ער...

אין אָוונט איז געקומען מיטן עקספּרעס־צוג פון בערלין דער הויף־סעקרעטאַר פונם באַנקיר קעטנער. מיט קוים איינגעהאַלטענע אַנגסטן האָט אים דער אַדוואָקאַט אויפגענומען ביי זיך אין קאַבינעט. יענער האָט אים ערנסט שווייגנדיק דערלאַנגט אַ בריוו פונם באַנקיר. עטוואָס אויפגערעגט האָט דער אַדוואָקאַט געעפנט פאַמעלעך דעם בריוו. אָבער שוין ביי די ערשטע שורות זענען ביים אַדוואָקאַט די אויגן גרויס געוואָרן פון איבעראַשונג. אַן אומגעהויערע פאַרוואונדערונג האָט זיך אויסגעדריקט אויף זיין פּנים אָט וואָס אין בריוו איז געשטאַנען:

זייער געערטער הער דאָקטאָר גרינשטיין!

איר ווייסט שוין מסתמא ווי ווייט אונזערע קינדער זענען צווישן זיך פאַרבונדן און ווי ווייט יעדער שטער פון אונזער זייט קאָן ווערן פאַר זיי אַ קאַטאַסטראָפע, וויניקסטנס פאַר מיין זון. כ׳וויל נישט פאַרלייקענען, אַז די עלטערן פון די קינדער זענען שוין גאָרנישט פאַרליבט איינער אין דעם צווייטן, אָבער אַ מוטיקער מענטש מוז קודם־כּל האָבן דעם מוט פריי און אַנטשלאָסן נאָכצוגעבן דעם דראַנג פון העכערע

גויטן. זינט זיין מוטערס טויט איז יאָהאַן זייער עלנט. אייער טאָכטער האָט אים (ווי כ'האָב זיך ערשט דערוווסט) אַ היפּש ביסל דערמוטיקט. אַ געצוווונגענע צעשיידונג מיט איר קאָן פאַר אים ווערן אַ געפערלעכע דערשיטערונג (דאָס איז אויך די מיינונג פונם פאַמיליען - דאָקטאָר). יאָהאַן איז אייך ווייט נישט קיין פרעמדער. איר און אייער פרוי זענען געווען אַזוינע אינטימע פריינט פון זיין מוטער, אייער ניכטע, וועלכע וואָלט געוויס געווען גליקלעך צו זען יאָהאַנען און אייער טאָכטער צוזאַמען...

כ'בעט אייך פריינטלעך ווי באַלד מעגלעך פאַרשאַפן אונז די פרייד און קומען מיט אייער ליבער טאָכטער צו אונז אויף אַ באַזוך אין בער־לין (כּדי יאָהאַנען נישט צופיל צו איבערראַשן, וועט איר אַזוי גוט זיין באַצייטנס צו טעלעגראַפירן). אויב אייער פרוי און איר וועלן זיין איינ־פאַרשטאַנען, וועל איך זיין גליקלעך צו קומען אין צוויי וואָכן אַרום מיט יאָהאַנען צו אייך אין האַמבורג און פייערן די פאַרלאָבונג (תּנאים) פון אונזערע ליבע קינדער. הלוואי זאָל דער אַלמעכטיקער זיי שענקען גנאָד און גליק.

מיט פולע גרוסן פאַר אייער פרוי און טאָכטער

הויכאַכטונגס־פול

אַדאָלף קעטנער

אין אַ חודש אַרום האָט דער פאַרשטאַנד פון דער גרויסער יידישער געמיינדע אין בערלין געהאַט אַזאַ טשעקאַווע פאַרהאַנדלונג. דער פאָרזיצער האָט נעמלעך פאָרגעשלאָגן (אויף אַ זיצונג פונם פאַרשטאַנד) מען זאָל שיקן אין נאָמען פון פאַרשטאַנד אַ גראַטולירונג צום באַנקיר קעטנער וועגן דער פאַרלאָבונג פון זיין זון. אַלע ווייסן די פעסטע ליבע־ראַלע טראַדיציעס פון קעטנערס הויז און זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער יידישער געמיינדע און אירע אינסטיטוציעס. דער פאָרשלאָג איז, פאַרשטייט זיך, איינשטימיק אָנגענומען. נאָר יעדער פאַר זיך האָט זיך געחידושט, ווי קומט דער זון פון אַזאַ הויכן ליבעראַלן הויז צו אָט דעם אָסט־יידישן אַדוואָקאַט, דעם „פאַנאַטישן" ציוניסטישן אַגיטאַטאָר. אָבער קיינער האָט וועגן דעם קיין וואָרט נישט דערמאָנט ביי דער זיצונג. נאָר ביים יוסטיץ - ראַט זעמערינג, מיט די שטייף־לאַנגע גרוי־ווייסע וואָנסן אויף דעם דאַרן גלאַטן ראַזירטן פּנים, האָט פּלוצים אויפגעפלאַ־קערט זיין שטענדיקע מאַניע קעגן דער „גרענאַדיר - שטראַסע". ווי נאָר

דער אָפּיציעלער טייל פון דער זיצונג האָט זיך געענדיקט, האָט ער אַרויסגעבראַכט:

— איצט זעט איר, מיינע הערן, די גרענאַדיר־שטראַסע רייסט זיך אַריין אין אונזערע פאַרנעמסטע ליבעראַלע פאַמיליעס. דער יונגער קעט־נער האָט שוין אויף דער בר־מצוה אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו „יענעם" היסטאָרישן פאַנאַטיזם. איצט ווערט עס אויס מיט דער ליבעראַלער טראַדיציע אין קעטנערס הויז. אָט האָב איך געהיט מיינע קינדער ווי די אויגן אין קאָפּ און פּלוצים זענען זיי הינטער די פּלייצעס אויפגע־וואַקסן מסוכנע ציוניסטן. זיי סמאַקעווען נאָך די באַפּוצטע לעגענדעס פון די פאַנאַטישע חסידים, וואָס זייערע לעבעדיקע ביישפּילן זענען טאַקע די קרעמערס און שנאָרערס פון דער גרענאַדיר־שטראַסע. און אָט...

אַלע האָבן געשמייכלט אויף די גוזמאות פון דעם אַלטן מאַניאַק, נאָר דער פאָרזיצער קאָמערציע־ראַט זינגער, אַ שטרענגער קאָרעקטער מענטש, האָט אים איבערגעריסן.

— ס'איז אַ שטאַרקע איבערטרייבונג, הער יוסטיץ־ראַט, זעט נאָר אָקאָרשט די גרויסע ליסטע פון געטויפטע און פון געמישטע חתונות, אַ חוץ דעם די אומגעהויערע צאָל פון אָפּגעפרעמדעטע, וואָס ווילן נישט געהערן צו קיין סינאַגאָגע, צו קיין יידישער געמיינדע. ווי ליאַרעמ־דיק די ציוניסטן זאָלן נישט זיין, זענען זיי דאָך אַ פאַרשווונדענע מינ־דערהייט. וואָס איר זאָגט וועגן דער גרענאַדיר־שטראַסע, זאָגן דאָך דאָס זעלביקע די אַנטיסעמיטן וועגן אונז, דייטשע יידן, אַז מיר פאַרכאַפּן דייטשלאַנד, אַז...

דער יוסטיץ־ראַט זעמערינג האָט פאַרביסן געגלעט זיינע גרויסע וואָנסן, און האָט די גאַנצע צייט קרום געקוקט אויף דעם פאָרזיצנדן מיט דעם עקשנותדיק הייסן בליק פון אַ מאַניאַק. און אָט איז ער אים האַס־טיק אַריינגעפאַלן אין די רייד.

— כ'האָב מורא, הער קאָמערציע־ראַט, אַז איר זענט אויך פאַר־בלענדט פון דער גרענאַדיר־שטראַסע, דערפאַר זעט איר נישט אירע געפאַרן...

ווי אַלע מאָל האָט ער שוין אָנגעהויבן רעדן מיט אַזאַ איבערטרײ־בענעם אימפּעט. מיט אַזאַ האַמעטנעם שווונג, דאָס אַלע האָבן אויף אַ טשעקאַוועם געשמייכלט. (כאָטש אין תוך איז עס געווען בלויז אַ מאַ־ניאַק־איבערטרייבונג פון די אייגנטלעך הערשנדיקע ליבעראַלע אָנ־שווונגען).

— מיר מוזן געדענקען, דאָס אין אַלע צייטן האָבן אַט די לאַנג־בערדיקע פאַנאַטישע יידן געזוכט צו מאַכן אויך דאָס גאַנצע פאָלק פאַנאַטיש דורך אַלערליי פאַרדרייטע תּלמודישע געזעצן און זיטן. אונ־זער רעפאָרם־באַוועגונג האָט ערשט אָנגעהויבן מיט זיי דעם ריכטיקן קאַמף און געשאַפן די פרייע אַטמאָספער פון ליבעראַלן יידנטום. מיר, דייטשע בירגער פון יידישן גלויבן, (ער האָט דערביי פייערלעך צוגע־לייגט די האַנט צום האַרצן), האָבן צעבראָכן די קייטן פון יידישן שאַ־וויניזם און פאַנאַטיזם. מיר האָבן גענומען אָפּשוואַכן דעם יידן־האַס פון אַלע פעלקער דורך דער מוטיקער דערקלערונג, אַז מיר יידן זענען נישט קיין פאָלק, נאָר אַ רעליגיעזע געמיינשאַפט. אָנשטאָט דער תּלמו־דישער סכאָלאַסטישער איינזייטיקייט האָבן מיר אויפגעשטעלט אַ פרייע וויסנשאַפט פון יידנטום. די אַלטע סינאַגאָגע מיט איר אַזיאַטישן אויס־זען האָבן מיר פאַרביטן דורך אַ מאָדערנעם טעמפל מיט פראַכט, כאָר און אָרגל־מוזיק. יידן פון פאַרשידענע לענדער האָבן זיך אָפּגערופן אויף אונזער רעפאָרם ־ באַוועגונג. ס'זענען געוואָרן אומעטום באַר־מט די נעמען פון מענדלסאָן, צונץ און גייגער. אין יעדן לאַנד האָבן זיך גע־פונען מוטיקע יידן, וואָס האָבן זיך דערקלערט פאַר שטאַאַטס־בירגער פון יידישן גלויבן און אויפגעשטעלט מאָדערנע כאָר־שולן. און אָט אין בערלין, אין רעכטן צענטער פון צעבליטן ליבעראַלן יידנטום, וואַקסט אויס אונטער דער נאָז אַ גרענאַדיר־שטראַסע, אַ געפערלעכע נעסט פון לאַנג ־ בערדיקע פאַנאַטיקער, וואָס פאַרפּעסטן אונזערע אייגענע אַט־מאָספע־ע. דערמאָנט זיך נאָר, ווי פון אונטער דער ערד זענען צווישן אונז אין בערלין און אין ווין, פּלוצים אויסגעוואַקסן פאַנאַטישע ציור־ניסטן, וואָס דערקלערן שוין ווידער יידן פאַר אַ פאָלק און שלעפּן אונז אין אַזיע צו גרינדן דאָרט אַ יידישע מלוכה. דער לאַנג־באָרדיקער פאַנ־טאַסט, ד"ר הערצל, מאַכט קאָנגרעסן און רייסט אויף די אויגן פון דער גאַנצער וועלט. צווישן אונז האָבן זיך געפונען מאָדערנע שרייבער, וואָס אויף דער ערלעכער דייטשער שפּראַך באַזינגען זיי אומפאַרשעמט די לעגענדעס פון די פאַנאַטישע חסידים. דער גייסט פון דער גרענאַדיר־שטראַסע בושעוועט אין אונזערע רייען, רייסט זיך אַריין אין אונזערע הייזער. ס'רוקט זיך אָן אַ גרויסער חורבן אויף דעם ליבעראַלן יידנטום. וואָס שווייגט איר? מיר מוזן זיך מיט אַלע כּחות באַוואָפענען קעגן דער געפאַר, מיר מוזן...

ביים אַלטן האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם, די דאַרע גלאַט ראַזירטע

באַקן האָבן זיך בײַ אים אײַנגעצויגן. כאָטש אַלע װײסן, אַז דער אַלטער איז אַ מאַניאַק און מען קאָן מיט אים נישט דיסקוטירן, ענטפערט אים דאָך דער פּאַרזיצער קאַלט־בלוטיק, גלײַך װי ער װאָלט אים אויף אַ טשע־קאַװעס װעלן צערײצן.

— כ׳האָב אײַך שוין דערמאָנט, העד יוסטיץ־ראַט, אַז די אַנטי־סעמיטן זאָגן דאָס זעלביקע װעגן די ליבעראַלע ייִדן. מאַנכע אַנטיסעמיטן באַהויפּטן אַפילו, דאָס גראָדע די ליבעראַלע ייִדן און נאָכמער די גע־טויפטע, זענען די סאַמע געפערלעכסטע פאַרן דײַטשן פאָלק, אַז דורך די געמישטע חתונות פאַרפעסטן די ייִדן די דײַטשע פאַמיליע, דעם דײַטשן גײַסט, און ברענגען אַ חורבן אויף דער דײַטשער קולטור.

דער אַלטער האָט זיך שטאַרק אויסגעגליכן און אָנגעשטעלט אויפן פּאַרזיצער זײַנע רויט־אָנגעלאָפענע אויגן. װיפל מען איז שוין נישט געװוען צוגעװוינט צום אַלטנס אויסטערלישע רייד, האָט אָבער זײַן איצ־טיקער ענטפער אַלעמען איבעראַשט.

— אַט די אַנטיסעמיטן זענען װילדע פאַנאַטיקער, װאָרום דער פאַ־נאַטיזם אויף איין זײַט רופט אַרויס דעם זעלביקן פאַנאַטיזם אויף דער פאַרקערטער זײַט. די אַנטיסעמיטן זענען אויך אָנגעשטעקט פון דער... גרענאַדיר - שטראַסע.

אַלע האָבן זיך הילכיק צעלאַכט. נאָר דער אַלטער האָט שטאַרק, פאַרעקשנט - צאָרנדיק אװעקגעקוקט שװײַגנדיק אין אַ זײַט.

— גרענאַדיר־שטראַסע!

אויסער קאָנקורענץ — אויסער געזעץ

(א שאס פון הינטער די פּלייצעס)

אין משך פון זומער האָבן זיך אָנגערוקט אומגעריכטע פּאַסירונגען, מאָנכע זייער אומהיימלעכע, וואָס האָבן צוזאַמען אָנטשיידן אויף א געוויסער צייט דעם גורל פון יאָהאַנען.

שוין בעת די תנאים אין האַמבורג האָט זיך דער פאָטער דורך א נייעם אינצידענט שיר נישט איבערצייגט, דאָס יאָהאַן האָט געירשנט פון דער מוטער, אויב נישט קיין גייסט־קראַנקהייט, איז ווייניקסטנס א קרענקלעכע עמפּינדלעכקייט, וואָס מאַכט אים, יאָהאַנען, אויפנעמען מאָנ־כע פּאַסירונגען אַזוי טיף און טראַגיש. טאַקע גאָר ווי א מענטש א ליידנ־דיקער פון רעוומאַטיזם, וואָס איז שוין אָן אומגעזעענע פייכטקייט אין דער וווינונג קאָן אַרויסרופן ווייטיקן אין די גלידער; אָט אַזוי פלעגן אָפט קליינע פּאַסירונגען צעטרייסלען ביז גאָר יאָהאַנס געמיט.

(פון אָט דער געירשנטער קרענקלעכקייט שטאַמט עס אפנים אויך די פאַרשמאַכטע אומרו פון יאָהאַנען, וואָס האַלט אין איין זוכן און נישטערן. דאָס איז די מיינונג נישט נאָר פונם פאַמיליע־דאָקטאָר, נאָר אויך פונם באַרימטן נערוון - פּראָפעסאָר, וועלכער איז אַנומלטן געקו־מען מעשה־פריינט צום באַנקיר אויף טיי און האָט כלומרשט פאַרביי־גייענדיק פאַרבראַכט מיט יאָהאַנען. די דאָזיקע געירשנטע קרענקלעכקייט, האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט, ברענגט די אינערלעכע אומרו, די צעריצט־קייט פון יאָהאַנס פאַנטאַזיע און געפילן. דער באַנקיר האָט כלומרשט צוגעשטימט, דאָך האָט ער צווייפלענדיק א שטאַרקן שנאָרך געטון מיט דער נאָז, וואָרום אויב ס'איז בלויז א שלעכטע ירושה פון דער מוטער, ווי־זשע קומט עס, וואָס נישט בלויז יאָהאַן, נאָר אין פילע רייכע ליבע־ראַלע הייזער גייען יונגעלייט אַרום ווי צו חלום און זוכן פאַרשמאַכט א

טעלערל פון הימל. צי איז עס נישט א קרענק פון דער צייט, פונם נייעם דור, וואס קאן זיך קיין ארט נישט געפינען. און אפשר איז עס גאר דערפאר, האט דער באנקיר גאר א קלער געטון, וואס נגידישע קינדער ווערן אויפגעהאדעוועט אין שיינקייט און פראכט, ווילט זיך זיי דער־נאכדעם די גאנצע וועלט פארשענערן, יעדע העסלעכקייט אויסראטן. צעפיעשטשעטע און נאכגעגעבענע, באקומען זיי גיכער די אומגעצוימטע אפעטיטן און טייוולאנישע אמביציעס פון וועלט - איבערקערער און וועלט - פארבעסערער. האבן דען נישט אין רוים גראדע די רייכע צע־פיעשטשעטע פרויען (פון דער העכערער געזעלשאפט) זיך די ערשטע אפגערופן אויף דער אנטשטייענדיקער קריסטלעכער באוועגונג? אין רוס־לאנד זענען דאך גאר נישט זעלטן די קינדער פון אדעל און הויכן מי־ליטער געווארן סאמע פארביסענע רעוואלוציאנערן. בקיצור, ס׳איז אינ־גאנצן אפשר גאר א נגידישע קרענק. אזא קרענק אדער אן אנדערע — וואס איז אייגנטלעך דער אונטערשיד!

אנהויב אפריל, ווען מ׳האט געפייערט אין גרינשטיינס הויז די פארלאבונג, איז פארגעקומען א קלייניקייט, וואס האט שיר נישט צע־שטערט די גאנצע שמחה.

די מעשה איז געוועז אזוי.

מען האט געפייערט די פארלאבונג זייער היימיש - באשיידן. בלויז גאר נאנטע פריינט און קרובים זענען געוועזן איינגעלאדן. דער באנקיר האט זיך באנומען זייער ליבנסווירדיק, איז געוועזן ביז גאר איינפאך און אויפגעלעגט. ס׳איז נישט געוועזן אין זיין אויפפירונג קיין שפור פונם שטאלצן דעספאטישן באנקיר. דאס שטענדיק פארזשמורעטע לינקע אויג איז א גאנצן אוונט געוועזן אפן און האט פאר זיך נחתדיק גע־בלינצלט. די געדיכטע שווארצע וואנסן זענען פול מיט לוסטיקן שמייכל. טאמער טוט ער א שנארך מיט דער ברייטער נאז, איז עס דורכויס א גוטמוטיקער שנארך.

ווי אלע אנוועזנדיקע, איז אויך דער באנקיר געוועזן עטוואס גערירט פונם היים־טרוימערישן ציטער, וואס האט זיך געטראגן פון חתן־כלה און האט עלעקטריזירט די גאנצע אטמאספערע. אומזיכטבאר ווי אט דער טרוימערישער ציטער איז, האט ער זיך דאך אפגעשפיגלט אין די לויכטנדיקע אויגן פון די פריילעך־געשטימטע געסט, האט אפשר אויף א האר מער געשפאנט אלעמענס רייד און באוועגונג.

זיי, יאהאן און העלענע, האבן אויסגעזען לייכט און שוועבנדיק,

קוים וואָס זיי באַרירן די ערד. און כאָטש זיי זענען ביידע ווי באַטרונקען און באַגעגענען זיך אָפט מיט לאַנגע פאַרגאַפט־שמייכלענדיקע בליקן. האָט דאָך פון זיי ביידן געווייעט אַ באַהאַלטן ציטעריקער אומעט. ווי אויף דער בר־מצוה, אַזוי האָט איצט אויך די אַרומיקע פייערלעכקייט געוועקט ביי יאָהאַנען (און דאָס האָט זיך איבערגעגעבן העלענען) צעוויטיקטע עראינערונגען וועגן דער יונג־פאַרשטאָרבענער מוטער, וועגן איר שע־מעוודיק־ליידנשאַפטלעכער געשטאַלט — ס'האָט אים באַהערשט ווי דאַמאָלט אַ געמישט געפיל פון בענקשאַפט, ליבע און רחמנות. הויפט־זעכלעך אָבער האָט דאָ נאָך מיטגעווירקט עטוואָס אַנדערש. נאָך דעם וויסטן סקאַנדאַל פון יענער נאַכט, ווען ריכאַרד האָט מיט געוואַלט אַרויסגעפּראַוועט יאָהאַנען מעשה־קאַטאָרזשניק פון שטאָט, האָבן זיי ביידע, יאָהאַן און העלענע, נישט געקאָנט אינגאַנצן קומען צו זיך פון דעם שיר נישט צעשטערטן און ווידער אויפגעריכטן גליק. דער קאָנפליקט איז אייגנטלעך נאָך נישט געווען ערליידיקט. עטלעכע טעג פאַר דער פאַר־לאָזונג איז ריכאַרד אַוועקגעפאָרן פון האַמבורג. זיין אויפפאַלנדיקע אָפּ־וועזנהייט איז געווען אַ מין אָנזאָג פון פאַרביסענער דראָענדער פיינט־שאַפט, וואָס האָט אויף ס'ניי אַרויסגערופן אַנגסטן און פאַרדרוס. די לעבנס־לוסטיקע העלענע וואָלט איצט אין פריידן מסתמא געקענט גיכער פאַרגעסן די גאַנצע טרויעריקע געשיכטע. נאָר פאַר דעם צערודערטן יאָ־האַנען איז די ערשיטערונג פון יענער נאַכט געבליבן אַן אומגעהיילטע נשמה־וואונד, וואָס האָט איצט באַהאַלטן געמאַטערט און געשמערצט. ווי אַלע מאָל האָבן זיך זיינע ליידן אין איר אָפּגערופן און ווי אַרויסגעאָ־טעמט פון איר וועזן. ס'האָט זיך שפּעטער אויך אַרויסגעוויזן, דאָס ריכאַרדס ברוטאַלער אויפברויז האָט ביי זיי ביידן אַרויסגערופן אַן אומ־היימלעכן חשד, וואָס זיי האָבן ביידע נישט געוואַגט מיט אַ וואָרט צו באַרירן און וואָס האָט זיי ביידן אין געהיימער אַנגסט נאָך טיפער פאַרבונדן.

האָט אָבער אָט וואָס געטראָפן.

אַ קורצע ווײַלע פאַר דעם אָנהויב פון דעם פייערלעכן אָוונט־ברויט, ווען די צונויפגעקומענע געסט זענען נאָך געזעסן אין דעם העל־באַלויכ־טענעם און יום־טובדיק צוגעפּוצטן זאַל, ווען פון אַלע זייטן זענען אָנגע־קומען גראַטולירונגען מיט פּרעכטיקע בוקעטן בלומען און גרויסע וואַ־זאָנעס, — האָט מען יאָהאַנען געבראַכט אַ נאָר־וואָס אָנגעקומענעם פאַר־מאַכטן שנעל־בריוו. ער איז אַריין מיטן בריוו אין קאַבינעט, דאָרט האָט

ער ביים שרייב־טיש געעפנט דעם קאָנווערט, ארויסגענומען און אויפגע־מאַכט אַ צונויפגעלייגט בייגעלע פּאַפּיר און איז געשווינד דורכגעלאָפן מיט די אויגן אַלע זייטלעך פונם בריוו. צוערשט האָט זיין געזיכט אויס־געדריקט פאַרוואונדערונג, נאָר באַלד האָט די אונטערשטע ליפּ אָנגע־הויבן קאָנוולסיוו צו ציטערן. ער האָט זיך אָבער גלייך באַהערשט, כאָטש ס׳האָט אים שטאַרק געשווינדלט אין די אויגן און די לינקע שלייף האָט אים געדריקט. פון אויפרעגונג האָט עס אים אַ כאַפּ געטון דער קאַפּ. ארומקוקנדיק זיך איז ער געווען כאָטש צופרידן, וואָס ער איז אַליין אין קאַבינעט, און קיינער האָט נישט באַמערקט זיין אונטער־דריקטע אויפרעגונג.

ער האָט אויף גיך ארייננעשטעקט דעם בריוו אין קעשענע און איז אריין אין סאַלאָן צוריק צו די געסט, גלייך ווי גאָרנישט געשען. נאָר העלענע האָט שוין פון וויטן אויפגעכאַפּט די (איר גוט־באַקאַנטע) לייכ־טע וויברירונג פון זיין אונטערשטער ליפּ, די באַהאַלטענע אומרו פון זיין צעשטרייטן בליק. ווען זי איז צו אים צוגעקומען און זיי האָבן זיך באַגעגנט מיט הייסע בליקן, האָט זי דערפילט (ווי אָפט אין דער לעצטער צייט) אין דער טיפעניש פון זיין פאַרגאַפטן בליק אַ שטום־צע־ווייטיקטן אומעט, וואָס גיט זיך איר איבער און פאַרבינדט זיי אינער־לעך מיט אַ געהיים זיסער אינטימישקייט. כדי דאָך צו פאַרהיימלעכן זיין צערודערונג האָט ער בלומרשט האָפערדיק אַ זאָג געטון:

— ווייסטו, העלענע, כ׳האָב שטאַרקע קאָפּ־שמערצן, ס׳איז אַפּנים אַ מיגרען, וואָס טרעפט ביי מיר נישט זעלטן. כ׳ווייס נישט, צי וועל איך קאָנען אויסזיצן דעם גאַנצן אָוונט...

— דו זאָלסט זיך, יאָהאַן, גאָרנישט לאָזן שטערן. קאָפּ־שמערצן איז נישט קיין שאַנד. מ׳זעצט זיך באַלד צום טיש; — ווען דו וועסט עם פילן נויטיק, קענסטו שוין נאָכן ערשטן געריכט זיך אַנטשולדיקן און אוועקגיין אָפּרוען. מ׳האָט שוין אָבער פריער געקענט וויסן, אַז ווען דו וועסט דערזען פיל מענטשן אָדער אַ צו גרויסע פייערלעכקייט — וועסטו באַקומען אַלערליי מעלאַנכאָלישע קאָפּ־שמערצן און וואָס נישט. וואָס מאַך איך בלויז מיט דיר, מיין ליבער, ליבער יאָהאַן! ס׳וועט אָבער אַלעס זיין גוט, אַזוי גוט... זע נאָר, דיין פאָטער רופט אונז, קום, נעם מיך אונטערן האַנט, אָט אַזוי, יאָהאַן, יאָהאַן...

ביים טיש האָט אים דער בריוו אין דער קעשענע נישט געלאָזט רוען. ער איז קוים אויפן שטול איינגעזעסן. דער לינקער שלייף האָט

אים זייער שמערצלעך געפּרעסט און דער קאָפּ האָט אים געשווינדלט. איצט האָט שוין אויך דער באַנקיר באַמערקט זיין אומרו. מער פעלט נישט, אַז יאָהאַן זאָל איצט פאַר אַלע געסט באַווייזן זיינע שטיקלעך. דאָס לינקע אויג האָט ביים באַנקיר אַ ווײַלע פאַרדריסלעך געפינטלט און זיך באַלד פאַרזשמורעט. באַלד נאָכן צווייטן געריכט האָט יאָהאַן, באַ־קלאָגנדיק זיך אויף אַ מיגרען, זיך אַנטשולדיק פאַר די געסט און איז אוועק. דער באַנקיר האָט זיך געביטן אין פּנים, ביים טיש איז עס שיר נישט אומהיימלעך געוואָרן. נאָר העלענע האָט דורכגעפירט יאָהאַנס אוועקגאַנג מיט אַזאַ נאַטירלעכער פרייִלעכקייט, האָט אַזוי לוסטיק זיך געקלאָגט אויף יאָהאַנס וויסטן מיגרען, דאָס נישט נאָר די געסט האָבן זיך ווידער גוט געפילט, נאָר אויך דער באַנקיר האָט ווייטער געעפנט דאָס פאַרזשמורעטע לינקע אויג. ער האָט נאָר איינמאָל אַ שטאַרקן שנאָרך געטון מיט דער נאָז, וואָס האָט אַן ערך אַזוינס געהייסן: צי אָט די אַפּטע אויפרעגונג ביי יאָהאַנען איז אַ געווירשנטע קרענקלעכקייט אָדער ס'איז אַ קרענק פון דער צייט, סיי ווי איז עס אַן אַנשיקעניש און מ'וועט זיך מוזן מיט דעם האַלטן. ס'איז „שוין" פאַרפאַלן.

הילכיק לאַכנדיק האָט זי גענומען יאָהאַנען פאַרן אָרעם און איז אוועק מיט אים אין לאַנגן קאָרידאָר צו ריכאַרדס צימער (יאָהאַן האָט די לעצטע צייט געוווינט ביי די גרינשטיינס אין יענעמס צימער). לעבנס־לוסטיק ווי זי איז געווען, האָט זי זיך מיטן גאַנצן האַרצן אַריינגעלעבט אין זיינע פאַרשמאַכטע טרויעריקע שטימונגען, וואָס אָטעמען מיט אַזאַ צוזאַנג־דיקער, טיף־גראָבנדיקער בענקשאַפט — איז דאָך יאָהאַן נישט סתּם אַ טרוימער, נאָר אַ באַגאַבטער מאָלער, אַ טיפער דענקער, אַ פלאַמענדיקער אידעאַליסט. זיין אומרו און טרויער זענען די געהיימע כּחות, וואָס ציען אים אין דער הויך, אין דאָס ווייטע־ווייטע, אָבער אַזוי וווּנדערלעכע לאַנד פון דערלייזונג. מעג זי זיין אַן איינפאַך מיידל, אָבער זי גייט מיט אים געאָרעמט — וווהין ער גייט, קומט זי מיט אים. זאָלן אַנדערע צווייפלען און לאַכן פון יאָהאַנען — זי וועט נישט לאָזן אַ האָר פון אים פאַלן, זי וועט נישט לאָזן שטערן זיין הייסע אומרו, זי וועט מיט אים טיילן און געניסן זיינע זיס־טרויעריקע טרוימען, וואָס זוכן און שפּירן דער־לייזונג, זי וועט...

צוגעקומען צום צימער, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אויפן שוועל.

— רו זיך אויס, יאָהאַן, ווי ס'געפעלט דיר אַמבעסטן. אפשר וועסטו נעמען אָט דעם פולוווער קעגן קאָפּ־שמערץ, — וואָס כ'האָב נאָר וואָס באַ־

שטעלט. כ'וויס, ווען אויף דיר קומט אַזאַ צערודערונג, מוזסטו אַ גאַנצע ווײַלע זיין אַליין, פאַר זיך. אָט האָב איך דיר ליכט געמאַכט אין צימער, שלאָף גוט. כ'וועל אפשר שפּעטער קומען דיר געוואָר ווערן, יאָהאַן, יאָהאַן...

צוגעמאַכט די טיר, האָט יאָהאַן זיך אומגעקוקט. אויפן וואַנט איבער ריכאַרדס בעט הענגט אַ פאָטאָגראַפיש בילד פון ריכאַרדן און העלענען, וואָס שטייען אויפן בילד געאָרעמט — העלענע קוקט פאָרויס און ריכאַרד קוקט צו איר מיט די שמאָלע אויגן, פול פון ווילדער איבערגעגעבנקייט. יאָהאַן האָט אַ קלער געטון, אַז ביי העלענען אין צימער הענגט איצט אַן אַנדער בילד, ווו יאָהאַן און העלענע שטייען געאָרעמט, קוקנדיק איינער צום אַנדערן מיט יענע לאַנגע הייסע בליקן, וואָס דער פאָטאָגראַף האָט גראַדע אויפגעכאַפּט אויפן בילד. ס'קומט אויס, אַז ער, יאָהאַן, האָט אָפּגעשטופּט ריכאַרדן און זיך געשטעלט אויף יענעמס פּלאַץ אַרום העלענען. איצט פאַרנעמט ער אויך יענעמס צימער און וועט אויך באַלד ליגן אין זיין בעט. ס'איז קלאָר, אַז ריכאַרד האָט אויסערגעוויינלעך ליב זיין שוועסטער. צי איז ער נישט אָקאָרשט, אָט דער ווילדער מענטש, אין איר „פאַרליבט"? ס'איז גאָרנישט אויסגעשלאָסן, אַז זיין העסלעכע האַנדלונג יענע נאַכט אויפן וואָקזאַל איז אפשר גאָר אַן אויסדרוק פון בלינדער איפערזיכט צו אַ פרעמדן מאַן, וואָס נעמט צו „זיין" שוועסטער... ס'נעמט אַ שוידער פון אַזוינע געדאַנקען...

יאָהאַן האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט, האָט זיך געוואָרפן אין די קליידער אויפן סאָפע, פאַרלייגט די הענט אונטערן קאָפּ און איז געלעגן אין טונקעלן מיט צוגעמאַכטע אויגן. צוערשט איז דער דרוק אַרום דעם לינקן שלייף געוואָרן שמערצלעכער. נאָר די רו און אפשר אויך דער פריער גענומענער פולווער האָבן אים באַלד געבראַכט אַ געוויסע דערלייכטערונג. ס'האָט אים אויסגעזען מאָדנע, וואָס דאָרט אין זאַל פייערט מען די פאַרלאָבונג אין זיין אָפּוועזנהייט, און ער פּלאָגט זיך דאָ אינעם צימער פון ריכאַרדן, וועלכער איז אין האַס פון אים אַנטלאָפן. שטייט איצט פאַר אים ווי אַ לעבעדיקע די געשטאַלט פון ריכאַרדן, ווי ער האָט אים, יאָהאַנען, יענע נאַכט געפירט שטום אויפן וואָקזאַל. ס'האָט זיך דעמאָלט מיטאַמאָל געעפנט פאַר יאָהאַנען דער גאַנצער אָפּגרונט פון שטומען האַס, דעמאָלט, ווי די גאַנצע צייט שפּעטער, ביז אויף דער איצטיקער מינוט, האָט געפּלאָגט יאָהאַנען נישט אַזוי דער האַס זעלבסט, ווי די טויט־בלינדע שטייפקייט פונעם האַס, זיין פאַרגליווערטע אומבויגזאַמקייט. רי־

כארד האָט אים דעמאָלט זיין מויל נישט געלאָזט עפענען. יעדער קאָנ־טאַקט, יעדע ווירקונג, וועלכער ס'איז איינפלוס אָדער ענדערונג ווערן דאָ מיט אַמאָל אויסגעשלאָסן. דער האס קומט מיט דער שוואַרץ־לײדי־קער פאַרפאַלנקייט פון טויט, ווו דאָס מענטשלעך־בויגעוודיקע, די צאַפּל־דיק־עלאַסטישע נשמהדיקייט, האָבן מער נישט קיין שליטה. האָט יאָהאַן דאָ דערפילט די זעלביקע פאַרגליווערטע לײדיקייט, וואָס ער האָט אין די פריסטע קינדער־יאָרן מיט שרעק דערזען יענעם פאַרטאָג (ביים לעצטן געהיימען באזוך) אינם שטאַרן בליק פון דער שטאַרבנדיקער מוטער, דערנאָכדעם אין דער טויט־אָפּגעשלאָסענער טרומנע, אין די שטומע קראַנצן, אין דער לײדיקער קבר־שטילקייט, אין דער מאַרמאָר־גלאַטער פריידיקט אויפן בית־עולם, און מיט יאָרן שפּעטער אין דעם זעלביקן דאָ־בינערם פריידיגט אויף דער בר־מצוה, אינם „קרומען זעבל" פון דעם מיליטעריש־שטייפן היינריך דעם ערשטן, אין די געביילטע פויסטן און ציין־קריצערישן האס אויף דער יידיש־רוסישער סטודענטן־פאַרזאַמלונג, און דערנאָכדעם...

יאָהאַן האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך געזעצט אויפן סאָפע. ער האָט געמאַכט ליכט און ארויסגענומען פון קעשענע דעם בריוו, אויף וועלכן ער האָט ווידער געקוקט פינסטער ערשטוינט, ווי בשעת ער האָט איבו צוערשט געעפנט. אין קאָנווערט איז נעמלעך געלעגן אַ לײדיק, גאָר לײדיק בייגעלע פּאַפּיר. ער האָט איצט ווידער אומזיסט געדרייט דאָס בייגעלע, ס'איז לײדיק פון אַלע פיר זייטן. אַ נייער שפּיצל פון ריכאַרדן! אַזאַ האס! יעדנפאַלס זעט עס אויס ווי אַן אַנאָנימע האַנט האָט עס אים אריינגעלייגט דורך דער שנעל־פּאָסט (וואָס זאָגט איר בלויז אויף דער „שנעל"־פּאָסט?) אַ פאַרחתמטע לײדיקייט...

צי דורך דעם האַסטיקן אויפזעצן זיך, צי דורך דער אויפרעגונג, איז אים מיט אַמאָל דער דרוק ארום דער לינקער שלייף ווידער זייער שמערצלעך. ער האָט פאַרלאָשן דאָס ליכט און זיך ווידער געלייגט מיט צוגעמאַכטע אויגן. ער האָט איצט געקלערט, אַז ביי ריכאַרדן מיט די שמאָלע טאַטערישע אויגן איז די ליבע צו דער שוועסטער אַזוי בלינד און ווילד, ווי דער האס צו אים. (ס'ווילדעוועט אין אים, ווי אייגנטלעך אין אַלע אַנדערע מענטשן, די בלינדע כּחות מיט זייער לײדיקער פאַר־פאַלנקייט). אָבער ריכאַרד שפּאַנט איין דעם ווילדן האס, ווי אַ ווילד פערד, צום וואָגן פון לינקן סאָציאַליזם. אָט אַזוי פלעגט מען אין מיטל־אַלטער שפּאַנען דאָס ווילדע פערד פון האס אין וואָגן פון רעליגיע, ווי

די קאַרפּאַראַנטן הינט — אין וואָגן פון פּאַטריאָטיזם. אָבער טאָקע ווי אַ ווילד פערד לאָזט זיך דער האַס ווייניק צוימען און פאַרשלעפּט ראַפּ־טעם שיר נישט אַלע חשובע וואָגנס אין תהום פון לײדיקער פּאַרפּאַלנ־קייט. אַזוי אָדער אַנדערש איז דער בריוו מיטן לײדיקן בייגעלע פּאַפּיר, אַ וואָרנונג פאַר אים: ער זאָל נישט לאָזן פון אויג די פאַרגליווערטע לײדיקייט, וואָס ער האָט נאָך אין די פריסטע קינדער־יאָרן אַזוי טראַגיש דערזען און וואָס ער האָט זיך נאָך דעמאָלט פאַרגענומען צו געפינען דעם דערלייזנדיקן „עפּעס". ער טאָר נישט רוען, ער וועט ווידמען אַלע כּחות דער קונסט און דער וויסנשאַפט, וואָס באַלויכטן און באַלעבן, וואָס אַנטדעקן די געזעצן פון דער נאַטור און געבן דעם מענטשן אַלץ מער די צוימענדיקע לייצעס פון אָט די בלינד־צעיושעטע ווילדע כּחות. ער וועט שוין מאָרגן פאָרן אין בערלין צו די נייע זומער־למודים אין אוניווערזיטעט, ער וועט...

ס'האָט אים פּלוצים אַ זעץ געטון אין לינקן שלייף אַ שטאַרקער שמערץ, וואָס האָט מעשה מיגרען אויך פאַרכאַפּט דאָס לינקע אויג. ער האָט זיך איבערגעקערט אויף דער לינקער זייט, האָט צוגעטוליעט די צע־ווייטיקטע שלייף צום ווייך־וואַרעמען קישן, צוגעמאַכט די אויגן און גע־פּרוווט איינשלאָפן. נאָר אין אַ קורצער ווײלע אַרום האָט ער זיך פּלוצים אַ כאַפּ געטון און אויפגעזעצט אויפן סאָפע. ער האָט האַסטיק אַרויסגע־נומען פון דער קעשענע דעם זעלביקן לײדיקן בריוו און אים קרעמפּנדיק געקנייטשט מיט די פינגער. ער האָט איצט קלאָר דערזען, אַז דער בריוו וועט אים נישט לאָזן קומען צו רו, אַז ריכאַרד שטייט צווישן אים און העלענען, און אַז ער, יאָהאַן, וועט זיך קיין אָרט נישט געפינען. ער האָט ווידער געמאַכט ליכט אין צימער. האָט דאָס ליכט געשמערצט די אויגן און נאָך מער צערייצט דעם דריקנדיקן קאָפּ־שמערץ. ס'האָט אים גע־שווינדלט פאַר די אויגן, ס'איז אים שטאַרק נישט גוט געוואָרן. וואָס טוט מען? ער מוז רופן העלענען, נאָר זי וועט קענען אַלץ אויפלויכטן. ווי זאָל ער זי אָבער רופן? נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט וועגן דעם אַ קלער צו טון, האָט זיך דערהערט אַ פאָרזיכטיקער קלאַפּ אין טיר. העלענע איז אים געקומען געוואָר ווערן.

— דו שלאָפסט גאָרנישט, יאָהאַן? וואָס איז מיט דיר — דו ביסט אַזוי בלאַס און צעשויבערט. ביסטו נישט קראַנק? דאָרט פרייען זיך אַלע מיט דער פאַרלאָבונג, און דער חתן אַליין פּלאָגט זיך אַזוי איינזאַם. וואָס איז מיט דיר, יאָהאַן, מיין ליבער יאָהאַן?...

אַ רגע שווייגנדיק האָט ער איר דערלאַנגט דעם צעקנייטשטן בריוו.

— אָט דעם עקספּרעס־בריוו האָב איך היינט פאַרנאַכט באַקומען. וואָס מיינסטו וועגן דעם?

זי האָט אַרויסגענומען פון קאָנווערט דעם בריוו און דערשטוינט דערזען, אַז ער איז פון אַלע זייטן ליידיק. זי האָט געכאַפּט אַ קוק אויף דער האַנט־שריפט פון קאָנווערט (דער אַדרעס איז געווען געדרוקט דורך אַ מאַשינקע, נאָר די לעצטע צוויי בוכשטאַבן זענען געווען דאָרט פאַר־ריכט מיט דער האַנט, וואָס האָט אויסגעזען העלענען שטאַרק באַקאַנט...). העלענע האָט פּלוצים אויפגעקאַכט, די אויגן האָבן זיך ביי איר אָנגעצונדן. זי האָט האַסטיק צעריסן דעם בריוו אויף פּיצלעך, איז גלייך צוגעלאָפן צום בעט, האָט פון דער וואַנט דאָרט אַראָפּגענומען דאָס בילד, ווו זי שטייט מיט ריכאַרדן געאָרעמט, און האָט אויך אָט דאָס בילד צעריסן אויף פּיצלעך.

— אַ סוף מוז נעמען צו דער ווילדקייט. פון די קינדער־יאָרן נאָך האַלט ער מיך פאַר זיין בת־יחידה, זיין ליבשאַפט האָט זיך פּאַמעלעך פאַרוואַנדלט אין אַ העסלעכער משוגעת. דו זאָלסט, יאָהאַן, זיין נאָמען פאַרגעסן, כ'פאַרלאַנג עס פון דיר. האָב קיין מורא נישט. כ'וועל אים אַרויסשלאָגן פון קאָפּ אָט די גאַנצע משוגעת. דו ביסט, יאָהאַן, מיין איינ־ציקער, מיין לעבן, מיין זיסע אומרו... זי האָט אים אַרומגענומען און מיט טיפער צאַרטקייט אים צוגעדריקט צום האַרצן, דערנאָכדעם האָט זי אים באַרויקנד געגלעט דעם שטערן, די צעשויבערטע האָר.

— הער נאָר, יאָהאַן, נעם אָט דעם פּולווער, וואָס די מוטער האָט מיר איצט געגעבן פאַר דיר, זי זאָגט, אַז עס ווירקט וווּנדערלעך קעגן מיגרען. דערנאָכדעם לייג זיך גלייך אין בעט — וועסטו גיך איינשלאָפן. כ'לאָז דיך איצט צורו, אַ גוטע נאַכט. ס'וועט אַלעס זיין גוט, דו וועסט זען..

ווי אַלעמאָל נאָך אַ מעלאַנכאָלישן אָנפאַל, איז ער אויף מאָרגן אויפ־געשטאַנען אין אַ ליכטיקער שטימונג, מיט נייע אָנטשלוסן און נייע האָ־פענונגען. ס'איז אויסגעפאַלן אַ שיינער פרימאָרגן, אַ זוניקער אַפּריל־טאָג האָט מעשה צעשמייכלטער פרילינג אַריינגעקוקט דורך די פענסטער. האָט ער ערשט איצט באַזונדער דערפילט דאָס גליק און די פרייד פון דער פאַר־לאָבונג. ס'האָט אָבער דערצו אויף אים געוואַרט אַ סורפּריז, וואָס האָט זיך גאָר מאָדנע אויסגעלאָזט.

נאָכדעם ווי ער האָט טעלעפאָנירט דעם פאַטער אין האָטעל, האָט ער זיך געזעצט מיט העלענען און אירע עלטערן פרישטיקן אין עס־צימער

אַרום גרויסן טיש, וואָס איז געווען אויף אַ טשעקאַוועס גרויסאַרטיק סערווירט. אין דער לופט איז נאָך געשטאַנען די פייערלעכע פּראַכט פון נעכטיקן אָוונט, וואָס יאָהאַן האָט נעכטן אין זיין אויפרעגונג גאַרנישט באַמערקט און וואָס האָט איצט פאַרכאַפּט דאָס אויג. דורך די אָפענע טירן פון סאַלאָן האָבן אַריינגעקוקט אַהער אין עס־צימער אומציילִיקע בלומען און וואַזעס, פּרעכטיקע וואַזאָנעס, וואָס מ'האָט נעכטן פון אַלע זייטן געשיקט צו דער פאַרלאָבונג. העלענע האָט זיי אַזוי אויסגעשטעלט, דאָס דער סאַלאָן האָט אויסגעזען ווי אַ וואונדער־גאָרטן. וואָס דאָ טוט זיך אָבער אין עס־צימער!

דער צווייגאָרנדיקער בופעט מיט די טשעקאַווע אַלטמאָדישע שניי־צערייען, דער קיינמאָל נישט גענוצטער און דאָך פריש בלישטשענדיקער ניקעלנער סאַמאָוואַר אין ווינקל, אויך דאָס אימפּעטיקע בילד פונם אַלטן גרינשטיין אויף דער וואַנט — האָבן אויסגעזען יום־טובדיק צוגעקליבן. אויפן טיש האָט היים נעאַטעמט די נאָר וואָס פאַרקאַכטע פרישע קאַווע אין דעם ווייסן קאַווע־קענדל מיט באַגילדעטע ראַנדן און גאָלדענע קווייטן אויף די זייטן, אַרומגערינגלט פון קליינע אומשולדיקע ווייסע קאַווע־טע־פּעלעך מיט דיזעלביקע גאָלדענע קווייטן און ראַנדן. (אָט דער קאַווע־סערוויז, דער אַמאָליקער געשאַנק פון יאָהאַנס פאַרשטאָרבענער מוטער צו דער פרוי גרינשטיין, איז שוין געווען גענוג פאַרבונדן מיט די געשעענישן פון יאָהאַנס ערשטן אָנקומען קיין האַמבורג). דאָס וויכטיקסטע אויפן טיש איז אָבער היינט געווען, וואָס די פרישע זעמל מיט פּוטער און פאַר־שידענע מינים קעז, כאָטש זיי שטייען אויבן אָן לעבן קאַווע, האָבן זיי זיך שעמעוודיק פאַרלאָרן צווישן די אָפּגערוקטע פּרעכטיקע געבעקסן, וואָס האָבן איצט, פּונקט ווי נעכטן אָוונט פאַר די געסט, געלאָקט דאָס אויג מיט קאָלירטע פאַרפירערישע זיסקייטן. אַ חוץ דייטשע קאָנדיטאָרייען, צווישן פאַרשידענע קוכנס און טאָרטן, זענען אין רעכטן מיטן געשטאַנען צוויי קיילעכדיקע זילבערנע טעצלעך מיט גאָר טשעקאַווע אוקראַינישע געבעקסן, וואָס פרוי גרינשטיין האָט איבערגענומען פון איר שוויגער. אויף איין טעצל זענען געווען לאַנגע, דינע, גלייך געשניטענע דערבע שטיק־לעך שטרודל; אויף דעם אַנדערן טעצל ליגן אין שורות פּירעקעדיקע שטיקלעך פלאָדן. שוין אויף דעם ערשטן בליק זעט מען, אַז די פלאָדנס זענען נישט קיין פּשוטע זאַכן. פעסט געוויקלטע, דורכגעווירצטע טייג־בלעטער זענען זיי פאַרברוינט, און לאָזן מיט אַ באַהאַלטענער פּיקאַנטער געפילעכץ. ביידע, די שטרודל און די פלאָדנס, זענען זיי ווי דערבע־וואַנ־

דערער פון די ווייטע שטעט אין מזרח־אייראָפּע (ערגעץ פון אוקראַינע), וואָס די איינגעוואָנדערטע אַלטע גרינשטיינס האָבן פון דאָרט אַהער־געבראַכט. זיי האַלטן זיך צוזאַמען אויף די טעצלעך, זיי האָבן עפּעס אייגנס און ווילן זיך מיט די אַנדערע געבעקסן נישט מישן. פון די טעצלעך שרייען זיי אַרויס פאַרעקשנט: ס'איז אייך, גוטע ברידער, נישט די דייטשע ווייך־זיסע קוכנס און טאָרטן, אָט די זיסע זיסקייטן, וואָס מ'טונקט נאָך אין גאַנץ דייטשלאַנד אין זיסער סמעטענע (ווי ווערט עס זיי נישט פּריקרע!). מיר זענען דערב און שאַרף באַטעמט, אונז פּאַבייסט מען דאָרט אין דער היים אויף א שמחה נאָך א שטאַרקן ביסל ווייַן אָדער בראָנפן, גאָר נישט זעלטן צווישן דעם קנאַק פון כלי־זמר און פלאַמענדיקע טענץ. אָבער דאָ ביים פּרישטיק פאַרשטייט שוין קיינער נישט די שטאָלצע שפּראַך פון שטראָדל און פלאָדן.

העלענע ווייזט שמייכלענדיק אויף די געבעקסן.

— זאָלסטו וויסן, יאָהאַן, אַז אָט די אַלע געבעקסן זענען נישט צום עסן אויפן ניכטערן האַרצן. כ'האָב זיי בלויז אויסגעשטעלט ווי א בוקעט פון אַלערליי נאַשערייען. ס'זענען דאָ פאַרגעשטעלט אַלע מינים כבוד פון נעכטן, ווען מיר האָבן געפייערט די פאַרלאָבונג אָן דיר. ווען מיר עס איצט אָקאָרשט פייערן אויף ס'ניי מיט דיר. אַנשטאָט ווייַן וועלן מיר טרינקען שוואַרצע קאַווע און מיר וועלן פאַרבייסן מיט א פּוטער־ברויט. אָט זענען אָנגעגאָסן אַלע קאַווע־טעפּעלעך, לאָמיר זיי הויבן ווי טאָסטן, (אויפהויבנ־דיק איר פולע טעפּעלע, האָט זי אויסגעשריען:) ס'לעבט אונזער ליבער יאָהאַן!...

אַלע האָבן לאַכנדיק געהויבן מעשה־טאָסט די פולע קאַווע־טעפּעלעך. א ליכטיקע פריילעכקייט האָט באַהערשט דעם טיש. דער אַדוואָקאַט זעלבסט האָט געהויבן א „טאָסט" און געהאַלטן א וויציקע רעדע, דערביי האָט ער, דער איינגעבאַקענער ציוניסט, אויסגעדרוקט זיין ווונטש צו זען די קינדער אין פּאַלעסטינע. נאָר אָט האָט יאָהאַן אויפגעהויבן דאָס טעפּעלע און אויס־געשריען:

— עס לעבט ריכאַרד!

ביי אָט דעם אויסרוף זענען די פּנימער מיטאַמאָל ערנסטער געוואָרן (אין איבערפלוס פון גליק האָט יאָהאַן געוואָלט אויסשטרעקן א האַנט דעם אָפּוועזנדיקן פריינד און ווי מיט געוואַלט דורכברעכן די טויבע וואַנט פון האַס). אָבער ריכאַרדס אויפפירונג האָט מער ווי באַאומרויקט די על־

טערן. אַ גאַנצע ווײַלע האָט איצט אַ שטילקייט באַהערשט דעם טיש. נאָר העלענע האָט דרייסט איבערגעריסן די שטילקייט:

— ריכאַרדס נאָמען דאַרף נישט דערמאָנט ווערן, ביז די העסלעכע משוגעת וועט ביי אים נישט אַוועק. כ׳וועל שוין זאָרגן, ער זאָל עס זיך פון קאָפּ אַרויסשלאָגן, איר וועט זען...

ביז אַ געוויסער מאָס איז עס טאַקע העלענען שפּעטער געלונגען צו ווירקן אויף ריכאַרדן, וועלכער איז אָבער אַוועק אויף אַ גאָר אומגעריכטן וועג.

אָנהויב מאַי איז יאָהאַן מיט נייע האָפענונגען געפאָרן אויף די זומער־למודים אין בערלינער אוניווערזיטעט. טאַקע אין יענער צייט איז פאָר־געקומען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט צוזאַמען מיט פריערדיקע פּאַסירונגען אַנטשיידן דעם גורל פון יאָהאַנס נאָענטער צוקונפט.

ער האָט זיך מיט ליב און לעבן אַ ציי געטון צו די לאַקנדיקע האָרי־זאָנטן פון קונסט און וויסנשאַפט, וואָס האָבן אים איצט מער ווי אַלעמאָל צוגעזאָגט אַרויסצופירן אויפן אמתן וועג. נאָך סוף ווינטער האָט ער אוי־בערגעריכן מיטן אַנאַטאָמישן אינסטיטוט (און מיט אַלע דאָרטיקע יידיש־רוסישע פריינט), און איז אַוועק צוריק אויפן פילאָזאָפישן פאַקול־טעט. טאַקע דאָ האָט ער זיך איצט אָנגעשטויסן אויף אַ וווּנדערלעכער דערשיינונג.

ס׳האָט געמלעך צווישן אַנדערע פּראָפעסאָרן דעמאָלט געלייענט לעק־ציעס וועגן קולטור־געשיכטע דער וועלט־באַרימטער פּראָפעסאָר שולצ־היימער. וועגן אים האָבן זיך אַרומגעטראָגן צווישן די סטודענטן פאַר־שידענע וווּנדער־מעשות. אין דער פריסטער יוגנט, דערציילט מען, זענען ביי שולצהיימערן געשטאָרבן די עלטערן (זיי זענען געווען, ווי יאָהאַן האָט זיך שפּעטער דערוווּסט, געטויפטע יידן), און אים איבערגעלאָזט אַ ריזיקן פאַרמעגן, וואָס ער האָט כּמעט אינגאַנצן אָפּגעגעבן אויף רייזע־שטודיעס אין די ווייטע לענדער. ער האָט שיר נישט דאָס גאַנצע לעבן געוואַנדערט איבער פאַרשידענע טיילן פון דער וועלט. דאָס אומדערמידלעכע שטודירן און די משונהדיקע פעיקייטן האָבן פון אים געמאַכט אַ ווירטואָז, אַ באַ־רימטקייט. פאַכמענישע געלערנטע זענען געווען איינשטימיק, אַז ער איז דער גרעסטער קענער אין דער וועלט אויף דעם געביט פון קולטור־גע־שיכטע. קיינער ווייסט נישט אַזוי משונה פיל און אַזוי געוואַלדיק טיף די פריע קולטורן פון פעלקער און שבטים. זיינע ווערק האָבן געמאַכט אַן איבערקערעניש אַט אויף דעם וויסנשאַפטס־געביט. נאָך היינט פאָרט ער

יעדן זומער אין די ווייטע לענדער צו פּרימיטיווע פעלקער, ווילדע שבטים. מיט יעדן שבט, זאָגט מען, רעדט ער אויף דער פּרימיטיווער שפּראַך פונם שבט און לעבט זיך איין אין יענעמס ווילדע זיטן. פלעגט מען דערציילן מאָדנע גוזמאות, אַז ער קען אומציילינקע שפּראַכן און דיאַלעקטן, ווייסט שיר נישט אַלע שבטים פון דער וועלט און איז אויסגעבונדן מיט די סאַמע געהיימע סעקטן אין אינדיע, מיט פאַרשידענע וואַנדער־שבטים אין פאַרוואָרפענע מדבריות.

יאָהאַן איז מיט גרויס נייגיר געגאַנגען אויף דער ערשטער לעקציע פון שולצהיימערס קורס. מחמת דעם גרויסן אַנדראַנג פון צוהערער, פלעגט דער פּראָפעסאָר לייענען אין אַ זייער גרויסער אוידיטאָריע. באַזונדערס איז גרויס דער עולם אויף דער ערשטער לעקציע (פונם קורס), וואָס איז ביי אים תמיד אַ מין פרייער אַריינפיר, אַ לעבעדיקער אינטימער שמועס, פול מיט איבערראַשנדיקע איינפאַלן און זייער געוואַגטע אויספירונגען.

אייניקע מינוטן פאַר דער לעקציע איז שוין דער גרויסער זאַל געווען היינט געפּאַקט, אַלע דורכגאַנגען צווישן די בענק זענען געווען פול, סטודענטן זענען געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ (ס'זענען געקומען סטודענטן פון פאַרשידענע פאַקולטעטן, אויך פיל נישט־סטודענטן). מ'האָט געמוזט אָפּשליסן די טירן פאַר דעם נייעם צופלוס פון כסדר אָנקומענדיקע הערער. די פול־געפּאַקטע אוידיטאָריע האָט געזשומעט ווי אַ בינשטאָק, אין דער לופט איז געשטאַנען די שפּאַנונג פון נייגיריקע, וואָס וואַרטן און ריכטן זיך אויף עפּעס זייער אינטערעסאַנטעס. פּלוצים איז אַלעס פאַרשטומט געוואָרן. פון אַ זייטן־טיר איז פלינק אַרויפגעשפּרונגען אויף דער טריבונע אַ קורצווואוקסיקער דאַרער מאַן פון מיטעלע יאָרן מיט געל־ברוינע איינגעפאַלענע באַקן און אַ קורצן געדיכטן שוואַרצן בערדל. בשעת ער רעדט באַוועגט ער זיך כסדר, און די שוואַרץ בלישטשענדיקע אויגן קוקן ערגעץ אין דער לופט איבער אַלעמענס קעפּ. אויפן לינקן שלייף איז ביי אים אַ טיפער גאַרב (מ'זאָגט, אַז דאָס איז אַן איבערגעבליבענער צייכן פון אַ מעסער־שניט, וואָס ער האָט ערגעץ געכאַפּט אין אינדיע ביי אַ ווילדן שבט). באַזונדערס אויפפאַלנדיק זענען אָבער זיינע געדיכטע שוואַרצע ברעמען, וואָס יעדע פון זיי באַוועגט זיך אַליין, פאַר זיך, ווי אַ לעבעדיקע בריאה מיט איינענעם אויסדרוק. ס'האָט אויסגעזען אָפט אומהיימלעך, ווי ער הויבט דאָס אָט די רעכטע, אָט די לינקע ברעם.

ווי אַלעמאָל ביים אָנהויב פון קורס איז אויך היינט די לעקציע געווען

א פרייער אריינפיר, מער שמועס ווי לעקציע, פול מיט ט׳שעקאוו׳ע איינפאלן. ביי זיין גרויסן אויטאריטעט און בארימטקייט זענען זיינע געדאנקען און מאנערן אזוי אויסטערליש, דאס מ׳הערט אוים גוטמוטיג פארווונדערט זיינע געוואגטע, אפטמאל זייער ביסנדיקע אויספירן וועגן די סטודענטן גויא. אט די אריינפירנדיקע שמועס־לעקציע האט געהאט א געוואלדיקע ווירקונג אויף די ווייטערדיקע פאסירונגען מיט יאהאנען.

שוין די ערשטע רייד האבן איבערראשט דורך זייער מאדנער איינפאכקייט. (די כלומרשט צו איינפאכע רייד ווערן אבער אפט איבערגעריסן דורך טיף וויסנשאפטלעכע עקסקורסיעס). ער האט אנגעהויבן דערפון, אז די גאנצע ערד איז גארנישט אזוי גרויס ווי די חשובע איינגעזעסענע בירגער מיינען, און די פעלקער אויף דער ערד זענען גארנישט אזוי פארשידן, ווי זיי מאכן דעם אנשטעל דורך זייערע קריגערייען. פאר איינגעזעסענע בירגער פון איין לאנד זעען אויס אנדערע לענדער און פעלקער אומהיימלעך פרעמד, ווי דער פראווינציאל פארליבט זיך אין דער גרויס־שטאט פון זיין אייגן לאנד אדער דער דארפס־מאן אין דער נאענטער שטאט. פאר דעם קינד אונטער דער מאמעס פארטוך זעט אוים די גאנצע וועלט פון יענער זייט פארטוך אומהיימלעך פרעמד. דאס איז א פראווינציעלער וועלט־באנעם, א ווינקל־פילאזאפיע, וואס ווירקט א היפש ביסל ביי די קריגערייען־אנטאגאניזמען צווישן דארף און שטאט, פראווינץ און צענטער, צווישן לענדער און פעלקער. מאכט מען אבער אין די פריסטע לעבנס־יארן וועלט־רייזעס, דערפילט מען גלייך, אז די גאנצע ערד איז איין היימיש לאנד און דערביי גארנישט אזא גרויס לאנד. דאס איז דער אוניווערסאלער וועלט־באנעם, וואס פארטרייבט די שטיקנדיקע לופט אונטער דער מאמעס פארטוך. דער גאנצער אומגליק פון דער מענטשלעכער געשיכטע איז, וואס ס׳וואקסן דורות לויטער פראווינציאלן, ,,איינגעווארצלטע'' בירגער מיט פיצינקע ווינקל־השגות. נישט נאר פעלקער און קלאסן, נאר יעדע גרופקע מענטשן פון איין ווינקל, קאן זיך שוין נישט פארטראגן מיט די פון אן אנדער ווינקל. וויסטע פראווינציאלן! די סאמע מאדערנע דערציונג וועט בלייבן קורצזיכטיק פראווינציעל (קליינשטעטלדיק), אזוי לאנג ווי די מלוכה וועט נישט אריינפירן קיין וואנדער־פעדאגאגיק, ד. ה. אזא דערציונג, וואס ארגאניזירט פאר יונגע לייט ווייניקסטנס א 2־3־יעריקע וועלט־רייזע, כדי צו רייניקן באצייטנס די שטיקנדיקע האס־אטמאספערע פון די פאר־זיך־בירגער מיט זייערע ווינקל־השגות, דורך א פרייערן אוניווערסאלן וועלט־באנעם. די סטודענטישע אומרועז, וואס זענען פארגעקומען נישט

לאַנג אין אונזער בערלינער אוניווערזיטעט קענען די אויסלענדישע קאָלעגן באַוויזן, אויף וויפיל די סטודענטן, די כלומרשט געבילדעטע אינטעליגענטן, זענען נעבעך וויסטע פּראָווינציאַלן, באַהערשט פון קליינינקע אַלט־מאָדישע דאָרף־באַגריפן... ווען די מלוכה וואָלט פּראָקלאַמירן פאַר אַלע בירגער אַ וואַנדער־פּעדאַגאָגיק, וואָלטן די מייסטע סטודענטן און פּראָפעסאָרן, די פּאָליטיקער און די פּרעסע־לייט, געדאַרפט אָנקומען אין ערשטן קלאַס פון אַזאַ וואַנדער־שולע, כּדי צוזאַמען מיט אַלע קליינע קינדער אויסלערנען דעם אלף־בית פון אַן אָנשטענדיקן אוניווערסאַלן וועלט־באַנעם. דעמאָלט וואָלטן אונזערע אַזוי גערופענע „פּאָליטישע קאַמפן" געוועזן וויניקער ענלעך צו די רייסערייען און פּליאַטקעס פון פאַרקראָכענע, פאַרגענעצטע פּראָווינציאַלן... (כּמעט יעדעס מאָל ביים אַרויסזאָגן דאָס וואָרט „פּראָווינציאַל" טוט זיך ביים פּראָפעסאָר אַ הויב די רעכטע ברעם אין דער הויך און קרימט זיך מיט פאַראַכטונג אָן אַ זייט, דערביי בלישטשעט ער מיט אָפענע אויגן איבער אַלעמענס קעפּ, קיינעם נישט זעענדיק).

דער פּראָפעסאָר איז צוגעשפּרונגען צו דער משונה־גרויסער געאָגראָפישער וואַנד־קאַרטע און מיטן שפּיץ פון אַ לאַנגן שטאָק האָט ער באַוויזן פאַרשידענע ערטער אויף ימים און בערג, טייכן און מדבריות, לענדער און ערד־טיילן, וואָס זענען אויס אַזוי פאַרשידן און דאָך זענען זיי ענג פאַרבונדן דורך דעם זעלבן אַנטוויקלונגס־געזעץ. דערקלערנדיק טיף און דייטלעך אַט דעם אַנטוויקלונגס־געזעץ, איז ער אומהיימלעך שווער געשפּרונגען מיט דעם שטאָק איבער דער קאַרטע פון דער וועלט. אַט איז ער אויף די העכסטע בערג אין אינדיע, אַט ערגעץ אין אַ טאָל ביי ווילדע שבטים, אַט אין אַ פאַרוואָרפענעם אינזל אויפן אַטלאַנטישן אָקעאַן. ער האָט זיך באַלד פאַרטיפט אין די פּראָבלעמען און פּערספּעקטיוון פון דער מאָדערנער געאָגראַפיע, וואָס ער האָט אָבער לעבעדיק דערקלערט מיט דעם באַוועגלעכן שטאָק אויף דער וואַנט־קאַרטע, אויף דעם בלויען גלאָבוס. ס'האָט דערביי אויסגעזען, ווי יעדעס ווינקעלע אויף דער ערד איז אים אַזוי נאָענט באַקאַנט, דאָס די גאַנצע ערד האָט זיך אים שוין איינגעגעסן. כּאַטש גיב אים נאָך עטלעכע פּלאַנעטעס אויף נייע רייזע־שטודיעס. עטלעכע מאָל האָט ער אין דער לעקציע אָנגערופן די ערד מיט אַ פאַרקלענערונג־נאָמען „דאָס ערד־קוגעלכען". און אַט האָט ער אָנגעהויבן רעדן וועגן פּרימיטיווע פעלקער, וואָס וווינען אין סאַמע פאַרשידענע עקן וועלט און דאָך האָבן זיי אַן ענלעכע אַנטוויקלונג פון שפּראַך, גלויבן און זיטן. אַט דעם פאַקט ווייסט

מען שוין לאַנג, אָבער זייער ווייניקע מאַכן דערפון די ווּיכטיקע אויספירונגען...

שולצהיימער האָט ראַפּטעם אַ הויב געטון די רעכטע ברעם, וואָס האָט זיך בויגעוודיק צונויפגעצויגן און ווי געסטראַשעט עמיצן אין דער לופט.

— אָט דעם איינפאַכן פאַקט וועגן דער ענלעכקייט פון אַנטוויקלונג־שטופן ביי פאַרשידענע פעלקער האָט מען ביז איצט פאַרשטאַנען אַזוי אויבערפלעכלעך און דילעטאַנטיש, דאָס מאַנכע חשובע מענטשעלעך שאַפן זיך מיינונגען, אַז „זייער" שטאַם אָדער ראַסע איז די העכסטע. טאַקע גאָר חשובע מענטשעלעך! געפינען זיך אויך וויסנשאַפטלער אַזוינע, וואָס אונטערשטיצן אָט די פּראָווינציעלע הענער מיט קאָנקרעטע ראַסן־טעאָריעס. עס איז געוואָרן צו דערמאָנען, דאָס אין יעדער פון אָט די ראַסן־טעאָריעס באַווייזט דער נעמלעכער פאַרשער, ווי הויך און העכער ס'איז די ראַסע פון אָט דעם... פאַרשער. ס'קומט אויס, דאָס די דאָזיקע וויסנשאַפטלער זעלבסט זענען חשובע מענטשעלעך פון דער סאַמע העכסטער ראַסע. אָט די שמאָנצעס דרוקט מען שוואַרץ אויף ווייס! ווען מילבן בויען זייערס אַ מלוכה ערגעץ אין אַ שפּאַלט אין דער ערד, ווערן זיי פּאַמעלעך איבער־צייגט, דאָס זיי זענען פון אַ העכערער אָפּשטאַמונג ווי די אַנדערע מילבן־מלוכות אין פאַרשידענע שפּאַלטן, וואָס מאַנכע שפּאַלטן ליגן (לויט די מילבישע באַגריפן) „אומענדלעך" ווייט, אַזש פיל מער פון אַ שפּאַן די ווייט. נאָר אַ וואַנדער־פּעדאַגאָגיק וואָלט אפשר געקענט אויסרויבערן די פאַרשימלטע מילבן־פילאָזאָפיע פון די ענג־געוואָרענע קעפּ. דער ריינער פאַקט איז אָבער, מיינע דאַמען און הערן, וואָס...

ביים פּראָפעסאָר האָט זיך די רעכטע ברעם אַראָפּגעלאָזן. איצט זענען ביידע ברעמען געבליבן אומבאַוועגלעך פאַרטראַכט. שטייענדיק מיט דעם שטאָק אין דער רעכטער האַנט, האָט ער איצט געלאָזן דערקלערט מיט פאַר־כאַפּנדיקער טיפקייט דעם געמיינזאַמען גייסט פון פאַרשידענע פעלקער וואָס, ווי פאַרשידענע פאַרבן אינם ספּעקטאָר, בילדן זיי צוזאַמען דאָס איינציק אומגעטיילטע ליכט. און אָט האָט ער אַ שאָט געטון מיט פאַר־גלייכנדיקע ביישפּילן פון שפּראַכן, לעגענדן און זיטן אין פאַרשידענע עקן וועלט, ער האָט דערביי קונציק און באַשיינפּערלעך באַוויזן זייער געמיינ־זאַמען גייסט. יעדע שפּראַך האָט ער אַרויסגערעדט מיט איר אייגענעם דיאַלעקט. אייניקע ביישפּילן פון פּרימיטיווע שפּראַכן האָט ער באַגלייט מיט זייערע העוויות און באַוועגונגען. ס'האָט איבעראַשט נישט נאָר דאָס געוואַלטיקע וויסן און דער וווּנדערלעכער זכרון, וואָס האָבן ווי געהאַלטן

פאַר די אויגן פון דער אווידאַטאַריע אַלערליי לענדער מיט זייערע אומצאָ־ליקע ווינקעלעך. נאָר דערהויפּט האָט פאַרכאַפּט דער גאָונישער בליק, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דאָס קלענסטע און גלייכצייטיק געזען דאָס געַ־מיינזאַמע, דאָס איינציקע אומגעטיילטע ליכט פון דער מענטשהייט...

אָט די לעקציע האָט געהאָט, ווי עס האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזן, אומגעריכטע ווירקונגען.

יאָהאַן האָט מיט אימפּעט אָנגעהויבן אַרבעטן ביי שולצהיימערן. ער האָט געהערט לעקציעס אויך ביי אַנדערע פּראָפעסאָרן אין פאַרשידענע געגנשטאַנדן. דעם גאַנצן זומער האָט ער זיך געלאָזט פאַרכאַפּן פון די למודים אין אוניווערזיטעט. אין דערהיים פלעגט ער די פרייע צייט ווידמען דער מאַלעריי, ער האָט איצט געמאָלט אַ ניי בילד. מיט יעדן טאָג האָט ער געמאַכט נייעם פאָרשריט אין זיינע פאַרשידענע אַרבעטן, ער האָט געהאַט דאָס פרייִדיקע געפיל פון וואַקסן. נאָר אין די זומערדיקע פאַר־נאַכטן פלעגט ער פילן גרוים בענקשאַפט. דער צעבליטער גאָרטן, די קווי־קנדיקע מאַי־לופט האָבן געצויגן אין דרויסן. דעמאָלט פלעגן אויפקומען בילדער פון פינטשוקן, היינריך דעם ערשטן, פון זיין ידישער גאָז און זיין איצטיקער איינזאַמקייט אין פאַטערס פּאַלאַץ. דער פּלאָנטער פון אַרומיקע ליידן און קאַמפן פלעגט מיט אַמאָל אויפרייסן די זיכערקייט פון זיין אָפּ־געשלאָסענער אַרבעט. דער וועג פון קונסט און וויסנשאַפט איז טאַקע גאָר אַ צוזאָגנדיקער אָבער אַ וויטער און לאַנגזאַמער. וואָס טוט מען אָקאָרשט דערווייל? זיין בליענדיקע יוגנט האָט געבענקט נאָך ליבע און לעבן (זיינע בריוו צו העלענען זענען אָנגעזאַפּט מיט גליענדיקער בענקשאַפט). דער־הויפּט אָבער האָט זיין פאַרשמאַכטע אָנגעווייטיקטע נשמה פאַרלאַנגט ער־שיטערונג און אויפשוווּנג.

אין יענער צייט איז פאָרגעקומען אַ ביז גאָר דראַמאַטישע פּאַסירונג, וואָס האָט אויפגעבראַכט נישט נאָר יאָהאַנען, נאָר אויך זיין פאָטער און אָנקל. דער העלד פון דער פּאַסירונג איז געווען פריץ, יאָהאַנס שוועסטער־קינד.

די מעשה איז געווען אַזוי:

פריץ, דער אַסימילירטער סטודענטישער לעבּ־יונג, האָט די לעצטע צייט פאַרנומען אַ גרוים אָרט אין דער סטודענטישער קאָרפּאָראַציע, ווו ער האָט קונה שם געווען מיט זיינע אויסערגעוויינלעכע ספּאָרטלעכע פע־איקייטן. ער האָט אפילו איבערגעשטיגן היינריך דעם ערשטן סיי אין

פּעכטן, סיי אין באָקסן, סיי אין ביר־טרינקען (ער קאָן טרינקען מער פון אַלעמען, נישט פאַרלירנדיק דאָס גלייכגעוויכט), סיי אַפילו אין מאַניערן. אַ בלאָנדער יינג מיט אייזערנע פּלייצעס, פּלעגט ער אימפּאָנירן מיט זיין גבורה, ווי אויך מיט זיין ווירדיקער רו. קומט, למשל, אָן אין קאַרפּאַ־ראַציע אַ נייער מיטגליד (אָדער אַזוי אַ גאַסט אַ קאָרפּאַראַנט) און גיט זיך אָן פּאַר אַ גרויסן ספּאָרטלער, פירט מען אים אויף אַ פּראָבע נישט צו היינריך דעם ערשטן, נאָר צו פריצן. ווען פריץ נעמט זיך באָקסן מיט דעם חברה־מאַן, שאַצט מען בלויז אָפּ די צייט, וויפיל ס'דאַרף נעמען, אַז פריץ זאָל יענעם אָקאָרשט אַנידערלייגן. ס'האָט נישט ווייניקער אימפּאָ־נירט, וואָס ביי די אייזערנע פּלייצעס האָט פריץ צאַרטע בלויע אויגן און אַ רואיק ליבן שמייכל. סאַראַ רו אָט דער מענטש האָט! אָפּט ענטפּערט ער אויף אַ שאַרף וואָרט שווייגנדיק, מיט אַזאַ רויקן שמייכל, אַז מ'ווייסט נישט, צי איז עס פאַראַכטונג אָדער גאָר גוטמוטיקע איגנאָרירונג פון אַ צו שטאַרקן מענטשן. היינריך דער ערשטער זעלבסט האָט פון אים גאָר שטאַרק געהאַלטן. (ס'האָט אויך מיטגעווירקט, וואָס טראָץ אַלע מעלות האָט פריץ זיך נישט געיאָגט נאָך כבוד, האָט מיט גרויס טאַקט אויסגעמיטן דעם אָפיציעלן אויבן־אָן און האָט זייער געאַכטעט די אָנערקענטע פירערשאַפט פון היינריכן). איינמאָל ביי אַ גלאָז ביר האָט אים היינריך דער ערשטער אַרומגענומען און אים געזאָגט: „דו האָסט, פריץ, איבערוואונדן דיין אייגע־נע ראַסע". אָט די ווערטער האָבן זיך באַלד פאַרשפּרייט צווישן די קאָרפּאַ־ראַנטן, וואָס האָבן עס פּה אחד אָנגענומען. ס'קומט אויס, אַז פריץ האָט מיט זיינע גרויסע מעלות מנצח געווען זיין יידיש בלוט, האָט אויסגעראָטן אין זיך אַלע יידישע שוואַכקייטן. וואָס קאָן שוין זיין נאָך? פּאַסירט אָבער אַזאַ מעשה.

כאָטש היינריך און פריץ זענען ביז גאָר באַפריינדעט (זיי זענען שוין זייט אַ צייט „דו"־פריינד), האָבן זיי די לעצטע צייט אָנגעהויבן באַזוכן איינער דעם צווייטן. היינריך וווינט מיט זיינע עלטערן אין אַ פּרעכטיקער ווילע אין וואַנזעע, וואָס איז אַן אַריסטאָקראַטישער פּאָראָרט פון בערלין. היינריך פאַרנעמט דאָרט פאַר זיך צוויי גרויסע צימערן, וווּ ער נעמט אויף זיינע אייגענע געסט. איינמאָל נאָכמיטאָג, אין אַ זוניקן מאַי־טאָג, ווען פריץ איז געזעסן ביי היינריכן, האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. ס'איז אַריינגעקומען היינריכס שוועסטער, אַ הויך, אַ שלאַנק מיידל. זי האָט גע־וואָלט עפּעס פרעגן דעם ברודער. דערזען אָבער דעם פרעמדן גאַסט, איז זי אַ ווײַלע געבליבן שטיין שווייגנדיק אויפן שוועל. היינריך האָט איר

פאַרגעשטעלט דעם גאַסט, וועלכער איז אויפגעשטאַנען און זיך עלעגאַנט א נויג געטון.

— דאָס זענט איר דער אַזוי באַרימטער פריץ קעטנער?

פריץ האָט שווייגנדיק אָפּגעענטפערט דורך אַ לייכטן נויג מיטן קאָפּ און אַ ווירדיקן שמייכל. נאָר פּלוצים זענען ביי אים די ליפּן בלאַס געוואָרן. ער האָט ווי מיט אַמאָל דערזען איר אויסערגעוועגלעך געזיכט. אונטער ווייכע טונקעלע האָר, אויפן לענגלעך־שמאָלן מאַט־ווייסן פּנים האָבן אומהיימלעך קינדיש געלויכטן טונקל גרינע אויגן. ס'האָט פריצן דערמאָנט די ענטציקט גיואַנסירטע גרינקייט פון אַ פיין־געשליפענעם מאַלאַכיט־שטיין, וואָס פלעגט אים תמיד פאַרכאַפּן מער ווי וועלכער ס'איז אַנדערער עדעל־שטיין. זי האָט זיך געזעצט אויפן סאָפע לעבן היינריכן, האָט אים עפּעס פערזענלעכס געפרעגט, דערנאָכדעם האָט זי זיך ווידער געווענדעט צו פריצן. זי האָט אים איצט געקוקט גלייך אין די אויגן אריין מיט אַ שטיפערישן שמייכל. דורך אָט דעם שמייכל באַקומען אירע גרינע מאַלאַכיט־אויגן אַ נייעם, עפּעס גאָר איבעראַשנדיקן ניואַנס. אַ רגע האָט זיך פריץ פאַרלוירן. באַלד אָבער האָט אים באַהערשט אַ פאַרפלייצנדיקע פריידיקע שטילקייט, וואָס האָט קוים אַרויסגעשמייכלט אויף זיין פּנים. ער האָט רויק באַגעגנט איר איבעראַשנדיקן בליק.

— איר זעט גאָרנישט אויס ווי אַ ספּאָרטסמאַן, שוין גיכער ווי אַ מוזיקער...

היינריך האָט פאַר אים וויציק אָפּגעענטפערט.

— דאָס איז טאַקע דער סוד פון זיין ערפאָלג ביים באָקסן. קוקנדיק אויף אים, מיינט דער פּאַרטנער, אַז ער איז אַ צאַרטער מוזיקער, אַזוי אַרום ווערט דער פּאַרטנער באַלד צעטומלט דורך אומגעריכטע שטאַרקע קלעפּ, כע־כע־כע...

— דעם אמת גערעדט, האָט פריץ זיך אָנגערופן, האָב איך דאָס וועזן פון ספּאָרט געלערנט אין די קינדער יאָרן ביי מיין מוזיק־לערער. ווען איך האָב זיך אָנגעהויבן לערנען שפּילן אויפן פידל, פלעגט דער לערער בסדר מיר אַריינטענען, אַז מיט קראַפט נעמט מען נישט דעם פידל, נאָר וואָס ווייניקער אָנגעשטרענגט, וואָס לייכטער די האַנט — אַלץ פלינקער און טרעפלעכער די באַוועגונג. גראַדע ביים ספּאָרט איז וויכטיק נישט די פיזישע קראַפט, נאָר די רויקע פלינקייט, די שפּילערישע לייכטקייט, וואָס איך האָב עטוואָס איבערגענומען דעמאָלס ביי מוזיק־לערער...

— כ'בין נייגעריק צו זען ווי איר טאַנצט. נעמט איר אויך דעם טאַנץ

מיט רויקער פֿלינקייט? הער נאָר, היינריך, ברענג הערן קעטנער אויפֿן פּרילינג־באַל קומענדיקן זונטאָג — וועלן מיר אים אָקאָרשט עקזאַמינירן. איצט מוז איך לויפֿן, אויף ווידערזען, הער קעטנער!

ווי נאָר זי איז אַרויסגעגאַנגען האָבן זיי גלייך אָנגעהויבן רעדן וועגן זייערע קאָרפּאָראַציע זאַכן. פּריץ האָט מיט קיין איין וואָרט וועגן איר נישט דערמאָנט, אויך נישט וועגן דעם קומענדיקן באַל, ס׳האָט זיך אים געדוכט, אַז אים אַרט לחלוטין נישט, אויב ער וועט זי מער קיינמאָל נישט זען. נאָכ־מער, ווען ער איז אַרויס פֿון היינריכן און געפֿאָרן אהיים, האָט ער זיך מער נישט געקאָנט דערמאָנען איר געשטאַלט, וואָס ער האָט איצט געזען, ווי דורך אַ נעפּל. נאָר טיף אינעווייניק האָבן אין אים כוואַליעדיק גע־שמייכלט גאַנץ אומגענוי, גאַנץ אומקלאָר, אַנטציקנדיק גרינע מאַלאַכיט־ניואַנסן, וואָס האָבן פֿון אינעווייניק אַרויס פֿאַרפֿלייצט מיט באַהאַלטן שטילער פֿרייד. טאַקע גאָר ווי אַ ליכטיקע חלום־זעונג, וואָס מ׳געדענקט נישט אויף מאָרגן, נאָר ערגעץ ווו אינעווייניק ווייסט מען און מען פֿרייט זיך אין באַהאַלטן ציטעריקער שטילקייט. האָט ער ערשטווינט דערפֿילט, אַז אין אים ערגעץ האָט זיך געעפֿנט אַ באַהאַלטענער קוואַל, וואָס נעמט זיך נישט אויס און גראָבט מיט יעדער רגע אַלץ טיפֿער.

פּריץ האָט קיינמאָל נישט ליב צו גריבלען. ער האָט נישט געבענקט נאָך טרוימערישער ליבע, איידער זי איז געקומען. איז זי אָבער איינמאָל געקומען, ווי אַן אומגעריכטע חלום־זעונג, האָט זי אים מיטאַמאָל ווי אַ הייסע כוואַליע פֿון אינעווייניק פֿאַרפֿלייצט — שטעלט ער זיך נישט אַנט־קעגן. דערויף איז ער אַ בלוטיקער ספּאָרט־מאַן, וואָס שרעקט זיך נישט אָפּ פֿאַר געפֿאַרן. פֿאַרקערט, וואָס געפֿערלעכער די שפּיל, וואָס מער ס׳פֿאַר־כאַפּט דעם אָטעם, אַלץ גרעסער די שפּילערישע נייגיר, אַלץ פֿאַרביסענער די רויק־פֿלינקע אויסגעהאַלטנקייט, מיט וועלכער מען פֿאַרמעסט זיך אָקאָרשט קעגן דער געפֿאַר. אָט אַזוי האָט ער איצט מיט דער זעלביקער פֿאַרביסענער אויסגעהאַלטנקייט געלאָזט אויף זיך קומען דעם זיסן שווידער פֿון נייע אומבאַקאַנטע איבערלעבונגען, וואָס כאַטש זיי פֿאַרכאַפּן אים אַדורך, פֿאַרלירט ער דאָך נישט דאָס גלייכגעוויכט. נישט — און גאָר!

ווי מאָדנע אָבער עס שפּילט זיך אין אים אַלעס אָפּ.

צווישן מענטשן, אויף דער וואָך, בשעת דער אַרבעט, איז ער ווי תמיד פֿול מיט לעבן און ברויזנדיקער ענערגיע, גלייך ווי גאַרנישט געשען. נאָר ווען ער בלייבט אַליין, ווען ער ליגט זיך ביינאַכט אויפֿן בעט, ווערט ער גלייך פֿאַרכאַפּט פֿון „יענער" פֿאַרפֿלייצנדער שטילער פֿרייד. גאַנצע נעכט

ליגט ער מיט אָפֿענע אויגן ווי פֿאַסצינירט. אַ מאָדנע זאַך! נישט נאָר ער האָט נישט קיין באַגער, קיין בענקשאַפֿט, נאָר, פֿאַרקערט, ר'איז איבערפֿולט, טאַקע פֿאַרפֿלייצט פֿון שטילער פֿרייד. דער באַהאַלטענער קוואַל שפּרודלט מיט שטורמישער שטילקייט, פֿאַרדרייט און פֿאַרצויבערט אין אַ שטיל גליענדיקן וויכער. אויף מאָרגן שטייט ער אויף פֿריש, מונטער און דער־הויבן, נישט ווייסנדיק ווען און ווי אַזוי איז ער דאָס איינגעשלאָפֿן. דער שלאָף איז אַזוי ליכט און שוועבנדיק, אַז צייטנווייז צווייפֿלט ער, צי איז ער בכלל געשלאָפֿן.

זונטאָג האָט זיך פֿריץ געגרייט צום באַל. ווי אַלעמאָל טוט ער זיך אָן מיט עלעגאַנטער איינפֿאַכקייט. דער סמאָקינג ליגט אויף אים ווי אויסגע־גאָסן, און דאָס שניי־ווייסע העמד שטייפֿט זיך אַזוי גלאַט אויף דער ברוסט. ער ווייסט דעם סוד פֿון גראַציעזע קלייניקייטן, צוליב וועלכע ער איז אַפֿילו גרייט אויף אַן אָפּוואַיכונג פֿון דער מאָדע. אין דער אויבערשטער לינקער זייטן־קעשענע פֿאַרנט אויפֿן רעקל, ליגט ער, למשל אויף אַ טשעקאַ־וועס, אַ פֿאַרביק געשטיקט טיכעלע, כאָטש לויט דער מאָדע מוז דאָס טי־כעלע בפֿירוש זיין אַ ווייס. דער עיקר איז דאָ, וואָס אין דעם איינטאָניקן שוואַרצן סמאָקינג מיט דעם טויט־ווייסן העמד און קראַגן, אין אָט דעם טויטן שוואַרץ־און ־ ווייס, דאַרף דאָס פֿאַרביקע טיכעלע אַרויסקוקן פֿון דער זייט, ווי אַ באַלעבנדיקער קאַפּריז, ווי שטיפֿעריש שפּילעוודיקער רייץ. די צוגעקליבענע פֿאַרבן פֿונם טיכעלע און דער אופֿן ווי ס'קוקט אַרויס פֿון דער קעשענע זענען ביי אים אויף יעדן באַל אַנדערש (לויט דער שטימונג). היינטיקס מאָל האָט ער נאָך לאַנגן ישוב־הדעת זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ העל־בלוי זיידן טיכעלע, וואָס איז טיף באַהאַלטן אין קעשענע און קוקט אַרויס אומזיכער, קוים־קוים, מיט בלוילעך פֿאַרטרוימטע פֿאַלדן. ער האָט אַ לאַנגע ווײַלע געקוקט אין שפּיגל, ער האָט נעמלעך געצווייפֿלט צי איז עס נישט צו סענטימענטאַל. דאָך איז ער דערביי געבליבן. דאָס האָט זיך שפּע־טער אַרויסגעוויזן פֿון געוויסער באַדייטונג.

ער האָט אָפּגערעדט מיט היינריכן צו טרעפֿן זיך צען אַ זייגער אָוונט אויפֿן באַל, ווען יענער וועט קומען אַהין מיט דער שוועסטער און זיינע אַ קוזינע פֿון ערגעץ אַ באַזוך. היינריך האָט אים קיינמאָל נישט איינגעלאַדן אין זיין פֿאַמיליע, האָט אָפּנים אויך איצט אויסגעמיטן, אַז פֿריץ זאָל נישט קומען נאָך דער שוועסטער אין הויז.

היינריכס פֿאָטער, הער פֿאָן־לינעמאַן, איז אַ געוועזענער גענעראַל, איצט אַ הויכער בעאַמטער אין אויסערן־מיניסטעריום. ער שטאַמט פֿון

הויכן אדל, האָט באַקומען פון זײַנע עלטערן אַ ריזיק פאַרמעגן, וואָס ער האָט אָבער די לעצטע יאָרן פאַרלוירן, ער האָט אַפילו געמוזט פאַרקויפן זײַן גוט, האָט געהאַט אויף זיך געוויסע שולדן, וואָס האָט אים געדראָט מיט באַנקראָט. פאָריק יאָר, האָט ער לויט דעם אויפטראַג פון מיניסטעריום גע־פירט אומאָפיציעלע דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען וועגן אַן אינטער־נאַציאָנאַלער הלוואה מיט פאַרשידענע בענק, ספּעציעל מיט דעם גרויסן באַנקיר־הויז פון די קעטנערס. אָנקניפּנדיק פּריינטלעכע באַציונגען מיט די דאָזיקע הויכשטייענדיקע באַנקירן, האָט ער שפּעטער באַקומען פּריוואַט אַ לאַנג־טערמיניקע הלוואה, וואָס האָט אים ענדלעך באַפרייט פון זײַנע דרינגענדע שולדן. כאָטש פאָן־לינעמאַן פאַרנעמט אַ הויכן פּאָסטן, איז ער אָבער מאַטעריעל אַ יורד, אַ פאַראָרעמטער אַריסטאָקראַט. אָט דער גע־קרענקטער שטאָלץ האָט אַרויסגערופן ביים פאָטער, ספּעציעל אָבער ביי היינ־ריכן, אַ שטאַרקע עמפּינדלעכקייט און אַ רעאַקציאָנערע פאַרביסנקייט, מיט וועלכע זיי שיצן די אינטערעסן און דעם כבוד פונם הויכן אדל. אַפילו דער אַזוי באַפריינדעטער פּריץ קאָן נישט אַזוי איינפאַך איבערטרעטן די שוועל פונם הויך אדלדיקן הויז, (אַ חוץ היינריכס צימער). נישט קיין פּער־זענלעכע מעלות, נישט קיין רייכקייט קאָנען זיך שאַפן אַהין צוטריט. דער פאָטער, דער אַלטער דיפּלאָמאַט, האָט נישט גענומען זייער ערנסט אָט דעם געמאַכטן שטאָלץ, וואָס איז פאַר אים געווען מער ווי אַ מאַניר, אַן אַריס־טאָקראַטישער אָנשטעל (ווי אַן איינגעבאַקענער דיפּלאָמאַט האָט ער ליב געהאַט דעם פיין געשפּילטן, שיינעם אָנשטעל נישט נאָר מיט פרעמדע, נאָר אויך מיט דער פאַמיליע און אַפילו מיט זיך זעלבסט). ער האָט אָבער גוט געוווסט, אַז אָט די באַרימטע קעטנערס, וואָס באַזוכן און עמפּאַנגען די גרעסטע מלוכה־לייט, וואָלטן זײַנע אַן איינלאַדונג גאָרנישט אָנגענומען. נישט נאָר פאַר זײַנע פּריוואַטע ענינים, נאָר אויך פאַר זײַן דיפּלאָמאַטישער קאַריערע זענען אים זייער וויכטיק די פריינדשאַפטלעכע באַציונגען מיט די וועלט־באַרימטע באַנקירן. נאָר היינריך, דער פאַנאַטישער קאָרפּאָראַנט און פאַרביסענער יונקער, האָט עס גענומען טויט־ערנסט זײַן אַדעליקן שטאָלץ, דעם יחוס פון זײַן „עכטן" דייטשן בלוט, פאַר וואָס ער איז גרייט די אויגן אויסצורייסן. דערביי איז ער אַגרעסיוו, און בשעת אַ צאָרן ווערט ער פשוט געפערלעך. דעם פאָטער איז אויסגעקומען אַ היבש ביסל מיט אים צו קעמפן. בלויז דורך ביטערע דיפּלאָמאַטישע מאַנעוורן פלעגט אים מאַנכעמאָל קוים געלונגען אַרויסצודרייען היינריכן, אָט דעם קאָרפּאָראַנ־טישן הייץ־קאָפּ, פון די עקסטרעמע האַנדלונגען.

פריץ האָט פאַרשפּעטיקט אויף צען מינוט צום באַל, וואָס איז פאָרגעקומען אין בערלין־וועסט אין וווּנדערלעכע פּראַכט־זאַלן. ער האָט אויסגעזען רויק און אויפגעליינגט, נאָר די ליפּן זענען ביי אים געווען עטוואָס בלאַס. ווען ער איז אַריין אין ברייטן וועסטיבול און איז צווישן באַשפּיגלטע זיילן צוגעגאַנגען צו דער גאַרדעראָבע, האָט אויף אים מיטאַמאָל אַ הויך געטון פאַרפירערישע באַל־אַטמאָספערע. טאַקע דאָ ביי דער גאַרדעראָבע פילט מען עס אַמשטאַרקסטן. אין די פּאַראַד־טירן הערט נישט אויף דער שטראָם פון כסדר אָנקומענדיקע עלעגאַנטע באַל־געסט, וואָס לויפן צו אימפּעדיק צו דער גאַרדעראָבע מיט פרישע נאָך נישט אויסגענוצטע באַל־שפּאַנונג, מיט האָפערדיקער גרייטקייט און דערוואַרטונג. אָפּגעגעבן דעם אויבער־מאַנטל, כאַפּן פרויען פאַרבייגייענדיק נאָך אַמאָל אַ קוק אין שפּיגל אויף זייערע העלע מאַי־קאָלירטע טואַלעטן און פריזורן. און אָט לאָזן זיי זיך, עלעגאַנטע פּאָרלעך און גרופּעס, אַרויף צו די באַל־זאַלן אויפן ערשטן שטאָק מיט דער אַזוי פאַרפירערישער אויפרעגונג פון אַ קומענדיקן לוסטשפּיל, ווו יעדער איינער האָט אַ שאַנס צו געווינען אַ ביסעלע פרייד, ווער ווייסט וועלכע פרייד...

פריץ האָט זיך אָפּגעשטעלט אַרום אַ באַשפּיגלטער זייל און געכאַפּט אַ קוק אין שפּיגל אויף די בלוילעך פּאַרטרוימטע פּאַלדן — ער האָט נאָך אַלץ געצווייפלט אין דער פּאַסיקייט פון זיין בלוי־זיידענעם טיכעלע. פּלוצים האָט ער אַ ציטער געטון: ער האָט אין שפּיגל דערזען אויף דער אַנדערער זייט גאַרדעראָב היינריכן מיט זיין שוועסטער און קוזינע. ער האָט זיי באַגעגנט און באַגריסט. טאַקע באַלד זענען זיי אַריין אין שטראָם, וואָס טראָגט זיך אַרויף צו די באַל־זאַלן אויפן ערשטן שטאָק. היינריך מיט דער קוזינע גייען פאָרויס, און פריץ מיט פריילין פאָן־לינעמאַן גייען צוזאַמען. אָט דאָס באַזונדער ־ גיין מיט ־ איר מאַכט אויף אים אַ טיפן איינדרוק. אויף מאַרמאָרנע טרעפּ, באַדעקט אין מיטן מיט אַ שיינעם טונקל־רויטן טעפּיך, גייען זיי לאַנגזאַם, טרעפּ נאָך טרעפּ. אינם העל־קאָלירטן באַל־קלייד זעט זי אויס נאָך מער שלאַנק און קינדלעך. זי איז שטיפעריש לוסטיק געשטימט. גייענדיק, כאַפּט זי פּלוצים אַ קוק אויף די בלוילעך פּאַרטרוימטע פּאַלדן (אין דער לינקער זייט קעשענע פון זיין סמאָקינג) און צעלאַכט זיך הילכיק.

— אָבער, הער קעטנער, דאָס איז אַ ראַפינירטע קאָקעטעריי...

ער האָט געשמייכלט פלומרשט פאַרוואונדערט, וואָס זי האָט באַמערקט אַזאַ קלייניקייט.

(אָבער קיינער אַ חוץ אים ווייסט נישט, פאַרוואָס דאָס האַרץ האָט ביי אים מיטאַמאָל אַזוי אָנגעהויבן קלאַפּן. די מעשה איז אַזוי. פון די פריסטע קינדער־יאָרן האָט ער ליב געהאַט, ווי ס'איז אויך די נייגונג ביי מאַנכע מענטשן, צו מאַכן „סימנים" אויף דער צוקונפט. אַזוי האָט ער היינט ביַיטאָג ביים אָנטאָן זיך גאַנץ געהיים קינדעריש אָפּגעמאַכט ביי זיך אַזאַ „סימן": אויב זי וועט באַמערקן דאָס בלויע טיבעלע, וועט „אַלץ" זיין גוט, כאָטש ער האָט נאָך גאָרנישט געוווּסט, האָט אויך מורא געהאַט צו ווייסן, וואָס דאָס וואָרט „אַלץ" זאָל באַדייטן).

— אויב איר זענט נאָך נייגעריק, פרייליין פאָן־לינעמאַן, פאַר מיין זייער באַשיידענער טאַנץ־קונסט, וועל איך זיין מער ווי גליקלעך צו האָבן מיט אייך דעם ערשטן טאַנץ...

— גוט, לאָמיר אָקאָרשט זען דעם טאַנץ פון אַזאַ באַרימטן ספּאָרט־מאַן, כע־כע־כע... האָט איר אויך דאָס טאַנצן געלערנט ביי אייער מערק־ווירדיקן מוזיק־לערער?...

פריץ האָט אויף זיין שטייגער אָפּגעענטפערט שווייגנדיק מיט אַ שטראַלנדיקן שמייכל. דער פאַקט, וואָס זי געדענקט זיינע רייד פון אַנומלט וועגן מוזיק־לערער, באַפליגלט אים ווידער מיט אומבאַשטימטע האָפענונגען. ביי די לעצטע ווערטער האָט זי שמייכלענדיק אַ קער געטון צו אים דעם קאָפּ און אים געקוקט ווי אַנומלטן גלייך אין די אויגן אַריין. אירע גרינע מאַלאַכיט אויגן האָבן שמייכלענדיק איצט ווידער באַקומען דעם שוין אַזוי באַקאַנטן און דאָך איבעראַשנדיקן ניואַנס. אַ שטילע פרייד איז אויף אים געקומען. אַזאַ שטילע קינדערישע פרייד, וואָס וועט זיך נישט אויף אַ האָר פאַרמינדערן (אַזוי דוכט זיך אים), ווען ער זאָל זי אַפילו מער קיינמאָל נישט זען.

ווי זיי זענען אַריין אין גרויסן באַל־זאַל, האָט זיך פריץ ענטציקט פאַר־וווּנדערט. דער פאַרכאַפּנדיקער געריוש אינם בלישטשנדיקן פול־געפּאַקטן באַל־זאַל איז אַדורגעדרונגען מיט שטילער פרייד. אפשר דוכט זיך עס אים בלויז? פון די קריסטאַלענע הענג־לוסטרעס גיסן זיך ווייכע כוואַליעס עלעקטריש ליכט, וואָס פאַרפלייצן די ווייסע און קאָלירטע באַל־קליידער פון די פרויען און די ווייסע שניפּסלעך ביי די אין פעך שוואַרצן סמאָקינג געקליידעטע מענער. צעשמייכלטע פּנימער, פאַרנעפּלטע אויגן...

פריץ האָט איר אָנגעהויבן עפּעס זאָגן, ווען פּלוצים האָט דער סטרונע־אָרקעסטער אָנגעהויבן שפּילן דעם טרויםמערישן ווינער־וואַלס. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן די רייד. פריץ האָט אָפּגעטראָטן אַ האַלבן שפּאַן

צוריק, האָט זיך אַ נייג געטון צו איר, איינלאַדנדיק צום טאַנץ, און זי אָנגענומען פאַר דער שלאַנקער טאַליע.

אַ ליידנשאַפטלעכער און עלעגאַנטער טענצער ווי פּריץ איז געווען (נאָך אין די גימנאַזיע־יאָרן האָט ער זיך אין דעם אויסגעצייכנט), האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געטאַנצט דעם וואַלס אַזוי ווי היינט. אָט דער וואַלס איז פון זיך זעלבסט געוואָרן פאַר זיי ביידן זייער דראַמאַטיש און האָט שפּעטער אַרויסגערופן אומהיימלעכע ערשיטערונגען. אָנגעהויבן האָט זיך דער טאַנץ אָט ווי אַזוי:

אַ קורצע ווײַלע איז ער געשטאַנען מיט איר אויף איין אָרט, ווי אַריינקלייבנדיק זיך אינם טאַנץ. ער האָט זיך מיטאַמאָל געענדערט, זיין גאַנצע פיגור האָט געאָטעמט צום ריטם פון דער מוזיק. זי האָט דערפילט אויף איר טאַליע ריטמישע צוקונגען פון זיין אַרומנעמענדיקער האַנט, גאָר דריבנע אָבער שנעל און ריטמיש אָנוואַקסנדיקע באַוועגונגען. ס׳האָט אויסגעזען, ווי די כוואַליעדיקע מוזיק פונם טרוימערישן וואַלס צעגיסט זיך אַלץ מער אין זיינע גלידער און גיט זיך איבער אויף איר טאַליע. טאַקע באַלד האָבן די קוויקנדיקע כוואַליעס זיי אַ הויב געטון פון אָרט אין דעם צעוויקלטן טאַנץ אַריין. זיי וואָלסירן לייכט און שוועבנד, ווי די טרוימערישע מוזיק זעלבסט וואָלט זיי געטראָגן. ביי פּריצן שטראַלט פון גליק דאָס פּנים, דער באַהאַלטענער קוואַל שפּרודלט אין אים מיט שטורמישער שטילקייט, וואָס טוען דאָרט בלויז די מוזיקאַנטן? פון די סטרונעס אויף די פידלען שפּרינגען צויבער־פונקען און צינדן אַזוי אומהיימלעך זים דעם צעוויגטן ריטם פונם וואַלס און די שפּיץ־פינגער פון די טאַנצנדיקע פיס. מיט בלאַס געוואָרענע ליפּן פליסטערט ער צעשמייכלט.

— פרייליין פאָן־לינעמאַן!

— הער פּריץ קעטנער!

זיי ווערן ביידע דערפרייט און דערשראָקן. דערווייל אָבער האָבן די וואַקסנדיקע מוזיק־כוואַליעס זיי פאַרטראָגן אין ריטמישן וואַלס־וויכער. אָט דער וויכער פאַרשלינגט די צייט אַזוי, אַז מ׳ווייסט נישט צי דויערט זי אייביק, צי בלויז אַ רגע. גראַדע דאָ אָבער דערזעט מען יענע איינגעשאַפּט פון פּריצן, וואָס האָט אים אַזוי באַרימט געמאַכט אין ספּאָרט. וואָס מער ס׳צעשפּילט זיך די בלינד־טראָגנדיקע קערפּערלעכע באַוועגונג, אַלץ מער ווערט זי ביי אים געצווימט און געטריבן דורך אַ שאַרף־זעעוודיקער פלינקייט. אין רעכטן מיטן ברען פאַרלאַנגזאַמט ער דעם וויכער און מאַכט אויף טשעקאַוועס בלעריי וואַלס־„פיגורן״. אָט לאָזט ער אָפּ איר טאַליע, ווערנ־

דיק מיט איר פעסט פארבונדן דורך דעם פאריייניקטן ריטם פון זייערע ווי צונויפגעגאסענע טאנץ־באוועגונגען. זי שמייכלט גליקלעך איבעראשט. און אט נעמט ער זי ווידער פאר דער טאליע, זיי טוען זיך שוין א לאז ווייטער אין א נייעם וואלס־וויכער און... פלוצים דערפילט ער אויפן פלייצע א פרעמדע דריקנדע האנט. זיי האבן זיך אפגעשטעלט און דערזען: היינריך קוקט אויף אים מיט א פינסטערן פנים, האלטנדיק נאך א רגע די שטייף־דריקנדע האנט אויף זיין פלייצע. ארום זיי שטייט א גאנץ רעדל פון נייגיריקע פארלעך. די מעשה איז, וואס די מוזיק האט שוין לאנג אויפגע־הערט שפילן, ווען זיי האבן נאך אלץ געטאנצט ווי פארכאפטע (מ'האט פון אלע זייטן געגאפט אויף אט דעם פאר־זיך טאנצנדיקן פארל), ביז היינריך האט אים נישט אפגעשטעלט. נישט נאר ביי צושויער, נאר אויך ביי פריצן זעלבסט, האט עס ארויסגערופן א גוטמוטיקן געלעכטער, ווי א נישט זעלטן פארגעקומענער שפאס פון פארכאפטע טענצער, א מין טשעקאווע טאנץ־שטיפעריי. נאר היינריך האט דורכדרינגענדיק געקוקט אויף זיין שוועסטער און זיין פנים איז אלץ פינסטערער געווארן. ער האט זיי צוגעפירט צו זיין קוזינע ארום א טישל.

לאזנדיק ביידע דאמען האט היינריך אומבאמערקט פאר זיי ארויס־גערופן פריצן פון באל־זאל, זיי זענען שווייגנדיק געגאנגען דורך אייניקע זייטן־חדרים און האבן זיך אפגעשטעלט אין אן אפגעזונדערטן ווינקל. היינריך האט געקוקט אן א זייט, פינסטער אנגעכמורעט, די נארבן־שניטן אויפן פנים שטייף אנגעצויגן.

— אויב איר האט (ער איז גלייך אריבער פון „דו" אויף „איר", זיין שטים איז דראענדיק הייזעריק) וויפיל ס'איז אכטונג צו מיין שוועסטער און ווילט נישט איר שאנד, — זאלט איר די מינוט, נישט אומקוקנדיק זיך, פארלאזן דעם באל...

די דראענדיק הייזעריקע שטים האט זיך ווי פלוצים איבערגעריסן. פריץ האט צוערשט אפגעשווייגן מיט זיין באקאנטן שמייכל, נאר די ליפן זענען ביי אים (ווי שוין עטלעכע מאל היינט) בלאס געווארן. באלד האט ער אבער רויק א קער געטון דעם קאפ צו היינריכן.

—כ'מוז אייך זאגן, אז די באדייטונג פון מיין קורצער באגעגעניש מיט אייער שוועסטער וועט נישט אויף א האר פארמינערט ווערן, אפילו ווען איך זאל זי שוין מער קיינמאל נישט זען. גוט — כ'בין גרייט צו פאר־לאזן גלייך דעם באל — קומט...

דער אומגעריכטער, כמעט אומבאגרייפלעכער, ענטפער האט ארויס־

גערופן ביי היינריכן שרעק און האַס. (כאָטש אין דער קאָר־פּאָראַציע שלאָגט מען זיך אויף אַ דועל פאַר דער מינדסטער באַליי־דיקונג, כאָטש זיי ביידע זענען די בעסטע פעכטער אין דער קאָרפּאָראַציע און האָבן שוין אַ היפּש ביסל דועלן דורכגעמאַכט — איז אָבער איצט דער פּלוצים אַנטפּלעקטער תהום צווישן זיי צו טיף געוואָרן און דער קאָנ־פליקט צו טראַגיש, אַז מ'זאָל אים קענען דערלידיקן דורך אַ וועלכן ס'איז דועל, וואָס איז פאַר זיי שיר נישט קיין געוויינלעכער אַקט. פיל געוואַל־טיקער איז איצט צווישן זיי דער אויסטויש פון פּלוצים אַנטפּלויזטע און נאַקעט אויסגעדריקטע האַס־געפילן. מיט דער אומהיימלעכער געזעצטקייט פון פאַרביסענע קעמפער האָבן זיי באַלד געפיערט איינער אויף דעם אַנ־דערן מיט בלוטיק נאַקעטע רייד, ווי גיפטיקע קוילן). זיי זענען שווייגנדיק געגאַנגען צום אויסגאַנג צו, פּלוצים האָט פריץ גייענדיק אַ זאָג געטון.

— גאָר נישט לאַנג האָט איר ביי אַ גלאָז ביר מיך געהאַלזט, באַ־הויפּטנדיק, אַז כ'האָב מנצח געווען מיין יידיש בלוט. איר זענט אפנים דאַמאָלס געווען אויסגעטרונקען אָדער אפשר...

— ס'איז געווען אַ ביטערער טעות, וואָרום איר זענט די סאַמע ראַפינירטע יידישע פרעכקייט, וואָס שלאָגט אַלע רעקאָרדן מיט קאַלט־בלוטיקע קונצן, און איז גרייט מיט אַ רויקן גיריקן שמייכעלע די לונג־און־ לעבער אַוועקצורויבן... מ'טאָר נישט קעמפן מיט אַ יידן גלייך אויף גלייך, מ'מוז אים שטעלן אויסען געזעץ, מ'מוז אים ווי אַ רויב־פויגל פאַר־ניכטן...

זיי זענען צוגעקומען צו דער גאַרדעראָבע. פריץ האָט פאַמעלעך אָנגעטון דעם פּאַלטאָ, ווען היינריך האָט פון וויטן אַכטונג געגעבן, גלייך ווי ער וואָלט מורא געהאַט, פריץ זאָל זיך נישט אומקערן. אָנגעטון דעם פּאַלטאָ, מיטן הוט אונטערן אָרעם, איז פריץ צוגעגאַנגען נאָענט צו היינריכן. זיי זענען אַ רגע געשטאַנען שווייגנדיק איינער אַנטקעגן אַנדערן אויף אַ נאָענטקייט פון עטלעכע שפּען.

— איר מוזט בלויז וויסן, הער פאָן־לינעמאַן, אַז איר זענט נישט קיין ספּאָרט־מאַן, נאָר אַ פאַרטאַטש, וואָס אין געפערלעכע מאָמענטן ווערט ער רויע קראַפט און בלינדע חיה, אָן אַ פּיצל שפּילערישע עלעגאַנץ, אָן אַ פונק פון..

האָט זיך דאָ אין איין רגע אָפּגעשפּילט אַ ווילדע סצענע. בלאַס פון אויפרעגונג מיט פאַרקראַמפּטע צונויפגעפּרעסטע ציינער, האָט היינריך זיך אַ וואָרף געטון מיט געביילטער פויסט אויף פריצן. נאָר אין דער לעצטער

פּערטל רגע האָט די אַראָפּגעלאָזטע פּויסט באַגעגנט אַ שטייפן שמערצנ־דיקן ווידערשטאַנד. אינם צעשפּילעטן פּאַלטאָ, ס'היטל אַ וואָרף אין אַ זייט, האָט פּריץ אָקאָרשט אויפגענומען יענעמס אָנפאַל. זיי האָבן אָנגעהויבן באָקסן אויף טויט און אויף לעבן, ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ גערודער, מען איז זיך פון אַלע זייטן צונויפגעלאָפן און מ'האָט זיי מיט געוואַלט פונאַנדערגענומען. פּריץ האָט געפונען זיין היטל און איז אַרויס אויפן גאַס.

ס'איז שוין געווען אַרום האַלבע נאַכט. דרויסן האָט עס אָפּגעם פריער שטאַרק גערעגנט. די פרישע מאַי־לופט איז געווען איצט קיל און פייכט. פּריץ איז געגאַנגען פּאַרויס מיט האַסטיקע טריט, גלייך ווי ער וואָלט וועלן פון עפּעס אַנטלויפן. ערשט אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט אַ צעטומלטער. רויק און מוטיק ווי ער איז תמיד געווען, האָט ער אָבער איצט מיטאַמאָל דערפילט אַ שוואַרצע נאָגנדיקע פאַרצוויי־פלונג. דער אומגעריכטער ווילדער צוזאַמענשטויס מיט היינריכן האָט נישט נאָר פאַרסמט זיין טרוימעריש ציטעריק גליק, נאָר האָט אויך ערשיטערט זיין פּשוט מענטשלעך געפיל. איז דאָך היינריך ביז מיט אַ שעה צוריק געווען זיין אינטימער פריינט, זיין ערלעכער קאָרפּאָראַציע ־ ברודער. ס'איז אָבער געגנוג געווען דער ערשטער צאָרן, אַז אָט דער פריינט זאָל ווי פון בוזעם אַרויסנעמען באַהאַלטענע שטיינער קעגן זיין יידיש בלוט. קענען טאַקע קיינע באַמיאונגען און דערגרייכונגען נישט העלפן קעגן יידיש בלוט? זענען אַלע דייטשע פריינט אַזעלכע, אָדער היינריך איז אַ ווילדער אויסנאַם, אַן אויסוואורף? היינריך איז דאָך דער פירער פון אַ גרויסער סטודענטן־קאָרפּאָראַציע, און די קאָרפּאָראַציעס שטייען דאָך אין סאַמע מיטן פון דייטשע אוניווערזיטעטן. מ'דאַרף אָבער דאָך נישט איבערטרייבן, אין דער קאָרפּאָראַציע איז דאָך שוין לאַנג באַקאַנט, דאָס ביי היינריכן קומען אַמאָל פאָר צאָרן־אַטאַקעס, ווי אַן עפּילעפּטישער אָנפאַל, וואָס מאַכט אים גאָר אומפאַראַנטוואָרטלעך...

פּריץ האָט זיך געלאָזט גיין ווייטער. ס'האָט אים געהילכט אין די אויערן דער טרוימערישער וואַלס, וואָס האָט איצט ביי אים אַרויסגערופן אַן אומדערטערעגלעכע בענקשאַפט. אפשר צום ערשטן מאָל אין לעבן האָט ער אַנגסט געהאַט צו גיין אַ היים און צו בלייבן מיט זיך זעלבסט. ער האָט גענומען אַ וואָגן און אַוועקגעפאָרן צו יאָהאַנען.

די לעצטע יאָרן האָבן זיי זיך גאָר זעלטן באַגעגנט, פלעגן זיך אפילו קעגנזייטיק אויסוויכן — אַזוי פאַרשידן זענען געווען זייערע נאַטורן און אינטערעסן. נאָר איצט, אין דעם שווערן מאָמענט, האָט פּריץ געפילט, אַז

גראַד יאָהאַן, מיט זיין טרוימערישער צאַרטער נאַטור, איז דער איינציקער, וואָס קאָן אים פאַרשטיין און מיטפילן.

יאָהאַן איז נאָך געזעסן ביי זיין שפּעטער נאַכט־אַרבעט, ווען פריץ האָט אים איבעראַשט מיט זיין אָנקומען. ערשט איצט ביים ליכט האָט מען געקאָנט זען, דאָס דורך דעם געשלעג איז דער זיידענער קאָלנער פונם סמאָקינג צעריסן, דאָס ווייסע העמד אויף דער ברוסט ביז גאָר צעקנייטשט, פאַרנט אויפן סמאָקינג איז דער אויבערשטער קנעפּל אויסגעריסן און אויף זיין אָרט שטאַרצן אַרויס שוואַרצע פיצלעך פאָדים. אַ מין חורבן, אַ קריעה־שטימונג האָבן אַרויסגעקוקט פונם פאַרקריפּלטן סמאָקינג. בלויז די בלוי־לעך פאַרטרוימטע פאַלדן זענען וווּנדערלעך אומבאַרירט אין דער זייטן־קעשענע. פריץ האָט טרויעריק פאַרטראַכט געלאַכט אויף זיין טואַלעט. ער האָט זיך געזעצט אויפן סאָפע, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף דער האַנט און אַ זאָג געטון דעם ביז גאָר ערשטוינטן יאָהאַנען.

— וווּנדער זיך נישט אַזוי, יאָהאַן, כ'וועל דיר באַלד אַלץ דערציילן, ווען דו ערשט רעכט שטוינען. כ'וויל נאָר איצט אויף דיין גריבלערישן שטייגער מאַכן אַפריער אַ קורצע באַמערקונג. אַנומלטן האָב איך געהערט אויף אַ מעדיצינישער לעקציע אין אוניווערזיטעט וועגן אַ גאַלאָפּירנדיקן טובערקולאָז. דאָס איז אַ שאַרפער טובערקולאָז, וואָס אַנטוויקלט זיך נישט שטופנווייז, ווי געוויינלעך, אין משך פון פילע חדשים, נאָר ער גאַלאָפּירט, פאַרשפּרייט זיך שנעל און פאַר־ברענט די לונגען אין אַ מוראדיק קורצער צייט. ס'מוזן אַפּנים אויך זיין אַזוינע „גאַלאָפּירנדיקע" געפילן, וואָס פאַרכאַפּן דעם מענטשן בליץ־שנעל, נאָך איידער מ'האָט צייט זיך אומצוקוקן. דאַרף עס טרעפן אויס־גערעכנט מיט מיר, אַזאַ ניכטערנעם לעב־יונג. הער נאָר אָקאָרשט. פאַריקע וואָך קום איך אויף אַ באַזוך צו היינריכן, פּלוצים דערהערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר און...

ער דערציילט אַלע פאַרגעקומענע פּאַסירונגען און איבערלעבענישן מיט אינטימער אויספירלעכקייט. יאָהאַן הערט אים מיט אָנגעשפּיצטע אויי־ערן, די אויגן אַרויסגעשטאַרצט, דערשטוינט און פאַרכאַפּט. די טיפע טייל־נעמונג יאָהאַנס דערמוטיקט פריצן, אָט ווי בשעת מען בויגט זיך אונטער אַ משא, און אַ נאָענטער פריינט שפּאַרט אונטער באַהעלפלעך אַ פּלייצע און לאָזט איבערכאַפּן דעם אָטעם. נאָכדעם ווי פריץ האָט אַלעס דערציילט, רעדען זיי צווישן זיך אינטים און פאַרטרוילעך, ווי גאָר אַמאָל אין די קינדער־יאָרן, ווען זיי האָבן געשפּילט צוזאַמען. ס'האָט שוין אָנגעהויבן

צוריק, האָט זיך אַ נויג געטון צו איר, איינלאַדנדיק צום טאַנץ, און זי אַריינגעפליסטערט געהיים־בשורהדיק דורך די אָפענע פענסטער. מידע און אויסגעשעפּטע, האָבן זיי זיך ביידע פאַרטראַכט, צונויפגעקנוילט אויף דער ברייטער סאָפע און זענען פאַמעלעך איינגעדרימלט.

אויף מאָרגן האָט אָט וואָס פּאַסירט.

אַרום עלף אַזייגער אין דער פרי האָט יאָהאַן באַגלייט פּריצן אַהיים אויף זיין פאָטערס ווילע אין גרונעוואַלד. ווען זיי זענען שוין געווען נישט ווייט פון דער ווילע, האָט זיך פּלוצים דערהערט פון הינטן אַ קנאַל. אין איין רגע האָט עמיצער פון הינטן אַרום דריי מאָל אויסגעשאָסן פון אַ רעװ־אָלווער. נאָך איידער מ׳האָט זיך אומגעקוקט, איז דער שיסער פאַרשוווּנדן, ווען פּריץ איז געפאַלן אויף דער ערד אַ פאַרוווּנדעטער. אויף יאָהאַנס געשריי זענען זיך צונויפגעלאָפן מענטשן פון די שכנותדיקע ווילעס, וואָס האָבן גלייך אַראָפּגעבראַכט מעדיצינישע הילף מען האָט דעם פאַרוווּנדעטן איבערגעטראָגן אין זיין הויז. דער אָנגעקומענער דאָקטאָר האָט קאָנסטאַטירט אַ נישט שווערע פאַרוווּנדונג פון לינקן אָרעם. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פון די דריי געפייערטע שאָסן האָבן צוויי נישט געטראָפן, בלויז איין שאָס האָט פאַרוווּנדעט דעם לינקן אָרעם. דער דאָקטאָר האָט אים געמאַכט די ערשטע בינדע. דער פאַרוווּנדעטער האָט אויסגעזען זייער בלאַס, די ליפּן צוזאַמענגעפּרעסט, די אויגן פאַרנעפּלט. ס׳איז אים עטלעכע מאָל נישט גוט געוואָרן. ס׳האָט געדויערט אַ היפּשע ווײַלע, ביז ער איז ענדלעך געקומען צו זיך.

די פאַמיליע איז געווען שטאַרק אויפגערודערט. באַלד איז אַראָפּגעקומען אַ דערשראָקענער דער פאָטער, לעאָפּאָלד קעטנער. עטוואָס שפּעטער איז געקומען דער אָנקל (יאָהאַנס פאָטער), אַדאָלף קעטנער. מ׳האָט זיך דערוווּסט וועגן נעכטיקע פּאַסירונגען אויפן באַל. ס׳איז ביי קיינעם קיין צווייפל נישט געווען, אַז די שיסעריי איז היינריכס אַ שטיקל אַרבעט.

זענען אָבער די קעטנערס נישט אַבי ווער. מעכטיקע פיגורן אין דער פינאַנץ־וועלט, מעצענאַטן און ראַפינירטע קולטור־מענטשן, האָבן זיי געשפּילט אַ געוואַלדיקע ראָלע אין דער העכערער געזעלשאַפט. בליץ שנעל זענען איצט אַלאַרמירט געוואָרן אַלע געהעריקע שטעלן. ס׳זענען באַלד אַראָפּגעקומען הויכע באַאַמטע, אַלע האָבן זיך פאַרטרויליך בעראַטן מיט די קעטנערס, ווי אַזוי צו ליקווידירן באַפרידיגנד דעם טראַגישן אינצידענט און נישט צולאָזן צו אַן עפנטלעכן געריכטלעכן פּראָצעס. פון אייניקע הויכע אינסטאַנצן האָט מען געקלונגען צו די קעטנערס אויף געהיים־טעל־

לעפּאָנען, שפּעטער איז געקומען אין קעטנערס ווילע דער אַלטער פאָן־לינעמאַן זעלבסט, וועלכער האָט אויסגעדריקט זיין טיפן באַדויערן. אויסער זיך פון אויפרעגונג, האָט ער געזאָגט, אַז זיין זון איז בשעת אַ צאָרן־אַטאַק פּשוט גייסט־קראַנק. אויב די קעטנערס וואָלטן וועלן צערייבן דעם ענין, איידער ס׳קומט צום פּראָקוראָר און דער פּרעסע, וועט ער מיט אַלע מיטלען זען, אַז דער זון זאָל שרייבן אַ געהעריקע ענטשולדיקונגס־בריוו און זאָל אַוועקפאָרן אין אויסלאַנד אויף אַ יאָר (דער אַלטער דיפּלאָמאַט האָט דאָ געוואָלט קונציק אויסנוצן דעם אומשטאַנד, וואָס היינריך האָט שוין פון לאַנג געהאַט אַ דראַנג צו רייזן אויף אַ יאָר קיין איטאַליע, ווו ס׳וווינט זיין קוזינקע מיט אירע באַרימט רייכע עלטערן).

אין דער קאָרפּאָראַציע „בורשענשאַפט״, ווו היינריך און פריץ זענען די אָנגעזעענסטע מיטגלידער, איז געווען אַ גרויסע אויפרעגונג. ס׳איז זיך עקסטרע צונויפגעקומען דער שיד־געריכט פון דער קאָרפּאָראַציע, ווו ס׳זענען דערשינען פאָרשטייער פון ביידע צדדים. לויט די גרונד־באַגריפן פון דער קאָרפּאָראַציע וועגן סטודענטישער ערע איז שיסן אַ קאַמראַד (אַ חבר) הינטער די פּלייצעס אַן אַקט פון עקלהאַפטער פּחדנות. די אייזערנע דיסציפּלין פון דער קאָרפּאָראַציע טאָר נישט דערלאָזן קיין אויסנאַם, קיין ענטשולדיקונג, מ׳האָט אויסגעשלאָסן היינריכן אויף אַ יאָר פון קאָרפּאָראַציע. נאָר אייניקע מיטגלידער, אַזוינע פאַרבאַקענע פאַנאַטיקער, „עכט דייטשע״ קאָרפּאָראַנטן, ווי שמידט און אַנדערע, האָבן מיט פאַרכמורעטע פּנימער זייער צווייפלדייטיק געשוויגן. מעגן דאָרט אַלע ווי פּלוידערן, אָבער פאַר זיי איז קיין אַנדערער ווי היינריך זייער אמתער פּירער. אין דער אַנדערער סטודענטן־קאָפּאָראַציע „קאָר״, האָבן מאַנכע אַנטיסעמיטישע סטודענטן אָפן געהאַלטן מיט היינריכן, אַז אַן „עכטער״ דייטש מיט הויכן אַדעליגן בלוט קאָן גישט קעמפן מיט אַ יידן גלייך אויף גלייך. זיי האָבן געקריצט מיט די ציינער אויף דער קאָרפּאָראַציע „בורשענשאַפט״ פאַר איר אורטייל קעגן היינריכן, מ׳האָט מיט פאַראַכטונג גערופן די קאָרפּאָראַציע „אידען־געזינדעל״. ס׳האָט געהייסן, דאָס אָט די פּיפּיקע יידן, וואָס דורך טייוולאָנישער קונצנמאַכערישער פלינקייט שטעלן זיי זיך אויסער קאָנקורענץ, דאַרף מען באַצייטנס שטעלן אויסער געזעץ.

אַרום פאַרנאַכט איז צוגעפאָרן צו לעאָפּאָלד קעטנערס ווילע אַן אויטאָמאָביל, פון וואַנען ס׳איז אַרויסגעגאַנגען אַ הויבע שלאַנקע פרוי. זי האָט אַריינגעשיקט צו פריצן אַ פאַרמאַכטן קאָנווערט. באַלד איז יאָהאַן צו איר אַרויסגעלאָפן. ער האָט זי אַריינגעלאָזט צו פריצן און איז אַליין

דעליקאַט געבליבן שטיין פון יענער זייט טיר. אויף דער שוועל איז זי גע־בליבן שטיין אַ רגע שווייגנדיק. ארום אירע מאַלאַכיט אויגן זענען געשטאַ־נען שוואַרצע קרייזן. זי האָט טרויעריק פאַרוואונדערט געשמייכלט. זיי האָבן זיך שטום באַגעגנט מיט די בליקן, און אָט איז זי מיט שטילע טריט צו אים צוגעגאַנגען און אים גערריקט די רעכטע אומפאַרוואונדעטע האַנט.

—פריילין פאָן־לינעמאַן!

— הער קעטנער!

ווי דאַמאָלס בשעת דעם וואַלס־וויכער, האָבן זיי זיך אויך איצט דער־פרייט און דערשראָקן ביים קעגנזייטיקן אויסטויש פון זייערע נעמען. גלייך ווי זיי וואָלטן זיך מיט די הערצער געטוישט. נאָר די ליידן, דער שרעק און די מורא פונם לעצטן טאָג האָבן דורכגעבראָכן אַלע אייזערנע ווענט, די צעווייטיקטע בענקשאַפט האָט זיך שוין גאָרנישט געלאָזט אויפהאַלטן. פריץ איז וויים ווי די וואַנט. ער ליגט איצט גאַנץ אומבאַוועגלעך, די אויגן פיבערדיק פאַרנעפּלט. פּלוצים האָט זי זיך אָנגעבויגן, איז געפאַלן מיטן פּנים אויף זיין ברוסט און זיך צעוויינט. אירע טונקעלע ווייכע האָר רירן אָן זיין פּנים, באַלד האָט זי זיך מיט אַמאָל אויפגעכאַפּט אַ מונטערע, אַ שטראַלנדיקע.

— לאָמיר, הער קעטנער, אויך איצט פאָלגן אייער מוזיק־לערער, לאָמיר נעמען אונזער גליק נישט מיט אָנשטרענגונג, נאָר מיט רויקער פלינקייט. כ'וועל איצט בלייבן, אויב ס'לאָזט זיך, אייער קראַנקן־שוועס־טער, כ'וועל נישט אָפּטרעטן פון בעט. ווען איר וועט געזונט ווערן, וועלן מיר ביידע אַנטלויפן אין עק וועלט אריין.

— פריילין פאָן־לענעמאַן!

— הער קעטנער!

זי האָט איצט שטיפעריש געשמייכלט. אויף אַ נייעם, עפּעס גאָר צויבערלעכן אופן, האָבן איצט אירע גרינע מאַלאַכיט־אויגן באַקומען דעם שוין גוט־באַקאַנטן און דאָך אַזוי איבעראַשנדיקן ניואַנס.

יאָהאַן איז שפּעט אַוונט געקומען אַהיים צו זיך. ערשיטערט דורך די אויפרעגונגען פון טאָג, האָט ער גאָרנישט געקענט איינשלאָפן. ס'איז אויף אים מיט אַמאָל געקומען אַ שווערער מעלאַנכאָלישער אָנפאַל, דאָס האַרץ האָט אים גענאָגט פון אַנגסט און אומעט. ווי אַלעמאָל בשעת אַזאַ אָנפאַל, פאַרכאַפּן אים איצט געדאַנקען און פּראָבלעמען, גלייך ווי זיי גייען אים אין לעבן. ס'האָט אים קודם־כּל ערשיטערט די מאָדנע ענלעכקייט צווישן די פאַסירונגען ביי היינריכן, דעם רעאַקציאָנערן נאַציאָנאַליסט, און

ריכאַרדן, דעם לינקן סאָציאַליסט. קעגנזעצלעך ווי זיי בײדע זענען לויט זײערע אידעאַלן, רעאַגירן זיי אָבער בײדע גלייך אויף דער ליבע פון זײער שוועסטער צו אַ „פרעמדן״ (אָדער פרעמדאַרטיקן) מיט רויער אומגע־צוימטער קראַפט פון בלינדן האַס. אויך ביי היינריכן איז ערשיטערנדיק נישט דער האַס זעלבסט, ווי די טויט־בלינדע שטײפקייט פון האַס, די שוואַרצע ליידיקע פאַרפאַלנקייט, וואָס לעשט אויס ביז אויפן לעצטן פונק דאָס מענטשלעך־בויגעוודיקע. טאַקע ווידער די זעלביקע פאַרגליווערטע ליידיקייט!...

יאָהאַן איז אַראָפּ פון בעט און זיך געזעצט אין נאַכט־העמד לעבן דעם אָפענעם פענסטער, ווי ס׳וואָלט אים געפעלט לופט צום אָטעמען. קוקנדיק דורך דעם פענסטער אין דער פאַרטרוימטער מאַי־נאַכט אַריין, האָט ער זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון זיינע געדאַנקען, וואָס האָבן אים איצט מיט אַ געהיימען אימפּעט פאַרכאַפּט. דער פּראָפעסאָר שולצהיימער, האָט ער געקלערט, וואָלט מיט זיין דראָבנעם געלעכטערל געזאָגט, דאָס היינריך איז פּראָסט אַ ווילדער פּראָווינציאַל מיט דעם פּיצינקן באַנעם פון אַ מילב, וואָס אַ חוץ די „אייגענע״ איגם ענגן לאָך, זענען אַלע אַנדערע בלויז העסלעכע עלעמענטן.

ס׳איז אָבער מאָדנע, ס׳איז אַ שוואַרצע רעטעניש, וואָס אין זעלביקן בערלינער אוניווערסיטעט, וווּ ס׳איז אַזוי באַרימט דער פּראָפעסאָר שולצ־היימער מיט זיין אוניווערסאַלן אַל־וועלט באַנעם, הערשט גלייכצייטיק אין דער גרויסער סטודענטן־קאָרפּאָראַציע היינריך דער ערשטער מיט זיינע קליי־ניגקע מילבן־השגות. ס׳קומט אויס, אַז די וויסנשאַפט איז אַזוי הימל־ווייט פון דער ערד, אַז אַפילו צו די אייגענע סטודענטן דערלאַנגט זי ניט (אויף די אַנדערע לעקציעס אין אוניווערסיטעט, למשל, פון פילאָזאָפיע, עטיק און רעסגלייבן, לייענען פּראָפעסאָרן מיט פאַרקאַטשעטע קעפּ הימל־שפּאַלטנ־דיקע געדאַנקען, וואָס די קאָרפּאָראַנטן הערן אויס מיט גאַרבן־שניטן אויף די פּנימער פון די דורכגעמאַכטע דועלן, און קערן אין אָוונט צוריק אויף דער קנייפּע צו ביר און פעבט־„קאָמענט״, ווו ס׳הערשט גאָר דאָס „קרומע שווערדל״ פון סטודענטישער ערע. אין אוניווערסיטעט גופא, הייסט דאָס, איז די וויסנשאַפט נישט מער ווי אַ „קאָמפּאָט״, אַ צאַצקע, וואָס אַפילו סטודענטן נעמען זי נישט „ערנסט״, וואָס...

יאָהאַן האָט זיך צוריקגעלייגט אין בעט. ס׳האָט אים איצט איבער־ראַשט דער משונהדיקער, אָבער זייער קלאָר וועדנדיקער פאַקט, דאָס נישט די סטודענטן, וואָס טרייבן די וויסנשאַפט און נעמען זי דאָך נישט ערנסט,

נישט די פּאָליטיקער, וואָס ווילן פאַרבעסערן די וועלט און קריצן דערוויי־ל מיט די ציינער, נאָר גאָר די איינפאַכע, נאַיווע פרויען, ווי העלענע און פריילין פאָן־לענעמאַן, זענען פול מיט ליכטיקער זעעוודיקער ליבע, וואָס דערהויבט איבער אַלע גרענעצן און באַגרענעצטקייט. אָבער די דאָזיקע ליבע איז דאָך ווי דער בלויער הימל און דער בליענדיקער פרילינג, וואָס כדי זיי צו געניסן, מוז מען ערשט געפינען דערלייזונג פון די אַלע מעלאַנ־כאָלישע פּלאָנטערס, וואָס ווילן דערשטיקן די ליבע און דאָס לעבן, וואָס...

ווי אַלע מאָל געלינגט אים דורך אימפּעדיקע גערדאַנקען ביסלעכווייז גובר צו זיין די דריקנדיקע מעלאַנכאָליע, ביז ער איז פאַרטאָג אַן אויס־געשעפּטער איינגעשלאָפן. אויף מאָרגן איז ער אויפגעשטאַנען מונטער און אַנטשלאָסן, ער האָט נעמלעך ביי זיך אָפּגעמאַכט צו האָבן נאָך היינט אַן „ערנסטן" שמועס מיט פּראָפעסאָר שולצהיימער און דערנאָכדעם וועט ער זיך, אזוי אָדער אַנדערש, פאַר עטוואָס אַנטשיידן.

ארויסגעקומען איז אַ שמועס עפּעס גאָר אַ טשיקאַווער, וואָס האָט שפּעטער באַקומען אַ וויטגייענדיקע ווירקונג.

יאָהאַן האָט נאָך מיטאָג אויפגעזוכט דעם פּראָפעסאָר אינם מוזיי פאַר פעלקער־קונדע, אין אַן אָפּגעזונדערטער אָפּטיילונג, וו עס געפינען זיך סקעלעטן, שאַרבנס און איינצלנע סקעלעט־טיילן (פאַרשידענע ביינער, אַ היפּשע ציינער־זאַמלונג) פון פאַרשידענע פעלקער און ראַסן פון סאַמע פאַרשידענע צייטן און ערד־טיילן. דער פּראָפעסאָר איז געווען פאַרטון ביי אַ טיש, וואָס איז געווען פול באַדעקט מיט שאַרבנס און איינצלנע סקעלעט־טיילן. ווי נאָר ער האָט דערזען יאָהאַנען, האָט ער אַ קער געטון דעם קאָפּ און אויפן געזיכט האָבן זיך ביידע ברעמען אויפגעהויבן באַלאַכסון, מעשה פראַגע־צייכן: וואָס דאַרפט איר אַ שטייגער, יונגערמאַן? יאָהאַן האָט אָנגעהויבן מיט אַלגעמיינע פראַגן, צי וואָלט ער געקענט נעמען אָנטייל אינם פּראָפעסאָרס סעמינאַר, און צי וואָלט נישט דער פּראָפעסאָר אים געגעבן אָנווייזונגען פאַר זעלבסטשטענדיקער אַרבעט. דער פּראָפעסאָר האָט זיך אַנידערגעזעצט מיט אים אויף אַ נאָענטער באַנק און אים אויס־פירלעך געענטפערט. דערנאָכדעם האָט יאָהאַן (פרעגנדיק וועגן פאַרשידענע פעלקער אין אַזיע, אַפריקע און דגל.) פאָרזיכטיק פאַרפירט אַ שמועס וועגן די יידן אין מזרח־אייראָפּע. שוין ביי די ערשטע רייד האָט זיך ארויסגעוויזן, דאָס אָט דער גענויאַלער קענער פון אַלערליי פעלקער און שבטים, האָט גאָר אַ קליינע אַנונג וועגן דעם לעבן פון מיליאָנען יידן אין פאַרשידענע לענדער, כאָטש ער אַליין שטאַמט דאָך פון יידן. ער האָט

אומגעהויער פיל געוווסט וועגן די יידן אין ביבלישע צייטן, וועגן די קרוי־צונגען און פאַרצווייגונגען פון פאַרשידענע סעמיטישע פעלקער, אָבער נישט וועגן היינטיקע יידן. יאָהאַן האָט געכאַפּט אַ קוק אויף שולצהיימערס שוואַרץ בערדל און געקלערט, אַז גראָדע פון יענע מיליאָנען יידן, פון זייער לעבעדיקן ראַסן־קוואַל, האָט זיך ביים פּראָפעסאָר, ווי ביי ד״ר הערצלען, דורכגעריסן אויפן פּנים אַ שוואַרצע באָרד, נאָר ביים פּראָפעסאָר (צום אונטערשיד פון ד״ר הערצל) איז די באָרד אַ קליינע, נישט קיין דערוואַקסענע...

דאָס איבעראַשנדיקע אינם שמועס איז ערשט געקומען. ווען יאָהאַן האָט באַרירט די פראַגע וועגן סאָציאַלע ליידן און קאַמפּן פון דער נייער צייט, האָט זיך ביים פּראָפעסאָר די רעכטע ברעם אויפגעהויבן ביז גאָר אין דער הויך און זיך חוזקדיק פאַרקרומט. אויף דעם קליינעם „ערד־קוגעלכן״, זאָגט ער, איז די גאַנצע אייראָפּע בלויז איין טייל און לאַנג נישט דער גרעסטער. און אָט דאָס פּיצעלע אייראָפּע, מ׳שטיינס געזאָגט, טיילט זיך נאָך אויף לענדער און לענדלעך, און יעדעס לאַנד מאַכט אַזאַ וועזן פון זיינע קריגערייען. עכטע, פאַרבאַקענע פּראָווינציאַלן! ערשט פאַר־יאָרן האָט ער, שולצהיימער, אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל אין אויסטראַליע אָבסערווירט אַ בלוטיקע מלחמה צווישן צוויי שבטים. די מלחמה האָט געדויערט זיבן טעג און זיבן נעכט, ס׳זענען געפאַלן פיל טויטע און פאַר־וווּנדעטע. די עלטסטע פון איין שבט האָבן אים געזאָגט, אַז די וועלט גייט אונטער. דערביי האָט מען אין צווייטן ווייט־ליגנדיקן ישוב קיין אַנונג נישט געהאַט וועגן אָט דער „וועלט״־מלחמה...

ביים פּראָפעסאָר האָט זיך די רעכטע ברעם מיושבדיק אַראָפּגעלאָזט. ער האָט איצט אויף זיין שטייגער אַ שאָט געטון מיט פאַרפלייצנדיקע טיפע ידיעות וועגן די בלומרשט פאַרשידענע און דאָך ענלעכע קריגערייען אין משך פון יאָר־טויזנטן אין פאַרשידענע עקן וועלט, וואָס בלויז די מילבן־פּאַטריאָטן באַטראַכטן יעדע אייגענע קריגעריי פאַר וועלט־איבערקערעניש...

אָט דער משעקאַווער שמועס האָט פאַרשטאַרקט ביי יאָהאַנען זיינע געפילן פון דער לעצטער צייט, דאָס די וויסנשאַפט שוועבט צו הויך, שיר נישט הימל־ווייט איבער דער ערד, און כאָטש זי דערהערט דעם באַהאַלטענעם פּיין פון דער וועלט, פאַרשליסט זי זיך אָבער אין איינענעם אָפּגעזונדערטן קרייז. אָט רודערט שולצהיימער פאַר זיך אין דער וויסנ־שאַפט, ווען היינריך רודערט אומגעשטערט אין דער קאָרפּאָראַציע. נאָכמער,

פאַרן באַרימטן פּראָפעסאָר זענען שוין גאָרנישט אָנזעעוודיק די סאָציאַלע לײַדן און פּלאָנטערס, וואָס זענען אויס נישטיק פאַר זײַן הימל־שוועבנדיקער געלערנטקייט. ס'איז ווי מ'קומט אין אַ דאָרף מיט אַ מטבע פון אַ גאַנצן טויזנטער און מ'קאָן נישט קויפן קיין פּיצל ברויט, ווײַל ס'איז נישטאָ דאָרט ווער ס'זאָל קאָנען צעבײַטן די גרויסע מטבע. כּדי נישט צו פאַר־הונגערן מוז מען אַפּריער דעם גאַנצן טויזנטער צעבײַטן. אָט אַזוי קאָן מען מיט דער וויסנשאַפט אַליין נישט געהאָלפן ווערן, ביז מ'וועט געפינען ערשט דעם „עפּיס", וואָס זאָל קאָנען צעבײַטן די הויך־שטײַענדיקע מטבע פון דער וויסנשאַפט און פאַרווירקלעכן זי אין לעבן. וואָס־זשע און ווער־זשע איז דער „עפּיס"? מ'דאַרף אָבער נישט מאַכן צו גיך קיין סך־הכּל, מ'מוז אַפּריער גרינדלעך און געדולדיק אויספּראָבירן.

געענדיקט האָט עס זיך אָט ווי אַזוי.

גייענדיק פון שולצהיימערן אַהיים, האָט ער אויפן וועג באַשלאָסן, דאָס ער וועט נישט איבעררײַסן די זומער־אַרבעט אין אוניווערסיטעט. נאָר סוף זומער וועט ער חתונה האָבן מיט העלענען און וועט מיט איר צוזאַמען מאַכן אַ וועלט־רײַזע אויף אַ גאָר לאַנגער צײַט. אַ חוץ דעם אינערלעכן יוגנט־דראַנג צו וואַנדערן האָט דאָ הויפּטזעכלעך געווירקט די איבערצײַגנדיקע אידייע פון שולצהיימערס לעקציעס, דאָס אַן איינגע־זעסענער, צום פּלאַץ צוגעוואַקסענער בירגער האָט אַן ענגן פאַרקריפּלטן קוק אויף דער וועלט, נאָר אַ שטודיע־רײַזע צווישן פעלקער און לענדער ברענגט נעענטער צו אַן אמתן וועלט־באַנעם. יעדנפאַלס דאַרף מען עס אויספּרובירן.

אין אָוונט איז יאָהאַן אַרײַן צום פאָטער אין קאַבינעט און דערקלערט אים זײַן באַשלוס. דער באַנקיר האָט פון איבעראַשונג געעפנט דאָס פאַר־זשמורעטע לינקע אויג, וואָס האָט געכאַפּט אַ שאַרפן פאַרשנדיקן קוק אויף יאָהאַנען, האָט אַ בלינצל געטון און זיך גלײַך פאַרמאַכט.

— דײַן באַשלוס איז זייער אַ וויכטיקער. געוויינטלעך האָט מען חתונה, ווען מען ענדיקט אוניווערזיטעט און מען אָרדנט זיך אײַן. נאָר אויב דו ווילסט חתונה האָבן איצט, קאָן מען עס דיר נישט אָפּשלאָגן. נאָך דער חתונה איז אודאי גוט צו מאַכן אַ לוסט־רײַזע, נאָר פאַרוואָס מוז מען עס גלײַך האָבן אַ וועלט־רײַזע און נישט פּשוט אַ שיינע איטאַליע־רײַזע. אַלע יאָרן ביסטו אָפּגעזעסן אין דײַן צימער אויף דײַנע אַרבעטן, קוים אַרויס אַ ווײַלע שפּאַצירן. פאַרוואָס־זשע איז דיר מיט אַמאָל נישט גענוג אונזער גרויס דײַטשלאַנד מיט אַלע אירע באַרימטע בערג, טײַכן און

וועלדער, דו קענסט דאָך גאָרנישט דיין אייגן פאָטער־לאַנד, אפילו די פּרעכטיקע געגנדן הינטער בערלין זענען דיר נישט גענוג באַקאַנט. דאָס איז דאָך דער אומגליק פון אונזער צייט, וואָס יעדער יונגערמאַן וויל דווקא דער גאַנצער וועלט, דעם אוניווערסום. די נאָז אַפּווישן, אָבער נאָר נישט די אייגענע נאָז פשוט מיט אַ טיכעלע אין אָרדענונג ברענגען...

— ס'איז זייער ריכטיק, פאָטער, דער היינטיקער דור איז צום גרויסן טייל פול מיט אומרו און זוכעניש, ס'ציט ערגעץ אין עק־וועלט אריין. די ערציונג גיט אונז גרויס בילדונג, אָבער ווייניק רו און ווייניק גליק. פיל יונגעלייט האָבן דאָס אומהיימלעכע געפיל פון אומאָרדענונג אויף דער וועלט, פון פאַרלוירענעם גליק. קיינער איז מיט גאָרנישט נישט זיכער, פריץ, למשל, איז אַזוי אומזיכער מיט זיין אַסימילאַציע, ווי איך מיט מיין זוכנדיקן אָפּנויג פון איר. היינריך איז אַזוי פאַרקראַמפּט, בייסנדיק אין דער קאָרפּאָראַציע מיט אירע אייביקע דועלן, ווי ריכאַרד גרינשטיין אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי מיט איר אייביק רייסנדיקן קאַמף. רעכטס און לינקס איז מען גלייך פאַרביסן, אין שטענדיקער אומרויִקער קאַמף־שטימונג. פאַסירט מיט איינעם אַ צוזאַמענבראָך האָט ער זיך נישט אָן וואָס אָנצוהאַלטן און קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען. אָט קאָנען דאָך געשעפט־מענטשן, למשל, אויספאָרן אַ גאַנצע וועלט צוליב האַנדל, פאַרוואָס זאָלן מיר עס נישט קאָנען טון, כדי צו פאַרברייטערן דעם ענגן האָריזאָנט און אויפלויכטן די טונקל־געוואָרענע מוחות. ס'זענען פאַראַן לענדער מיט עלטערע קולטורן, וואָס...

דער פאָטער האָט אויפגעהויבן די האַנט, ווי ער וואָלט זיך שיצן קעגן דעם שטראָם פון יאָהאַנס רייד. ער האָט אַ שטאַרקן שנאָרך געטון מיט דער נאָז און אים איבערגעריסן:

— כ'האָב נישט קיין חשק, יונגערמאַן, צו לאַנגע דיסקוסיעס. כ'זע, אַז די וועלט־רייזע זיצט שוין דיר פעסט אין מוח. נעם דיר אָבער צייט אויף איבערטראַכטן דיינע פּלענער. אויב דו וועסט דאָך בלייבן ביי דיין באַשלוס, וועל איך דיר בלויז ווינטשן גליק אויפן וועג...

7

אַפּיום אויף אַ רפֿואה

פֿאַרוואָס איז יאָהאַן ווידער אַזוי אומרויִק און קאָן זיך קיין אָרט נישט געפֿינען? אַלעס גייט דאָך אײַנגעטלעך, ווי ער האָט זיך געוווּנטשן. העלענע האָט באַגייסטערט אויפֿגענומען זײַן פּלאַן, חתונה האָבן סוף זומער און אַוועקפֿאָרן דערנאָכדעם אויף אַ שטודיע־רייזע איבער דער וועלט. אויך דער פֿאָטער האָט שווײַגנדיק צוגעשטימט, כאָטש ער איז דערבײַ געווען שטייף אָנגעכמורעט און האָט פֿאַרדריסלעך געשנאָרכט מיט דער נאָז. נאָכמער ווען יאָהאַן האָט וועגן זײַן רייזע געהאַט אַ שמועס מיט פּראָפֿעסאָר שולצהיימער, האָט יענער מיט גרויס התפּעלות באַגריסט די אונטערנעמונג פֿון אַזאַ רייזע. דער פּראָפֿעסאָר האָט אים ערמוטיקט מיט ראַט און אָנווײַזונג, האָט אים צוליב דעם עטלעכע מאָל צו זיך אײַנגעלאַדן.

מיט אַזאַ באַשטימטן און אָפּגעמאַכטן פּלאַן פֿאַר דער נאָענטסטער צוקונפֿט וואָלט יאָהאַן זיך שוין, דוכט זיך, געקענט דערווײַל באַרויִקן. זענען אָבער פֿאָרגעקומען מיט אים אייניקע אומהיימלעכע פּאַסירונגען, וואָס יאָהאַן האָט קיינעם נישט געקענט דערציילן און וואָס האָבן אים שטאַרק אויפֿגערודערט. גראָד אָט די פּאַסירונגען האָבן אומגעריכט פֿאַר אים געעפֿנט נײַע האָריזאָנטן.

ווי בשעת די תנאים האָט ער איצט ווידער באַקומען דורך פּאָסט אַ פֿאַרחתמעטן בריוול מיט אַן אַדרעס געשריבן אויף דער מאַשינקע. ווען ער האָט דעם בריוו געעפֿנט האָט ער ווי דאַמאָלס געפֿונען אַ ליידיק בויגעלע פּאַפּיר. דאָס איז שוין ווידער אַ שטומע דראָונג פֿון ריכאַרדן, אַן אָנזאָג פֿון ברוטאַלן האַס, וואָס לאָזט זיך נישט אויף אַ האָר ענדערן אָדער באַאײַנפֿלוסן. אָט די שוואַרצע פֿאַרפֿאַלנקייט פֿון מענטשלעכן האַס, פֿילט יאָהאַן, וואַרפֿט אָן אַ שרעק פֿאַרן לעבן. און אפֿשר איבערטרײַבט ער די גאַנצע זאַך, אפֿשר מיינט ריכאַרד דערמיט גאָר עפּעס אַנדערש. ווי זאָל ער אָבער אויף דעם בריוו רעאַגירן, זאָל ער נישט שיקן דעם בריוו צו

העלענען? אויף יעדן פאַל האָט דאָס לײדיקע בױגעלע פּאַפּיר אים דראָענדיק דערמאָנט אָן דער פאַרגליווערטער לײדיקײט, וואָס שטעקט אינם סאַמע האַרצן פון יעדן גליק און וואָס מ׳קאָן נישט אָפּקומען מיט זוכענישן און שטודיע־רײזעס. מ׳מוז געפינען אין זיך אָדער אַרום זיך עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל שוין איצט קאָנען טאַקע באַצײטנס אויפלױכטן אָט די פאַרגליווערטע לײדיקײט. וואָס־זשע איז דער עפּעס?

דערווײל האָבן זיך אָנגעהויבן בײ פּריצן אין הויז אומהײמלעכע קאָנפליקטן, וואָס האָבן אומגעריכט פאַרכאַפּט אויך יאָהאַנען.

דער אַטענטאַט אויף פּריצן, בשעת אַן אומבאַקאַנטע האַנט האָט אין אים געשאָסן און מ׳ האָט אים אַ פאַרוואונדעטן אַרײנגעטראָגן אויף די הענט אין הויז, האָט בײ די אַרומיקע אַרויסגערופן אַזאַ טראַגישע ערשיטע־רונג, אַז מ׳האָט דערנאָכדעם ווײניקער געמערקט די שפּעטער פאָרגעקומענע ענדערונגען מיט פּריצן, וואָס זענען געווען נישט אַזוי אָנזעעוודיק, אָבער דאָך פון ווײטגײיענדיקער טראַגיק. אָט ווי נאָך דעם ערשטן שרעק בײ אַ שׂרפה, בשעת מען זעט צוערשט דאָס גאַנצע הויז אין פלאַמען, מערקט מען דערנאָכדעם ווײניקער, ווי די בלומרשט נאָכלאָזנדיקע פלאַמען פאַר־כאַפּן, באַהאַלטן די סאַמע אינעווײניקסטע זײלן פון הויז. אויך בײ יאָהאַנען זענען געבליבן לערך שוואַכע אָפּגעריסענע ערינערונגען וועגן די שפּעטערע פּאַסירונגען מיט פּריצן. אָט די ערינערונגען הויבן זיך אָן מיט דעם ערשטן באַזוך פון פרײלײן פאָן־לינעמאַן בײ פּריצן נאָך דעם אַטענטאַט.

ווען פרײלײן פאָן־לינעמאַן איז יענעם פאַרנאַכט נאָך דעם איבערפאַל געקומען צו פּריצן, האָט זי שוין געקלערט בלײבן בײ אים ווי אַ קראַנקן־שוועסטער. אינם ברען פון זײערע צעגליטע געפילן האָט עס זײ בײדע אויסגעזען זײער נאַטירלעך. אין אָוונט זענען די עלטערן אַרײנגעקומען צו פּריצן. זײ האָבן זײער העפלעך באַגריסט דאָס אומבאַקאַנטע פרײלײן. ווען זײ האָבן אָבער דערהערט איר נאָמען, זענען זײ געווען אַזוי דער־שטוינט און דערשראָקן, אַז זײ האָבן אַ רגע קײן וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדן. כאָטש זײ האָבן זיך גלײך באַהערשט און האָבן דערנאָך פאַרבראַכט מיט איר זײער העפלעך, אפילו פרײנדלעך, האָט זיך דאָך אינם שמועס געפילט אַ פײנלעכע שפּאַנונג. פרײלײן פאָן־לינעמאַן האָט גלײך אײנגעזען, אַז ס׳איז אוממעגלעך פאַר איר צו בלײבן בײ פּריצן. זי האָט טאַקטיש פאַרענדיקט דעם שמועס מיט די עלטערן און גענומען אָפּשײד.

בלויז איינמאָל אַ טאָג אָדער גאָר איבער אַ טאָג קומט זי פּריצן געוואָר ווערן.

זייט אָט דער באַגעגעניש מיט איר האָבן די עלטערן אויסגעזען זייער פאַרזאָרגט. באַזונדערס אויפגערעגט איז געווען דער פאָטער, לעאָפּאָלד קעטנער. לויט אויסזען און כאַראַקטער איז ער כמעט אַ קעגנזאַץ פונם ברודער אַדאָלף (יאָהאַנס פאָטער). אַ הויכער, אַ שלאַנקער, מיט אַ גלאַט ראַזירטן אָפּענעם פּנים, איז ער זייער אונטערנעמעריש, באַוועגלעך און באַרעדעוודיק. נאָענטע פריינט רופן אים גלייכווערטלדיק „אַמעריקאַנער". ער האָט טאַקע אין זיך עפּעס אַמעריקאַנישעס, ער איז שטאַרק פּראַקטיש, פול מיט דראַנג און ענערגיע. פאַרווילט זיך אים עפּעס איז ער אונערמידלעך, קאָן פאַרשיטן דעם אַנדערן מיט רייד, מיט העפלעכקייטן און דראָאונגען, ביז ער דערשלאָגט זיך זיינס. בשעת ער צעקאָכט זיך אין שמועס, פאַרלייגט ער די הענט אויף דער ברוסט און פאַררייסט דעם קאָפּ, ווי מאַנכע רעדנער טוען עס אויף דער טריבונע.

אין עטלעכע טעג אַרום נאָך דעם איבערפאַל, ווען פריץ איז שוין פריי אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטן לינקן אָרעם (אונטערגעהאַלטן אויף אַ בינדע), איז דער פאָטער איינמאָל נאָך מיטאָג צו אים פאַרזיכטיק צוגעשטאַנען. ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ זייער דעליקאַטן און האַלב־פאַרשטעלטן טאָן.

— כ'וואָלט קיינמאָל נישט געוואָגט, פריץ, אַריינמישן זיך אין דיינע אינטימע ענינים, ווער שמועסט נאָך זאָגן דיר אַ דעה. נאָר וואָס דען? אינם איצטיקן פאַל בין איך, ווי אַ פאָטער און אַ פריינט, פאַרפליכטעט דיך צו וואָרענען. ס'איז אַ געפאַר נישט נאָר פאַר דיר, נאָר פאַר דער גאַנצער פאַמיליע קעטנער. כ'וועל דיר נאָר אייניקע פאַקטן דערציילן. אין דער קאָרפּאָראַציע „קאָר", וואָס נעמט סיי ווי נישט אויף קיין יידישע מיטגלידער, איז פאַראַן אַ געהיימע סעקציע פון בלוטיק ראַדיקאַלע אַנטיסעמיטן, וואָס האָבן (צוזאַמען מיט אַנדערע שוואַרצע באַנדעס) זיך מיט די ציינער אַריינגעביסן אין דעם סקאַנדאַל מיט היינריכן און מאַכן פון דעם אַ וויסטן קאַמף־לאָזונג. יעדן טאָג באַקום איך אַנאָנימע בריוו פול מיט שמוציקע זידלערייען און דראָונגען. זעסט אָט דעם פּאַקעט בריוו? דאָס זענען לויטער אומגלויבלעכע פּאַסקווילן, כאָטש גאָר נישט ניי, ווי למשל אַזוינס: „יידן פאַרשקלאַפן דייטשלאַנד דורך שווינדלערישע פינאַנץ־הערשאַפט, פאַרפירן די טעכטער פון דייטשע הויכע פאַמיליעס און פאַראומרייניקן דאָס דייטשע בלוט א. א. וו.". היינריך איז ביי זיי אַ נאָ־

ציאַנאַלער העלד, אַ הייליקער מאַרטירער, פאַר וועלכן זיי וועלן זיך איינ־שטעלן אויף טויט און אויף לעבן. אויב מ'וועט זיך דאָן דערוועגן „פאַר־פירן" זיין שוועסטער, (אַזוי דראָען זיי אין די בריוולעך), וועלן זיי זיך נוקם זיין ביז צום לעצטן טראָפּן בלוט. כ'ווער נישט נתפּעל פאַר קיינע דראָונגען. ס'איז אָבער אויף יעדן פאַל אַן אַטמאָספערע פון צעיושעטן האַס, וואָס פאַרגיפטעט נישט נאָר די ליבע, נאָר יעדעס מענטשלעך גע־פיל. אויך דער אַלטער פאָן־לינעמאַן דרייט דיפּלאָמאַטיש מיט דער צונג און איז אין האַרצן אויף היינריכס זייט. כ'מוז דיך, פריץ, וואָרענען פאַר דעם גאַנצן ענין, וואָס קאָן ווערן אַן אומגליק פאַר אייך ביידן און פאַר אונז. די יידישע לאַגע אין דייטשלאַנד איז אַזאַ, דאָס ביי אַ צוזאַמענשטויס ווערט דער באָדן הייס און וואַקלדיק...

דער פאָטער האָט פאַרלייגט די הענט אויף דער ברוסט און פאַרריסן דעם קאָפּ, ער האָט זיך אָקאָרשט צעקאָכט:

— דיין אָנקל אַדאָלף קאָן נישט ליידן, ווען כ'רעד וועגן דער וואַקל־דיקער לאַגע פון די יידן אין דייטשלאַנד. אונזער ברודער הערמאַן האָט עס בעסער פאַרשטאַנען, ווען ער איז נאָך מיט יאָרן צוריק אַריבערגעפאָרן קיין אַמעריקע. מיך ציט שוין פון לאַנג אין יענעם פרייען לאַנד, נישט אומזיסט רופן מיך מיינע פריינט, „אַמעריקאַנער". ווי לאַנג איז עס דען, אַז יידן האָבן באַקומען גלייכבאַרעכטיגונג אין דייטשלאַנד. ס'האָט נאָך גאָר נישט אַזוי טיף איינגעדרימלט דער סאַמע גיפטיקער יידן־האַס, וואָס האָט דאָ אַמאָל אַזוי אָפט געבושעוועט, וואָס ווערט איצט קולטיווירט אין אָט די שוואַרצע געהיים־בונדן און קאָן אַ ליאַדע מינוט דורכברעכן. אָט אַזוי זענען מאַנכע ווולקאַן־בערג. יאָרן לאַנג רויק און מיט אַמאָל רייסן זיך דורך די פייעריקע לאַוועס. בלויז נאַרן קאָנען שלאָפן רויק אויף אַזוינע בערג און וואַרטן ביז...

ער איז געבליבן שטיין אין מיטן די רייד. ער האָט נעמלעך ווי פּלו־צים באַמערקט, אַז פריץ הערט אים גאָרנישט. יענער זיצט אַ פאַרטראַכ־טער און קוקט מיט אַ שטאַרן בליק פאָרויס דורכן פענסטער. פריץ האָט אַפילו נישט באַמערקט, ווען דער פאָטער האָט אויפגעהערט רעדן. ווי פריער איז ער געזעסן אומבאַוועגלעך, קוקנדיק שטאַר פאָראויס. האָט זיך דער פאָטער ערשט איצט ווי מיט אַמאָל דערמאָנט, אַז זייט דעם איבער־פאַל האָט זיך פריץ מאָדנע געענדערט. ער שווייגט, ענטפערט קוים אויף אַ פראַגע, קוקט שטענדיק מיט אַ פרעמדן בליק, ווי אַ באַנומענער. ס'האָט

אויסגעזען, ווי ביים איבערפאַל וואָלטן די קוילן פאַרווונדעט נישט נאָר דעם לינקן אָרעם, נאָר אויך די אינערלעכע רו פונם יונג.

— וואָס מיינסטו, פריץ, וועגן דעם, וואָס איך האָב דערציילט?

—פאַרוואָס שווייגסטו?

— ווילסט מיט מיר גאָר נישט רעדן?

ער איז צוגעגאַנגען צום זון, האָט אים צאַרט גענומען פאַר דער רעכטער פּלייצע און פאַמעלעך אַ קער געטון מיט דער האַנט דאָס געזיכט פון פריצן צו זיך.

— זאָג מיר כאָטש איין וואָרט, מיין זון!

פריץ האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט, האָט אָנגעקוקט דעם פאָטער מיט אַ פרעמדן שמייכל.

— אַלע רייד זענען איבעריק. ס'איז שוין אַלץ איינס פאַרפאַלן. ווער ווייסט, צי ס'איז גאָר כדאי צו לעבן. כ'בעט דיך, לאָז מיך אַליין...

דער פאָטער איז געוואָרן בלאַס, ווי די וואַנט. שטענדיק רירעווודיק און איפּבּרוויזנדיק, ווערט ער זייער שטאַרק באַהערשט פון אַ פּלוצימדיקן שרעק. ער האָט מיטאַמאָל דערפילט דאָס אַן אומהיימלעכע טראַגעדיע מאַ־טערט און צערייסט דעם זון, וועלכער שטייט אויף דעם ראַנד פון אַן אָפּ־גרונט. ווי פאַרהיט מען דעם יונג פון אַן אומגליק? וואָס זאָל טון אַ פאָ־טער אין אַזאַ פאַל? וואָס? אַ טויט־שרעק איז אים באַפאַלן. ער האָט זיך אומבאַהאָלפן געקלאַמערט אָן פריצס רעכטער האַנט.

— טו וואָס דו ווילסט, פריץ, אָבער נעם עס נישט אַזוי טראַגיש. כ'פאַרזיכער דיך, אַז...

פריץ האָט אים שוין ווידער נישט געהערט, קוקנדיק שטאַר פאַר־אויס. איז דער פאָטער אויף די שפּיץ־פינגער אַרויס פון צימער אַ פאַר־לאָרענער, אַ דערשראָקענער, גלייך ווי אַ שווער קראַנקער וואָלט דאָ גע־ווען. פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך, האָט ער פאַרצווייפלט געקלערט וועגן רופן צו הילף. די מוטער איז זעלבסט זייער נערוועז און קאָן פון שרעק אים נאָך מער אויפרעגן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז די לעצטע נאַכט פאַרן איבערפאַל האָט פריץ פאַרבראַכט ביי יאָהאַנען און איז אין דער פרי מיט אים צוזאַמען געגאַנגען אַהיים. איז ער, לעאָפּאָלד קעטנער, גלייך אַוועקגעפאָרן צום ברודער אין הויז און דאָרט אויסגעזוכט יאָהאַ־נען. זייער אויפגערעגט האָט ער געדריקט יאָהאַנען די האַנט און געקוקט צו אים מיט בעטנדיקע אויגן.

— דו ביסט, יאָהאַן, דער איינציקער מענטש, וועמען פריץ פאַר־

טרויט זײנע אינטימע געפילן. כ'בעט דיך, לויף צו אים גלײך און לאָז אים נישט אראָפּ פון די אויגן. ס'קומט מיט אים פּאָר עפּעס שרעקלעכעס, כ'האָב מורא, אַז...

בײ אים זענען די רייד געבליבן שטיין אין האלז. און ער, דער פּראַקטישער מענטש, דער „אַמעריקאַנער", דער ברויזנדיקער רעדנער, האָט פּלוצים אַ ציטער געטון מיט די פּלײצעס און זיך קינדיש צעװײנט. ער האָט זיך אָבער באַלד באַהערשט און זיך אַפילו באַמיט צו לאַכן פון זיך זעלבסט:

— נישט אומזיסט זאָגט מען, אַז ס'איז היינט אַ נערװעזער יאָרהונ־דערט, די נערװן זענען היינט בײ אַלעמען שטרויענע. ס'איז אײנפאַך אַ שאַנדע...

אין עטלעכע טעג אַרום האָט אָט װאָס פּאַסירט:

אַרום אַכט אַזייגער אין דער פרי, איז פּריץ געקומען צו יאָהאַנען. אַריבערגעטראָטן די שװעל פון יאָהאַנס צימער, איז ער געבליבן שטיין מיט דעם פאַרבאַנדאַזשירטן לינקן אָרעם, דעם זומער־פּאַלטאָ אויפן רעכטן אָרעם אַריבערגעװאָרפן. דאָס פּנים האָט בײ אים אויסגעזען שטרענג און ערנסט.

— קום שוין, יאָהאַן, מיט מיר אויפן װאָקזאַל — זייער אַ װיכטיקע זאַך...

יאָהאַן האָט אַ קוק געטון אויף פּריצן און גאָרנישט װײטער גע־פרעגט. ער האָט זיך שנעל אָנגעטון און באַלד זענען זײ שװײגנדיק גע־פאָרן אויפן װאָקזאַל. זײ זענען אָנגעקומען אויפן שלעזישן באַנהויף. דאָרט האָבן זײ געפונען פרײלין פאָן־לינעמאַן. זי האָט זײער װאַרים און אויפגערעגט געדריקט יאָהאַנען די האַנט. אירע גרינע מאַלאַכיט־אויגן זענען פול מיט אַ העל־לויכטנדיקער שפּאַנונג, װאָס רופט אַרויס אַ ציטער בײ יאָהאַנען. פּריץ האָט זיך פאַרזיכטיק אומגעקוקט.

— מיר פאָרן איצט אַװעק, יאָהאַן, קיינער װײסט נישט דערפון. יע־דער פון אונז איז אַרויס פון דער הײם אַזוי זיך, אַן זאַכן, אַן װעלכער־ס'איז רײזע־אָנדײטונג. מיר פאָרן אַװעק, װי מיר שטײען און גײען. אין אָװנט װעסטו אַזױ גוט זײן שיקן מיט שנעל־פּאָסט אָט די בײדע בריװ — אײנער איז צום פאָטער און דער אַנדערער צו הער פאָן־לינעמאַן. זײ אַזױ גוט, ליבער יאָהאַן...

פון אַלע זײטן האָבן פײַנטלעכע פּוחות, װאָס אַן אמת, די לעצטע צײט זיך געהעצט מיט העסלעכע דראָאונגען און געשאַפן אַרום זײ אַ שטיקנ־

דיקע אַטמאָספער. ווי תמיד אָבער איז מען אין דער ליבע גענייגט צו איבערטרייבן פאַנטאַסטיש יעדע דראָענדיקע שטערונג, בפרט נאָך אַזעל־כע ווייסטע אַטאַקעס. האָבן זיי איצט אויסגעזען ווי אַנטלויפנדיקע פון אַ באַלאַגערטער, שוין אונטערגעצונדענער שטאָט. דאָס האָט אָבער אומ־היימלעך פאַרטיפט זייער ליבע ביז פאַרגאַפטקייט, ביז לונאַטישער זעלבסט־פאַרגעסנקייט.

זיי האָבן זיך שטום געזעגנט מיט יאָהאַנען. פריץ האָט זיך מיט אים ייִנגליש צעקושט. חברים פון די פריסטע קינדער־יאָרן, האָבן זיי זיך שווער געקאָנט צעשיידן, גלייך ווי פריץ פאָרט אוועק אין עק וועלט אריין. אויך זי האָט זיך מיט אים צעקושט. אויף איר העל־לויכטנדיקע מאַלאַכיט־אויגן האָבן קוים איינגעהאַלטענע טרערן געגלאַנצט.

ווען דער צוג האָט זיך גערירט, האָט פריץ אַרויסגעקוקט צו אים דורכן אָפענעם וואַגאָן־פענסטער (זי איז צוליב פאַרזיכט געפאָרן אין אַן אַנדער וואַגאָן). און כאָטש פריץ האָט פונם אָפּגייענדיקן צוג אים געגריסט מיט דער האַנט, האָט ער שוין באַלד געקוקט מיט אַ שטאַרן פרעמדן בליק.

יאָהאַן האָט ווי געפּלעפט נאָכגעקוקט דעם אַוועקלויפנדיקן צוג. ער האָט מיטאַמאָל דערזען, אַז אין דער ליבע, ווי אינם האַס, איז פאַראַן אומהיימלעכע פאַרפאַלנקייט, עפּעס שטאַרעס, אומבאַוועגזאַמעס, עטוואָס ענלעך צו יענעם שטאַרן בליק, וואָס ער האָט אַמאָל אין די קינדער־יאָרן געזען פאַרטאָג ביי דער שטאַרבנדיקער מוטער. איז דאָס נישט דער זין פונם ביבלישן אויסדרוק, אַז „די ליבע איז שטאַרק, ווי דער טויט״? אינם שטאַרן בליקן פון פריצן האָט עס מאַומדיק געהייסן: מעג די גאַנצע וועלט מיט אים צוזאַמען פאַרברענט ווערן — וועט זיין ליבע נישט אויף אַ האָר נאָכגעבן. ס'איז פאַרפאַלן, אומבאַוועגזאַם, ווי דער טויט! אָבער דאָך קאָן גראָד אין דער ליבע, צום אונטערשיד פון טויט, דאָס שטאַרע דערהויבן און באַלויכטן ווערן, אַזוי לאַנג, ווי מען איז באַוואָפנט מיט דער זעעוודיקער, שטענדיק בויגעוודיקער און דערלייזנדיקער נשמהדיקייט. וואָס־זשע און וווּ־זשע איז אָט די נשמהדיקייט?! קומט עס און פאַרגייט אומגעריכט, ווי אַ בליץ? אָדער ס'איז גאָר אַ... ס'האָט אים פּלוצים פאַר־כאַפּט אַ הייסע בענקשאַפט צו דעם נאַר וואָס אַוועקגעפאָרענעם יוגנט־פריינט, וואָס דער לינקער אָרעם איז ביי אים פאַרבאַנדאַזשירט און זיין נשמה פּלאָגט זיך איינזאַם אין אומבאַקאַנטע לניידן. ביי יאָהאַנען האָט די

אונטערשטע ליפּ אָנגעהויבן קאָנוולסיוו צו ציטערן. ייִנגליש איינגע־הויקערט איז ער מיט וואַקלדיקע טריט אַרויס פון וואָקזאַל.

טאַקע דערפאַר, וואָס יאָהאַן איז אַזוי אויפגערודערט, האָט אויף אים אין יענע טעג געמאַכט אַזאַ דערשיטערנדיקן איינדרוק די אייגנטלעך געוויינלעכע, ווען אויך איינדרוקספולע דערשיינונג פון דער אַרומיקער פרילינגס־נאַטור.

די מעשה איז געווען אַזוי:

ס'איז געשטאַנען די לעצטע וואָך פון מאַי. די וועלט איז אַזוי פול מיט אויפבלי־דראַנג, דאָס אין רעכטן מיטן פון בערלין, פון אָט דער פאַרשמאַיעטער וועלט־שטאָט, האָט עס פּרעכטיק געבליט נישט נאָר אין די שטאָט־גאָרטנס, נאָר טאַקע נאָר אין יעדן ווינקעלע. אַ קליינער גאָרטן אויף אַ הויף, אַ וואַזאָנע אויף אַ פענסטער, איינזאַמע בוימער ביים ראַנד פון טראָטואַרן, אין יעדן שפּאַלט, אויף יעדן פּיצל פרייער ערד — אומעטום האָט עס אימפּעטיק אַדורכגעבליט. נישט נאָר אין די בלומען־געשעפטן, נאָר שיר גישט אין יעדן הויז זענען געשטאַנען אין וואַזעס מאַי־בלומען. ערגעץ אויף אַ ראָג אָדער גאָר אין מיטן גאַס פאַרקויפט מען בלומען. אויף די טראָטואַרן שימערט אַ בלום פון אַ לאַץ אַרויס, פון אַ קאָלירטער מיידל־בלוזע, אָדער עמיצער שפּילט זיך גייענדיק מיט אַ בלום אין דער האַנט. און כאָטש מענטשן זענען פאַרשמאַיעט און מאַכן זיך נישט וויסנדיק, האָט אָבער פאַקטיש די בלום אַדורכגענומען דאָס גאַנצע לעבן. אין די פאַרנאַכטן, דערהויפּט אין די זונטאָגס, לויפן אַלט און יונג הינטער דער שטאָט און דאָרט, אויפן פרייען, גיט מען זיך איבער אָפּן דער צויבער־מאַכט פון דער צעבליטער וועלט.

ביי יאָהאַנען גייט דאָס צימער אַרויס מיט די פענסטער אין גאָרטן אַריין. פלעגט ער זיך אָפּט אויפכאַפּן מיט זון־אויפגאַנג און צולויפן צום אָפענעם פענסטער. נאָך אַ פאַרשלאָפענער פלעגט ער שאַרף דערפילן די שטומע דראַמאַטישע פּאַסירונגען דאָרט אין גאָרטן. אויף אייניקע בוימער וועלקן שוין פאַרחלשט יונגע בלומען, ווען נעבן זיי פּלאַצן קנאָספּן פון אַנדערע ניי־געבאָרענע בלומען. טויט און לעבן פאַרפלעכטן זיך שטום און האַלטן די פרילינגס לופט אין ענטציקטער שפּאַנונג. באַזונדערס נאָענט איז אָבער יאָהאַנען אָנגעגאַנגען דער גורל פונם בעז, פון אָט דער קעניג־לעכער מאַי־בלום, וואָס לאָקט דאָס אויג מיט אירע צאַרטע צויבער־קאָלירן. קיין אַנדער בלום, האָט ער געקלערט, האָט נישט אַזאַ אויסזען, אַזאַ

גערוך, וואָס זאָלן אַזוי טרוימעריש פאַרשיכּורן און זאָלן דערבײַ אַזוי צאַרט און קלאָר דערציילן שטום דעם צויבער־סוד פון פרילינג.

און אָט איצט, די לעצטע טעג פון מאַי, קוקט ער מיט גרויסע אַנגסטן אויף דעם וועלקנדיקן בעז, וואָס מיט אים צוזאַמען וועט אויס־גיין די נשמה פונם פרילינג. דער פאַרוויאַנעטער בעז מיט די שוואַרץ־געוואָרענע בליטעלעך האָבן, ווי דאָס לײַדיקע בײַגעלע פּאַפּיר, ווי דער טויט־שטייפער האָס, דערמאָנט די זעלביקע פאַרגליווערטע לײַדיקייט, וואָס ער האָט נאָך אין די פירסטע קינדער־יאָרן דערזען מיט שרעק. ער פלעגט תמיד מיט זײַן צאַרטער קינסטלערישער נאַטור זייער טיף פילן דעם פאַר־גייענדיקן פרילינג. נאָר היינטיקס מאָל, נאָך די שווערע איבערלעבענישן, איז ער געווען דערשיטערט פון בענקשאַפט. ווהין די זוכענישן נאָך דערלייזונג זאָלן אים נישט פירן, מוז ער אָבער דערוויל ערגעץ־ווו דאָס האַרץ אויסגיסן, אויפמונטערן און דערקוויקן. ס'האָט זיך צופיל אָנגע־קליבן אויף דער נשמה, אַ שוואַרצע מעלאַנכאָליע וויל אים באַהערשן. אין די ציטעריקע פאַרנאַכטן דוכט זיך אים, אַז ער וועט עס גאָר נישט אויסהאַלטן.

אין יענע טעג האָט אָט וואָס געטראָפן.

אַ קריסטלעכער קאָלעגע, אַ סטודענט פון זײַן קורס, האָט אים איינ־מאָל, אַ זונטאָג אין דער פרי, אײַנגעלאַדן צו גיין מיט אים אין אַ קאַטוי־לישער קירך. ס'האָט אויף אים דאָרט געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק די הייסע פייערלעכקייט פון דעם מאָרגן־געבעט, ווען אין אַ פאַרכאַפּטער שטילקייט פאַלן מענטשן אַלע ווײַלע אויף די קני. ער האָט דאָרט געזען אַ יונגע פרוי אין טרויער, אָנגעטון עלעגאַנט אין שוואַרצע קליידער, ווען זי האָט שטייענדיק אויף די קני היים געפליסטערט מיט די ליפּן, און אויף איר פאַרגאַפּטן פּנים האָט זי תּפילהדיק אויסגעדריקט דערשיטערנ־דיקע לײַדן. יאָהאַנען האָט זיך געדוכט, אַז ווען ער וואָלט, ווי אָט די פרוי, געהאַט ווו אויסצוגיסן זײַן האַרץ, וואָלט ער געקאָנט כאָטש אַ ווײַלע אָפּעטעמען פון דער שוואַרצער מעלאַנכאָליע, וואָס נאָגט אים פון די פרי־סטע קינדער־יאָרן און פאַרכאַפּט אים איצט אַזוי דעם אָטעם. פאַרוואָס האָט ער עס גאָר דערזען אין דער קירך און נישט אינם ייִדישן טעמפּל, ווהין מ'האָט אים נאָך קינדווייז געפירט?

(יאָהאַן האָט זיך שטאַרק פאַרטראַכט. ער האָט זיך דערמאָנט זײַנע אַמאָליקע דיסקוסיעס וועגן רעליגיע מיט דעם ייִדישן רעליגיע־לערער, שפּעטער מיט פינטשוקן און ליובינסקין. יענע דיסקוסיעס האָבן אים איצט

אויסגעזען זייער נאַאיוו. (נאָך די שווערע איבערלעבענישן פון דער לעצ־טער צייט, זעט ער אַלץ אין אַ גאָר ניי ליכט...).

אַט דער צופעליקער באַזוך אין דער קירך האָט שפּעטער אַרויסגערופן אַ גאַנצע קייט פון טשעקאַווע צוזאַמענשטויסן און מאָדנע פּאַסירונגען.

שוין יענעם זונטאָג אָוונט איז ער אַריין צום פּאָטער אין קאַבינעט און צוגעשטאַנען צו אים מיט אַ נאַאיווער טענה.

— פאַרוואָס איז די יידישע רעפאָרם־סינאַגאָגע אַזוי דעקאָראַטיוו־קאַלט און שטייף, ווען די קאַטוילישע קירך איז אַזוי היים און שטורמיש? איז דען נישט די יידישע רעליגיע די סאַמע עלטסטע און זודיקסטע?..

דער פּאָטער האָט פאַרכמורעט אַ קוק געטון אויף אים איבער די גאָלדענע פּענסנע, דאָס לינקע אויג שטאַרק פאַרזשמורעט.

— וואָס איז דאָ צו רעדן? אַ רעליגיע איז ווי אַ שוועסטער, וואָס מען קאָן נישט אויסקלייבן, נאָר מען באַקומט זי, ווי זי איז, פון די על־טערן...

דער פּאָטער האָט זיך דערמיט געוואָלט אַרויסדרייען פון שמועס. ער האָט נישט ליב צו באַרירן פראַגן פון יידנטום און רעליגיע, ווי אַנגעוויי־טיקטע שטעלן, וואָס מיט יעדן ריר מאַכט מען זי בלויז שמערצלעכער און וואָס מען דאַרף פעסט פאַרבאַנדאַזשירן און לאָזן איינמאָל פאַר אַלע־מאָל צורו. יאָהאַן האָט אָבער נישט אָפּגעלאָזן.

— די רעפאָרם־סינאַגאָגע, — האָט ער געטענהט, — איז דאָך נישט קיין ירושה, נאָר, פאַרקערט, אַ רעפאָרמירטע, אַן איבערגעמאַכטע דורך די דייטשע יידן. אַט די סינאַגאָגע זעט טאַקע אויס ווי אַ באַשוירענער דעקאָראַציע־בוים, וואָס מען האָט מיט אַ שער געמאַכט גלאַט און קיי־לעכדיק און וואָס האָט דורך דעם פאַרלאָרן די צאַפּלדיקע פרישקייט פון אַ נאַטירלעכן וווּקס. מוזן מיר זיך דען נישט אומקערן צו די הייסע נאַ־טור־קוואַלן פון יידישער רעליגיע, וואָס...

דער באַנקיר איז געוואָרן אויפגערייצט. ער האָט גלייך געעפנט דאָס לינקע אויג, וואָס האָט בייז און איראָניש אַ קוק געטון אויף יאָהאַנען.

— ווייסטו דען נישט, יונגערמאַן, אַז דאָס רעליגיעזע פייער פון דער פאַנאַטישער קירך האָט אין מיטלאַלטער טאַקע געצונדן די שייטער־הויפנס פון דער אינקוויזיציע, אויף וועלכע מ'האָט מיט מערדערישער פרומקייט פאַרברענט אומצייליקע מענטשן. ווו פייעריקע רעליגיע — דאָרט איז פאַנאַטיזם, וואָס פאַרטשאַדעט דעם קאָפּ און דאָס האַרץ פון דער מענטשהייט. די פּראָטעסטאַנטן האָבן אַ היפּש ביסל געמוזט קעמפן,

ביז מען איז ענדלעך פּטור געוואָרן פונם שווארצן פאַנאַטישן פייער, אויך די יידישע רעליגיע האָט נישט ווייניק געבראַכט דעם טשאַד פון פאַנאַטיזם, בלויז אונזער רעפאָרם־טעמפּל האָט נאָך לאַנגע קאַמפן באַ־פרייט דערפון די רעליגיע...

יאָהאַן האָט זיך פאַרוואונדערט א קער געטון.

— ס'איז א מאָדנע זאַך, פאָטער, וואָס די ליבעראַלע יידן און די סאָציאַליסטן, אַזוי פאַרשידן צווישן זיך, האַסן זיי אָבער ביידע גלייך די לעבעדיקע רעליגיע. אויך פאַר די סאָציאַליסטן איז רעליגיע א גיפט, „אַן אָפּיום פאַרן פאָלק", וואָס די הערשנדיקע קלאַסן באַנוצן, כּדי צו פאַרשי־כּורן די געפילן פון פּראָטעסט און קאַמף ביי די אונטערדריקטע מאַסן. דער אונטערשיד איז נאָר, וואָס די סאָציאַליסטן ווילן פאַרניכטן די רע־ליגיע און לאָזן זי איבער דאָך ווי א פּריוואַט־זאַך, ווען די יידישע ליבע־ראַלן מאַכן פון רעליגיע א טויטע מומיע, א קינסטלעכע דעקאָראַציע, א זעלטן־באַזוכטן טעמפּל... דער טשעקאַווער רעזולטאַט איז אומעטום דער־זעלבּיקער. א פּריוואַט־זאַך אָדער א דעקאָראַציע — אין ביידע אופנים איז די רעליגיע נישט געלעבט, נישט געשטאָרבן. ס'זעט אויס, ווי...

דער באַנקיר האָט אים דערשטוינט, אומגעדולדיק איבערגעריסן:

— וואָס־זשע איז, יונגערמאַן, דיין אייגענער אידעאַל? ווי ווילסטו זאָל זיין די רעליגיע — לאָמיר אָקאָרשט הערן!

דער באַנקיר האָט אויף אים א קוק געטון מיט פאַרביסענער נייגיר.

— אפשר איז רעליגיע א מין גייסטיקער אָפּיום, אָבער קיין ציוויליזירט לאַנד פאַרניכטעט נישט דעם אָפּיום, נאָר האַלט אים אין אַפּטייק אויף א רפואה, מיט וועלכער דאָקטוירים היילן מאַנכע קראַמפּן און ליידן ביים מענטשן. ווען אָפּיום איז א פּריוואַט־זאַך, ווי אין כינע, ווערט עס א פאָלקס־אומגליק, נאָר די געזעלשאַפט מוז האָבן א שטרענגע אויפזיכט איבער דעם אָפּיום און אויפהיטן פאַר אַלעמען זיין היילנדיקע קראַפט. טאָקע ווי אָפּיום, טאָר רעליגיע נישט זיין בלויז א פּריוואַט־זאַך אָדער א דעקאָראַציע, נאָר די געזעלשאַפט מוז זי נעמען ערנסט, אפשר אויך טראַ־גיש. מיט אַלע מיטלען פון פאָלקס - דערציונג מוז מען אָפּהיטן די רע־ליגיע פון ווילדן פאַנאַטיזם און אויפהיטן איר היילנדיקע קראַפט. נאָר דאַמאָלס וועט רעליגיע ווערן יענער צויבער־געטראַנק, וואָס היילט פאַר־קראַמפּטע און דערמונטערט פאַרחלשטע. אויף דעם גרויסן וועג צו דער־לייזונג ווערט נישט נאָר דער איינצלנער מענטש, נאָר אויך די מענטשהייט אַזוי אָפט פאַרחלשט, פאַרקראַמפּט, אַז מען מוז האָבן א ביסל גייסטיקן

אַפּיום אויף אַ רפואה, אויף איבערכאַפּן דעם אָטעם, אויף דערמונטערן די נשמה מיט ווזיעס און אַנטפּלעקונגען, אויף...

דער פאָטער האָט אויף זיין שטייפן שטייגער אומגעדולדיק אויפגע־הויבן די הענט, ווי צו שיצן זיך קעגן דעם שטראָם פון יאָהאַנס רייד.

— הער גאָר, יונגערמאַן, כ'בין גאָר נישט אויפגעלייגט פאַר שמועסן וועגן רעליגיע, ס'נודיעט מיך פון אַזעלכע טעאָלאָגישע גריבלענישן. שוין גיכער פּאַסט דיר צו כאַפּן אַ שמועס מיט דיין פרומען אָנקל, פּראָפעסאָר גערבער. ער איז קאָנסערוואַטיוו, אָרטאָדאָקס, היט אָפּ שטרענג דאָס „כּשר עסן", פאַרשטייסט, „כּשר עסן!", מ'שטאָפּט אַזש די קישקעס מיט פרומ־קייט, מיט גאָלע „כּשר". דו ווילסט דאָך פון רעליגיע פייער און טרערן, טשאַד און ווייריך. אפשר וועסטו דיך אויך קוויקן מיט די שיינע ריחות פונם פאַנאַטישן „קיך־יידנטום" ביי דיין אָנקל...

דער אַזוי אויפגערעגטער גיפטיק שפּאָטישער טאָן פונם פאָטער וועגן פרומען אָנקל, האָט יאָהאַנען פאַרוווּנדערט. ער האָט איצט מיט באַזונ־דערער שאַרפקייט דערפילט אַ פאַרביסענעם ווייטגייענדיקן קאַמף צווישן אָט די צוויי ריכטונגען (צווישן די ליבעראַלן און קאָנסערוואַטיוון) ביי יידן אין דייטשלאַנד. ס'האָט געוועקט יאָהאַנס נייגיר. דער פאָטער האָט אים אַלע יאָרן געהאַלטן ווייט פון דער מוטערס „פרומער" משפּחה, אויף וועלכער דער פאָטער האָט געקריצט מיט די ציינער. ווי אַזוי אָבער האָט ער, יאָהאַן, זיך געלאָזט איינרעדן צו איגנאָרירן די אייגענע ברידער פון דער מוטער? צי איז נישט אָקאָרשט אָט די פאַרביסענע שנאה פונם פאָ־טער צו דער מוטערס „פרומער" משפּחה איינע פון די סיבות, וואָס די מוטער האָט זיך געפילט אַזוי איינזאַם אין פּאַלאַץ, ווי אָפּגעשניטן פון אירע אייגענע סביבה־וואָרצלען. אפשר איז טאַקע פאַראַן דאָרט ביי די קאָנסערוואַטיוון אָט די פאַרכאַפּנדיקע הייסע רעליגיעזישקייט?

אויף מאָרגן אין דער פרי האָט ער אויפגעזוכט דעם אָנקל, פּראָפע־סאָר גערבער, אין דער אוניווערזיטעט. אַ הויכער, אַ שלאַנקער מיט אַ שפּיציק צוגעשוירן בלאָנד בערדל, האָט דער פּראָפעסאָר אויסגעזען זייער אימפּאָזאַנט. ס'האָט איבעראַשט אין זיין אויסזען דער טשעקאַווער קעגנ־זאַץ צווישן דעם האַפּנונגסלאָזן פּליך, וואָס האָט זיך געצויגן אויפן גאַנצן קאָפּ ביז צו דער פּאַטיליצע, און דעם יונגן יינגליש פרישן, עטוואָס לענג־לעכן, פּנים מיט ראָזע באַקן און שמייכלענדיקע בלויע אויגן (יאָהאַן האָט מיט בענקשאַפט דערקענט די ענלעכקייט פונם אָנקלס בליק מיט דעם בליק פון זיין מוטער). זיינע רייד און באַוועגונגען זענען גלאַט און קיילעכדיק.

דער פּראָפעסאָר האָט אויפגענומען יאָהאַנען פריינטלעך און ליבלעך, אָבער זייער גלאַסן. ס'איז געווען אפילו מאָדנע, וואָס יאָהאַנס פּלוצימדי־קער באַזוך (צום ערשטן מאָל נאָך דעם טויט פון דער מוטער) האָט נישט אַרויסגערופן ביי אים קיין גרויסע פאַרוווּנדערונג. ער האָט בלויז פריינט־לעך קאַלטבלוטיק אַ פרעג געטון, פאַרוואָס יאָהאַן לאָזט זיך נישט זען.

— כהאָב ערשט די לעצטע צייט, אָנקל, שאַרף דערפילט דעם אַנ־טאַגאָניזם צווישן אייך און מיין פאָטער. ס'איז דער ווייטגייענדיקער קאַמף צווישן ליבעראַלע און קאָנסערוואַטיווע יידן. כ'בין זייער נייגיריק צו באַקענען זיך מיט דעם וועזן פון קאָנסערוואַטיווע יידן, אָרטאָדאָקסן. כ'וואָלט וועלן באַזוכן אייער סינאַגאָגע און...

— ס'פרייט מיך זייער, וואָס ביי דיר האָט אויפגעוואַכט דער אינ־טערעס צו די טראַדיציעס און דער סביבה פון דיין מוטער. כ'וועל דיר טאַקע אָט־וואָס פאַרליינגן. קום צו אונז אין הויז פרייטאָג פאַרנאַכט, וועלן מיר צוזאַמען גיין אין סינאַגאָגע, דערנאָך וועסטו עסן מיט אונז אָוונט־ברויט. פרייטאָג אָוונט באַגעגענען מיר, אָרטאָדאָקסן, דעם סאַבאַט (שבת) זייער פייערלעך — אין סינאַגאָגע און אין דערהיים. דו וועסט זען דאָס סאַמע וויכטיקע...

אָט דאָס באַגעגעניש האָט עס געפירט צו גאָר אומגעריכטע צוזאַמענ־שטויסן, וואָס האָבן יאָהאַנען שטאַרק אויפגערודערט.

ווען יאָהאַן איז געקומען פרייטאָג פאַרנאַכט, האָט ער שוין געטראָפן דעם פּראָפעסאָר אין שוואַרצן ראָק און צילינדער, גרייט די מינוט צו גיין אין סינאַגאָגע. זיינע בלויע אויגן האָבן געקוקט פייערלעך ערנסט. אין עס־צימער האָבן שוין געברענט צוויי ליכט, און פון זייערע פלעמלעך האָט זיך געטראָגן אַן ערנסטע שטילקייט איבער דעם צוגעקליבענעם הויז. דער פּראָפעסאָר האָט אים פאָרגעשטעלט זיין פרוי, זיינע צוויי זין, שוין יונגע סטודענטן, וואָס גייען איצט אויך אין שוואַרצן מיט ווייכע קאַפּע־לושן. יונג ווי זיי זענען, האָבן זיי, ווי דער פאָטער, געשמייכלט צו יאָ־האַנען פריינטלעך און ליבלעך, אָבער אויך זייער גלאַסן, אָן איבעריקער התפעלות איבער דעם ערשטן באַזוך פון אַזאַ נאָענטן שוועסטער־קינד.

אָנגעטון אין זומער־פּאַלטאָס, האָבן זיי זיך געלאָזט גיין אין סינאַגאָ־גע מיט פרום־גלאַסענע טריט. גייענדיק האָט יאָהאַן געקלערט, אַז מען פילט דאָ ביי די גערבערס די זעלביקע שטייף־איינגעהאַלטענע פייערלעכ־קייט, ווי ביי יאָהאַנס פאָטער ערב יום־כּיפּור אויפן וועג צום טעמפּל. דער זעלביקער שוואַרצער ראָק און צילינדער, די זעלביקע יום־טובדיקע גע־

לאַסענע טריט און פרום־דעקאָראַטיווע האַלטונג. דער אונטערשיד איז אָבער, אַז וואָס בײַ די ליבעראַלן איז בלויז אײניקע מאָל אין יאָר (ראָש־השנה און יום־כּיפּור), איז בײַ די קאָנסערוואַטיוון יעדע וואָך, דערצו איז דאָ די רעליגיעזישקייט ערנסטער און געדיכטער. שפּעטער, אין דער סי־נאַגאָגע, האָט יאָהאַן געמוזט עטוואָס בײַטן זײַן מײנונג.

(ס'איז יאָהאַנען אַרויפגעקומען אויפן מח אַ לעבערלעך ־ ייִנגלשע דערינערונג. ווען ער איז נאָך געווען צוזאַמען מיט פריצן אין גימנאַזיע, פלעגן זיי בײדע ליב האָבן טיי. נאָר פריץ פלעגט נעמען פיר שטיקלעך צוקער אויף אַ גלאָז, און יאָהאַן בלויז איין שטיקל. פלעגט פריץ אויס־לאַכן יאָהאַנס טיי, ווי „ביטערוואַסער". פאַר יאָהאַנען, אָבער, איז, פאַר־קערט, יענעמס טיי געווען פריקרע זיס. כאָטש בײדע באַנוצן דעמזעלביקן צוקער, צעטײלט זיי אָבער דער אונטערשיד פון מער אָדער ווייניקער צו־קער. אָט אַזוי האָבן ליבעראַלן און קאָנסערוואַטיווע די זעלביקע רעליגיע־זישקייט, נאָר אין אַזאַ פאַרשידענער דאָזע, אַז פאַרן באַנקיר קעטנער איז נערבערס פרומקייט פריקרע, „פאַנאַטיש", פאַר נערבערן איז, פאַרקערט, קעטנערס טעמפּל־ייִדישקייט בלויז „ביטערוואַסער". יאָהאַן האָט אָבער באַלד אײנגעזען, אַז אָט דער פאַרגלײַך איז צו־אויבערפלעכלעך).

און אָט זענען זיי געקומען צו דער גרויסער סינאַגאָגע פון די קאָנ־סערוואַטיווע אָדער אָרטאָדאָקסישע דײַטשע ייִדן. יאָהאַן האָט זיך נײַגע־ריק אַרומגעקוקט. די סינאַגאָגע איז פיל קלענער, ווי דער טעמפּל, האָט אָבער אויך אַ שײנעם געוועלב און כאָרן. נאָר דער עמוד און די בימה שטײען דאָ אַנדערש. אַ חוץ דעם זענען דאָ די בענק געדיכט באַזעצט און די פרום־אָנגעשטרענגטע פּנימער נעמען דאָס דאַווענען ערנסט. ס'איז דאָ נישטאָ קיין אָרגל, אָבער ס'טראָגט זיך אַ פליסנדיקער געזאַנג פון אַן אומגעזעענעם כאָר דאָרט אויבן. דער חזן שטייט טאַקע אין אַן אָרטאָ־דאָקסיש ברײטן טלית, דאָך איז ער מאָדערן פריזירט, טראָגט מעשה־„קאַנטאָר" אַ קאַנטיקע סאַמעטענע יאַרמאָלקע, און זײַן קול רודערט מו־זיקאַליש איבער דעם פליסנדיקן כאָר־געזאַנג. אַלע דאַוונען פאַרפרומט, נאָר שטרענג קאָרעקט, שטײף אויסגעשטרעקט. אַ פעסטע אָרדענונג איז דאָ, ווי פײערלעך אויסגעקאָוועט, אומצוגענגלעך פאַר כוואַליעדיקע אויפ־רײסנדיקע געפילן. ס'האָט יאָהאַנען אויסגעזען, אַז כאָטש די פרומקייט איז דאָ ביז גאָר אַן ערנסטע, איז אָבער דאָך די נשמה דאָ (ווי אין טעמפּל) געפּענטעט אין טרוקענער שטרענגקייט און קאָן דאָ נישט אויסלעבן די אינ־טים צענגליטע לײדן און געפילן. יאָהאַן האָט אפילו אַ קלער געטון, אַז בײַ

די אָרטאָדאָקסן און ליבעראַלן, ווי ביי די גויעשע פּראָטעסטאַנטן, מערקט מען אַזש אין דער רעליגיע די באַקאַנטע שטריכן פונם הערשנדיקן פּרייסישן מיליטאַריזם: אייזערנע דיסציפּלין, שטייפע אָרדענונג, פייערלעכע וויכטיקייט, פאַרשנורעוועטער עקסטאַז, אָבער טרוקן, אָן כוואַליעדיקן געפיל און אָפן צעגליטער נשמהדיקייט.

ס'האָבן אים אָבער באַלד איבעראַשט צוויי אומגעריכטע דערשיינונגען.

ווי נאָר מען איז געקומען צו דער שטילער שמונה־עשרה, זענען עולם און חזן שטיל געשטאַנען, יעדער האָט געפליסטערט פאַר זיך. א לאַנגע ווײַלע האָט די שטיל געוואָרענע סינאַגאָגע געפליסטערט פרום און דורכדרינגלעך. פון די הענג־לאָמפּן האָט דאָס עלעקטרישע ליכט שבתדיק שטיל געבלישטשעט אין די גלאַנציקע צילינדערס און זיך צעשטרייט איבער דעם הויכן געווע... אין אָט דעם פליסטערן האָט יאָהאַן מיטאַמאָל דערפילט, אַז די ערנסטע פרומקייט, וואָס זעט דאָ אויס אַזוי שטייף און קאַלט, טליעט אָבער ערגעץ אינעווייניק, און וואָלט אַ ליאַדע מינוט אויפגעפלאַמט, ווען מען וואָלט איר נאָר געגעבן פרייע לופט. ווו נעמט מען אָבער ביי אָט דער שטרענגקייט פרייע לופט! און אפשר ווילן זיי מיט אַ כוונה איינהאַלטן דאָס אינערלעכע פייער, ווי מ'שליסט אָפּ, למשל, די לופט ביי אַלטמאָדישע אויוונס, כדי דאָס פייער זאָל נישט אַוועק אין פלאַמען, נאָר זאָל טליען שטיל און זיכער. סיי ווי קאָן אַ צעגליטע נשמה זיך דאָ נישט אויסלעבן.

נאָך איבעראַשנדיקער איז אָבער געווען אַן אַנדערע גאָר מאָדנע דערשיינונג, וואָס האָט שיר נישט אויפגערודערט די גאַנצע סינאַגאָגע. אויף דער זעלביקער באַנק, וווּ יאָהאַן איז געזעסן מיט די גערבערס, האַרט אַרום דער וואַנט רעכטס, איז געשטאַנען אַ מאָדנער פאַרשוין, גאָר נישט ענלעך צום אַרומיקן עולם. אַ פּנים אַ טשעקאַווער אויסלענדער. אַ הויכער, מיט פעסטע פּלייצעס, מיט אַ היפּשער גרוי־ווייסער באָרד, אין אַ זיידענעם היטל און אַ לאַנגן שוואַרצן סורטוק, אַרומגענומען פון אַ זיידענעם געפלאָכטענעם גאַרטל. בשעת דעם גאַנצן דאַווענען האָט ער אַ מינוט נישט גערוט. אָט שאָקלט ער זיך האַסטיק מיט די פּלייצעס, אָט בלייבט ער שטיין, ווי באַנומען, דער קאָפּ מיט דעם זיידענעם היטל עט־וואָס פאַריסן אין דער הויך. אויפפאַלנדיק, ווי אָט דער פאַרשוין איז, האָט מען זיך דאָ צוערשט אויף אים דאָך גאָרנשט אומגעקוקט. מען איז שוין דאָ אין סינאַגאָגע זייט יאָרן צוגעוווינט צו אַזעלכע פאַרבייפאָרנ־

דיקע יידן ערגעץ פון מזרח־אייראָפּע (פּוילן אָדער רוסלאַנד), וואָס קומען אהער זיך היילן צו די בערלינער פּראָפעסאָרן און כאַפּן זיך אריין שבת אין דער אָרטאָדאָקסישער סינאַגאָגע. באַזונדערס אָבער איז אָט דער הויכער ייד מיטן זיידענעם היטל באַקאַנט דער סינאַגאָגע. מען רופט אים דער משולח, כאָטש נישט יעדער דייטש דאָ ווייסט די באַדייטונג פון דעם וואָרט (מ'רעדט ארויס דאָס דאָזיקע וואָרט: מע־שאָו־לאַ־אַך). זייט עטלעכע יאָר קומט אָט דער משולח יעדן אָנהויב זומער, חברט זיך מיט די דייטשע פרומאַקעס קלייבט ביי זיי געלט אויף אַ חסידישער ישיבה ערגעץ אין רוסלאַנד, דאַוונט שבת דווקא דאָ אין סינאַגאָגע און נישט ביי די מזרח־יידן אין דער גרענאַדיר־שטראַסע, ווהין ער וואָלט אייגנטלעך מער געפּאַסט. אַ ליבער צוגעלאָזענער מענטש, באמת ער זיך אויסצוקומען מיט מענטשן, האָט אפילו איבערגענומען מאַנכע דייטשמערישע העפלעכקייטן (טראָגט שוין עטוואָס ענלעכעס צו אַ ווייסן קראַגן, באַנוצט אַזעלכע ווערטער ווי „אַנטשולדיקט״, „ביטע״, שמעקט נישט מער קיין טאַבאַק, ווישט די נאָז מיט אַ ווייסער פאַרטשיילע א. ד. גל.). אָבער גאָר נישט זעלטן קומט אויף אים אַ מין אָנפאַל פון ווילדער פרומקייט, ווען ער ווערט ווי אויסגעטון פון דער וועלט, באַקומט אַן אויסטערלישן אויסזען, וואָס וואַרפט אַן אימה אויף די דייטשן.

ס'פלעגט אָפט פּאַסירן, אַז אינמיטן דאַוונען אָדער גאָר אין אַ רעכטן מיטן שמועס, ווערט ער פלוצים ווי אָפּגעטראָגן, די אויגן ווערן אים פאַרנעפּלט, ער טראַכט אָדער זינגט פאַר זיך, גלייך ווי קיינער וואָלט ארום אים נישט געווען. באַלד אָבער קערט ער צוריק אין שמועס, איז ווידער פריינטלעך און „העפלעך״, גלייך ווי גאָרנישט נישט געשען. ס'פלעגט אויסזען אומהיימלעך אָט דער כוח זיך פלוצים אָנטון און אויסטון פון דער ארומיקער וועלט. ביי די דייטשע אָרטאָדאָקסן רופט ער ארויס אַ געמישט געפיל פון אָפּשיי און ווידערווילן.

(ס'איז אינטערעסאַנט, אַז דאָס זעלביקע געמישטע געפיל האָבן די דייטשע אָרטאָדאָקסן ארויסגעוויזן בכלל צו די רעליגיעזע מזרח־יידן, מיט וועלכע זיי האָבן ליבער צו זיין פונדערווייטנס. ווי פרומע יידן האָבן די דייטשע אָרטאָדאָקסן גרויס אָפּשיי פאַר דער גוואַלטיקער תלמודישער געלערנטקייט פון די מתנגדים אין ליטע, אָדער פאַר דער פלאַמענדיקער רעליגיעזער עקסטאַזקייט פון די חסידים אין פאַרשידענע מזרח־לענדער. מוזן דאָך די דייטשע אָרטאָדאָקסן לערנען מאַנכע ספרים פון די גאונים און גרויסע יידן דאָרט אין מזרח־אייראָפּע אַ חוץ דעם זענען דאָך דאָרט, אין

מזרח, די יידן אין די מיליאָנען מיט די אומהיימלעכע רעזערוון און דער רעליגיעזער גלאָריע פון כנסת ישראל, פון פּאָלקס־מאַסן. זענען אָבער די דייטשע אָרטאָדאָקסן ציוויליזירטע אייראָפּייער מיט פריזירטע בערד און נעשליפענע מאַניערן — ווי אַזעלכע פילן זיי גלייכצייטיק אַ קוים איינגע־האַלטענע פאַראַכטונג צום בטלניש־שלעפּערישן פון אַט די מזרח־יידן, צו זייער ווילד־צעוואַקסענע באָרד און פּיאות, צו די אומגעצווימטע מאַניערן און נעפּילן. ביי אַט די צעבראַסטעטע יידן קלערן זיי, ווען אַ צע־פּרומטער ישיבה־בחור נעמט זיך פאַר אַ גויאיש ביכל, ווערט ער מייסטנס גלייך אָנגעשטעקט מיט אפּיקורסות און צעלאָזענער פרייהייט. אַט ווי אַ קינד, וואָס איז שטענדיק געוויקלט אויף וואַטע, כאַפּט אַ פאַרקילעכץ ביי אַ מינדסטן ווינטל. אָבער זיי, די דייטשע אָרטאָדאָקסן, מעגן זיי זיין אפילו דאָקטוירים און פּראָפעסאָרן, זענען זיי אייזן־פעסט אין זייער פרומ־קייט, וואָס האָט נישט קיין פלאַם און רויך, דערפאַר אָבער זיכער און אָנהאַלטעוודיק. פראַנקפורט, די פעסטונג פון יידישע אָרטאָדאָקסן אין דייטשלאַנד, איז געגנוג שטאָלץ אויף איר אייגענעם שניט, וואָס פאַרמעסט זיך מיט דעם מתנגדישן אָדער חסידישן שניט אין מזרח־אייראָפּע. וואָס פאַר מתנגדים איז דער ווילנער גאון און פאַר חסידים דער בעל־שם פון מעזביז, איז פאַר פראַנקפורט ר׳ שמשון רפאל הירש, דער פאָטער פון דער מאָדערנער אָרטאָדאָקסיע אין דייטשלאַנד. ווילנע מעזביז און פראַנק־פורט — דאָס זענען דריי איינגאַרטיקע צענטערן פון יידישער רעליגיע־זישקייט! אויב דער אויפטו פון חסידות איז געווען די באַהעפטונג פון רעליגיע מיט עקסטאַטישער פרייד, איז עס דער אויפטו פון די דייטשע אָר־טאָדאָקסן די באַהעפטונג פון רעליגיע מיט בילדונג. די חסידים האָבן אַריינגעטראָגן אין דער רעליגיע אָדער אַרויסגעבראַכט פון איר עקסטאַז, טענץ און געזאַנג, און די דייטשע אָרטאָדאָקסן — בילדונג, וועלטלעכ־קייט און עלעגאַנץ. ווען פיל דייטשע יידן האָבן די לעצטע יאָרן אָנגעהויבן איבערזעצן און נעניסן די צויבער־לעגענדעס און לערעס פון חסידיזם, האָבן דערפאַר אין מזרח־אייראָפּע זיך אין די לעצטע יאָרן באַוויזן נישט ווייניק רעליגיעזע מענטשן מיט בילדונג און וועלטלעכער אינטעליגענץ, אינערלעך און אויסערלעך געשליפן אויפן פראַנקפורטער שניט. אין די לעצטע יאָרן פאָרן פיל דייטשע יונגע אָרטאָדאָקסן אין ישיבות פון מזרח־אייראָפּע, כדי אָנצוזאַפּן זיך דאָרט מיט דער נעדיכטער תורה־אַטמאָספער, פאָרן דערפאַר פון מזרח נישט ווייניק פאַרשמאַכטע בחורים אין די דייט־שע ראַבינער־סעמינאַרן, כדי צו שטילן דאָרט דעם דורשט נאָך בילדונג

אין דער רעליגיעז־געשליפענער וויסנשאַפט. ווי ס'פּאַסירט אָפּט אין אַזעל־כע פאַלן, כאַטש יעדער צד זוכט און שעצט אין דעם צווייטן דאָס, וואָס אים פעלט, גרויסט ער זיך אָבער אַנטקעגן יענעם מיט דעם, וואָס נאָר ער אַליין פאַרמאָגט. און אָט די פראַנקפורטער אָרטאָדאָקסן, כאָטש זיי נעמען אויף מיט גרויס אָפּשיי און אַ ברייטער האַנט די צעפּאַטלטע ראש־ישיבות, די רבנים און סתם משולחים, וואָס קומען אָפּט פון די מזרח - לענדער אַהער קלייבן געלט אויף זייערע ישיבות, גלאַנצן אָבער דערביי די אָרטאָ־דאָקסן מיט זייערע ווי פון בראַנז אויסגעגאָסענער פראַנקפורטער ערלעך־יידישקייט. זעצט זיך אַ ראש־ישיבה ביי אַ פראַנקפורטער אָרטאָדאָקס צום טיש מיט רבנישער ברייטקייט, מיט אַ צעוויגטער גרויסער באָרד און אַ סאַמעטענער שפּיציגער יאַרמאָלקע — זיצט אים אַנטקעגן אַן אויסגע־צוואָגענער אָרטאָדאָקס, מייסטנס אַ „הער דאָקטאָר'', מיט פאַרשנורעווע־טער פרומקייט, מיט אַ „כשר''־ראַזירטער באָרד (נישט מיט אַ גאָל־מע־סער, נאָר מיט אַ פּולווער אַזאַ), מיט אַ קעפּקע אויפן קאָפּ. די באַקאַנטע פראַנקפורטער קעפּקע! אַ קליינע, קײלעכדיק־פּלאַכע, שוואַרץ־גלאַטע יאַר־מאָלקעלע, וואָס ליגט אויפן שפּיץ־קאָפּ, ווי אַ שוואַרצער חן־פּלאַסטערל, קוים אַרויסצוזען. קליין, פלאַך, עלעגאַנט, דערפאַר אָבער ווי צוגעקלעפּט און זיכער. פאַרן ראש־ישיבה זעט אויס די אויפן שפּיץ־קאָפּ באַהאַלטענע קעפּקע, ווי אַ גאָטס־גנבֿל, פאַר דעם אָרטאָדאָקס אָבער איז די שפּיציק־סאַמעטענע יאַרמאָלקע אַ שלעפּעריש־ווילדער אויסוווקס...).

מען וואָלט אין סינאַגאָגע מסתמא גאָרנישט באַמערקט דעם משולח מיט דעם זײדענעם היטל, וואָס האָט דאָרט אַרום דער וואָנט זיך אַזוי אימפּעטיס געשאָקלט. האָט אָבער אָט וואָס פּאַסירט. ביי דער שטילער שמונה־עשרה, ווען די גאַנצע סינאַגאָגע האָט פרום געפּליסטערט, האָט זיך פּלוצים דערהערט פון יענעם ווינקל אַן אויפבּרויזנדיק געזאַנג, וואָס האָט אויפגערודערט די גאַנצע פרומע שטילקייט. דער ראַבינער, וואָס שטייט איצט שמונה־עשרה אויף זיין אָרט אויבנאָן נעבן ארון־קודש, האָט זיך אומרויק אומגעקוקט אויפן משולח. שוין ווידער אַ פּנים אַ ווילדער „אָנ־פאַל''. אַזאַ אָנשיקעניש! ערשט פרייטאָג האָט אים דער ראַבינער געגעבן אַן אָנצוהערעניש, צי וואָלט ער, דער משולח, זיך נישט געפילט מער אומ־געשטערט אין אַן אָסט־יידישער סינאַגאָגע אויף דער גרענאַדיר־שטראַסע, וווהין ס'איז גאָרנישט ווייט צו גיין? דערויף ענטפערט אים דער משולח אויף זיין טשעסאָוון שטייגער, אַזוי ווי באַפריינדעטע מלוכות שיקן תמיד איינער צו דער אַנדערער שטענדיקע משולחים אָדער קאָנסולן, אַזוי איז

ער. הייסט דאָס, אַ משולח פון חסידים אין דער דייטשער סינאַגאָגע. אַזאַ מעשה! ס׳איז קיין פּעולה נישט, קלערט דער ראַבינער, מ׳וועט איינפאַך מוזן אים דרינגענד בעטן, ער זאָל גיין דאַוונען צו די זייניקע, אויף דער גרענאַדיר־שטראַסע. וואָס רודערט ער דאָרט אַזוי? דער ראַבינער הערט זיך איין, אויפגערעגט און דערשטוינט. ס׳איז גאָרנישט קיין מוזיקאַלישע געזאַנג, נאָר אַ צעגליטער אומעט זינגט אַרויס פון אַ צאַפּלדיקער נשמה און צעווייגט זיך ברויזנדיק, ווי אַ כוואַליעדיקע ציטעריקייט אין דער לופט. און כאָטש דער אומעט איז פאַרצווייפלט און בעט רחמים, איז ער אָבער טיף אינעווייניק פול מיט באַהאַלטענער פרייד. די ווייענדיקע שטים ברעכט זיך אַלע ווײַלע און פאַרגייט פון אומהיימלעכער מתיקות...

פון אַלע זייטן קוקט מען זיך אום רעכטס אויף יענער באַנק מיט דעם פיינלעכן נייגיר פון מענטשן, וואָס ווערן אינמיטן אַ פייערלעכקייט גע־שטערט דורך אַ זייטיקער פאַסירונג. אַלע האָבן פאַרוווּנדערט דערזען: דער מאָדנער פאַרשוין אינם זיידענעם היטל שטייט ווי באַנומען, די מעכ־טיקע פליִיצעס טוען זיך קוים אַ ריר, נאָר דער קאָפּ באַוועגט זיך רעכטס און לינקס. ביי יעדער באַוועגונג נאָך לינקס ווייזט זיך אַ שטראַלנדיק פּנים מיט געשלאָסענע אויגן און מיט אַ פאַרחלשטן שמייכל, וואָס פאַר־לירט זיך פאַרגאַפט אין דער העל־ווייסער באָרד...

ערשט ווען דער חזן און כאָר האָבן אָנגעהויבן זינגען און פאַרהילכט דעם משולחס אויפברויז, איז דער עולם געקומען צו זיך און ווידער אָנגע־נומען די פריערדיקע שטייף־ערנסטע פייערלעכקייט. נאָר יאָהאַן האָט זיך נישט געקאָנט בארויקן. ווי אַלע מאָל האָבן אָט די וואָרצלדיק־פאַרוואַק־סענע מזרח־יידן געוועקט אין אים אַ וואַרעם געפיל פון אַמאָל־אַמאָליקער היימישקייט. אָבער איצט האָט דאָס גליענדיק־פאַרגאַפטע דאַוונען פון משולח אים טיף גערירט, אָט ווי יענע היימישע אָריענטאַלישע געווירצן, וואָס דערקוויקן אַזוי אומהיימלעך דאָס צעוויטאָגטע האַרץ. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט דאָ צום ערשטן מאָל דערפילט די אומהדיק־הייסע אורקראַפט פון רעליגיע, וואָס קומט פון און צו די סאַמע טיפע־נישן פון דער נשמה. מ׳האָט קוים אָפּגעדאַוונט, איז ער צוגעשטאַנען צום אָנקל:

— ווער איז אָט דער מאַן? כ׳וואָלט זייער וועלן, אָנקל, מיט אים באַ־קאַנט ווערן. כ׳האָב אַנומעלט געלייענט אַ דייטש בוך וועגן די לעגענדעס פון „חסידים", אַ סעקטע אַזאַ אָדער גיכער אַ פאָלקס־באַוועגונג אין מזרח־אייראָפּע. מסתמא ווייסט איר דערפון, איז ער אפשר אויך פון יענע?

— ווי האָסטו עס, יאָהאַן, געטראָפֿן. דער מאַן איז ווירקלעך פֿון די חסידים. ער פֿאָרט אַרום אין פֿאַרשידענע לענדער קלייבן געלט װעגן עפּעס אַ רעליגיעזער אינסטיטוציע אין זיין רוסישער היימאַט. זינט עטלעכע יאָר קומט ער אַהער יעדן אָנהויב זומער. פֿאַראַיאָרן איז ער געװען ביי מיר. ער איז זייער אויסטערליש, מאַנכעס מאָל ווילד־פּאַטעטיש, יעדנפֿאַלס איז ער זייער אַ מערקווירדיקער מענטש. ס'איז אָבער צום שטוינען, וואָס פֿיל יידישע יינגעלייט אין דייטשלאַנד, אַזעלכע ווי דו, לייענען מיט אַזאַ אינטערעס די חסידישע לעגענדעס, האָבן אַזאַ ברענענדיקן נייגיר פֿאַר אָט די חסידים. ביי דיר בלישטשען אַזש די אויגן פֿון נייגיר. כ'פֿאַרנעם זיך די לעצטע יאָרן גראָד מיט דער פֿאַרגלייכנדיקער פֿאָרשונג וועגן דעם לעבן פֿון סעמיטישע פֿעלקער אין פֿאַרשידענע אייראָפּעאישע לענדער, כ'שטודיר צוליב דעם אויך די אָסט־יידן, ספּעציעל די חסידים. ווייסטו, כ'וועל אים איינלאַדן איצט אויף אָוונט־ברויט. אין מזרח־אייראָפּע, זאָגט מען, איז דאָ אפילו אַ רעליגיעזע זיטע איינצולאַדן אין דער סינאַגאָגע אַן אומבאַקאַנטן גאַסט אויף אַ שבת־מאָלצייט, ביי די אָריענטאַלישע פֿעלקער איז עס אַזאַ מנהג, אַז...

מען האָט זיי איבערגעריסן די רייד. דער כאָר נעמלעך האָט געענדיקט די לעצטע אַקאָרדן פֿון „אדון־עולם" — דאָס דאַוונען האָט זיך, הייסט עס, געענדיקט. גריסן זיך אַלע קעגנזייטיק, דריקנדיק פֿייערלעך די הענט און זאָגנדיק „גוט שבת". פֿון אַלע זייטן זענען פֿריינט און באַקאַנטע צוגעקומען צום פּראָפֿעסאָר גערבער.

— גוט שבת, הער פּראָפֿעסאָר!...

— גוט שבת!...

חשובֿע דאַוונער גייען צו אויבן־אָן צום ראַבינער זאָגן אים „גוט שבת". דערווייל האָט דער משולח שוין אָבגעדאַוונט. ער האָט שוין ווידער באַקומען אַ רויקן, במעט העפֿלעכן אויסזען, גלייך ווי גאָרנישט געשען. ער איז אויך צוגעקומען זאָגן דעם ראַבינער „גוט שבת". דאָרט האָט אים דער פּראָפֿעסאָר געפּאַקט און אים איינגעלאַדן אויף אָוונט־ברויט. דער משולח האָט גערן אָנגענומען די איינלאַדונג. ער האָט נאָר געזאָגט, אַז ער מוז נאָך גיין צו זיך אויף אַ פֿערטל שעה אין אכסניא. פֿון דאָרט וועט ער קומען גלייך צום פּראָפֿעסאָר, וואָס וווינט דאָך נישט ווייט פֿון דאַנען.

אין אָט יענעם פֿרייטאָג אָוונט איז דאָס מאָלצייט ביים פּראָפֿעסאָר גערבער געווען פֿול מיט טשעקאַווע שיר נישט געהיימע, איבעראַשונ־

גען, וואָס האָבן געהאַט אַ גוואַלטיקע ווירקונג נישט נאָר אויף יאָהאַנען.

שוין קומענדיק מיט די גערבערס פון דער סינאַגאָגע אַהיים, איז יאָהאַן געווען איבעראַשט, וואָס אין הויז האָט געהערשט נישט ווייניקער, ווי אין סינאַגאָגע, אַן ערנסטע פייערלעכקייט. ער האָט גלייך דערזען, אַז ביי די קאָנסערוואַטיוון (צום אונטערשיד פון די ליבעראַלן) דרינגט אַריין די רעליגיע אין היים און פּריוואַט־לעבן און דערצו נאָך אויף אַ שטרענג ערנסטן שטייגער. אין די צוגעקליבענע חדרים איז געשטאַנען אַ שבת־דיקע שטילקייט. אינם אָפענעם קאַבינעט איז גערבערס שרייב־טיש מיט אַ שיינעם משופּעדיקן צודעק אָפּגעשלאָסן. אין עס־צימער איז דער טיש אַזוי מאָדנע סערווירט. אנטקעגן דעם שיינעם הענג־לאָמפּ מיט די אָנגע־צונדענע עלעקטרישע לעמפּלעך שטייט דער טיש גרייט אין פייערלעך־ערנסטער רויקייט. אויף דעם שניי־ווייסן טישטוך ברענען צוויי ליכט אין זילבערנע לייכטערס, עטוואָס אָפּגערוקט שטייט אַ הויכע דיקע וואַזע מיט פרישע פרילינגס־בלומען, וואָס האָבן זיך טרוימעריש צאַרט אַריינגעלעבט אין דעם שבתדיקן טיש (יעדן פרייטאָג פלעגט דער פּראָפעסאָר זעלבסט קויפן בלומען אויף שבת). אויבנאָן, נישט ווייט פונם פלאַש וויין, ליגן מיט אַ קאָלירטער סערוועט צוגעדעקט צוויי „בּאַרעכעס״, ד. ה. קליינע, געפלאָכטענע, טונקל־ראָזע חלות. אויף דעם ראַנד טיש, אַרום און אַרום, סימעטריש אָפּגערוקט איינער פון צווייטן, אויף די טעלער מיט זילבער־געצייג ביי דער זייט, שטייען פאַרוויקלט שניי־ווייסע סערוועטן, נאַאיוו־שפּיציק אויסגעשטרעקט, ווי פאַרגאַפטע יונגע זעלנערלעך.

באַלד, ווי מען איז אַריין אין שטוב האָט יעדער אויסגעטון דעם הוט און אָנגעטון אויפן שפּיץ־קאָפּ אַ קעפּקע, וואָס מען האָט אויך צוגע־טראָגן יאָהאַנען. צום ערשטן מאָל אין לעבן האָט עס יאָהאַן אָנגעטון אַ קעפּקע, אָט די קליינע קיילעכדיקע פלאַכע יאַרמאָלקע, וואָס ליגט אויפן שפּיץ־קאָפּ באַהאַלטן, ווי אַ שוואַרצער חן־פּלאַסטערל. פון אומגעוויינהייט האָט יאָהאַן זיך אַלע ווײַלע געטאַפּט די ווייכע פלאַכע קעפּקע, ס׳האָט זיך אים געדוכט, אַז מ׳האָט אים די גאַנצע פרומקייט אויפן קאָפּ צוגעקלעפּט (ווען בלויז זיין פאָטער, דער באַנקיר מיט דעם צוגעזשמורעטן לינקן אויג, וואָלט אים געזען דאָ אין דער קעפּקע! ווײַ, ווײַ! דאָס לינקע אויג וואָלט זיך מסתמא אין שרעק געעפנט און וואָלט אַ קוק געטון מיט אַזאַ שטע־כיקן בליק, אַז די קעפּקע וואָלט זיך פון שפּיץ־קאָפּ אַ הויב געטון. אָבער ווער ווייס. אפשר וואָלט די קעפּקע גאָרנישט נתפּעל געוואָרן. יאָהאַן האָט זיך פּלוצים דערמאָנט, אַז ער האָט אַמאָל געזען אַזאַ ענלעכע קעפּקע ביי

אַ קאַטוילישן קאַרדינאַל. דאָרט אָבער איז די קעפּקע, דוכט זיך, גרעסער און אַגרעסיווער. ווי ס'פּאַסירט אָפט, האָט זיך יאָהאַן נישט געקענט גענוי דערמאָנען, כאָטש ער איז געווען זיכער, אַז ס'איז פאַראַן אַ וויכטיקער אונטערשיד צווישן אָט די ביידע אַרטן קעפּקעס).

פּראָפעסאָר גערבער האָט אומגעדולדיק אַ קוק געטון אויפן זייגער. ס'איז שוין פינף מינוט מער ווי אַ פערטל שעה. די אָסט־יידן זענען זייער אומפּינקטלעך. ער האָט נישט געוואָלט וואַרטן אויפן משולח און געמאַכט קידוש אויף וויין. כאָטש דער קידוש, ווי פילעם אַנדערע דאָ, איז פאַר יאָהאַנען גאַנץ ניי און איינדרוקס־פול, האָט אים דאָך איבעראַשט די קאָרעקטע געלאַסנקייט, מיט וועלכער גערבער מאַכט קידוש. די אויגן אָפן, דאָס געזיכט רויק אומבאַוועגלעך, קומט דער קידוש אַראָפּ געלאַסן פון אונטער די ליפּן, מיט דערזעלביקער געזעצטער אינטאָנאַציע, מיט וועלכער מ'האָט פריער געדאַוונט אין סינאַגאָגע.

מ'האָט נאָר אָפּגעמאַכט קידוש, האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. אהא! דער משולח איז געקומען. ער קלינגט נישט שבת מיט דעם טיר־גלעקל, אָנשטאָט דעם קלאַפּט ער. אַ הויכער, אַ ברייטפּלייציקער, מיט דער גרויסער ווייסער באָרד אינם לאַנגן סורטוק מיט דעם געפלאָכטענעם זיידענעם גאַרטל, איז ער האָפערדיק אריין אין עס־צימער מיט געמאָסטענע אָבער קרעפטיקע טריט.

נוט שבת!

נאָך מער ווי אין דער סינאַגאָגע, האָט ער דאָ ביים טיש אויסגעזען טאָקע גאָר ווי אַ מענטש פון אַן אַנדער וועלט. ער איז אָבער: איצט גע־ווען געלאַסן און „העפלעך", האָט אפילו דייטשמעריש געבעטן „ענטשול־דיקונג" פאַר דעם פאַרשפּעטיקן. ס'האָט זיך באַלד ארויסגעשטעלט, אַז אין בערלין טרינקט ער נישט ביי קיינעם קיין וויין און עסט נישט קיין פלייש. אויף וואָס־זשע וועט ער מאַכן קידוש? אויף צוויי חלות! דערזעט דער משולח אויפן טיש די צוויי צוגעדעקטע „באַרכעס". ער כאַפּט אַ קוק אויפן פּראָפעסאָר מיט זיינע צוויי זין און יאָהאַנען, ער וווּנדערט זיך זייער.

— ביי אונז ניט מען אויף יעדן מענטשן צוויי גרויסע חלות, און ביי אייך גאָר אויף אַלעמען צוויי קליינע חלות. אַנטשולדיקט, ס'איז עפּעס נישט אַזוי..

די פרוי גערבער האָט זיך הילכיק צעלאַכט. ס'האָט זיך איר גאַרנישט פאַטופעט אין מוח אַזאַ לעכערלעכע פאַרשווענדערישקייט, ווי שטעלן פאַר

יעדן איינעם צוויי חלות און דערצו נאָך גרויסע, בע־בע־בע... זי האָט אָבער געכאַפּט אַ קוק אויפן משולחס פּנים און איז פּלוצים, אין מיטן לאַכן, שטיל געוואָרן. ביים משולח האָבן זיך די אויגן פאַרנעפּלט, דאָס געזיכט האָט זיך ביי אים מיטאַמאָל געענדערט. אַזוי ווי גערבער האָט שוין געמאַכט קידוש אויף ווײַן, האָט ער אָפּגעגעבן די צוויי „בּארעכעס״ אויף קידוש פאַר דעם משולח, ער זאָל נאָך דערביי מאַכן אויך המאַ־אַ־צע (המוציא) פאַר אַלעמען. האָבן אַלע געוואַשן די הענט, מען האָט צוגערוקט די בּאַרע־כעס רעכטס צום אָרט, וווּ דער משולח האָט זיך געשטעלט. אַלע זענען איצט געשטאַנען און נייגעריק געוואַרט אויף זיין קידוש.

אַ קורצע ווײַלע איז ער געשטאַנען ביים טיש, לעבן די צוגערעקטע בּאַרעכעס, שווייגנדיק, אומבּאַוועגלעך, מיט אַזאַ פרעמדן בּליק, גלייך ווי קיינער וואָלט אַרום אים נישט געווען. דער קאָפּ איז ביי אים געוואָס פאַ־ריסן, די אויסגעשטרעקטע פּלייצעס פול מיט וואַקסנדיקער שפּאַנונג. וואָס קליינט ער זיך אַזוי לאַנג? אַנטקעגן דעם עלעקטרישן הענג־לאָמפּ האָבן פאַר־שטאַכט געבּלישטשעט די זיידענע היטל און דער געפלאָכטענער זיידערנער גאַרטל. פּלוצים האָט זיך ביי אים אויפן פּנים באַוויזן יענער פאַרחלשטער שמייכל, וואָס יאָהאַן האָט פריער ביי אים געזען אין דער סינאַגאָגע. ער האָט געשלאָסן די אויגן און געמאַכט קידוש מיט אַ זאַפטיק קלינגענדיקער שטים. דער קידוש איז ווי פון איין שטיק אויסגעגאָסן, פול מיט היים וויברירענדיקן אימפּעט, וואָס זעט דאָ אויס אַזוי פרעמד און מעכטיק ווילד. אָבער גלייך נאָך קידוש איז דער משולח ווידער היימיש, פריינטלעך און העפלעך. ווי נאָך אַ טשיקאַווער שפּאַנונג האָבן אַלע נאָך קידוש אָפּגעאָטעמט און זיך געזעצט אַרום טיש, מ׳האָט אָקאָרשט פאַרזוכט די זיסלעך־ווייכע שטיקלעך בּארעכעס. נאָר יאָהאַנען האָט עס אויסגעזען אומהיימלעך, דער־שרעקענדיק לעגענדאַריש, ווי שנעל דער משולח גייט אַריבּער פון איין צושטאַנד אינם אַנדערן, ווי ער פאַרוואַנדלט זיך דאָס אַלע ווײַלע.

ס׳איז באַלד פאַרגעקומען אַ קליינער אינצידענט. דער יינגערער זון גערבערס האָט צוגעטראָגן דעם משולח אַ קעפּקע. ס׳איז אין גערבערס הויז איינגעפירט צו דערלאַנגען יעדן גאַסט פאַרן אָנהויב עסן אַ קעפּקע. דער משולח האָט זיך היימיש לוסטיק צעלאַכט. ער דאַרף נישט קיין פרעמדע קעפּקעס, אין איין רגע האָט ער אַראָפּגענומען דאָס זיידענע היטל און איז געבּליבן, צו אַלעמענס ערשטוינען, זיצן אין אַ גרויסער בּלויער סאַמע־טענער יאַרמאָלקע מיט אַ געוועלבטן שפּיץ. קיינער אַ חוץ דעם פּראָפעסאָר האָט דאָ ביים טיש נישט געוווּסט, אַז פיל פרומע מזרח־יידן, בּאַזונדערס

די חסידים, טראָגן שטענדיק אונטערן היטל אַ גרויסע יאַרמאָלקע. האָבן איצט די קליינע קעפּקעס אויף די שפּיץ־קעפּ אויסגעזען ווי שפּיל־פּלאַס־טערלעך אַנטקעגן דער האָפערדיקער בלוי־סאַמעטענער יאַרמאָלקע, וואָס האָט בלישטשענדיק זיך געוועלבט אין דער הויך.

מ'האָט דערלאַנגט די פּיש. אַלע זענען אויפגעלייגט. די אַנוועזנהייט פון משולח רופט אַרויס שפּאַנונג און נייגיר, וואָס פאַרשאַרפן די געוויינט־לעכע פייערלעכקייט פון אַ שבת־מאָלצייט. ס'פאַרקאָכט זיך אַ טשעקאַווע אונטערהאַנדלונג. נאָר פּראָפעסאָר גערבער האָט אַריינגעצויגן דעם משולח אין אַן ערנסטן שמועס, וואָס האָט באַקומען גאָר אַן אומגעריכטן אויס־גאַנג.

— ווי געפעלט אייך אונזער סינאַגאָגע?

— ווערדליק ווי פאַר בערלין איז עס אַ שיינע סינאַגאָגע. מ'זעט באַ־שיימפּערלעך, אַז יידן גלויבן דאָ אַן אמת, מיינען עס ערנסט, היטן אָפּ שטרענג די תורה און..

יאָהאַן איז געוואָרן עטוואָס אומרויק ער האָט נעמלעך ווייניק פאַר־שטאַנען דעם משולחס רייד, ווייל יענער האָט גערעדט יידיש. כמעט ווי צום ערשטן מאָל האָט ער עס געהערט רעדן יידיש. (מיט איניקע יאָרן צוריק האָט ער איינמאָל עטוואָס געהערט יידיש־רעדן אויף דער יידיש־רוסישער סטודענטן פאַרזאַמלונג, וואָס ער האָט אָבער דאַמאָלס פון גרויס אויפרעגונג ווייניק באַמערקט. ער האָט ערגעץ געלייענט, אַז נאָך מיט יאָר־הונדערטן צוריק האָבן אַרויסגעוואַנדערט יידן פון דייטשלאַנד מיטגענומען די דייטשע שפּראַך אין מזרח־אייראָפּע און דאָרט געמאַכט פון איר אַן אייגענעם יידישן דיאַלעקט). דערזען יאָהאַנס שפּאַנונג, האָט פּראָפעסאָר גערבער שמייכלענדיק דערקלערט און איבערגעזעצט יאָהאַנען די אומפאַר־שטענדלעכע זאַצן, יאָהאַן האָט זיך פאַמעלעך איינגעוווינט מיט דעם משולחס שפּראַך. ווי די באָרדיקע מזרח־יידן, האָט אים אויך דער ווייכער און שאַרף אימפּעטיקער יידישער דיאַלעקט אויסגעזען וואָרצלדיק פאַרוואַקסן און האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ וואַרעמע, האַלב־פאַרגעסענע, אַמאָל־אַמאָליקע היימישקייט.

דער משולח האָט פאַרענדיקט:

... מ'דאַוונט ביי אייך זייער פרום — פאַר בערלין איז עס טאַקע אַ שיינע סינאַגאָגע...

— פאַרוואָס עפּעס נאָר פאַר בערלין?

דער משולח האָט געמאַכט אַ מינע פון אַ מענטשן, וואָס האָט געוואָלט

זיין ווי מעגלעך דעליקאַט און „העפלעך'', נאָר מ'שלעפּט אים פאַר דער צונג. אין מיטן וואָך וואָלט ער זיך מסתמא איינגעהאַלטן, אָבער איצט, פרייטיק צונאַכטס נאָך קידוש, אין דער בלוי סאַמעטענער יאַרמאָלקע, איז ער ביי זיך ברייט אין דער דעה.

— איר ווייסט דאָך נהרא, נהרא ופשטיה — יעדער טייך האָט זיך זיין גאַנג און יעדע מדינה איר שטייגער. ווו מ'האָט ליב, למשל, א רויע פרישע אוגערקע, נאָר וואָס פון דער ערד אַראָפּגענומען, און ווו מ'האָט ליב אַן אוגערקע, אַ מאַרינירטע אין עסיק און געווירצן. ביי אונז איז די סינאַגאָגע אַ פרישע, נישט קיין געפּוצטע, פון טיפן האַרצן אַרויס; ביי אייך איז אַלץ געפּוצט און געצאַצקעט, דער חזן פאַרהילכט מיט שיינע געזאַנגען, זעלטן ביי וועמען די באָרד איז נישט צוגעפּוצט, אפילו דער חזן האָט נישט קיין באָרד. כ'ווייס, אַז ביי אייך מאַכט מען צורעכט די באָרד נישט, חלילה, מיט קיין גאָל־מעסער, נאָר מיט אַ שערל, אָדער גאָר אַ סם אַזאַ. אפשר מעג מען עס טאַקע, אָבער די באָרד איז סיי ווי אַ פאַר־סמטע. זעלטן ווער ס'האָט דאָ דעם מוט צו טראָגן אַ גאַנצע אומבאַרירטע געשטאַלט, דעם עכטן פּנים פון אברהם אבינו, אָדער עמיצער זאָל עס אַ דאַוון טון פון האַרצן אַרויס, מיט לייב און לעבן, איינפאַך און זודיק, רחמנא ליבא בעי, — דער אייבערשטער האָט ליב דאָס האַרץ, געוואַלד, דאָס האַרץ!...

מ'האָט דערווייל אָפּגעגעסן די פיש, דעם משולח, וואָס עסט נישט קיין פלייש האָט מען דערלאַנגט אַ מין פאַרעווע קאַרטאָפל סאַלאַט און קאָמפּאָט. אין די גלעזער האָט מען אָנגעגאָסן פרישן ביר. דער פּראָפעסאָר האָט זיך געפילט געטראָפן פון דעם משולחס רייד, ער האָט אים געענט־פערט שאַרף, כאָטש זייער געלאַסן.

— וואָס איז די פעולה פון אייער האַרץ־פרומקייט, אַז ווי נאָר איי־ערער אַ ייִנגערמאַן נעמט זיך פאַר בילדונג, ווערט ער מיינסטנס אַן אפיקורס. אָט זענען איצט דאָ אין בערלין עטלעכע הונדערט ייִדישע סטו־דענטן פון רוסלאַנד, איז צווישן זיי זעלטן־ווער אַ פרומער, נישט קיין מחלל שבת, די מייסטן זענען גאָר, זאָגט מען, פאַרבאַקטע סאָציאַליסטן. זיי ווערן טאַקע באַשטראָפט אויף דער וועלט. אָנומלט זענען פאַרגעקומען אין אוניווערזיטעט אומרוען אַנטקעגן אָט די אויסלענדישע סטודענטן. ס'איז שווער פאַר זיי זיך איינצושטעלן... די גאַנצע פרומקייט פון אייערע ייִדן קאָן זעלטן ביישטיין אַנטקעגן דעם מינדעסטן ווינקל פון בילדונג. ביי

אונזערע אָרטאָדאָקסן אָבער איז אַ דאָקטאָר, אַ גרויסער געלערנטער, אַפּט נאָך פרומער פון אַ פּראָסטן מענטשן...

דער משולח האָט גענענדיקט דעם קאָמפּאָט און פאַרטראַכט אַ זופּ געטון שוימענדיקן ביר פון גלאָז. כאָטש מ׳האָט געלייגט אַ ווייסע סערוועטקע לעבן אים, האָט ער איינפאַך מיט די פינגער אָפּגעווישט דעם שוים פון באָרד און וואָנצן. שבתדיק אויפגעלייגט, האָט ער פריינטלעך שמייכלענדיק זיך אַ קער געטון צום פּראָפעסאָר.

— איר זאָלט קיין פאַראיבל נישט האָבן, וועל איך אייך דערציילן. מ׳זאָגט, אַז ווען דער אַלטער גראַניעווער רבי, זכרונו לברכה, איז געווען אין בערלין, האָט ער זיך אָנגעטון ווי אַ דייטשל און איז שבת אין דער פרי געגאַנגען צו אייך אין סינאַגאָגע דאַווענען. ער האָט דערנאָכדעם געזאָגט, אַז אָט די סינאַגאָגע איז אַן אמתדיקע פאָטאָגראַפיע פון יידישקייט (דאָס וואָרט „פאָטאָגראַפיע״ קומט אַרויס ביי אים אויסטערליש צעצויגן). ווי אַ פאָטאָגראַפיע גיט די סינאַגאָגע איבער אַלעס פּינקטלעך, ס׳פעלט נישט קיין האָר, נאָר אָן לעבן. ס׳איז אָבער אַ שיינע פאָטאָגראַפיע, דער איבערשטער וויל זי האָבן. די מעשה איז, וואָס אַ פאַרוואָרצלטע אונגערקע קאָן וואַקסן און קאָן פוילן, אַ מאַרינירטע קאָן ביידע זאַכן נישט. ביי האָרץ־פרומקייט קאָן מען דערוואַקסן צו אַ הייליקן, אַ קדוש עליון אָדער חלילה, פאַלן אין אָפּגרונט פון אפיקורסות. ביי די דייטשע אָרטאָדאָקסן זענען ווייניק־הייליקע און ווייניק אפיקורסים — מאַרינירטע פרומקייט. דערפון נעמט זיך, וואָס...

— איר דאַרפט זיך נישט ערלויבן, הער משולח, אַזוינע אויסדרוקן, ס׳איז כמעט אַ חוצפה...

— געוויס, יעדער אויפשטייג איז אַ חוצפה. וואָס איז דען מ׳שטייגט געזאָגט, דער מענטש, אַ פּשוטער בשר ודם, מיט אַלע זיינע שוואַכקייטן, און דאָך רייסט ער זיך צום הימל מיט געוואַלד, מיט חוצפה, מיט מסירת נפש. און אַז אַ נשמה רייסט זיך צום הימל, דערנענטערט זיך דער הימל צו איר. מ׳דערפילט די גנאָד פון זיין ליבן נאָמען. כימי השמים על הארץ — ווי די הימלס־טעג אויף דער ערד, ווי די...

ער איז געבליבן שטיין אינמיטן די רייד. די אויגן האָבן זיך אים פלוצים פאַרנעפּלט. אויפן פּנים האָט זיך באַוויזן אַ פאַרחלשטער שמייכל. אַ רגע האָט אים פאַרכאַפּט דער אָטעם. ער האָט אָנגעהויבן זינגען פאַר זיך, גלייך ווי קיינער וואָלט אַרום אים נישט געווען. ווי אין אַ סינאַגאָגע, האָט איצט פון דער ברוסט אַרויסגעזונגען אַ צעגליטער אומעט, דורכגעדרונגען פון

באַהאַלטן ציטעריקער פרייד. צוערשט פילט דער פּראָפעסאָר אַ פיינלעכן ניגיר און אָפּנייגונג צו אָט דעם ווילדן אויסברוך, וואָס זעט אים טייל־ווייז אויס, ווי שלעפערישע אומבאַהערשטקייט. באַלד אָבער ווערט ער, ווי די גאַנצע פאַמיליע, טיף גערירט פון דעם אַזוי ערשיטערטן וואַנדערער. וואָס איז דאָס מיט אים? פול מיט איינגעהאַלטענע פלאַמען, קאָרטשעט זיך דער ניגון און בויגט זיך, קרעמפּט, ווערט צעדרויבלט און פאַרגייט. דער משולח שאָקלט זיך אַ ווײַלע שטום, קוים וואָס ער אָטעמט. מיט אים צו־זאַמען שאָקלט זיך דער בלויער סאַמעט פון דער געוועלבטער יאַרמאָלקע, וואָס בלישטשעט פאַרהלשט אַנטקעגן דעם הענג־לאָמפּ און די צאַנקנדיקע שבת ליכט... אָבער ערגעץ ווו אינעווייניק האָט זיך דער ניגון ווידער צו־נויפגענומען, און אָט רייסט זיך דער ניגון דורך, ווי אַ העל ליכטיקער פלאַם, דער פאַרחלשטער שמייכל צעגליט זיך איבער דער גרוי־ווייסער באָרד... אין רעכטן מיטן טוט זיך דער משולח אַ כאַפּ, הערט אויף זינגען, שמייכלט שוין ווידער צו די אַרומיקע פריינדלעך און אויפגעלייגט.

— ס'איז שוין אפשר צייט צו בענטשן...

זיינע ווערטער זענען מאָדנע צוגעדושעט. אפנים ער איז נאָך נישט אינגאַנצן געקומען צו זיך. ער האָט פאַרטראַכט אָנגעטון דאָס זיידענע היטל אויף דער יאַרמאָלקע אַזוי, דאָס די דאָזיקע ווערט אינגאַנצן פאַרדעקט פון דעם היטל. וווּנדערט זיך יאָהאַן, ווי פּינקטלעך און שנעל דער משולח טוט עס אָן דאָס היטל און פּאַסט עס צונויף מיט דער יאַרמאָלקע, כאָטש ער איז אַזוי טיף פאַרכאַפּט. ס'איז די בלינד זעעוודיקע פּינקטלעכקייט פון אַ באַנומענעם. מ'האָט אָנגעהויבן בענטשן. באַנומען און פאַרטראַכט פּליס־מערט דער משולח שטיל און געלאַסן, נאָר די אָפענע אויגן קוקן ערגעץ פאַראויס מיט אַ פאַרנעפּלטן בליק. (דער בליק וועקט ביי יאָהאַנען טיף שניידנדיקע און דאָך אומקלאָרע ערינערונגען, וואָס ער האָט איצט נישט געקענט אויפכאַפּן און וואָס האָט זיך ערשט שפּעטער דערמאָנט). דער־פילן אַלע אומהיימלעך, אַז ער זיצט ביים טיש אַ פרעמדער, אַ נישט־דאָ־איקער. נאָכן בענטשן איז ער אויפגעשטאַנען, נאָך אַלץ פאַרטראַכט און באַנומען. ווי ער האָט פריער מיט דער בלינד־זעעוודיקער פּינקטלעכקייט פון אַ באַנומענעם געלאַסן אָנגעטון דאָס היטל, אַזוי האָט ער איצט געלאָזט אַ קוק געטון אויף אַלעמען מיט אַ פאַרנעפּלטן פרעמדן בליק, האָט אַ נייג געטון דעם קאָפּ צום געזעגנען זיך, און נאָך איידער מ'האָט זיך אַרומ־געקוקט, איז ער מיט פאַרזונקענע טריט אַרויס פון הויז.

אַ רגע זענען אַלע געזעסן ווי געפּלעפט. פלוצים האָט זיך ביים טיש

דערהערט אַ שלוכצן. אַלע האָבן זיך דערשראָקן אומגעקוקט: ביי יאָהאַנען האָט די אונטערשטע ליפּ קאָנוואַלסיוו געציטערט, ער איז געווען בלאַס און ערשיטערט, די אַרויסגעשטאַרצטע אויגן האָבן געגלאַנצט.

— וואָס איז מיט דיר, יאָהאַן, וואָס איז דאָ וואָס אויפצוערגן זיך? נעם אַ טרונק קאַלטן וואַסער, אָט איז אַ גלאָז...

פרוי גערבער איז אַנגעפאַלן אויפן פּראָפעסאָר מיט אַ וויסטן געשריי:

— וואָס שלעפּסטו דו אהער בלויז אָט די ווילדע אָסט־יידן, אָט די פאַרשווינענע פון דער גרענאַדיר - שטראַסע, וואָס רייסן זיך שטענדיק אויף די גלייכע ווענט און ווירקן איינעם אויף די נערוון. דאָס זענען דאָך ווילדע פאַנאַטיקער, דערווישן, מענטשן אָן אַ מאָס און אָן אַ גרענעץ. זענען זיי פרום — איז הימל עפן זיך; נעמען זיי זיך צו בילדונג — ווערן זיי גע־פערלעכע אַטעאיסטן, רעוואָלוציאָנערן, וועלט־איבערקערער. האָסטו דאָך עס נאָר וואָס אַליין געזאָגט. די הונדערטער רוסיש־יידישע סטודענטן דאָ זענען אַלע אַטעאיסטן, סאָציאַליסטן — און זייערע טאַטעס אין רוסלאַנד מיט די פרומע אומגעקעמטע בערד גלאָצן די אויגן און...

פרוי גערבער האָט מיט אירע היציקע רייד זיך זעלבסט אויפגעהעצט. זי האָט אַזש געטופּעט מיט די פיס אויף דעם פּראָפעסאָר:

— כ'וועל זיי אויפן שוועל נישט אַרויפלאָזן. ווילסטו זיי שטודירן, די אָסט־יידן, ברענג זיי צו זיך אין סעמינאַר, אין סינאַגאָגע, אָבער נישט צו די קינדער אין הויז. וועט מען זיך באַצייטנס נישט אַרומקוקן, וועט מען נאָך פאַרפלייצט ווערן פון דער גרענאַדיר־שטראַסע. מ'וועט נאָך מוזן שבת צו ביידע מאָלצייטן שטעלן פאַר יעדן איינעם צוויי ריזיק־גרויסע באַרעכעס מיט גרויסע שנייד־מעסערס, כע־כע־כע...

דאָס פּלוצים אויפגעטויכטע בילד פון ריזיקע באַרעכעס האָט זי גע־מאַכט לאַכנדיק און דורכדעם איבערגעריסן אירע היציקע רייד, וואָס האָבן אָבער שוין ווי אַ בייזער ווינט סיי ווי צעשטרויט די אומהיימלעכע אַט־מאָספערע. אויך יאָהאַן האָט זיך באַרואיקט, כאָטש ער איז נאָך געווען טשוואַס בלאַס און צעמישט.

גייענדיק אַהיים האָט יאָהאַן געקלערט, אַז ווי זיין פאָטער, דער ליבעראַל, האַסט די „פאַנאַטישע" גערבערס, די קאָנסערוואַטיווע, מחמת זייערע ערנסטערע פרומקייט, אַזוי האַסן די גערבערס זעלבסט די „ווילד־פאַנאַטישע" מזרח־יידן מחמת זייערע עכטערע פרומקייט, וואָס פירט צו די סאַמע פייעריקע טיפענישן פון דער רעליגיע. יאָהאַן איז געווען ווי עלעקטריזירט פון פיינלעך אומקלאָרע געפילן און ערינערונגען. אין דער

היים איז ער אַ לאַנגע צייט געלעגן מיט אָפענע אויגן אינם טונקעלן צימער. ערשט איצט האָט ער זיך דערמאָנט די אומהיימלעכע ענלעכקייט צווישן דעם פאַרנעפּלטן פרעמדן בליק פונם משולח און דעם שטאַרן פרעמדן בליק פון פריצן בשעת זיין געהיימען אוועקפאָר אויף דעם שלעזישן באַנהויף. נאָר ביים משולח איז דער שטאַרער בליק פון אינעווייניק באַלויכטן און דערהויבן. צום אונטערשייד פון ליבע איז די באַנומענקייט פון עכּמער זודיקער רעליגיע דאָ פול דורכגעדרונגען מיט באַרוישנדיקע וועלטןאויפבויענדיקע וויזיעס. דער צעגליטער ניגון פון משולח האָט געהילכט אין די סאַמע טיפעניש פון זיין נשמה און געוועקט ביי אים נייע טרוימען און האָפנונגען. ס'האָט אים אויסגעזען, אַז אָט די וואָרצעליק פאַרוואַקסענע מזרח־יידן האָבן דעם היילנדיקן אָפּיום פון רעליגיע, וואָס אין אומרויינע הענט קאָן עס טאַקע ווערן אַ גיפט, אַ באַטויבונג פאַרן פאָלק, אָבער געלויטערט אין דער אַפּטייק פונם גייסט ווערט עס אָן אָפּיום אויף אַ רפואה, אויף דערהויבנדיקע זעאונגען און אַנטפּלעקונגען, אויף... איז נישט אָקאָרשט דער חסידיזם, אָט די שאַפונג פון מיליאָנען יידן אין מזרח, טאַקע געווען יענע אַפּטייק פונם יידישן גייסט? ווי איז עס אָבער געקומען, וואָס... יאָהאַן האָט פּלוצים דערפילט די שטום צוזאַגנדיקע אינערלעכקייט פונם משולחס צעגליטן ניגון, וואָס האָט אַליין טיפער געהילכט אין זיין נשמה. ערשט פאַרטאָג איז ער אַ פאַרטרוימטער איינגעשלאָפן.

פון דאַמאָלס אָן האָט יאָהאַן אָנגעהויבן שטודירן די געשיכטע פון יידישע רעליגיעזע באַוועגונגען, די מיסטיק. הויפּטזעכלעך אָבער האָבן אים פאַרכאַפּט די דייטשע שריפטן וועגן חסידות, וואָס האָבן זיך אין יענער צייט (די לעצטע יאָרן פאַר דער וועלט מלחמה) אָנגעהויבן שטאַרק אַנטוויקלען אין דייטשלאַנד. אָבער וואָס מער ער האָט שטודירט, וואָס מער ער האָט דערפילט די גליענדיקע עכטקייט פון דער חסידישער פאָלקסבאַוועגונג, אַליין ווייניקער האָט ער געוווסט, ווי זיך איינצוואָרצלען אין אָט דער פרעכטיקער אָבער פרעמדער וועלט, ווי צו פאַרבינדן וויפיל ס'איז ממשותדיק דעם חסידישן גייסט מיט זיין דייטש אינטעליגענטישן וועזן. אָט ווי בוימער, איינגעוואָרצלטע אין אַ שטיינערנעם באָדן, קוקן פאַרשמאַכט אויף אַ ווייטיקע זאַפטיקע געגנט, נישט וויסנדיק אָבער ווי זיך אַהין אַריבערצופלאַנצן. ווי זאָל טאַקע קענען אַ דייטשער, ליבעראַל ערצויגענער סטודענט, אַריינוואַקסן אינם חסידישן באָדן מיט זיינע גלויבונגען, טראַדיציעס און מנהגים, וואָס זענען דאָך אַזוי וועזנטלעך פאַרן חסידישן גייסט, ווי פאַרבן פאַר אַ בילד...

דערווייל האָט זיך אָנגערוקט אַ גרויס געשעעניש פול פון צוויבערלעבער ענטציקונג. אין חודש יולי איז געקומען אין בערלין העלענאַ מיט אירע עלטערן. און טאַקע סוף יולי האָט מען באַשיידן געפייערט די חתונה אינם שטילן פּאַלאַץ פון די קעטנערס. ס׳איז געווען אַ פרייד צו קוקן אויף יאָהאַנען און העלענען, וואָס זענען געווען בלאָס פון גליק און טרוימען. אָבער נאָך מער ווי אויף די תנאים, איז זייער גליק איצט געווען דורכגעדרונגען פון אַ ציטעריקן אומעט. דער קליינער מוזיק סאַלאָן און דער שלאָפצימער פון דער פרי פאַרשטאָרבענער מוטער, די פאָרגעקומענע דאָרט געהיימע באַגעגעניש אַ מאָל פאַרטאָג, די שפּעטערע קאָנפליקטן און ראַנגלענישן, — האָבן געוועקט צעווייטיקטע ערינערונגען, האָבן אימהדיק דערמאָנט דעם לויערנדיקן אָפּגרונט פון לעבן און האָבן פון ס׳ניי ווי אַ מאַגנעט געצויגן יאָהאַנען צו זוכן דערלייזונג און דערלויכטונג.

אָנהויב אויגוסט זענען זיי אַוועקגעפאָרן אויף אַ לאַנגער שטודיען־רייזע איבער דער וועלט, וואָס איז גלייכצייטיק געווען אַ לוסט־רייזע. —

ביבליאטעק
פעטאלומע

8

דאס לעצטע געהיימניש און דער אומהיימלעכער שטילשטאנד

קיינער האט זיך נישט געריכט אויף אזא אויסגאנג און ווען עס האט פאסירט האט מען עס גארנישט געקענט באגרייפן. דאך האט מען זיך פון פארשידענע זייטן געוואונדערט, פארוואס האט מען אויף א צענטן פאל נישט פאראויסגעזען די מעגלעכקייט פונם אומגעריכטן.

אויפפאלנדיק אבער איז דא געווען די אלט באקאנטע אילוזיע, וואס מ'האט פון א געגנשטאנד, ווען ס'באוועגט זיך אזוי שנעל, אז ס'זעט אזש אויס אומבאוועגלעך. דאס ארעמע נאאיווע מענטשלעכע אויג קאן נעבעך נישט אויפכאפן קיין צו שטורמישע באוועגונג, וואס זעט דערפאר אויס ווי שטילשטאנד, אין בעסטן פאל ווי א שטורמישער שטילשטאנד. צי א געירשנטע קרענקלעכע אומרו, צי דער געהיימער נשמה־ברוך אין דער פריסטער קינדהייט, צי זיין טרוימעריש צארטע קינסטלער־נאטור, צי אט די אלע סיבות האבן צוזאמען געווירקט — אזוי אדער אנדערש האט יאהאן א גאנץ לעבן געקעמפט און גערודערט, אליין נישט גערוט און אנדערע נישט געלאזט רוען, אלץ פרובירט און אומדערמידלעך קריטיקירט, האט זיך שטענדיק געראנגלט אין אייגענע אדער פרעמדע דראמעס. אבער אט האבן שווערע געשעענישן אזוי אויפגערודערט יאהאנען און האבן אין זיין שטענדיק צאפלדיקער נשמה אויפגעווירבלט אזא שטורעם, וואס האט שוין אויסגעזען פאר די ארומיקע ווי אן אומהיימלעכער שטילשטאנד, ווי אן אפשרעקנדיקע גייסט־קראנקהייט. האבן די ארומיקע אין שרעק גערופן נערוון־דאקטוירים, פסיכיאטערן, וואס אין מאנכע שווערע פאלן ווייסן זיי אייגנטלעך נישט פיל מער ווי געוויינלעכע מענטשן, נאר וואס האבן דורך פארשערישער געוווינהייט פארלאפן דעם שרעק און דרך־ארץ פאר די רעטענישן פון גייסט־קראנקהייט. אבער אין דעם פאל פון יאהאנען האבן אויך די דאקטוירים א היפשע ווײַלע זיך פארלוירן

און געפּלאָנטערט. אין אַזאַ אומהיימלעכן שטילשטאַנד איז יאָהאַן אויף אַ לאַנגער צייט פאַרזונקען. געגנג פאַרוויקלט און אימהדיק טשיקאַווע איז בכלל די אַנטשטייונג פון אַ גייסט-קראַנקהייט, נאָר דאָ איז עס אַ פּנים געווען עפּעס מער און עפּעס אַנדערש, ווי ס'האָט באַוויזן דער שפּעטער-דיקער אויפשטייג.

געקומען איז עס אָבער נישט נאָר אומגעריכט, נאָר אומבאַמערקט.

אין משך פון אַ קנאַפּן יאָר האָבן יאָהאַן מיט העלענען געמאַכט אַ טור איבער פאַרשידענע לענדער. דורכגערייזט פראַנקרייך און איטאַליע, האָבן זיי זיך געלאָזט (לויט אָנווייזונגען פון פּראָפעסאָר שולצהיימער) אויפן מיטלענדישן ים און אָריענט. זיי האָבן מיט נייגיר און שפּאַנונג שטודירט פאַרשידענע פעלקער, — זייערע גלויבנס, זיטן, אינסטיטוציעס און שטרעמונגען. אין יעדן לאַנד האָבן זיי געקאָנט געפינען און באַוואונדערן דעם ספּעציעלן אויפטו פון יעדן פאָלק און זיין אייגענעם וועג צו גליק און דערלייזונג. גלייכצייטיק האָבן זיי ביי יעדן פאָלק אויך געזען זיינע אייגענע שטרויכלונגען און שוואַכקייטן. צוערשט האָט זיך פאַמעלעך געשאַפן דער איינדרוק, אַז אַלע וועגן פון פאַרשידענע פעלקער און קולטורן פירן, יעדער אויף זיין פאָלקס-שטייגער, צו דערלייזונג, נאָר אויף יעדן וועג איז פאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס פאַרפירט אין אַ זייט, וואָס לאָזט נישט גיין פאָראויס. האָבן, למשל, די אָריענטאַלישע פעלקער אין אַלגעמיין אַ זודיקן טיף ברויזנ-דיקן גלויבן, אַן אינערלעכע נאָנטקייט צו דער נאַטור — ווערן זיי אָבער פאַרקריפּלט פון פינסטערן אָבערגלויבן און שקלאַפישער אָפּגעשטאַנענקייט. הויבן אָבער אָן דאָרט מאַנכע יונגע מענטשן באַקומען אייראָפּעאישע ביל-דונג און ווערן ציוויליזירט — פאַרלירן זיי צוזאַמען מיט דעם אָבערגלויבן אויך דעם זאַפטיקן גלויבן און די גליקלעך נאַאיווע נאַטירלעכקייט.

דער איינדרוק אָבער האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן פאַר זייער אויבער-פלאַכלעך. די געוואַלדיקע פאַרבנרייכקייט און די אומצאָליקע פאַרשידנ-קייטן פון פעלקער און לענדער האָבן פאַר זיי געעפנט (ווי פּראָפעסאָר שולצהיימער האָט עס פאָראויסגעזאָגט) גאָר נייע, פיל ברייטערע האָרי-זאָנטן.

דער איבערברוך איז טאַקע געקומען אין אָריענט אויף אַ גאָר מערק-ווירדיקן אופן.

אין קאַהירע זענען זיי צוגעשטאַנען צו אַ פּאַרטיע טוריסטן, וואָס האָבן אַראַנזשירט אַ וואַנדער-רייזע אויף קעמלען מיט אַראַבישע פירער. מער ווי דרייסיק טוריסטן זענען פּאַרטיקאַג צוזאַמענגעקומען אויפן טרעף-

פּונקט, ווו די אַראַבּישע פירער זענען געשטאַנען גרייט מיט די קעמלען. ס'האָט זיך אויסגעבילדעט אַן אימפּאָזאַנטער קאַראַוואַן. די קעמלען אַליין מאַכן אויף יאָהאַנען אַ גאָר אויסטערלישן איינדרוק. משונה־הויכע, מיט אַ בּאַרגיקן האָרב, דער קאָפּ הויך און שטאָלץ פאַריסן — און דאָך ווי שטום הכנעהדיק טראָגן זיי אַן אַרויפגעלייגטע משא. ביים גיין באַוועגן זיי די פאַריסענע קעפּ ריטמיש, שפּאַנען לאַנגזאַם, טריט בּיי טריט, פייערלעך געלאַסן, גלייך ווי זיי וואָלטן אויסדריקן דעם באַהאַלטענעם שטאָלץ פון שטומער געדולד, וואָס איז שטענדיק גרייט צו טראָגן אַ וועלט אויף די פּלייצעס. וווּנדערלעך איז נאָך אָט וואָס. כּדי דער מענטש זאָל קאָנען אַרויפקומען אויף זיין בּאַרגיקן האָרב, פאַרבויגט דער קעמל די פיס און לייגט זיך מיט דעם בּויך צו דער ערד, דערבּיי איז דאָך דער קאָפּ פאַריסן מיט באַהאַלטענעם שטאָלץ. אָט דער טשיקאַווער אויסזען פון די קעמלען האָט יאָהאַנען אַרויסגעפירט אויפן געדאַנק, וואָס האָט שפּעטער געווירקט אויף זיינע באַציאונגען צום אָריענט. וואָס בּיי די קעמלען איז בּלויז בּלינדע נאַטור, האָט יאָהאַן געקלערט, באַקומט ביים אָריענטאַלישן מענטשן נשמה און באַוווּסטזיין. מיט וועלכער רעליגיעזער געדולד טראָגן דאָ די אָרעמע מאַסן זייער נויט און עלנד. צי איז עס נישט, האָט יאָהאַן געקלערט, אויך דער געוואַלדיקער כּח פון די אָריענטאַלישע פעלקער צו דערפילן און טראָגן דעם צער פון דער וועלט. געקומען פון אָריענט, זענען יידן דאָס סאַמע לײדנדיקע פאָלק, וואָס טראָגט אין דער געשיכטע די מאַוומדיקע צינדנדיקע מיסטעריע פון לײדן...

און אָט האָט זיך דער קאַראַוואַן גערירט און איז שפּעטער אַרויס אין אַ היים־זאַמדיקן מדבּר־געגנט. ווען אונטער דער גליענדיקער זון זענען די קעמלען געגאַנגען מיט געלאַסענע טריט, שטום פייערלעך, פאַראויס, און אַראַבּער אין לאַנגע קאָלירטע העמדער־כּאַלאַטן מיט רויטע שפּיציקע יאַרמאָלקעס אויף די קעפּ האָבן פאַרצויגן אַן איינטאָניקן טרויעריקן געזאַנג, איינטאָניק צעגליט ווי דער מדבּר — איז בּיי יאָהאַנען אויף אַ ווײַלע, ווי אַ ליכט אויפגעגאַנגען אין דער נשמה. דער ווילד פרעמדער און דאָך אַזוי נאָענטער איינטאָניקער טרויער־געזאַנג, די שטומע פייערלעכקייט פון די געלאַסענע קעמלען, פון אייבּיק וויסטן און דאָך מעכטיק צעגליטן מדבּר — דאָס אַלץ האָט געוועקט אַן אימהדיקע פאָרשטעלונג וועגן די אומצייליקע געהיימע טיפענישן פון לעבּן און דער אומענדלעכער רחבות פון דער וועלט. אינם ליכט פון אַזאַ וועלט־באַנעם האָבּן אויסגעזען נעבּעכדיק פּראָווינציאַנעל (ווי שולצהיימער

האָט זיך אויסגעדריקט) אַלע זיינע באַגריפן פון „גוט" און „שלעכט", אַפילו דער באַגריף פון דערלייזונג. רייטנדיק באַרגיק הויך אויף די קעמלען, האָבן יאָהאַן און העלענע זיך לייכט געוויגט, באַוועגנדיק זיך פאָראויס מיטן קאַראַוואַן, און האָבן שטום, אָן ווערטער, זיך איבערגעגעבן דעם פאַרוויגנדיק-איינשלעפערנדיקן, צעגליטן צויבער פונם מדבר-געזאַנג.

ווען יאָהאַן האָט זיך אָבער אין אָוונט אומגעקערט אין האָטעל מיט דעם שרייענדיקן נאָכגעמאַכטן איראָפּעאישן גלאַנץ — איז ער שנעל געקומען צו זיך און איז שוין ווידער געווען אין דער מאַכט פון זיין היימישער בענקשאַפט נאָך דערלייזונג און אויפלויכטונג. ערשט אין אַ צייט אַרום האָט די דאָזיקע מדבר-איבערלעבעניש פּלוצים אויפגעטויכט ביי יאָהאַנען און באַקומען גאָר אומגעריכטע באַדייטונג.

דערווייל האָבן זיך אָנגערוקט נייע געשעענישן.

נאָך איידער עס האָט זיך געענדיקט דאָס ערשטע יאָר פון זייער שטודיע-רייזע, יולי 1914, האָבן זיי פּלוצים באַקומען די ידיעה וועגן דעם אויסברוך פון דער וועלט-מלחמה. העלענאַ געדענקט נאָך ווי היינט אַלע פּרטים, וואָס מ'האָט זי דערנאָכדעם נישט איינמאָל איבערגעפרעגט. אין דער גרויסער אָריענטאַלישער פּאָרט-שטאָט, אַ היים אָנגעגליטער זומער-נאָכמיטאָג, אין רעסטאָראַן ביי דער מאָלצייט האָבן זיי באַקומען די צייטונגס-טעלעגראַמע וועגן דער וועלט-מלחמה. יאָהאַן איז געווען טיף איבערראַשט, האָט זיך אָבער גוט באַהערשט, ער האָט עטלעכע מאָל איבערגעלייענט די טעלעגראַמעס, האָט קיין איין וואָרט נישט דורכגעלאָזט. זינט דאַמאָלס איז ער געוואָרן זייער ערנסט פאַרטראַכט. ס'האָט זיך איצט באַזונדערס אַרויסגעוויזן זיין שטענדיקע „שוואַכקייט" אויפצונעמען פּראָבלעמען אַזוי ערנסט, גלייך ווי זיי וואָלטן גייען אים אין לעבן.

— ס'איז אַ מאָדנע זאַך, העלענאַ, וואָס נישט נאָר געוויינטלעכע מענטשן, נאָר אויך מלוכה-לייט האָבן אפשר מיט אַ חודש צוריק נאָך נישט געוווסט גענוי און זיכער וועגן דעם אויסברוך פון אַ מלחמה. אָט זיצן דאָרט ביים טיש הויבע באַאַמטע פון רוסלאַנד, צווישן זיי באַרימטע סענאַטאָרן, זיי זענען אַזוי איבעראַשט פון דער צייטונגס-טעלעגראַם, ווי מיר. זעסט, די וויסנשאַפט קאָן שוין לאַנג פאָרויסזען גענוי און זיכער, טאַקע אויף פיל יאָרן פאָרויס, דעם גאַנג פון פּלאַנעטן און קאָמעטן. נאָר דער מענטש און די מענטשהייט ווייסן נישט זייער אייגענעם מאָרגן. נאָכמער, די באַציונגען צווישן פעלקער און גרופּן זענען תמיד פול מיט דינאַמיט, וואָס קיינער קאָן נישט אויף זיכער נישט פאַרהיטן, נישט פאָרויסזען זייער אויפ-

רײַס. בקיצור, די קאַטאַסטראָפע איז שוין געקומען. מיר מוזן מיט דער ערשטער שיף פאָרן אַהיים, מיר מוזן זיך שוין גרייטן, טאַקע שוין... בשעת אַ מלחמה ווייסט מען אודאי נישט דעם מאָרגן — נישט דער איינציקער מענטש, נישט גאַנצע פעלקער....

דעם גאַנצן טאָג זענען זיי געווען פאַרנומען מיט פיבערהאַפטע פאָר־בערייטונגען צו דער רייזע (זיי איז געלונגען צו באַקומען שיפסקאַרטן אויף דער שיף, וואָס גייט אָפּ אויף מאָרגן נאָכמיטאָג).. שפּעט אין אָוונט איז יאָהאַן מיטאַמאָל געוואָרן אומעטיק. ס'איז אויף אים געקומען אַ שווע־רער מעלאַנכאָלישער אָנפאַל. העלענאַ איז שוין געווען צוגעוווינט צו זײַנע מעלאַנכאָלישע שטימונגען, וואָס זענען די לעצטע צייט אָבער פיל זעלטענער געוואָרן. אין אַזוינע מאָמענטן, ווייסט זי, מוז מען אים לאָזן אַליין, פאַר זיך. ער זעט אויס דאַמאָלט זייער פאַרטיפט און קאָנצענטרירט, מיט איי־גענע גייסטיקע אָנשטרענגונגען איבערקומט ער תמיד די טרויעריקייט, פון וועלכער ער וואַכט שפּעטער אויף ווי געלויטערט און באַרייכערט. אָט ווי נאָך אַ שלאַגס־רעגן איז די ערד צעווייכט, אויפגעפרישט, און שמייכלט זאַפטיק אַנטקעגן דער זון...

היינטיקס מאָל איז עס געווען עפּעס אַנדערש. כאָטש אָט די אַנדערש־קייט איז נישט געווען אַזוי אויפפאַלנדיק, איז עס דאָך אָפּנים געווען דער אָנזאָג פון דער קומענדיקער דראַמע, נאָר מ'האָט עס באַצייטנס נישט באַ־מערקט. ער האָט אַ גאַנצע נאַכט נישט צוגעמאַכט מיט קיין אויג, אויפן פּנים איז נישט געווען קיין שפּור פון פאַרטראַכט זײַן. ער איז געלעגן אומבאַוועגלעך, די אויגן אָפן מיט אַ ליידיקן שטאַרן בליק, גלייך ווי היינ־טיקס מאָל וואָלטן אויך די געדאַנקען פאַרקלעמט געוואָרן פונם טרויער.

אויף מאָרגן זענען זיי אַוועקגעפאָרן מיט דער שיף. די ים־רייזע האָט אויף אים צוערשט וווּנדערלעך געווירקט. שוין אויפן צווייטן טאָג איז ער אויפן שיף געקומען צו זיך. ער איז אָבער היינט נישט אויפגעלייגט און שטראַלנדיק, ווי אַלעמאָל נאָך אַ טרויער־אָנפאַל. ער איז גאָר זייער ערנסט, פאַרטראַכט, כאָטש זייער באַרייסדעווודיק. ס'זעט אויס ווי די פריער פאַרקלעמטע (בשעתן נעכטיקן טרויער־אָנפאַל) געדאַנקען וואָלטן איצט מיט אַמאָל אַרויסגעפּראַלט. ער האַלט איצט אין איין אַריינטענהן מיט העלענען. ס'ווייזט זיך דערביי אַרויס אַ שטריך, וואָס האָט אים דאָס גאַנצע לעבן געמאַכט אויסזען אַזוי אויסטערליש־טשיקאַווע און וואָס רופט אָבער אַרויס ענטציקונג ביי העלענען. ער רעדט נעמלעך וועגן געדאַנקען און וועלט־פּראָבלעמען מיט אַזאַ טאָן, מיט אַזאַ פּאַרקאָכטקייט, גלייך ווי ס'גייט אים

אין לעבן. זי האָט אים (דוכט זיך איר) קיינמאָל אַזוי נישט ליב געהאַט, ווי איצט אויף דער שיף, בשעת זיינע האַרציק־פּאַרקאַכטע רייד. ער זעט איר אויס אַזוי נאַאיוו־קינדלעך, אַזוי דערהויבן. נאָר אַזוינע נאַאיווע מענטשן, קלערט זי פאַר זיך, וועלן אפשר אַמאָל אַרויסשלעפּן די קלוגע אָדער גאָר איבערקלוגע וועלט פון דער מיאוסער בלאָטע.

האָבן זיינע געדאַנקען גענומען אַ גאָר מאָדנע ריכטונג, וואָס האָט שפּעטער באַקומען טראַגישע באַדייטונג.

ס'איז אַ שיינער זייער הייסער זומער־טאָג. די זון האָט זיך אָן יעדן אָפּהאַלט צעגליט איבער דער וועלט, נאָר דער ים איז רואיק און בלישטשעט מיט איינגעהאַלטענעם אימפּעט אַנטקעגן דער זון. די שיף טראָגט זיך פאַר־אויס מיט זיכערער גלייכמעסיקער שנעלקייט, די רואיקע כוואַליעס פאַר־דעקן אַלע ווייַלע די שפּורן הינטער דער פּאַראויספאָרנדיקער שיף. יאָהאַן און העלענע זיצן ביידע אויפן דעק, אונטער דער שוץ פון אַן אויפגע־שטעלטן זון־שירעם. יאָהאַן קוקט מיט די אַרויסגעשטאַרצטע מאַנדל־אויגן אויף די קוים־איינגעהאַלטענע ים־כוואַליעס.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שמועס, וואָס האָט זיך העלענען איינגע־קריצט אין זכרון און וואָס מ'האָט שפּעטער (ביי די וויטערע געשעענישן) געהאַלטן אין איין קאָמענטירן. די איינפאַך אַרויסגעזאָגטע ערנסטע גע־דאַנקען יאָהאַנס האָבן ערשט שפּעטער באַקומען אומגעריכט טראַגישן אינהאַלט אינעם ליכט פון די אָנגעקומענע געשעענישן.

— דאָס דערשרעקנדיקע איז דאָך, העלענאַ, וואָס מענטשן טוען דאָ עפּעס קעגן זייער ווילן און נאַטור. דער מענטש איז דאָך פון נאַטור אַ בויער, אַן אויפטוער. אַ קליין קינד האָט שוין ליב אויפצושטעלן פיגורן אָדער אַ שטיבעלע פון קלעצלעך, נישטערט און פּרובירט שטענדיק, כדי עפּעס נייעס אויסצולערנען אָדער אויפצובויען. זינט די מענטשהייט עק־זיסטירט האַלט מען אין איין בויען און שאַפן. ס'וואַקסן כסדר ריזיקע שטעט און לענדער, אייזערנע בריקן ווערן פאַרלייגט איבער אָפּגרונטן, אין אומגעהויערע טיפענישן פון דער ערד ווערן טונעלן דורכגעבראָכן. און אַט פּלוצים קומט אַ בלינדע מאַכט פון מלחמה, וואָס שלעפּט צונויף מיל־יאָנען און שטעקט זיי אָן מיט דעם סטיכיאישן דראַנג צו פאַרניכטן מענטשלעכע לעבנס און מענטשלעכע האַרעוואַניעס. דאָס אומהיימלעכע איז אָבער, וואָס ס'קומט ווי אַ בלינדע מאַכט, וואָס פאַרכאַפּט מיטאַמאָל מיליאָנען מוחות און הערצער און וואָס...

העלענע האָט זיך דערנאָכדעם גענוי געקאָנט דערמאָנען, אַז ביי אַט

די רייד איז ער פּלוצים בלאַס געוואָרן, האָט זיך פאַרטראַכט און געזאָגט ווייטער:

— פאַרשטייסטו, ברעכט אויס אַ מלחמה, קאָן שוין קיינער נישט אויפהאַלטן דעם בלינדן דראַנג פון מאָרד און פאַרניכטונג, וואָס גייט פאָראויס מיט דער שוואַרצער פאַרפאַלנקייט פון טויט. ס'האָט דאָ מער נישט קיין שליטה דאָס מענטשלעך בויגעוודיקע, דאָס עלאַסטיש נשמהדיקע. ס'איז די פאַרגליווערטע לײדיקייט פון פאַרניכטונג. אַלע רעליגיעס און זייערע גײַסטלעכע, סאָציאַליסטן, דענקער, פּאָעטן און אַלע אַנדערע גײַס־טיקע מענטשן ווילן נישט אָפּשטעלן, נאָר ווילן ווי געווײנטלעך מיטהעלפן די איינמאָל אָנגעהויבענע מלחמה. האָסט געלייענט, ווי די סאָציאַליסטן האָבן רעאַגירט אין רײַכסטאַג, ווי אין אַלע קירכן ווערן אָפּגעהאַלטן תפילות פאַר דעם גליק פון די סאָלדאַטישע וואָפן, ווי די...

ער האָט זיך מיט אַ געהיימער מינע אַרומגעקוקט, האָט זיך אַ רוק געטון נענטער צו העלענען און מיט אַ שטילער שטים געזאָגט.

— ווייסטו, אין די פּריסטשע קינדער־יאָרן, האָב איך געזען דעם שטאַרן בליק פון אַ שטאַרבנדיקן, פול מיט פאַרגליווערטער לײדיקייט פון טויט. ווי ס'פּאַסירט מיט מאַנכע ערשטערונגען פון די קינדער־יאָרן, האָט עס זיך טיף איינגעשניטן אין מײַן נשמה, ס'האָט מיך אַ גאַנצן לעבן געצויגן ווי אַ מאַגנעט צו זוכן דערלייזונג. כ'האָב דערנאָכדעם בסדר געזען דעמזעל־ביקן שטאַרן טויט־בליק אין די בלינדע האַס־לײדנשאַפטן בײַ יעדן צעיר־שעטן קאַמף פון אינטערעסן אָדער גאָר אידייען. כ'האָב עס פּערזענלעך איבערגעלעבט בשעת דער בר ־ מצוה ־ פייערונג מיט איר בלינד שטיי־פער פאַרפרעמדקייט, ביים ווילדן אויסברוך פון ריכאַרדן פון היינ־ריך דעם ערשטן, פון... בקיצור, אומעטום לויערט די פאַרגליווערטע לײַ־דיקייט פונם שטאַרן טויט־בליק, ס'פלעגט בײַ מיר אָפט אַזש אַרויסרופן אַ מעלאַנכאָלישן אָנפאַל. כ'האָב אָבער תמיד געקענט באַקומען אַזאַ אָנ־פאַל דורך פאַרצווייפלטע גײַסטיקע ראַנגלענישן. נאָר איצט האָט די פאַרגלי־ווערטע לײדיקייט פאַרכאַפּט די גאַנצע וועלט, אַ בלינדער טויטן־טאַנץ פון אַלע פעלקער. ס'ברענגט אויף מיר מעלאַנכאָליע, וואָס כ'קאָן שוין נישט מער באַהערשן. ס'רייסט זיך עפּעס בײַ מיר אינעווייניק...

איצט האָט עס העלענען פּלוצים אויפגערעגט, וואָס ער איז אַזוי אַי־בערטריבן זיכער אין זײַנע געדאַנקען און נעמט זיי אַזוי פּערזענלעך טראַ־גיש. זי האָט אים אומגעדולדיק איבערגעריסן. מורא האָבנדיק פאַר זײַנע נערוון באַדראָטע דורך די שווערע שטימונגען, האָט זי זיך איצט געפּרוווט

ענערגיש אַנטקעגנשטעלן זיינע טרויעריקע געדאַנקען, וואָס האָבן אין תּוך ביי איר געפונען אַ באַהאַלטענעם אָפּקלאַנג.

— צי ביסטו נישט, יאָהאַן, זייער איינזייטיק. מלחמות ווי רעוואָלוציעס האָבן דאָך נישט איינמאָל געבראַכט פרייהייט און רעטונג, ווי כירורגישע אָפּעראַציעס ברענגען אָפט היילונג און רעטונג פאַר אַ קראַנקן. כ׳זע אָבער, אַז ביי דיר איז עס עפּעס פאַרבונדן מיט אַן ערשיטערונג פון די פריסטע קינדער־יאָרן. האָסט מיר קיינמאָל וועגן דעם נישט דערמאָנט. קאָנסטו מיר עפּעס וועגן דעם דערציילן, כ׳בעט דיך זייער...

— פאַרשטייסטו, העלענע, מען קאָן נישט מאַכן קיין אָפּעראַציע אויף דעם האַרצן זעלבסט — ווי נאָר מ׳שניידט אַריין אַ מעסער אין האַרצן, — איז נאָך אַלעמען. די בלינדע מאַכט פון אַ מלחמה מיט דער שוואַרצער פאַרפאַלנקייט פון מיליאָנען מאָרד און מאַסן־פאַרניכטונג איז אַ טויט־שניט אינם סאַמע האַרצן פון דער מענטשהייט...

— וואָס־זשע ביסטו דען, יאָהאַן, דער איינציקער פיינער מענטש אויף דער וועלט? ס׳איז אפשר גאָר אַן אומרעכט, צו האַלטן זיך קליגער אָדער פיינער פאַר מיליאָנען מענטשן, אַנשטאָט צו בלוטן מיט זיי צוזאַמען...

— כ׳וועל דיר טאַקע גלייך ערקלערן, העלענאַ, פאַרוואָס אַזוינע מענטשן ווי איך פילן אַנדערש די מלחמה, ווי די מייסטע מענטשן. ס׳איז ווי ווען מ׳שטעלט פּאָקן אין די קינדער־יאָרן און מען בלייבט דערנאָכדעם אויפן גאַנצן לעבן אומצוגענגלעך פאַר אַ פּאָקן־עפּידעמיע, אַזוי האָט די טראַגישע באַגעגעניש אין די קינדער־יאָרן מיט דעם שטאַרן בליק פון טויט מיך געמאַכט אומצוגענגלעך פאַר דער בלינדער מלחמה־עפּידעמיע. ווייל כ׳בין נישט אָנגעשטעקט פון אָט דער עפּידעמיע, ווער איך טאַקע נישט פאַרבלענדעט ווי די מייסטע, און זע דערפאַר קלאָר דעם גאַנצן שוואַרצן שווידער פון דער מלחמה, וואָס קאָן איינעם פון זינען אַראָפּברענגען... דו ווילסט וויסן וועגן מיין אַמאָליקער טראַגישער באַגעגעניש?

ער האָט געמאַכט אַ פּויזע, האָט זיך אַ ווײַלע קאָנטיק געקווענקלט, נאָך אַ געוויסער אָנשטרענגונג האָט ער געזאָגט.

— כ׳האָב עס קיינעם אין לעבן נישט דערציילט, כ׳האָב עס בכלל קיינמאָל אויף די ליפּן נישט אַרויסגעבראַכט. כ׳וועל עס אָבער דיר דערציילן מיט דער איבערצייגונג, אַז דער סוד פון מיין קינדהייט וועט בלייבן צווישן אונז. דו ווייסט דאָך, כ׳בין אַלט געווען אַן ערך צען יאָר, ווען מיין מוטער איז געוואָרן גייסט־קראַנק און מ׳האָט זי געהיים אָפּגעשלאָסן.

כ'האָב אין שרעק און בענקשאַפט אויסגעקוקט די אויגן. דאַמאָלס האָב איך זיך איינמאָל פאַרטאָג, אינמיטן אַ שרעק־חלום אויפגעכאַפּט אין גרויסע אַנגסטן, ס'האָט מיך געהויבן פון בעט און, אַ באָרוועסער, אין נאַכט־העמד, בין איך...

ער האָט איר אַלעס אויספירלעך דערציילט, ס'האָט העלענען איבער־ראַשט נישט נאָר די אומגעוויינטלעכע פּאַסירונג זעלבסט, נאָר אויך די אַלע טראַגישע פּרטים, וואָס האָבן זיך אַזוי טיף איינגעשניטן אינעם זכרון און אינעם האַרצן פון יאָהאַנען. ער דערציילט עס אַזוי פאַרכאַפּט, דאָס ער איז אַזש בלאַס פון אויפרעגונג. ס'האָט זי געשראָקן די שטרענגע ליניע, וואָס ציט זיך ביי יאָהאַנען אַזוי קרענקלעך אויסגעהאַלטן פונעם שטאַרן טויט־בליק מיט דער פאַרגליווערטער ליידיקייט איבער דעם קוש פון דער מוטערס קאַלטער אומבאַוועגלעכער האַנט, שטומער קבר־שטילקייט, מאַרמאָר־גלאָ־טער פאַריידיקט... איבער אַלע בלינדע האַס־קאָנפליקטן ביז צו דער בלינ־דער מלחמה־עפּידעמיע. אַ גרויסער אַנגסט איז אויף איר געקומען.

— צי איז עס נישט, יאָהאַן, עטוואָס איבערטריבן און אפשר אפילו אומנאָרמאַל, צו געדענקען אַזוי לאַנג אַן אַמאָליקע ערשיטערונג און לאָזן זיך פון איר אַזוי טיף פאַרכאַפּן. דאָס איז אַ קרענקלעכקייט און דו מוזסט זיך ביי אַ דאָקטאָר אויף דעם היילן. אַט די אַמאָליקע ערשיטערונג איז דאָך געוואָרן ביי דיר אַ מין פענסטער אין אַל־דאָס טראַגישע פון דער וועלט. דו מוזסט עס אָבער קענען פאַרגעסן, כאָטש וויפל ס'איז. ווי קאָן מען אויס־האַלטן דאָס לעבן, ווען נישט די פעיקייט צו פאַרגעסן. דו וואָלסט אפשר...

ער האָט איר איבערגעריסן די רייד.

— דו ווייסט דאָך, העלענע, די דערציילונג וועגן בודא, אַט דעם אינ־דישן נביא, וואָס, אויפגעהאָדעוועט אין לוקסוס, האָט ער ווי פּלוצים דער־זען די לויה פון אַ טויטן און האָט אויפן גאַנצן לעבן דערפילט די טויט־טראַגעדיע פון דער וועלט. ס'האָט אים אינערלעך געצווינגען צו זוכן דער־לייזונג און ער האָט געשאַפן אַ רעליגיע פאַר מיליאָנען. כ'בין אָבער אַ קליין מענטשעלע. נאָך יענער ערשיטערונג ציט עס מיך דאָס גאַנצע לעבן ווי אַ מאַגנעט צו זוכן דערלייזונג. ווי קום איך אָבער דערצו מיט מיינע אָרעמע כּוחות! ס'קומען טאָקע אויף מיר אָנפאַלן פון גרויסן נשמה־וויי־טאָג. ווער ווייסט אָבער, צי כ'וועל קענען געפינען אַ טרייסט כאָטש פאַר זיך אַליין אָדער כ'וועל זיך רירן פון זינען. כ'האָב מורא, כ'וועל נישט ביישטיין איצט אַנטקעגן דעם שטאַרן טויט־בליק פון דער בלינדער פאַר־ניכטנדיקער וועלט־מלחמה... כ'בעט דיך אָבער, לאָמיר וועגן דעם מער

קיינמאָל נישט רעדן. כ'האָב נישט געדאַרפט אפנים יענע געשיכטע דער־ציילן. ס'דוכט זיך מיר איצט, ווי עס וואָלט נאָר וואָס געשען, די מוטער מיט דעם שטאַרן בליק שטייט מיר פאַר די אויגן. וואָס טוט מען, העלענע, ס'קלעמט מיר דאָס האַרץ, דער קאָפּ שווינדלט, ס'איז מיר זייער נישט גוט, דער אָטעם פאַרכאַפּט מיך. אפשר איז עס ים־קראַנקהייט, אָדער אפשר איז עס...

ער איז פּלוצים שטאַרק בלאַס געוואָרן, די אונטערשטע ליפּ האָט ביי אים קאָנוואולסיוו געציטערט, די אַרויסגעשטאַרצטע אויגן זענען פול מיט שרעק און ליידן.

העלענע האָט אים צאַרט מוטערלעך אַרומגענומען.

— באַרויק דיך, יאָהאַן, וועסט זיך אפשר לייגן דאָ אויף דער לופט, אָט האָב איך דאָ אַ פּולווער קעגן ים־קראַנקהייט. דו וועסט זען, ס'וועט אַלעס זיין גוט. דיינע ליידן וועלן נישט זיין אומזיסט. כ'בין גרייט יעדע מינוט פאַר דיר דאָס לעבן אָפּצוגעבן. כ'גלויב מיטן גאַנצן האַרצן אין דיר און אין דיינע ליידן, מיין ליבער, ליבער יאָהאַן...

אין אָוונט איז ער געקומען צו זיך, זיי האָבן אָבער וועגן דעם מער נישט גערעדט. די גאַנצע צייט אויפן שיף איז ער געווען ערנסט און פאַר־טראַכט. כּדי אויסצומיידן דייטש־פיינטלעכע לענדער האָבן זיי געמוזט (ווי דייטשע בירגער) מאַכן לאַנגע אומוועגן און ערשט סוף יולי זענען זיי אָנ־געקומען אין בערלין.

אין בערלין האָט די לופט געברענט מיט מלחמה־אימפּעט. די מייסטע מענטשן זענען ווי פאַרשכורט פון אַן אויפגעהעצטן ענטוזיאַזם. מיט יובעל־געשרייען באַגלייט מען סאָלדאַטן אויפן פראָנט און מיט באַגייסטער־רונג שלינגט מען יעדע ידיעה פון שלאַכט־פעלד. די פּרעסע האַלט אין איין גיסן בוימל אויפן פייער פון צעפלאַקערטן פּאַטריאָטיזם. מאַניפעסטן, אויפרופן, אַליאַרם־ידיעות, העץ־אַרטיקלען. יאָהאַן איז געווען איבעראַשט. וואָס זיין פאָטער, דער שטענדיק איבערלייגטער און רויקער באַנקיר, איז איצט אויך פול מיט צעהעצטן פּאַטריאָטיזם און דערצו נאָך אויף אַ מאָד־נעם שטייגער, ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן.

באַלד טאָקע איז פאָרגעקומען אַ שווערער צוזאַמענשטויס צווישן פאָטער און זון. די ערשטע וואָך נאָך זיין אָנקומען איז איינמאָל אין אָוונט יאָהאַן אַריין צום פאָטער אין קאַבינעט און האָט אים שאַרף און דייטלעך דערקלערט.

— די מלחמה איז אי אַן אומגליק, אי אַ פאַרברעכן — כ'וועל אויף

דער מלחמה נישט גיין, מעג עס מיר מיין לעבן קאָסטן...

דער פֿאָטער האָט אויפֿגערעגט אָראָפּגענומען די גאָלדענע פּענסנע און גלייך געעפֿנט דאָס פֿאַרזשמורעטע לינקע אויג, וואָס האָט איצט גע־קוקט מיט שרעק און צאָרן. נאָר אָט האָבן אונטער די געדיכטע וואָנצן אַ ציטער געטון די ליפּן, ווי ביי אַן אַלטער וויינענדיקער פֿרוי, אַ בלאַסער האָט ער זיך פּלוצים אַ ריס געטון פֿון שטול און, אויפֿהויבנדיק ביידע געבײַלטע פֿויסטן אויף יאָהאַנען, האָט ער ווי נישט מיט זיין קול געשריען:

— כ׳וועל דיך נישט לאָזן, יונגערמאַן, פֿאַרראַטן דאָס פֿאָטערלאַנד מיט דיינע פֿרומע פֿילאָזאָפֿישע שפּיצלעך, כ׳וועל דיך...

אויף זיין געשריי איז אַריינגעלאָפֿן אַ דערשראָקענע העלענע. זי האָט טאַכטעריש צאַרט אַרומגענומען דעם אַלטן און אים פֿאַמעלעך באַרויקט, פֿאַרזיכערנדיק אים, אַז זי וועט מיט יאָהאַנען אַלעס איבעררעדן.

פֿאַר דעם יאָר פֿון יאָהאַנס אָפּוועזנהייט האָט זיך דער באַנקיר זייער פֿאַרענדערט. ער האָט זיך שטאַרק פֿאַרעלטערט, האָט די לעצטע צייט באַ־קומען שווערע האַרץ־אַטאַקעס, פֿלעגט זיך זייער אָפֿט אויפֿרעגן. דערהויפּט האָט אים די מלחמה אַרויסגעבראַכט פֿון גלייכגעוויכט. ער האָט נעמלעך געהערט צו יענער גרופּע פֿינאַנסיסטן, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז אַ וועלט־מלחמה מוז ברענגען צו אַן אַלגעמיינער עקאָנאָמישער קאַטאַסטראָפֿע. מיט אייניקע יאָר צוריק האָט ער אַפֿילו פֿינאַנציעל געשטיצט אַ קאָלעקטיווע וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונג, וואָס האָט מיט סטאַטיסטישע ציפֿערן באַוויזן, אַז אַ וועלט־מלחמה איז גאָר עקאָנאָמיש אוממעגלעך, ווייל עס מוז ברענגען צו אַ קאַטאַסטראָפֿאַלן הונגער. ווען די מלחמה האָט דאָך אויסגעבראָכן, האָט ער ווי אַ לאָיאַלער דייטשער בירגער געמוזט זעלבסט אונטערדריקן זיין איבערצייגונג און לאָזן זיך מיט געוואַלד פֿאַרכאַפּן פֿון דער אַלגעמיי־נער אויפֿגעהעצטער באַגייסטערונג. ער האָט נאָך, ווי די מייסטע ליבעראַלע יידן, באַוווסט און אומבאַוווסט איבערטריבן אין אונטערשטרייכן זיין פּאַטריאָטיזם. שטענדיק סאָליד, אָפּגהעריציק און גראָדליניק, האָט ער שווער געקענט פֿאַרטראָגן די דאָזיקע אויפֿגעצווונגענע צווייענדיקייט, וואָס האָט אים אויפֿגערעגט און צעבראָכן.

יאָהאַנס אָפֿענע אַנטי־מלחמה־דערקלערונג האָט אָנגערירט די סאַמע אָנגע־ווייטאָגטע שטעלע ביים באַנקיר און האָט דערפֿאַר אַרויסגערופֿן אַזאַ שטורמישע אויפֿרעגונג. יאָהאַן האָט זיך דערשראָקן — ער האָט זיינע איי־גענע אויגן נישט געגלייבט. צום ערשטן מאָל אין לעבן האָט ער דערזען, ווי דער שטענדיק רויקער פֿאָטער מיט זיין אייזן פֿעסטער לאָגיק און

שטרענגער זעלבסט־באַהערשונג, זאָל באַקומען אַזאַ היסטערישן אויסבּרוך און ווערן אַליין אַ שפּיל פון בּלינדער אויפרעגונג. צי איז עס די אָנגע־רוקטע עלטער, די אָפּטע האַרץ־אַטאַקעס מיט דעם שווין לויערנדיקן שטאַרן טויט־בּליק אָדער דאָס איז די אַלגעמיין הערשנדיקע בּלינדע מלחמה־מאַכט. בּיי יאָהאַנען האָט אַזש געשווינדלט אין די אויגן פון יענער אַנגסט און אומעט, וואָס רופט אַרויס בּיי אַ קינד די פאַרלוירנקייט אָדער פאַרלעגנ־הייט פון אַ פּלוצים אַלט־געוואָרענעם טאַטן.

אין יענע טעג האָט יאָהאַן באַקומען אומגעריכט אַ בריוו פון פּינ־טשוקן, אַז ער און אַנדערע יידיש־רוסישע סטודענטן (פון בּערלינער אוני־ווערזיטעט) זענען פאַרהאַלטן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער צוזאַמען מיט אַנדערע ציוויל־געפאַנגענע רוסישע בּירגער. אין בריוו בּעט ער יאָהאַנען, ער זאָל זיך בּאַמיען אים און זיינע קאָלעגן בּאַפרייען פון געפענגעניש. זינט יענער שטורמישער יידיש־רוסישער סטודענטן ־ פאַרזאַמלונג (פאַר עטלעכע יאָרן בּשעת די סטודענטישע אומרוען), ווען ס'איז פאָרגעקומען אַ געשלעג צווישן רעכטע און לינקע, האָט יאָהאַן אָפּגעשניטן זיינע בּאַ־ציונגען מיט פּינטשוקן, ווי מיט אַנדערע רוסישע סטודענטן, אָבער אין אַזאַ מאָמענט פון נויט וויל יאָהאַן, פאַרשטייט זיך, אים מיטן גאַנצן האַרצן אַרויסהעלפן. ער האָט זיך געווענדעט צו זיין אָנקל לעאָפּאָלד, וואָס האָט פיל פאַרבּינדונגען, און האָט גיך געקענט פאַרשאַפן יאָהאַנען די נויטיקע רעקאָמענדאַציעס.

אויף מאָרגן איז יאָהאַן געקומען אין קאָנצענטראַציע־לאַגער. ס'איז אַן אומגעהויער גרויסער לאָקאַל פול געפּאַקט מיט פאַרהאַלטענע רוסישע בּירגער. דאָרט איז געווען אַ גאַנצע גרופּע פאַרהאַלטענע יידיש־רוסישע סטודענטן פון בּערלינער אוניווערזיטעט, אַ היפּש בּיסל רוסישע קור־געסט (מייסטנס רוסישע יידן אָבער אויך נישט ווייניק פאָרנעמע רוסישע קריסטן), וואָס זענען געלאָפן פון די דייטשע קוראָרטן אַהיים אין רוסלאַנד און מ'האָט זיי פאַרהאַלטן אויפן וועג אין בּערלין. ס'זענען אויך געווען פיל אָסט־יידן פון דער גרענאַדיר־שטראַסע, מיט בּערד און פּיאות, אין לאַנגע קאַפּאָטעס, מאַנכע פון זיי וווינען שוין מער ווי צוואַנציק יאָר אין בּערלין אין דער געגנט פון דער גרענאַדיר־שטראַסע, נאָר זיי האָבן נאָך רוסישע פּעסער, האָט מען זיי געכאַפּט אויפן גאַס און געבּראַכט אַהער אין קאָנצענטראַציע־לאַגער.

פּינטשוק האָט גלייך דערזען יאָהאַנען און האָט אים אויף זיין בּרויזנדיקן שטייגער פון ווייטנס געווונקען. פּינטשוק איז דערזעלביקער

מיט דעם היים־בלישטשענדיקן פּליך און לעבעדיקע שוואַרצע אויגן, קוועק־זילבערדיק באַוועגלעך, פול מיט זודיקן אימפּעט. נאָר איצט איז ער עטוואָס צעטומלט. ער פירט יאַהאַנען אין אַן עטוואָס אָפּגעזונדערטן ווינקל.

— האָט איר עס געקלערט, הער קעטנער, מיר זאָלן זיך טרעפן נאָר אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, ווי בירגער פון פיינטלעכע פעלקער. כ'בין געווען אַזוי נאַאיוו, אַז שוין נאָך דער קריגס־ערקלערונג איז מיר נישט איינגעפאַלן, דאָס מען וועט מיך נעמען געפאַנגען. דערמאָנט זיך, אין מיין רוסישער היימאַט האָט מען מיך צום אוניווערזיטעט נישט צוגעלאָזן, נאָר אין בערלין האָט מען געעפנט פאַר מיר פריינטלעך די טירן פון אַ דייטשן אוניווערזיטעט, און איצט אַרעסטירט מען מיך אין בערלין ווי אַ רוסישן בירגער. ס'איז דער באַקאַנטער אַנעקדאָט מיט יענעם רוסישן יידן, וואָס מען האָט געשטעלט שטייער אויף זיין ציג. טענהט ער, אויף געבן מילך איז עס נישט קיין ציג, נאָר אויף צאָלן שטייער ווערט זי אַ ציג — אויף געפענגעניש בין איך אַ רוסישער בירגער, אויף אויפגענומען ווערן אין אוניווערזיטעט בין איך נישט גענוג רוסישער בירגער. ס'איז בכלל אַזוי אומגעלומפּערט, וואָס אָרעמע אַרבעטער און פּויערים פון איין לאַנד וועלן זיך שלאָגן מיט אַזוינע אָרעמע חברים פון אַן אַנדער לאַנד. אָדער יידן פון איין לאַנד מיט יידן פון אַן אַנדער לאַנד. די סאָציאַליסטן האָבן, וואָס אמת, נישט געקאָנט פאַרהיטן פון אַ קריג, זיי זענען אַליין געוואָרן פּאַטריאָטיקלעך. איר זענט דאָך אַ קינסטלער, אַ ראָמאַנטי־קער — איר מאַכט שוין מסתמא גאָט ווייסט וועלכע אויספירן און דערצו מיט פאַרטרוימטן וועלט־שמערץ. כ'בין אָבער אַן אַקטיווער מענטש, אַ קעמפער (פּינטשוק קוקט זיך פאַרזיכטיק ארום און זאָגט מיט אַ שטילן קול) —כ'קלער, אַז ס'זענען נאָך פאַראַן מסתמא גענוג לינקע סאָציאַליסטן, וואָס זענען נישט פאַרבלענדעט, כ'וועל צו זיי צושטיין, מען דאַרף אָבער דאָ וועגן דעם נישט פּלאַפּלען. ווייסט איר, אַ טאָג איידער מ'האָט מיך אַרעס־טירט, איז לובינסקען געלונגען אַוועקצופאָרן פון בערלין אין דער ריכטונג קיין רוסלאַנד, אויב מען האָט אים נאָר אויפן וועג נישט געכאַפּט. ער האָט דאָך אויך ווי איר אַ פאַרקאַטשעטן שטערן, זאָגט ער מיר פאַרן אַוועקפאָרן, אַז די וועלט האָט זיך גערירט פון זינען. פוסטע חקירות! אימפּעריאַליסטישע מלחמות זענען אַלעמאָל אימפּאַרמיידלעך ביי אַ קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג. נאָר איצט מוז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג ווערן טאַקע נאָר ראַדיקאַל און רעוואָלוציאָנער, פּדי...

יאַהאַן האָט אים קוים געקענט אויף אַ רגע איבעררייסן.

— אָבער צוליב דעם ראַדיקאַלן גליק מוז מען דאָך אויך האָבן מלחמות מיט מאַסן־מאָרד און אויפגעהעצטן בלינדן האַס, וואָס ביז וואָס ווען פּאַראַליזירט עס דאָס האַרץ פון דער מענטשהייט און...

— וואָס־זשע דען ווילט איר, מיט זיסע רייד אָדער מיט ווייסע הענטשקעס די וועלט איבערבויען. איר, קינסטלער, זענט מיימטנס, ווי קליינע קינדער, וואָס ווילן מען זאָל זיי כּסדר פאַרציילן צויבער־מעשהלעך. איר זענט, דוכט זיך גאָר אַ זוכער פון דערלייזונג, אַ קליינער גראַף טאָלסטאָי. דערמאָנט זיך, אַזאַ גרויסער דענקער און קינסטלער ווי טאָלסטאָי, אָבער פּאָרט אַ גראַף, און אינדיווידואַליסט, אַ צעפּיעשטשעטער פּריץ, וואָס וויל באַקומען ווי אַ טעלערל פון הימל די ריינסטע פאָלקאָמענהייט און טאַקע שוין, אויפן אָרט, און דערצו נאָך מיט ווייסע הענטשקעס, אָן אַ טראָפּעלע בלוט, אָן אַ פּיצעלע העסלעכקייט פון ווידערשטאַנד. אַזוי צעפּיעשטשעט! אַזאַ קריטיק פון טאָלסטאָיען, מער אויספּירלעך און באַגרינדעט, האָב איך ערגעץ געלייענט, כ׳געדענק נישט וווּ... טוט נאָר אַ קוק, אָט איז דאָרט ביי דער רעכטער טיר אריינגעקומען דער אָרטאָדאָקסישער ראַבינער מיטן בלאָנדן בערדל. ער איז טאַקע אַן אָרטאָדאָקס, אָבער ער האָט אַ גאָלדן האַרץ. ער טוט אַלעס מעגלעכע פאַר די געפאַנגענע אָסט־יידן, אויך פאַר אַלע אַנדערע, וואָס וועגדן זיך צו אים, ער ווייזט אַרויס אַן אַ שיעור גוטסקייט און געדולד. די ליבעראַלע יידן פון דער גרויסער געמיינדע וואָלטן זיך וועלן אָפּשאָקלען פון די אָסט־יידן. איר מעגט זיי זאָגן, אייערע ליבעראַלן, אַז מ׳וועט נאָך אַמאָל זיי אויך נעמען אויפן צימבל, כאָטש זיי זענען אַלט איינגעזעסענע בירגער, וועט מען זיי נאָך דערמאָנען, אַז זייערע אור־זיידעס זענען אַמאָל־אַמאָל געווען בירגער פון פּאַלעסטינע, פון דוד המלך. דערמאָנט זיי אָקאָרשט די שיסעריי צווישן היינריך דעם ערשטן און אייער פּריצן אָדער זאָלן זיי אַ רגע אַ שמועס טון אין דער אַנטיסעמיטישער קאָרפּאָראַציע „קאָר״... כ׳וועל אייך בעטן, הער קעטנער, איר זאָלט זיך באַמיען נישט נאָר פאַר מיר, נאָר אויך פאַר מיינע קאָלעגן, אַזוינע סטודענטן ווי איך. קומט, איך וועל אייך מיט זיי באַקאַנט מאַכן, מיט אָט די לאַבּוסעס...

אין משך פון די נאָענטע טעג איז יאַאהנען טאַקע געלונגען מיט דער הילף פון זיין אָנקל צו באַפרייען פּינטשוקן און זיינע חברים פון קאָנצענטראַציע־לאַגער. זיי האָבן באַקומען די ערלויבעניש צו וווינען פּריוואַט. נאָר אונטער אַ באַשטימטער אויפזיכט פון דער פּאָליציי (שפּעטער האָבן כּמעט אַלע געפאַנגענע באַקומען אַזאַ ערלויבעניש). נאָר יאַהאַן האָט נישט

באַניט זיינע באַציונגען מיט פּינטשוקן. ס'האָט אים אויסגעזען, אַז נאָך איידער ס'וועט זיך פאַרלעשן די וועלט־מלחמה, וועלן אַזוינע ראַדיקאַלן ווי פּינטשוק און ריכאַרד צעבלאָזן אַ נייעם פייער פון אַ בירגער־מלחמה, וואָס וועט מאַרשירן מיט דערזעלביקער שוואַרצער פאַרפאַלנקייט. אין זיין צע־היצטער פאַנטאַזיע האָבן שיר נישט אַלע מענטשן אויסגעזען ווי געצנ־דינער פונם בלינדן מלחמה־פייער, פונם צעיושעטן טויטן־טאַנץ.

ס'זענען אָבער באַלד אָנגעקומען נייע אומגעריכטע געשעענישן.

די קאָנפליקטן צווישן יאָהאַנען און זיין פאָטער האָבן זיך אַלץ מער פאַרשאַרפט. וואָס מער ס'איז געוואָרן אַקטועל די פראַגע וועגן יאָהאַנס מיליטער־דינסט. האָבן זיך אָבער איינגיכן די קאָנפליקטן איבערגעריסן אויף אַ טראַגישן אופן.

דאָס איז פאָרגעקומען אינמיטן סעפּטעמבער. איינמאָל אין אַ פרימאָרגן איז דער באַנקיר לאַנג נישט אַרויסגעקומען צום פרישטיק. מ'האָט צוערשט געקלערט, אַז ער איז מסתמא אַריין אַפריער צו זיך אין קאַבינעט, ווי ס'פלעגט נישט זעלטן פּאַסירן, ערליידיקן אַ דרינגענדע אַרבעט. ווען מ'איז אָבער צוגעגאַנגען צו דער אָפן שטייענדיקער טיר פון קאַבינעט, האָט מען מיט שרעק דערזען, אַז ער זיצט אויפן טיפן פאָטער־שטול גאַנץ אַראָפּגערוקט, דער קאָפּ פאַרוואָרפן אָן אַ זייט מיטן פּנים אַראָפּ, די הענט שלאַבריק אַראָפּגעהאָנגען. ער איז געווען טויט. דער אַליאַרמירטער דאָקטאָר האָט קאָנסטאַטירט, אַז ער איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק, וואָס האָט מיט אים ססתמא געמוזט פּאַסירן אַרום 3—4 אַזייגער ביינאַכט. ס'האָט אים, ווייזט אויס, געטראָפן אין מיטן דער אַרבעט. אויפן טיש פאַר אים איז נאָך געלעגן אַ נישט דערשריבן זייטל פּאַפּיר, שפּעטער האָט מען געפונען אונטערן שרייב־טיש אויפן באָדן די פעדער, וואָס איז אַפּנים ביי אים פון דער האַנט אַרויסגעפאַלן.

ביים געשטאָרבענעם זענען איצט ביידע אויגן אָפן (דאָס לינקע אויג איז עטוואָס שמעלער) און האָבן איצט ביידע גלייך געהאַט דעם זעלביקן פאַרגליווערטן שטאַרן בליק. נאָר אַרום די גערדיכטע וואָנצן האָט געפלאָ־טערט אַ געהיימער שמייכל פון אַ מין שטאַר־פּאַטעטישער פאַרנומענקייט, פון אַן ערנסט פייערלעכער אויף אייביק פאַרחתמעטער אָנשטרענגונג. מיט גרויסע שוועריקייטן האָט מען אים צוערשט געלייגט אויף דער סאָפע מיטן פּנים אַרויף און אים איבערגעדעקט.

יאָהאַן איז געשטאַנען לעבן דעם געשטאָרבענעם מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און, צודעקנדיק מיט די הענט דאָס פּנים, האָט ער ביטער געוויינט.

ס'האָבן אים איצט ברענענדיק ווײ געטון די אַלע קאָנפליקטן, וואָס ער האָט געהאַט שטענדיק, פון די פריסטע קינדער־יאָרן אָן, מיט אַט דעם, אייגנטלעך איינזאַמען און אָפּגעשלאָסענעם מענטשן. כאָטש איין גאָט ווייסט, אַז די אַלע קאָנפליקטן זענען קיינמאָל נישט געווען בלויז קאַפּריזן ביי יאָהאַנען, נאָר אָנגעווייטיקטע נשמה־נויטן. וואָס איז אָבער דער אונטערשיד! זינט די וועלט שטייט פּאַסירט עס מיט יעדן דור. ס'איז פאַטאַל און פאַרפאַלן ווי דער טויט, וואָס די אַנטוויקלונג פון אַן אויפוואַקסנדיקער נשמה מוז אַזוי אָפּט דריקן און שטיקן דעם אייגענעם פאָטער. ס'איז דער זעלביקער שוואַרצער אָפּגרונט פון בלינדע שפּאַנונגען, וואָס צערייסן מיט געוואַלט דעם מענטשן. דאָס מענטשלעך בויגעוודיקע, דאָס האַרמאָניש זעעוודיקע האָבן אויך דאָ אַזוי ווייניק שליטה. יאָהאַן פילט איצט באַזונדערס שטאַרק די מאָנומענטאַלע פּערזענלעכקייט פון אַט דעם שטאַר אויסגעשטרעקטן ליבעראַל מיט זיין אייזן־פעסטער לעבנס־גאַנצקייט און אויסגעקאָוועטער פּערזענלעכקייט. ווי אַ דעמב איז ער דאָס גאַנצע לעבן געשטאַנען, טיף פאַרוואָרצלט אין דער ליבעראַלער טראַדיציע און ברייט פאַרצווייגט אין זיין פּילזייטיקער געוואַלדיק אינטענסיווער טעטיקייט. אָבער קיינער ווייסט נישט ווי יאָהאַן די פאָטערלעך־וואַרעמע, די רירנדיק־צאַרטלעכע, ווען אויך באַהאַלטענע האַרציקייט פון אַט דעם שטאָלצן, דעספּאָטיש איינזאַמען מענטשן. ביי יעדן צוזאַמענברוך יאָהאַנס פלעגט ער, דער פאָטער, זיך בויגן איבער אים אַ פאַרלוירענער, אַ בלאַסער, מיט אַ געבראָכענער שטים. אונטער די געדיכטע וואָנצן פלעגן ביי אים די ליפּן ציטערן, ווי ביי אַן אַלטער וויינענדיקער פרוי, און ער פלעגט אין אַזוינע שווערע מינוטן צו אים פליסטערן: „מיין זון, מיין ליבער, וואָס איז מיט דיר, וואָס איז''... אומצייליקע ערינערונגען פאַרפלייצן און צעווייכן יאָהאַנס האַרץ. ער בויגט דעם קאָפּ טיפער און וויינט אָן אויפהער. דאָס פּנים מיט די הענט צוגעדעקט, די פלייצע קינדיש איינגעהויקערט. העלענאַ לאָזט אים זיך אויסוויינען. שטום און צאַרט גלעט זי די האָר אויף זיין געבויגענעם קאָפּ. ערשט שפּעטער האָט זי אים פאַמעלעך געקענט אוועקפירן אונטער די הענט פון בר־מינן, וואָס מענטשן זענען שוין געקומען אים איבערטראָגן און פאַרבאַרייטן צו דער קבורה.

האָט דאָ אַט וואָס געטראָפן. ווי נאָר יאָהאַן האָט אַראָפּגענומען די הענט פונם פּנים, שוין ביים סאַמע אוועקגיין, איז ער אַ רגע געבליבן שטיין ווי געפּלעפט. פון אונטער דעם עטוואָס אַראָפּגערוקטן ליילעך האָבן אָפּערגעקוקט אומבאַוועגלעך די שטאַרע אָפענע אויגן פונם געשטאָרבענעם.

מיט שרעק האָט יאָהאַן ערשט איצט דערזען אינם שטאַרן טויטן בליק די זעלביקע פאַרגליווערטע לײַדיקייט, וואָס ער האָט אַמאָל געזען בײַ דער שטאַרבנדיקער מוטער. ס'האָט אים מיט אַמאָל פאַרזעצט אין דער שרעק־אַטמאָספערע פון יענער נאָך נישט איבערגעוויטיקטער דערשיטערונג פון די קינדער־יאָרן.

דערווײַל איז דער גרויסער זאַל שוין געווען פול געפּאַקט מיט מענטשן, וואָס האָבן גלײַך נאָך דער ערשטער טויט־נאַכריכט זיך געאײַלט צו קומען אינם הויז פון פאַרשטאָרבענעם אויסדריקן טרויער און מיטלײַד. אַלע זענען אין שוואַרצן געקלײדעט, אויף די פּנימער אַ טיפער אויסדרוק פון פײַער־לעכן טרויער. אַ חוץ דעם ברודערס פאַמיליע און אַנדערע קרובים זענען דאָ געווען אָנגעזעענע פאַרשטאַנדס־מיטגלידער פון דער גרויסער יידי־שער געמיינדע, פאַרשטייער פונם טעמפּל מיטן הויכן שלאַנקן ראַבינער, דעפּוטאַציעס פון פאַרשידענע אינסטיטוציעס, עלטערע בעאַמטע פון קעט־נערס באַנקיר הויז, באַרימטע באַנקיר־דירעקטאָרן, הויכע בעאַמטע פון פאַרשידענע מיניסטעריומס, צײַטונגס־לײַט, אַלערלײ הויכגעשטעלטע פּער־זענלעכקייטן. צווישן עולם האָט מען זיך מיט שטילער באַוווּנדערונג דער־וווּסט דעם אינהאַלט פון דער איבערגעלאָזענער צוואה, וואָס באַשטימט ריזיקע פאָנדן פאַר סאָציאַלע צוועקן (פאַר דעם רויטן־קרייץ פון דער דײַטשער אַרמיי, פאַר דעם טעמפּל, פאַר דעם יידישן קראַנקן־הויז, פאַר מאַנכע יתומים - אַנשטאַלטן, באַזונדער שטיפטונג אויף דעם נאָמען פון דער פרי פאַרשטאָרבענער פרוי קעטנער, די שטיפטונג גייט פאַר די צוועקן פון דער „געזעלשאַפט פאַר דער וויסנשאַפט פון יידנטום"). נאָך איידער די פאַרזאַמלטע זענען אַוועק, זענען אונטערגעקומען נײַע טרויער־געסט, אַ גאַנצן טאָג האָט זיך די טיר נישט צוגעמאַכט. די דינער אין שוואַרצן גע־קליידעט בויגן די קעפּ מיט שטום הכנעה'דיקן טרויער און באַדינען שטיל די כּסדר אַרײַנקומענדיקע און אַוועקגייענדיקע טרויער געסט.

ערשט שפּעטער איז אומגעריכט מיט יאָהאַנען פאַרגעקומען אַן אומ־געהויערע געשעעניש. און כאָטש אַ וויפל ס'איז געניטע אויג וואָלט עס באַצײַטנס געקענט מערקן, האָט מען אָבער ביז צום לעצטן מאָמענט נישט געוואָלט אין דעם גלויבן. און אָט דאָס נישט - וועלן - גלייבן האָט אַ געוויסע צײַט פאַרבלענדט די אַרומיקע.

שוין אין אָוונט האָט יאָהאַן זיך מאָדנע באַהערשט. ווי בשעת דער מוטערס טויט, זעט ער איצט אויס פאַרטראַכט און געפּלעפּט. ווי דאַמאָלס האָט אים איצט באַהערשט יענע אָטעם־רויבענדיקע אַנגסט, וואָס צווינגט

אים צו זען אַלעס אַדורך מיט גרעלער קלאָרקייט און אומהיימלעכער גע־לאַסנקייט. ס'איז אָבער איצט צוגעקומען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אים געמאַכט פילן און דערבײַ מיט קרענקלעכער קלאָרקייט, אַז היינטיקס מאָל וועט ער זיך נישט אַרויסראַטעווען פונם האַרץ־קלעמענדיקן אומעט. דאָס האָט זיך באַזונדערס פאַרשאַרפט אויפן בית־עולם.

מיט אומהיימלעכער פּינקטלעכקייט האָט זיך איצט אויפן בית־עולם אַלעס איבערגעחזרט, ווי אַמאָל בשעת דער קבורה פון דער מוטער. ס'איז ווי דאַמאָלס געווען אַ זוניקער האַרבסט־טאָג, דער גלייכער האַרט אָפּגע־שלאָסענער אָרון, די שטומע קראַנצן, טויטע קבר־שטילקייט, קיילעכדיקע סאַמעטענע היטלען פון קאַנטאָר און ראַבינער, מאַרמאָר גלאַטע פּריידיקט און געזאַנג. ס'איז נאָר היינט געקומען אַ פּיל גרעסערער עולם אויף דער לויה, פּיל אָנגעזעענע מענטשן. אַ ריזיקער אימפּאָזאַנטער טרויער־צוג האָט זיך געצויגן אויפן בית־עולם, די מייסטע אין שוואַרצן געקליידעט מיט פייערלעך שטייפע פּנימער, ס'האָבן זיך אויסגעטיילט אייניקע מיליטער־לייט און מאַנכע מלוכה־בעאַמטע אין פּאַראַד ־ אוניפאָרמען. לעאָפּאָלד קעטנער, דער ברודער פונם פאַרשטאָרבענעם, האָט מיט פאַרוואונדערונג דערזען צווישן עולם דעם באַקאַנטן דיפּלאָמאַט, הערן פאָן־לינעמאַן, דער פאָטער פון היינריך דעם ערשטן... מיטן קאַנטאָר איז היינטיקס מאָל גע־קומען דער גאַנצער כאָר פונם טעמפּל. און נאָך אַ זאַך. די טאָכטער פונם יוסטיץ־ראַט זעמערינג, אַ באַרימטע אָפּערע־זינגערן, האָט פאַר דער פּריי־דיקט געזונגען אויפן קבר אַ טרויער־ליד. און אָט אין דער שטומער שטיל־קייט האָט זיך דערהערט די מאַרמאָר־גלאַטע פּריידיקט. יאָהאַן האָט דער־זען די הויכע שלאַנקע פיגור אינם גלאַנציקן מאַנטל מיט די ברייטע אַרבל, וואָס האָט זיך ווי גאָרנישט געענדערט זינט יענער פּריידיקט אַמאָל אויף דער מוטערס קבר. יאָהאַנס בליק בלאָנדזשעט אויף די קיילעכדיקע היטלען און די שטומע קראַנצן. ס'האָט אים אויסגעזען, אַז די זעלביקע פאַרגליווערטע ליידיקייט קומט שטענדיק ווידער מיט פאַרפאַלענער איבער־חזרונג און האָט איצט אין דער בלינדער מלחמה־פּעסט די גאַנצע וועלט אַרומגענומען. פון צווישן די פאַרוויאַנעטע גראָזן און נאַקעטע ביימער, דורך די מאַרמאָרנע מצבות, קוקט אַרויס די פאַרגליווערטע בית־עולם רעטעניש, וואָס יאָמערט שטיל אויף דער פאַרפאַלענער איבערחזרונג פונם טויטן־טאַנץ. ביי יאָהאַנען איז דאָס פּנים אַזוי פאַרצערט פון אומ־באַשרייבלעכן פּיין, דאָס אַלע קוקן זיך אום פאַרזאָרגט אויף זיין פאַר־ענדערט געזיכט. נאָכדעם ווי מען האָט פאַרשאָטן דעם קבר און אַלע

זענען נאָך דער קבורה – צערעמאָניע זיך פֿאַמעלעך פֿונאַנדערגעגאַנגען, בלייבט יאָהאַן שטיין אומבאַוועגלעך. נאָר העלענאַ, אין שוואַרצן טרויער געקליידעט, פֿירט אים, אַ פֿאַרשטיינערטן, אַרויס פֿונם בית־עולם, זי פֿירט אים אונטער די הענט און זעצט זיך אַריין מיט אים אין וואָגן.

אויפֿן וועג אַהיים איז פֿאָרגעקומען אַ באַגעגעניש, וואָס האָט אַפֿנים געמוזט זײַן דער לעצטער שטויס פֿונם פֿאַטאַלן אויסגאַנג. אין רעכטן מיטן פֿאָרן האָט זיך דערהערט אַן ענטוזיאַסטישער גערודער אויפֿן גאַס. זיי האָבן געכאַפּט אַ קוק דורך די אויטאָ־פֿענסטער. אַהאַ! סאָלדאַטן מאַר־שירן צום וואָקזאַל צו. דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט, יאָהאַן און העלענע זענען אַרויס און געשטעלט זיך נישט ווייט פֿונם אויטאָ. יאָהאַן, אַ בלאַסער, האָט געקוקט מיט אָפֿענע אויגן אויף די סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך איצט גאָר מאָדנע אָפּגעשפּיגלט אין זײַן צערודערטער פֿאַנטאַזיע.

לענג דער גאַס מאַרשירן די סאָלדאַטן אין אַ זעלכע לאַנגע קאָלאָנעס, אַז אַ ווײַלע קאָן דאָס אויג נישט כאַפּן נישט דעם אָנהויב, נישט דעם סוף פֿון די מאַרשירנדיקע. נישט נאָר דורכגייער און צושויער, נאָר פֿון בײדע זײַטן גאַס, אין די צעעפֿנטע פֿענסטער, האָבן אויך פֿרויען און קינ־דער מיט צעשטראַלטע פּנימער און פֿלאַטערנדיקע טיכלעך באַגײַסטערט אויסגעשריגן צו די מאַרשירנדיקע. און כאָטש די סאָלדאַטן ענטפֿערן מיט הייסע שמייכלען און בלישטשנדיקע אויגן, מאַרשירן אָבער אַלע גלייך צום זעלבן טאַקט, אָן אַן אָפּשטעל, ווי אַן איינמאָל אָנגעצויגענער זייגער. קיין סאָלדאַט האָט איצט נישט און וויל נישט האָבן קיין אייגענעם טריט, קיין זעלבסטשטענדיקען קער, נאָר ווי דורך אַ פֿרעמדער מאַכט זענען אַלע שוין עלעקטריזירט, אין פֿעסטע רייען געקאָוועט און אָנגעצויגן אויף אַ טויט־איינטאָניקן טאַקט:

— איינס — צוויי, — איינס — צוויי...

מיט פֿאַרפֿאַלענער איבערחזרונג הויבן זיך אויף און לאָזן זיך אַראָפּ שטייף בלינדע סאָלדאַטישע שטיוול, וואָס קלאַפּן אויס אומברחמנותדיק דעם זעלביקן טויט־איינטאָניקן טאַקט, ווידער אַמאָל און נאָכאַמאָל, אַלס דאָס זעלביקע, אָן אַן אויפֿהער.

— איינס — צוויי...

— איינס — צוויי...

יאָהאַן, אַ בלאַסער, האָט אָנגענומען קראַמפּהאַפֿט העלענען פֿאַר דער האַנט.

— זעסט דאָרט, העלענאַ, דעם שטאַרן בליק פֿון טויט. די בלינדע

סאָלדאַטישע שטיוול שלעפּן די וועלט מיט פאַרפאַלענער איבערחזרונג צום טויט, צו דער פאַרגליווערטער ליידיקייט...

קוקט מען צו די סאָלדאַטן אַרויף, פרייט זיך דאָס אויג. יונגע פּנימער, פייער־בליקן, דאָ און דאָרט רייסט זיך אַ יונגע טשופּרינע פון אונטער אַ סאָלדאַטסקן היטל. וווהין־זשע גייען דען די יונגען? נישט געריעדט, נישט געפרעגט — ס'איז איצט נישט די צייט פאַר חקירות. די טשופּרינעס און די בליקן, די מוחות און די הערצער גייען נאָך דעם טויטן טאַקט פון די בלינדע סאָלדאַטסקע שטיוול. די פלאַטערנדיקע טיכלעך אין דער לופט, די באַגייסטערטע אויסרופן פון פרויען און קינדער, יעדער אימפּעט, יעדעס פייער, — אַלץ ריכטעט זיך נאָך די מאַרשירנדיקע סאָלדאַטן־שטיוול, וואָס פּאָכן אין דער לופט מיט פאַרפאַלענער איבערחזרונג, נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל, אַלץ דעם זעלביקן פאַרגליווערטן טויטן־טאַקט.

— איינס — צוויי, איינס — צוויי...

ווי אין פיבער האָט יאַהאַן געקוקט אַרום זיך מיט מוטנע אויגן. די גאַנצע וועלט האָט אים אויסגעזען ווי דער נאַר וואָס פאַרלאָזענער בית־עולם, ווו דער בלינדער טויטן־טאַקט מאַרשירט מיט פאַרפאַלענער איבער־חזרונג. אַ בליי שווערע אַנגסט האָט אים פאַרכאַפּט דעם אָטעם און אינער־לעך פאַראַליזירט. די ליפּן האָבן זיך ביי אים ווי אין קראַמף צוזאַמענגע־פּרעסט.

אויפן וועג אַ היים האָט העלענע דערפילט דאָס אָנקומענדיקע אומ־גליק. ער'איז געזעסן אין וואָגן אַ פאַרשטיינערטער, אַ פרעמדער. העלענע האָט נישט געוואַגט איינצוזען קלאָר די לאַגע. זי האָט נאָך געקלערט, אַז אפשר איז עס דאָך בלויז אַ ציטווייליקער צושטאַנד אַזאַ. ווען דער אויטאָ איז אָנגעקומען אַהיים און זיך געשטעלט פאַר די טירן פון הויז, איז יאַהאַן געבליבן זיצן אין וואָגן אומבאַוועגלעך. מיט גרויס שוועריקייט האָט זי געקענט אים אַראָפּפירן פון וואָגן, אַריינגיין מיט אים אין הויז און אים דאָרט אַנידערזעצן אין זיין קאַבינעט. ס'האָט זי, העלענען, הויפּזעכלעך דערשראָקן די אומהיימלעכע פּאַסיווקייט, מיט וועלכער יאַהאַן לאָזט זיך באַוועגן. ערשט איצט האָט העלענע, קוקנדיק אויף אים, געמוזט איינזען דאָס אומגליק. ער איז געזעסן אויפן שטול שטייף צונויפגעקאָרטשעט, די הענט פאַרקראַמפּט אויף די קני, די ליפּן צוזאַמענגעפּרעסט, דאָס פּנים פאַרצערט פון פאַרגליווערטער אַנגסט.

האָט די לופט אין צימער פּלוצים אַ ציטער געטון פון אַ משונהדיקן שרעק־געשריי, וואָס האָט זיך פון העלענעס ברוסט אַרויסגעריסן. זי האָט

די הענט אויפֿן קאָפּ פֿאַרבראָכן. אויף איר געשריי זענען זיך צונויפֿגעלאָפֿן די דינער פֿון הויז. זי האָט זיך אָבער אין איין רגע באַהערשט און גע־מאַכט אַלעמען אַוועק פֿון צימער. ס'איז אויף איר מיט אַמאָל געקומען יענע שפּאַנענדיקע רו, וואָס מ'האָט בשעת אַ קאַטאַסטראָפֿע, ווען דאָס לעבן הענגט אויף אַ האָר און מ'מוז יעדע רגע אויסנוצן פֿאַר דער רעטונג. זי האָט צאַרט געגלעט די פֿאַרקראַמפּטע פּלייצעס, קוקנדיק אים אין די אויגן אַריין.

— וואָס איז מיט דיר, מיין ליבער יאָהאַן, וואָס קלעמסטו זיך אַזוי. כ'וועל פֿאַר דיר דאָס לעבן אָפּגעבן, דעם לעצטן אָטעם... יאָהאַן, יאָהאַן, זאָג כאָטש איין וואָרט...

אויף זיין פּנים האָט זיך פּלוצים באַוויזן אַ געוויסע אָנשטרענגונג. ער האָט איר אַפּנים עפּעס געוואָלט זאָגן. מיט גרויס אָנשטרענגונג האָט ער קוים געשאָקלט מיט די ליפּן, האָט אָבער קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסברענגען.

העלענע האָט אַרויסגערופֿן דעם אָנקל. ס'זענען באַלד געקומען דאָק־טוירים, דער פֿאַמיליען דאָקטאָר און דער פּראָפֿעסאָר גרובער, וואָס האָבן אַמאָל באַהאַנדלט יאָהאַנס מוטער. די דאָקטוירים זענען געבליבן אַליין מיט יאָהאַנען אין קאַבינעט, ווו זיי האָבן אים געזאָלט אונטערזוכן. און טאַקע דאָ איז פֿאָרגעקומען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אויף אַ לאַנגע צייט געשאַפֿן אַ גוואַלדיקע געהיימע שפּאַנונג אַרום יאָהאַנען און האָט אַרויס־גערופֿן אַ גאַנצע ריי פֿון טשיקאַווע פֿאַסירונגען און צוזאַמענשטויסן. ס'איז געוואָרן אַ מין געהיימע סענסאַציע, וואָס האָט פֿאַרכאַפּט נישט נאָר די אַרומיקע. מ'האָט זיך באַלד אָנגעהויבן וועגן דעם שושקען אין פֿאַר־שידענע געזעלשאַפֿטס־קרייזן.

געקומען איז עס אָט ווי אַזוי.

שוין אויפֿן ערשטן בליק, ביים סאַמע אָנהויב אונטערזוכונג, זענען זיי, די דאָקטוירים, געווען גענייגט צו קלערן וועגן אַ באַשטימטער גייסט־קראַנקהייט ביי יאָהאַנען. דאָס פֿאַרגליווערטע אויסזען פֿון יאָהאַנען, די וואַרשיינלעכקייט פֿון אַ געירשנטער גייסט־קראַנקהייט מצד דער מוטער, די אָפּטע טרויער אָנפֿאַלן פֿון יאָהאַנען אין משך פֿון זיין לעבן — דאָס אַלץ וואָלט פֿאַר דאָקטוירים געווען גענוג גרונט צו דיאַגנאָזטיצירן אַ גייסט־קראַנקהייט. האָט אָבער אָט וואָס געטראָפֿן. בשעת דער אונטער־זוכונג איז יאָהאַן געזעסן אַ פֿאַרשטיינערטער, אַ פֿאַרקראַמפּטער, האָט אויף קיין איין פֿראַגע נישט געענטפֿערט. נאָכדעם ווי די דאָקטוירים האָבן

אים קערפערלעך אונטערזוכט, זענען זיי פאָרזיכטיק צו אים נאָכאַמאָל צוגעשטאַנען מיט פראַגן — פאַרוואָס איז ער אַזוי טרויעריק, פאַרוואָס רעדט ער נישט, פאַרוואָס... פראָפעסאָר גרובער, דער וועלט־באַרימטער פסיכיאַטאָר, האָט דאָ אָנגעווענדעט אַלע זיינע קונץ־שטיק צו מאַכן רעדעוודיק דעם פאַציענט. ס'איז אַלץ געווען אומזיסט, יאָהאַן איז געבליבן פאַרשטיינערט. נאָר פלוצים האָט זיך אויף יאָהאַנס פאַרגליווערט געזיכט באַוויזן אַ געוויסע אויפלעבונג. ער האָט עטוואָס אַ ציי געטון די ברעמען, האָט גערירט מיט די ליפן. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט עטוואָס צו זאָגן, האָט אָבער נישט געקענט. ער האָט שטום אַ הויב געטון די רעכטע פאַרקראַמפטע האַנט און באַוויזן מיטן פינגער אויפן שופלאָד פון זיין שרייב־טיש. די דאָקטוירים האָבן געעפנט דעם אָנגעוויזענעם שופלאָד און אַרויסגענומען פון דאָרט עטלעכע דיקע העפטן, וואָס זענען געווען געדיכט באַשריבן. מ'האָט גלייך געזען, אַז דאָס איז אַ מין טאָגבוך יאָהאַנס פאַר די לעצטע חדשים. מיט דעם זעלביקן פינגער האָט יאָהאַן שטום אָנגעוויזן אויף איינעם פון די העפטן. דורכגעלייענט איי־ניקע זייטן, זענען די דאָקטוירים געווען זייער פאַרוואונדערט. באַזונדערס האָבן איינִיקע שטעלן, וואָס זענען געשריבן געוואָרן גראָד די לעצטע טעג פאַרן צוזאַמענבראָך, אַזוי איבערראַשט די דאָקטוירים, דאָס זיי האָבן אָנגעהויבן צווייפלען, צי איז זיין איצטיקער צושטאַנד אַ גייסט־קראַנקהייט אָדער בלויז אַ שטאַרקער קריזיס נאָך זייער ערשיטערנדיקע איבערלעבענישן. מ'האָט דערפאַר באַשלאָסן אים אָבסערווירן און באַהאַנדלען אין דער רויקער נייטראַלער אַטמאָספערע פון אַ סאַנאַטאָריע. די דאָקטוירים נאָך אַ באַראַטונג האָבן דערקלערט העלענען און דעם אָנקל, אַז מ'קאָן נאָך נישט מיט זיכערקייט שטעלן אַ דיאַגנאָז, ביז מען וועט איב נאָך גענויער אָבסערווירן. זיי האָבן רעקאָמענדירט, מען זאָל אים וואָס גיכער איזאָלירן פון דער איינזאַמער אָנגעווייטיקטער הויז־אַטמאָספערע, אַריבערפירן אין אַ רויקער סאַנאַטאָריע, ווו מען וועט אים קענען גענוי אָבסערווירן און באַהאַנדלען.

(פראָפעסאָר גרובער איז דערביי געווען עטוואָס אויפגערעגט. ער איז אַ שטרענגער ניכטערער דאָקטאָר, ער האַלט נישט פון קיין אויסטערלישע פאַלן, וואָס מאַכן אים תמיד עטוואָס געררייצט. דערצו איז נאָך צוגעקומען אָט וואָס. דער פראָפעסאָר איז איצט ווי אַלע דייטשן פול מיט אויפגעהעצטן פאַטריאָטיזם, ערשט פאַריקע וואָך איז זיין איינציקער זון אַוועק פרייוויליק אויפן פראָנט. האָבן אים דערפאַר שטאַרק

אויפגערעגט אין יאָהאַנס טאָג – ביכער די שוואַרצע שילדערונג פון דער „בלינדער מלחמה – פעסט" ביים לייענען האָט ער צערייצט אַ זאָג געטון דעם פאַמיליען – דאָקטאָר אויפן אויער: „דער חברה־מאַן איז גלאַט משוגע, פול מיט פאַרסאַמטע אידייען". דאָך האָבן איניקע שטעלן פונם טאָג – בוך אים זייער איבעראַשט. צוליב פאַרזיכטיקייט האָט ער אָפּגעלייגט דעם אַנטשלוס וועגן יאָהאַנס צושטאַנד, האָט אָבער ביין צוגעגעבן, אַז ווארשיינלעך איז עס דאָך אַ גייסט־קראַנקהייט).

שוין פאַרנאַכט האָט מען אים געבראַכט אין סאַנאַטאָריע, וואָס איז געלעגן אין אַ שיינער פאָרשטאָט פון בערלין. די סאַנאַטאָריע איז גע־שמאַקפול איינגעאָרדנט מיט אַ זייער באַשיידענער געמיטלעכער פּראַכט. אַרומגערינגלט פון אַ גרויסן פּאַרק (מיט דער אויסזיכט פון אַ נאָענטן וואַלד), האָט די סאַנאַטאָריע אויסגעזען ווי אַ פּרעכטיקער וואַלד־שלאָס. די אומהיימלעכע אַטמאָספערע פון אָפּגעשלאָסענע גייסט – קראַנקע איז דאָ זייער געמילדערט דורך דער פּרעכטיקער איינאָרדנונג און דער אַרומיקער נאַטור. העלענאַ האָט זיך באַזעצט נישט ווייט פון סאַנאַ־טאָריע אין אַ פּריוואַטער וווינונג.

זינט דעם קאָנסיליום האָט זיך העלענע שטאַרק געענדערט. זי האָט נעמלעך דעם פייערלעך – געהויבענעם אויסזען פון אַ גלויביקער און פאַרגלויבטער, וואָס וואַרט געדולדיק און זיכער אויף אַ גרויסער געשעע־ניש. דער פאַקט, וואָס די דאָקטוירים זעלבסט צווייפלען און קאָנען זיך נישט אַנטשליסן צו ערקלערן יאָהאַנען פאַר גייסט־קראַנק, האָט באַ־פליגלט העלענען מיט גרויס האָפנונג אויף אַ גוטן אויסגאַנג. ס'האָט זיך אין איר אַליין מער פאַרשטאַרקט די איבערצייגונג, אַז די איצטיקע אַזוי קראַנק – אויסזעענדיקע מעלאַנכאָליע ביי יאָהאַנען איז בלויז אַן אויסדרוק פון טיפע איבערלעבענישן, געבורטס־ווייען פון נייע שאַפונגס־כּוחות. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז נאָך יעדן טרויער – אָנפאַל פלעגט יאָהאַן תּמיד אויפוואַכן אַ שטראַלנדיקער מיט נייע כּוחות: און נאָך דער איצטיקער מעלאַנכאָליע, וואָס מאַכט אים אויסזען אַזוי קראַנק און צעבראָכן, וועט ער זיך ערשט רעכט אויפריכטן מיט אַ ניי געלויטערטער, דערהויבענער פּערזענלעכקייט...

העלענע איז אין איר באַגייסטערונג זייער ווייט געגאַנגען. יאָהאַן זעט איצט אויס ווי אַ קראַנקער צווישן געזונטע, האָט זי געקלערט, ווייל ער איז דער שטאַרקערער. די מייסטע מענטשן לאָזן זיך פאַרבלענדן פונם אויפגעבלאָזענעם מלחמה – פייער, בלויז יאָהאַן האָט מוט און קראַפט

צו זען מיט מאוימדיקער קלאָרקייט די „פאַרגליווערטע לייִדיקייט“ פון
דער מלחמה און ראַנגלען זיך מיט איר אין טיפע לײַדן. אָט ווי אַ זעעוו־
דיקער צווישן בלינדע באַמערקט ער דער ערשטער די פון ווייטן אָנקומענ־
דיקע העסלעכע רויב־חיה און ראַנגלט זיך אין קאָנוואָלסיוון אימפּעט. מעגן
דורך דעם די בלינדע זיין פאַרחידושט און האַלטן אים פאַר אַ געריררטן פון
זינען. העלענע איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זי האָט בײַ זיך אָפּגעמאַכט
צו בלייבן פעסט בײַ איר גלויבן אין יאָהאַנען, אפילו אויב די „בלינ־
דע“, זעלבסט די דאָקטוירים, וועלן אים דערקלערן פאַר גייסט־קראַנק.
נאָר ווי האָפּעדיק זי איז נישט געווען בשעת זי האָט פאַרנאַכט
געבראַכט יאָהאַנען אין סאַנאַטאָריע, איז זי אָבער דעם זעלבן אָוונט
געווען איבעראַשט דורך אַ פיינלעכן אינצידענט, און האָט דערנאָכדעם
געהאַט אַ זייער אויפגערעגטע נאַכט. ס'איז נעמלעך די ערשטע נאַכט
פון איר צעשיידונג מיט יאָהאַנען, וועלכער איז איצט אָפּגעשלאָסן אין
סאַנאַטאָריע. טראָץ איר באַגייסטערונג און פאַרגלויבטקייט קאָן זי דאָך
נישט שלאָפן פון באַהאַלטענער אַנגסט און גליענדיקער בענקשאַפט.
דערהויפּט אָבער איז זי פאַרביטערט דורך דעם פאָרגעקומענעם אינצי־
דענט. היינט אין אָוונט האָט מען זי אין סאַנאַטאָריע, נאָך דער צייט
פון אָוונט - ברויט, נישט מער צוגעלאָזט צו יאָהאַנען. נאָך זיבן אַ זייגער
אָוונט, האָט מען איר געזאָגט, איז יעדער באַזוך פאַרבאָטן. זי איז געווען
אויסער זיך. איז דען יאָהאַן אַ געפאַנגענער? ס'האָט זיך איר אַזוי גע־
וואָלט זען נאָך איינמאָל יאָהאַנען פאַרן אַוועקגיין, אַז זי האָט קעגן דעם
פאַרבאָט זיך געלאָזט גיין צו אים. האָט זיך פּלוצים די קראַנקן־שוועס־
טער געשטעלט צווישן איר און אַריינגאַנג. שווייגנדיק האָט די שוועס־
טער געגעבן איר צו פילן די רויקע אָבער זייער שטרענגע דיסציפּלין פון
אַ סאַנאַטאָריע פאַר גייסטיק - קראַנקע. ס'האָט העלענען געשווינדלט
אין די אויגן פון אויפרעגונג, זי איז אַ ווײַלע געשטאַנען ווי געפּלעפט.
באַלד איז די שוועסטער פאַרשוווּנדן. העלענע האָט דערזען, אַז די שיין־
געטאָקטע טירן (פון די קאָרידאָרן און פון די צימערן) זענען אָן הענט־
לעך, בלינד אָפּגעשלאָסן, בלויז דאָקטוירים און שוועסטער טראָגן, יע־
דער אין זיין קעשענע, אַ בינטל שליסל פון די אַלע טירן. טאַקע גאָר
ווי אין אַ געפאַנגעניש, נאָך מער ראַפינירט און אומהיימלעך. האָט מען
„שוין“ בײַ יאָהאַנען, הייסט דאָס, די פרייהייט אָפּגענומען, מ'האָט
איבער אים פרעמדע אויפזיכט. אַ דערשראָקענע, אַ דערשלאָגענע, איז
זי אַרויס פון סאַנאַטאָריע.

און אָט איצט, שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, קאָן זי נישט איינליגן. זי שטייט אויף און זעצט זיך האַלב־אָנגעטון אין ווינקל פֿון בעט. ווען זי וואָלט איצט קענען כאָטש איינמאָל א קוק טון אויף יאָהאַנען, מאַכן אים פֿילן, אַז זי אָטעמט מיט די געדאַנקען וועגן אים. ווער ווייסט, צי איז ער נישט איצט אַליין מיט זיין טויט — שרעק אינם אָפּגעזונדערטן סאַנאַטאָריע — צימער, וווּ ס'קוקן אַריין דורכן פֿענסטער די שוואַרצע האַרבסט — נאַכט און די נאַקעטע ביימער פֿונם אַרומיקן פּאַרק. זי דערמאָנט זיך זיין פֿאַרצערט פּנים פֿול פֿון שטומער פֿאַרצווייפֿלונג, די פֿאַרקראַמפּטע הענט, די יינגלשע פּלייצעס אַזוי הכנעהדיק איינגעהויקערט. ווי האָט זי עס בלויז געקענט לאָזן אים אַליין צווישן פֿרעמדע. ס'פֿאַרקלעמט איר דאָס האַרץ פֿון אַנגסט און בענקשאַפֿט. זי פֿאַרברעכט די הענט און צעוויינט זיך ביטער. באַלד אָבער רייסט זי איבער דאָס וויינען און פֿאַרקלערט זיך. צי זאָל זי נישט אפשר אַרויסרופֿן אירע עלטערן פֿון האַמבורג? די מוטער האָט אָבער א קראַנק האַרץ און טאָר זיך נישט אויפֿרעגן. דערצו, וואָס וועלן זיי העלפֿן? זיי וועלן נאָך, ווי אָט די אַלע „בלינדע", קוקן אויף אים ווי אויף א גערירטן. ניין, זי מוז עס אַליין אויף אירע אייגענע פּלייצעס אויסטראָגן, זי טאָר דערפֿאַר נישט פֿאַרלירן אומזיסט קיין צייט און ענערגיע. זי טאָר זיך אפֿילו נישט פֿאַרגינען צו וויינען. וואָס האָט זי זיך בלויז צעכניוקעט? צווייפֿלט זי דען א רגע אין יאָהאַנס אינערלעכע כּוחות? אפֿילו די דאָקטוירים וואַגן דאָך נישט צו ערקלערן אים פֿאַר א גערירטן. די אָפּגעשלאָסענע טירן פֿון דער סאַנאַטאָריע זענען דאָך בלויז א זאַך פֿון אָנגענומענער דיסציפּלין. און אָט גלייכט זי זיך אויס און באַקומט ווידער דאָס פֿאַרענקשטע פֿייערלעך אויסזען פֿון א גלויביקער און פֿאַרגלויבטער. זי איז דאָך די איינציקע אין דער וועלט, וואָס ווייסט דאָס גרויסע געהיימניש פֿון יאָהאַנס קינדהייט. אָט יענץ געהיימניש, וואָס האָט יאָהאַנען כּסדר געצויגן צו זוכן דערלייזונג. ס'באַהערשט זי ווידער גרויס באַגייסטערונג פֿאַר יאָהאַנס צוקונפֿט און מיסיע אין לעבן. מעגן אפֿילו די דאָקטוירים אויפֿן צווייטן קאָנסיליום אַרויסטראָגן אַן אַנדער אורטייל, וועט זי טיילן מיט יאָהאַנען זיינע טיפֿע ליידן און שטרעבונגען, זי וועט... א פֿאַרטרוימטע האָט זי זיך צוריק געלייגט אין בעט און פּאַמעלעך איינגעדרימלט מיט א קינדיש־פֿאַרקלערטן שמייכל אויף די ליפּן.

אויף מאָרגן האָט זי זיך אויפֿגעכאַפּט באַלד נאָך באַגינען, האָט זיך שנעל אָנגעטון און אַוועק אין סאַנאַטאָריע. ס'איז געווען א טרוקע־

נער אָבער קילער האַרבסטיקער פרימאָרגן. דער טויער פון פּאַרק איז נאָך געווען געשלאָסן, דער וועכטער האָט זי פאַרווונדערט אָנגעקוקט. ערשט אין אַ ווײַלע אַרום האָט מען דעם טויער געעפנט. כאָטש זי ווייסט, אַז אין אַזאַ פריער שעה איז יעדער באַזוך פאַרבאָטן, טרעט זי דאָך אַרײַן דורכן טויער און גייט פאַרזיכטיק פאַרויס מיט לאַנגזאַמע טריט. אָבער אָט קומען אָן פּלוצים פון דער זייט ביידע דאָקטוירים פון סאַנאַטאָריע, דער דירעקטאָר און דער אַסיסטענט, און שטעלן זי אָפּ. איר אויסזען מאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק. דער דירעקטאָר באַטראַכט זי אַ רגע, זאָגט צו איר פאַרווונדערט, אָבער מיט אַ ווייכער טיילנעמענדיקער שטים.

— גוט מאָרגן, פרוי קעטנער, וואָס טוט איר דאָ אַזוי פרי? איר האָט אודאי אַנגסט, וואָס אייער מאַן איז דאָ אַליין אָן אײַך. איר מעגט אָבער פולשטענדיק פאַרטרויען אונזער סאַנאַטאָריע, וואָס איז באַרימט מיט איר טרייער אויפזיכט און גוטער באַהאַנדלונג. וואָס אמת, הער קעטנער רעדט נישט און איז אומבאַוועגלעך ווי פריער, ס'איז אָבער נעכטן אָוונט געלונגען מאַכן אים ליגן זיך אין בעט, ער האָט די נאַכט רויק געשלאָפן. דאָס איז אַ גוטער צייכן. איר קענט דערמיט זײַן צופרידן. די שטילע מילדע אַטמאָספערע פון סאַנאַטאָריע ווירקט זייער גינסטיק. מ'דאַרף נאָר, פאַרשטייט זיך, אים געדולדיק אָבסערווירן אַ געוויסע צייט, וועט מען דערנאָכדעם קענען גענויער וויסן, וואָס מיט אים איז. אין אַ צוויי וואָכן אַרום וועט פאַרקומען דאָס קאָנסיליום מיט פּראָפעסאָר גרובער. ס'איז אין די אינטערעסן פונם פּאַציענט, פרוי קעטנער, איר זאָלט האָבן געדולד און נישט שאַפן קיין אויפרעגונג מיט פּאַרטאַגיקע אַליאַרם־באַזוכן...

העלענע שמייכלט אַ ווײַלע אין פאַרלעגנהייט, גלייכט זיך אָבער באַלד אויס און ענטפערט.

— כ'דאַנק אײַך, הער דאָקטאָר, פאַר דעם גוטן גרוס פון מײַן מאַן. כ'ווייס, אַז איצט איז יעדער באַזוך פאַרבאָטן, דאָ קאָנען איצט זײַן בלויז פּאַציענטן. באַהאַנדלט מיך אָבער אויך ווי אַ פּאַציענטין, וואָרום ביז די באַזוך־צייט וועט זיך אָנהויבן, — ווער איך משוגע פון אומגעדולד...

ביידע דאָקטוירים זענען די ברידער גאַרפעלד. דער עלטערער, היינריך איז דער דירעקטאָר, אַן עלטערער, זייער אָנגעזעענער דאָקטאָר, אַ דיקער, אַ גוטמוטיקער, מיט גרויע וואָנסן און אַ גלאַט ראַזירטן פּנים. דער ייִנגערער, אַרטור, איז דער אַסיסטענט, אַ הויכער אַ סטאַטנער מיט

טיפע טונקל־גרויע אויגן און געדיכטע שווארצע האָר, וואָס פאלן אים אויפן שטערן. ער איז זייער עלעגאַנט, מיט געשליפענע מאַנירן, א באַקאַנטער שיין־רעדנער. כאָטש ער איז נאָך יונג, קוים איבער דרייסיק, איז ער שוין באַקאַנט מיט זיינע אָריגינעלע ווערק וועגן גייסט־קראַנקע. נעכטן איז ער נישט געווען אין סאַנאַטאָריע ביי דער אויפנאַמע פון יאָהאַנען. ווען ער איז געקומען שפּעט אָוונט אין סאַנאַטאָריע און האָט איבערגעקוקט די ליסטע פון די ניי־אויפגענומענע, האָט ער זיך אָנגע־שטויסן אויף יאָהאַנס ליסטע מיט די טשעקאווע טאָג־ביכער, וואָס ער האָט מיט פאַרכאַפנדיקן אינטערעס געלייענט ביז שפּעט אין דער נאַכט אריין. איצט האָט ער צום ערשטן מאָל געזען העלענען, וואָס האָט אים איבעראַשט מיט איר פייערלעך אויסזען, מיט איר מאָדנעם אויפטרעטן. ער האָט זיך איצט א קער געטון צום עלטערן ברודער, דעם דירעקטאָר.

— ביז די באַזוך־צייט וועט זיך אָנהויבן, וועלן מיר אפשר אויס־נוצן די געלעגנהייט, און איך וועל איצט גלייך אויפנעמען ביי פרוי קעטנער די אַנאַמנעזא (קראַנקהייטס־געשיכטע) פון איר מאַן. פּראָפע־סאָר גרובער האָט געבעטן, מען זאָל מעגלעך באַלד אויפשרייבן גאַנץ גענוי און אויספירלעך די לעבנס־געשיכטע פון הער קעטנער און דעם פאַרלויף פון זיינע איצטיקע ליידן. ביטע זייער, פרוי קעטנער, קומט מיט מיר אין אויפנאַמס־קאַבינעט...

דער יונגער אַמביציעזער דאָקטאָר גארפעלד, אָט דער שטענדיק זוכנדיקער פּסיכיאַטאָר, איז געווען פול מיט ברענענדיקן נייגיר צו דעם אויסטערלישן פאַל פון יאָהאַנס צוזאַמענברוך, וואָס האָט געמאַכט דעם ערשטן קאָנסיליום אַזוי פאַרווונדערט און נייגיריק. וואָס מער דער פאַל איז אויסטערליש און אומקלאָר, אַלץ מער רייצט עס זיין פאָרשערישע אַמביציע. נישט דאָס פּערזענלעכע שיקזאַל פונם פּאַציענט, נאָר די באַ־לערנדיקע אויסטערלישקייט פון זיין ליידן האָט אים פאַרכאַפּט. ס'איז דאָס ליידנשאַפטלעכע גערייג פון יונגע געלערנטע נאָך דעם אומבאַקאַנטן און אויסטערלישן. ס'איז אָבער אומגעריכט אַוועק פיל ווייטער, ס'האָט זיך באַלד אַרויסבאַקומען א גאָר אַנדערע סיטואַציע.

ווען העלענע האָט אין פאָדער־צימער אויסגעטון דעם אויבער־מאַנטל און איז מיטן דאָקטאָר אריין אינם פּרעכטיג־מעבלירטן אויפנאַם־קאַבינעט (דער דירעקטאָר איז אַוועק אין קאַנצעלאַריע), איז אָט וואָס פאָרגעקומען. העלענע איז אָנגעטון אין דעם זעלביקן שוואַרץ־סאַמעטע־נעם קלייד, אין וועלכן זי האָט מיט יאָרן צוריק צום ערשטן מאָל באַ־

געגנט יאָהאַנעס אויפֿן אוניווערזיטעט - הויף. אויפֿן שוואַרץ - בליש־טשענדיקן סאַמעט האָט זיך באַזונדערס אויסגעטיילט דאָס מאַט־ווייסע פּנים און די ציטערנדיק־שמייכלענדיקע ראָזע־ליפּן. דערהויפּט אָבער האָבן די שוואַרצע אויגן געלויכטן מיט דער איינגעהאַלטענער הייסער שפּאַנונג פון אַ גלויביקער און פאַרגלויבטער. ערשט איצט האָט דער דאָקטאָר שאַרף דערפילט די פייערלעכע דערהויבנקייט, וואָס האָט געווייעט פון איר גאַנצער שלאַנקער פיגור אינם וואַרעם־בלישטשענדיקן שוואַרצן סאַמעט. זי האָט אים אָבער צוערשט אויסגעזען בלויז ווי אַן אינטערע־סאַנטע פיגור אין קעטנערס דראַמע, וועלכע באַקומט דורכדעם נאָך מער שפּאַנענדיקע אויסטערלישקייט. אויף זיין עלעגאַנט ליבנסווירדיקן שטיי־גער האָט ער צו איר שיין־רעדעריש אַ זאָג געטון.

— מיר זענען אַלע, גנעדיקע פרוי, זייער פאַראינטערעסירט מיט דעם לײַדן פון אייער מאַן. ביי אונז אין סאַנאַטאָריע זעט מען אָפט, ווי אַ נערוון־צוזאַמענברוך קומט נאָך אַ שטורמישער איבערלעבונג, נאָך אַ ראָמאַנטישער, פּאָליטישער, קאָרטן־שפּילערישער אָדער אפילו פאַרברע־כערישער סענסאַציע. דאָס לײַדן פון אייער מאַן זעט גאָר אויס ווי אַ מאָראַלישער אָדער גאָר פילאָזאָפישער קריזיס, אַ מין טיפער וועלט־שמערץ. אַזאַ שטרענגער און אָנגעכמורעטער נערוון - דאָקטאָר און פּסיכ־יאַטאָר, ווי דער פּראָפעסאָר גרובער, איז אין אייער פאַל זייער פאַרוווּנ־דערט און נייגעריק. די לעצטע זייטן פון אייער מאַנס טאָג־בוך, וואָס זענען געשריבן די לעצטע טעג פאַרן צוזאַמענברוך זענען פול מיט טיפע ערשיטערנדיקע געדאַנקען. עס דערמאָנט די לעצטע ווערק פון ניטשע פאַר זיין קראַנקייט, אָבער אייער מאַנס טאָג־בוך זעט אויס פאַר דעם דיאַגנאָז פיל גינסטיקער און קלאָרער, וואָרום... אָבער לאָמיר אָקאָרשט צוטרעטן צו דער אַרבעט. ערלויבט מיר אייך צו בעטן, פרוי קעטנער, ענטפערן מיר גענוי אויף פראַגן, וואָס כ׳וועל אייך שטעלן לויט אָט־אָ־דעם פראַגע בויגן (ער האָט געהאַלטן פאַר זיך אויפֿן טיש אַ לאַנג־צונויפגעלייגטן ווייסן פראַגע - בויגן מיט פּאַרטיק געדרוקטע פראַגן), וואָס כ׳וועל אויספילן מיט אייערע ענטפערס. איז אייך באַקוועם צו זיצן אויף אייער שטול? ס׳וועט אייך נישט שטערן, וואָס איך וועל שמועסנדיק מיט אייך פאַרשרייבן גלייכצייטיק אייערע ענטפערס. צוערשט וועל איך אייך פרעגן וועגן די עלטערן און דער סביבה פון אייער מאַן...

העלענע ענטפערט אויף אַלע פראַגן ערנסט און דייטלעך. דער דאָק־טאָר פאַרשרייבט אירע ענטפערס און ביי יעדער פראַגע קוקט ער אַרויף

צו אירע לייכטנדיקע שוואַרצע אויגן. פון די דינע ציטערנדיקע ראָזע ליפּן פאַלן ערנסטע רייד, וואָס דער דאָקטאָר כאַפּט אויף מיטן פעדער אויפן פראַגע־בויגן. אין רעכטן מיטן אַרבעט דערפילט פּלוצים דער דאָקטאָר אַ וואַרעמע צערטלעכקייט צום פראַגע־בויגן, וואָס דורך אים ווערט ער פאַרבונדן מיט אירע לייכטנדיקע בליקן און ציטערנדיקע ראָזע ליפּן. וואָס ווייטער ס'ווערט אויסגעפילט דער פראַגע־בויגן, אַלץ מער באַהערשט אים די אַנגסט, אַז אָט־אָט וועט זיך ענדיקן דער פראַגע־בויגן און ער וועט זיך „פּלוצים" מוזן צעשיידן מיט די אַזוי ווילטוענדיקע לייכטנדיקע בליקן. דאָס האַרץ פאַרקלעמט אים פון זיסער בענקשאַפט, נאָר ער מאַכט זיך לחלוטין נישט ווּיסנדיק און האַלט זיך העפלעך־קאָרעקט, מעשה דאָקטאָר. פּאַסירט אָבער אָט וואָס. די פראַגן רוקן זיך נענטער צו דער לעצטער צייט פאַרן צוזאַמענבּרוך. העלענע דערציילט אויספירלעך איר לאַנגן שמועס מיט יאָהאַנען אויפן שיף (בשעת דעם צוריקקער פון דער רייזע), זיינע טרויעריקע נישט אָפּלאָזנדיקע גערדאַנקען וועגן דער בלינדער מלחמה ־ פעסט, וועגן... מערקט דער דאָקטאָר, אַז ביי יעדן מינדסטן אויסדרוק פון פאַרווּנדערונג פאַר יאָהאַנס געדאַנקען פון זיין זייט ענטפערט זי מיט אַ הייסן שטראָם פון דאַנקבאַר און העלאויפלויכטנדיקע בליקן. קאָן זיך דער דאָקטאָר נישט איינהאַלטן און ערטערווייז פאַרשטאַרקט ער עטוואָס דעם אויסדרוק פון פאַרווּנדערונג אַזוי, אַז אויף אירע ליפּן באַווייזט זיך אַ גליקלעכער שמייכל. און אָט קומט העלענע צו יענעם קריטישן פונקט פון שמועס, וואָס באַרירט די געהיימע איבערלעבעניש יאָהאַנס אין זיינע קינדער־יאָרן. דאָ בלייבט זי פּלוצים שטעקן און אויף איר פּנים באַווייזט זיך אַן אויסדרוק פון אַנגסט און אַנטשלום.

— וואָס איז עס געווען, גנעדיקע פרוי, פאַר אַן איבערלעבונג?

— כ'ווייס נישט, כ'קאָן אייך וועגן דעם גאָרנישט דערציילן. כ'בעט אייך זייער דאָס נישט באַרירן...

צוזאַמען מיט דעם אויסדרוק פון פעסטן אַנטשלום עס בשום אופן נישט צו דערציילן, איז אויף איר פּנים קאַנטיק געווען די אַנגסט, מ'זאָל צו איר נישט צושטיין מיט נייע פראַגן וועגן דעם. און אָט אַנשטאָט צו מאַכן וועלכע ס'איז פאַרזיכטיקע אָדער אומדירעקטע פּרוּוון צו דערגיין אָט דעם וויכטיקן פונקט, גיט איר דער דאָקטאָר גלייך נאָך און גייט איבער צו אַנדערע פראַגן. נישט נאָר אירע ליפּן, נאָר אויך אירע אויגן שמייכלען צו אים דאַנקבאַר מיט אינערלעכער סימפּאַטיע. דער דאָקטאָר

איז צעמישט, די טונקל־גרויע אויגן זענען אים פאַרנעפּלט, די שוואַרצע לאָקן פאַלן אים אויפן שטערן. טאַקע דערפאַר, וואָס דאָס האַרץ קלאַפּט אים שנעלער פון פרייד, דוכט זיך אים, אַז ער גייט צו ווייט, אַז ער נוצט אויס זיין דאָקטאָר־אַמט פאַר אייגענע פּריוואַטע שטימונגען... ער רייסט פּלוצים איבער די אונטערזוכונג.

— פאַר היינטיקס מאָל וועט עס, גנעדיקע פרוי, זיין גענוג, כ'וועל אייך בעטן, איר זאָלט אַזוי גוט זיין אויפשרייבן זעלבסט גאַנץ גענוי און אויספירלעך אייער (נאָר וואָס דערציילטן) שמועס מיט אייער מאַן אויפן שיף, ווייל אָט דער שמועס קאָן זיין אומגעהויער וויכטיק פאַרן ענין... מיר וועלן פאַרענדיקן די אונטערזוכונג שפּעטער. די באַזוך־צייט הויבט זיך אָן אין אַ קאַרגער האַלבער שעה. אָבער נאָך אַזאַ גרויסער אָנשטרענגונג, וועל איך אייך גלייך פירן צו אייער מאַן...

נאָך אין דעם זעלביקן טאָג, שפּעט נאָכמיטאָג, האָט דער דירעקטאָר גערופן העלענען אויף אַן אויסקונפט־שמועס וועגן יאָהאַנען. אין איי־ניקע טעג אַרום האָט פּראָפעסאָר גרובער זי איינגעלאַדן צו זיך אין הויז אין זיינע פּריוואַט־שטונדן. זיי, די דאָקטוירים, האָבן געוואָלט דערגיין די געהיימע פּאַסירונג פון יאָהאַנס קינדער־יאָרן, וואָס האָט לויט דעם טאָג־בוך געמוזט מאַכן אַ טיף איינשניידנדיקע ווירקונג אויף יאָהאַנס גאַנץ לעבן. נאָכמער, ס'האָט זיי אויסגעזען, אַז יענע פּאַסירונג איז געוועזן די אינערלעכע פּרוזשינע פון יאָהאַנס ראַנגלענישן אין משך פון זיין גאַנצן לעבן ביז צום לעצטן צוזאַמענברוך. העלענע האָט אָבער כּסדר געענטפערט, אַז זי ווייסט נישט און קאָן גאָרנישט וועגן דעם דערציילן (זי האָט נישט געקענט פאַר קיין אופן פאַראַטן איר אינטים־הייליקן אָפּ־רייד מיט יאָהאַנען עם קיינעם אין דער וועלט נישט צו אַנטפּלעקן). פרעגט מען זי איבער נאָכאַמאָל, ווערט זי בלאַס און אויפגערעגט. טאַקע פון אָט דער מאָדנער אויפרעגונג פלעגט מען זען, אַז זי ווייסט, נאָר זי האָט מחמת עפּעס מורא צו אַנטפּלעקן דעם סוד פון יאָהאַנס קינדהייט. דאָס האָט זי מיט זיכערקייט צוגעגעבן, אַז ס'איז אַ זייער טראַגישע פּאַ־סירונג און אַז קיין מענטש, אפילו דער פאַרשטאָרבענער פּאָטער, ווייסט נישט פון דעם. דאָס אַלעס האָט, פאַרשטייט זיך, נאָכמער אינטריגירט און געררייצט דעם פאָרשערישן דראַנג פון די דאָקטוירים און געבראַכט זיי אין אַ פאַרלעגנהייט.

נאָר דורך שטענדיקן אומגאַנג מיט גייסט־קראַנקע מענטשן זענען זיי, די דאָקטוירים, גענוג אָנגעלערנט, ווי אַזוי געדולדיק און קונציק אומ־

באמערקט בייצוקומען די אויסטערלישע איינגעשפּאַרטקייטן אָדער געהיימע פאַרבאָרגנקייטן ביי צערודערטע מענטשן. אויף א זייער דעליקאַטן, נאָר באַהאַלטן צודרינגלעכן שטייגער, האָבן די דאָקטוירים איצט געמאַכט פאַרשידענע אומדירעקטע פּרוּוון כּדי אַרויסצובאַקומען ביי העלענען דאָס געהיימניש. באַזונדערס ראַפינירט איז עס פאָרגעקומען ביים פּראָפעסאָר גרובער, ס'איז אַפילו דאָ אומגעריכט אַרויסגעקומען א שווערער אינצידענט, וועגן וועלכן מ'האָט זיך שפּעטער א לאַנגע צייט געשושקעט אין סאַנאַטאָריע.

פּראָפעסאָר גרובער, דער וועלט־באַרימטער פּסיכיאַטאָר, כאָטש ער איז שוין איבער זעכציק, איז ער זייער פלינק און ענערגיש. א הויכע מעכטיקע פיגור, זעט אויס זייער אימפּאָזאַנט. צווישן די געדיכטע ווייסע האָר אויפן קאָפּ און די דיקע ווייסע וואָנצן האָבן זיך איבעראַשנדיק אויסגעטיילט די ראָזע באַקן און די לעבעדיקע שוואַרצע אויגן. דאָס געזיכט איז מאָדנע באַוועגלעך און פול מיט אויסדרוק. ער האָט זיך זייער לייכט געקענט אַריינשמייכלען צו א פּאַציענט, פּלוצים מאַכן א געהיימע מינע און אָנוואַרפן אַן אימה, און טאַקע באַלד מיט א פּאַרטרויטן שמייכל פאַרצויבערן דעם צעשראָקענעם פּאַציענט. די לעצטע יאָרן האָט ער באַקומען א שטענדיקע נערוועזע צוקונג אַרום לינקן אויג, וואָס מאַכט זיין אַנזען נאָך מער איינדרוקס־פול.

אָט די צוקונג, זאָגט מען, איז געקומען ביי אים נאָך א שווערן פאַמיליען אומגליק. מיט יאָרן צוריק איז נעמלעך זיין איינציקע זעכצניאָריקע טאָכטער אַרויסגעגאַנגען פאַרנאַכט, האָט גענומען אַן אויטאָ צו פאָרן אין טעאַטער און האָט זיך נישט מער צוריקגעקערט. זי איז שפּורלאָז פאַרשוווּנדן. ס'זענען געווען אומזיסט די גוואַלדיקע אָנשטרענגונגען פון דער פּאָליציי זי צו געפינען. דער פּראָפעסאָר איז געווען זייער ערשיטערט. זינט דאַמאָלס האָט ער אָנגעהויבן צוקן מיט דער לינקער העלפט פּנים. און אָט גאָר לעצטנס, א קורצע צייט נאָך דעם אָנהויב פון דער וועלט־מלחמה, איז זיין איבערגעבליבענער איינציקער זון אַוועק פרייוויליק אויפן פראָנט. און כאָטש דער פּראָפעסאָר איז ווי אַלע דייטשן פול מיט אויפגעבראַוזטן פּאַטריאָטיזם און האָט פייערלעך געבענטשט דעם זון אויפן פראָנט, האָט ער דאָך זינט דאַמאָלט זיך אָנגעהויבן זייער לייכט אויפרעגן און די צוקונג אַרום לינקן אויג איז געוואָרן פיל שטאַרקער.

דער פּראָפעסאָר האָט זייער העפלעך און ליב אויפגענומען העלענען.

ער האָט איר געשטעלט אייניקע פראגן וועגן יאָהאַנען, ביז ער איז אומ־באַמערקט פּאַמעלעך געקומען צו דעם פונקט פון יענער געהיימער פּאַ־סירונג אין יאָהאַנס קינדער־יאָרן. נישט מאַכנדיק קיין דרוק אויף העלע־נען, האָט ער צוערשט גאַנץ דעליקאַט אַ פרעג געטון.

— אויב איר ווייסט נישט, פרוי קעטנער, אָדער איר קענט נישט דערציילן יענע פּאַסירונג זעלבסט, קאָנט איר אונז זאָגן אפשר עפּעס וועגן דער פּאַסירונג?

— וואָס כ'וועל נאָר קענען, וועל איך דערציילן.

— צי איז יענע פּאַסירונג געקומען דורך עפּעס אַ פאַרברעך אָדער אַ קאָנפליקט?

— ניין!

— איז עס פאָרגעקומען מיט דער מוטער?

— כ'ווייס נישט.

— האָט עס אַ שייכות צו דער מוטערס טויט?

— כ'ווייס נישט.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך פלוצים פאַרטראַכט. שווייגנדיק קוקט ער אָן אַ זייט און אויף דעם אומבאַוועגלעכן פּנים צוקט בלויז דאָס לינקע אויג. און אָט האָט ער אָנגערוקט די ווייסע ברעמען און, נישט קוקנדיק צו העלענען, טוט ער ווי אַ זאָג פאַר זיך:

— אייער שמועס מיט הערן קעטנער אויפן שיף, וואָס ד״ר גאַר־פעלד האָט פאַרשריבן לויט אייער דערציילונג, קאָן האָבן אַ גרויסע באַ־דייטונג פאַר דעם דיאַגנאָז און דער באַהאַנדלונג פון דעם צוזאַמענברוך, ווען איר וואָלט אונז קאָנען דערקלערן די סאַמע וויכטיקע שטעלע פונעם שמועס. כ'וועל אייך גלייך איבערליינען די דאָזיקע וויכטיקע שטעלע פונעם פּראָטאָקאָל (געמלעך אָן אָפּזאָץ פון אייער מאַנס רייד): „ס'איז ווי מען שטעלט פּאָקן אין די קינדער־יאָרן (אַזוי זאָגט צו אייך אייער מאַן אויפן שיף) און מען בלייבט דערנאָכדעם אַ גאַנצן לעבן אומצוגענגלעך פאַר אַ פּאָקן־עפּידעמיע, אַזוי האָט די באַגעגעניש אין די קינדער־יאָרן מיט דעם שטאַרן בליק פון טויט מיך געמאַכט אומצוגענגלעך פאַר דער בלינדער מלחמה ־ עפּידעמיע״... קאָנט איר עטוואָס גענויער דערקלערן וועגן דעם דערמאָנטן „בליק פון טויט״?

— ניין, כ'ווייס נישט.

דער פּראָפעסאָר האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און שאַרף אַ קוק געטון צו העלענען. ערשט איצט האָט ער דערזען אינם פאַנאַטישן גלאַנץ פון אירע אויגן, אַז זי וועט עס קיינמאָל נישט דערציילן.

ער האָט זיך פּלוצים אַ קער געטון צו העלענען מיט אַ פּאַרטרויטן שמייכל און קוקנדיק איר אין די אויגן אריין, האָט ער מיטאַמאָל גענומען אַ הארציקן ווארעמען טאָן. ער האָט זי גענומען באַקאַנט מאַכן מיט דער לאַגע פונם פּאַציענט און האָט דערביי מיט איבעראַשנדיקער אָפנקייט אַרויסגעזאָגט איר זיינע גערדאַנקען וועגן דעם צושטאַנד.

— איר פאַרשטייט דאָך זעלבסט, פרוי קעטנער, אַז מיר, דאָקטוירים, פרעגן נישט אויס נייגיר, נאָר אויס אינטערעס צום קראַנקן. כ'וועל אייך אָפן דערציילן די גאַנצע לאַגע. שוין זעקס טאָג זינט אייער מאַן איז אָנגעקומען אין סאַנאַטאָריע, און זיין צושטאַנד האָט זיך ווייניק געענדערט. ער זיצט אַלץ אומבאַוועגלעך, שטום, מיט פאַרקראַמפּטע הענט אויף די קני, דאָס פּנים קאָנוולסיוו פאַרגליווערט פון שרעק און אומעט. מיט דער הילף פון מעדיקאַמענטן קאָן ער ביינאַכט איינשלאָפן. ס'מאַכט דעם איינדרוק פון אַ מעלאַנכאָלישער גייסט־קראַנקהייט (דער אמתער נאָמען איז „מאַניאַקאַליש ־ דעפּרעסיוו"). דאָס איז אַ קראַנקהייט פון געפיל, וואָס איז מייסטנס זעלטן־גענגעפערלעך און היילט זיך אויס געוויינטלעך אין משך פון אַ יאָר. די טאָג־ביכער פון דער לעצטער צייט באַווייזן, וואָס אמת, אַ טיפן מאָראַלישן קריזיס, וואָס האָט זיך אָפּנים יעדן טאָג אַלץ מער פאַרשאַרפט, ביז ס'האָט אַרויסגערופן דעם צוזאַמענבראָך. וואָס די סיבה זאָל נישט זיין — סיי־ווי איז דער איצטיקער צושטאַנד אַ מעלאַנכאָלישע גייסט ־ קראַנקהייט. הערט ־ זשע אָבער ווייטער.

ער האָט פאַרצויגן די ווייסע ברעמען, ער האָט זיך אַרומגעקוקט, גלייך ווי ער וויל אַ גרויס געהיימניש דערציילן.

— ... נעכטן האָט דער דירעקטאָר פון סאַנאַטאָריע מיר מודיע געווען אַזאַ עפּיזאָד. באַלד נאָך באַגינען, אַרום זיבן אַ זייגער אין דער פרי, האָבן פאַרביי דער סאַנאַטאָריע מאַרשירט סאָלדאַטן מיט מוזיק. דערהערט די מיליטערישע מוזיק, איז הער קעטנער אויפגעשפּרונגען פון בעט און, שאָקלענדיק מיט די ליפּן (נישט קענענדיק אַרויסרעדן קיין וואָרט), האָט ער אין אומגעהויערן שרעק געוויזן מיט די פינגער אויף די מאַרשירנדיקע, און פון דער ברוסט האָבן זיך ביי אים אַרויסגעריסן קאָנוולסיווע קולות. ס'איז געווען אַ זייער שווערער אַנגסט־אָנפאַל. מיט גרויסער מי האָט מען אים געקענט באַרויקן, ביז ער איז ווידער געזעסן שטום אומבאַוועגלעך מיט פאַרקראַמפּטע הענט אויף די קני. דאָ ווייזט זיך אַרויס קלאָר אַ מין פאַרפאָלגונגס ־ מורא פאַר סאָלדאַטן און מלחמה. אַזוינע מוראס קומען אָפט פאָר ביי מעלאַנכאָלישע קראַנקהייטן און ווערן

טאָקע געבוירן ביים פּאַציענט דורך זיין מעלאַנכאָלישן שרעק. נאָר אינם טאָג־בוך זעט מען קלאָר, אַז נאָך פאַרן צוזאַמענברוך האָט הער קעטנער געהאַט אַ טיף דורכגעטראַכטע באַגרינדונג פון מורא און שרעק פאַר מלחמה, וואָס זעט אים שוין דאַמאָלט אויס, ווי אַ טויט־בלינדע פאַרניכטונג. אויב אַזוי, הייסט דאָס, איז זיין שרעק נישט בלויז אַ זאַך פון געפיל, נאָר האָט זיך שוין פריער איינגעגעסן אויך אין די געדאַנקען און אַרויסגערופן אַ גאַנץ סיסטעם פון שרעק־פאָרשטעלונגען. ס׳קומט דאַמאָלט אויס, אַז מיר האָבן דאָ נישט בלויז אַ קראַנקהייט פון געפיל, נאָר אַ פיל ערנסטערע גייסט־קראַנקהייט, וואָס האָט שוין פריער פאַרכאַפּט דעם געדאַנק און פאַנטאַזיע, און וואָס איז, אגב, זייער אָפט אומהיילבאַר...

ביי העלענעס זענען די ליפּן ווייס געוואָרן. זי האָט שטום פאַרבראָכן די הענט. דאָס וואָרט „אומהיילבאַר" האָט זי ווי אַ דונער געטראָפן.

— איז דאָס מעגלעך, הער פּראָפעסאָר, איז דאָס...

דער פּראָפעסאָר האָט טרייסטנדיק גענומען אירע הענט און פאָטערלעך צוגעדריקט צו זיין ברוסט.

— איר דאַרפט זיך נאָך גאָרנישט שרעקן, פרוי קעטנער, ס׳איז דאָך דערווייל בלויז אַן השערה. דער דיאַגנאָז איז נאָך נישט געשטעלט. מיר זענען איצט טאַקע געקומען צום וויכטיקן פּונקט.

ער האָט פּאַמעלעך אָפּגעלאָזן אירע הענט, האָט אַ זאָג געטון רויק און זאַכלעך:

— פאַרשטייט איר, אין טאָג־בוך פאַרופט זיך ה׳ קעטנער בסדר אויף יענער פּאַסירונג פון די קינדער־יאָרן, וואָס איז געוועזן פאַר זיין שפּעטערן לעבן די סיבה אָדער דער שטויס־קראַפט פאַר שרעקעדיקע, צווינגענדיקע און ערגעץ־וווהין רופנדיקע אידייען. אָט די פּאַסירונג ווייזט אויס איז דער צענטער פונם גאַנצן אינערלעכן פּלאָנטער. ווען מיר וואָלטן ווייסן אָט די פּאַסירונג וואָלטן מיר אפשר דעם גאַנצן פּלאָנטער געקענט ריכטיקער אויפלויזן און...

און דאָ איז פאָרגעקומען עטוואָס אומגעריכטס. דערזען איצט די כוונה פונם פּראָפעסאָרס פאַרוויקלטע רייד, האָט זי זיך איינגעגלעצן באַפרייט פון זיין איינפלוס. זי האָט ווידער אָנגענומען דעם פייערלעך פאַרעקשנטן שטאָלץ פון אַ פאַרגלויבטער אין יאָהאַנס צוקונפט און זיינע אידייען. דורכגעדרונגען איצט פון יאָהאַנס גייסט, האָט זי איצט, אַנשטאַט צו ענטפערן דעם פּראָפעסאָר, פּלוצים גאָר אַ פרעג געטון:

— קלערט איר נישט, הער פּראָפעסאָר, אַז ס'איז אַ מער שוידער־לעכע גייסט־קראַנקהייט, וואָס מיליאָנען מענטשן גייען איצט מיט מוזיק צו שעכטן זיך קעגנזייטיק, צו פאַרניכטן מענטשלעכע האָרעוואַניעס פון דורות און דערביי...

דער פּראָפעסאָר איז צוערשט געווען ערשטוינט פון די אומגעריכטע רייד, וואָס האָבן אָבער באַלד אַ פּנים אַ ריר געטון אַ זייער צעווייטיקטע וווּנד. פּלוצים איז די ראָזאַ פאַרב פאַרשוווּנדן פון זיין פּנים, די צוקונג אַרום לינקן אויג האָט ווי אַ קאָנוולסיע פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע בלאַס־געוואָרענע געזיכט. ער האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף העלענען, טרייס־לענדיק מיט די ווייסע לאָקן אויפן קאָפּ.

— ווי האָט איר עס געוואַגט אַזוינע שענדלעכע פאַררעטערישע רייד צו האַלטן אין אַ דייטשן הויז. אונזער פאָטערלאַנד איז אין געפאַר, אַלע דייטשן זענען ווי איין מענטש אויפגעשטאַנען צו פאַרטיידיקן מיט דער ברוסט דעם כּבוד פון דער נאַציע, מיין איינציקער זון איז פרייוויליק אַוועק אויפן פראָנט. איר האָט זיך אָפּנים אויך געררירט פון זינען, זיך אָנגעשטעקט פון אייער מאַן — אַ נישט וואָלט מען אייך געדאַרפט שטעלן צום מיליטער - געריכט פאַר שענדלעכן פאַראַט. פאַרלאָזט מיין הויז, געשטראָפטע, כ'וועל אייך...

ער האָט פּלוצים מעשה עבר־בטל אָנגעהויבן ציטערן מיט די ליפּן און מיט די הענט, ער איז געפאַלן אָנמעכטיק אין שטול. דאָס מויל האָט זיך אים פאַרקרימט, די אויגן פאַרגלאָצט. העלענע איז געזעסן ווי צוגעקאָוועט צום שטול, נישט וויסנדיק ווי אַ ריר צו טון זיך. נאָר אָט האָט ער מיט דער האַנט באַוויזן אויפן גראַפין וואַסער, וואָס אין ווינקל אויפן טיש. העלענע האָט אים אָנגעגאָסן און דערלאַנגט אַ גלאָז וואַסער. די הענט האָבן ביי אים אַזוי געציטערט, אַז ער האָט נישט געקענט האַלטן דאָס גלאָז און האָט געטרונקען פון העלענעס הענט. ער איז עטוואָס גע־קומען צו זיך, כאָטש ער האָט נאָך געציטערט מיט די הענט און ליפּן.

מיט פאַרנייגענדיקער קאָפּ־באַוועגונג האָט ער נישט געלאָזט העלענען אַ רוף טון עמעצן פון די אַנדערע חדרים. ער האָט איר שטום אַ נייג געטון דעם קאָפּ צום אָפּשייד. ווען זי האָט, גלייך אַרויסגייענדיק, זיך פון שוועל אומגעקוקט, איז ער שוין געזעסן טיף איינגעדרימלט אינם ווייכן שטול, דער קאָפּ אויף דער זייט, די ווייסע לאָקן אויפן פּנים אַרויפגעפאַלן. ס'איז איר אַרויפגעקומען אויפן מוח אַ פאַרגלייך צווישן דעם פּראָפע־סאָר און דעם פאַרשטאָרבענעם באַנקיר. ביידע זענען זיי שטאָלצע פּער־

זעגלעכקייטן, יעדער אויף זיין מעכטיקן שטייגער, נאָר דורך דער מלחמה ארויסגעפירט פונם פעסטן גלייכגעוויכט (העלענע האָט איצט מיט יאהאַנס אויגן געקוקט אויף דער ארומיקער וועלט).

קיינער האָט נישט געוווסט וועגן דעם אינצידענט. נישט דער פראָ־פעסאָר און נישט העלענע האָבן וועגן דעם דערציילט. נאָר אויף מאָרגן האָט דער יונגער ד״ר ארטור גארפעלד איינגעלאַדן העלענען אין אויפ־נאַם־קאַבינעט. ער האָט זי פארטרויליך שיין־רעדנעריש א פרעג־געטון:

— ווייסט איר, פרוי קעטנער, מיר האָט היינט געזאָגט דער אסיס־טענט פון פראָפעסאָר גרובער, אז נאָך אייער אוועקגיין האָט דער פראָ־פעסאָר באַקומען א שטארקע ערשיטערונג. האָט עס עפּעס צו טון מיט אייער באזוך ביי אים אָדער ס׳איז א צופעליק צוזאמענטרעפן. ניין? נאָכן טראַגישן פארלוסט פון זיין גרעסטער טאָכטער מיט יאָרן צוריק, איז אים איצט גאָרנישט לייכט אָנגעקומען צוצעשיידן זיך מיט זיין זון, וואָס איז אוועק פרילינג אויפן פראָנט. ווייסט איר, אין לעצטן סך־הכּל איז שווער צו זאָגן, ווער איז אייגנטליך משוגע, צי די מיליאָנען מענטשן, וואָס ווערן אין איין טאָג פארבלענדעט און גייען ווי די טיגערס אויפן שלאַכט־פעלד, אָדער יענער, וואָס האָט מוט צו זען דעם שוידער פון מאסן־מאָרד און פארגליווערט ווערן פון נאַטירלעכן שרעק. ווער איז דאָ מענטש־לעכער, ווער האָט מער געזונטן פארשטאַנד און...

ביי די לעצטע ווערטער האָט העלענע אויפגעשטראַלט. זינט יאהאַנס קראַנקהייט האָט זיך צום ערשטן מאָל באוויזן אַ שמייכל פון פרייד אויף איר פּנים. זי איז געווען אזוי גערירט, אז ס׳איז אויף א ווײַלע פארשוווּנדן די גאַנצע פייערלעכע אָנגעצויגנקייט. מיט איר פריערדיקער נאַטירלעכער לעבעדיקייט האָט זי אויפגעבראַזט און מיט צאַרטער דאַנקבאַרקייט אָנ־גענומען דעם דאָקטאָרס האַנט.

— צווישן אלע אַרומיקע זענט איר, הער דאָקטאָר, דער איינציקער מענטש, מיט וועלכן כ׳פיל זיך גייסטיק נאָענט, וועלכער פארשטייט אזוי אינערליך מיינע איבערלעבונגען. צווישן די שטרענגע דאָקטוירים און די דערשראָקענע קרובים איז אייער מענטשלעך מוטיק וואָרט א געשאַנק פון הימל...

איר דריקנדיקע האַנט איז פול מיט ציטעריקער וואַרימער צאַרטקייט, וואָס גיט זיך איבער ווי אַ שטראָם דורך דעם דאָקטאָרס האַנט. ביי אים פארקלעמט דאָס האַרץ פון זיסער בענקשאַפט. ווי בשעת דעם אויספילן פון פראַגע־בויגן, ווערט ער פּלוצים צעמישט. ווי דאַמאָלס דערפילט ער,

אַז ער נוצט אויס זיין דאָקטאָר פּאָזיציע פאַר אייגענע פּריוואַטע שטימונגען צו דער פרוי פון פּאַציענט... ער האָט זיך באַהערשט, איז געוואָרן גלייך העפלעך־קאָרעקט, ביז גאָר שיין־רעדנעריש.

— כ'האָב גאָרנישט פאַרדינט, גנעדיקע פרוי, אייער דאַנקבאַרקייט. כ'מוז אייך זאָגן, אַז מיינע קאָלעגן, די דאָקטוירים, זענען מיט מיר ווייניקער צופרידן. זיי רופן מיך שפּאָטיש „דער פילאָזאָפישער טרוימער" (פאַר אַ מעדיצינער איז עס דאָ ס'ערגסטע צונאָמעניש). איר דאַרפט וויסן, אַז כ'האָב דורכגעמאַכט צוויי פאַקולטעטן, און כ'בין נישט נאָר אַ דאָקטאָר מעדיצין, נאָר אויך אַ דאָקטאָר פילאָזאָפיע. כ'האָב טאַקע אַ פילאָזאָפישן צוגאַנג צו מאַנכע אַלט־פאַרגליווערטע באַגריפן וועגן גייסט־קראַנקהייט. מיט איניקע יאָרן צוריק האָב איך פאַרעפנטלעכט אַ בוך אונטער דעם נאָמען „וואָס איז אַזוינס אומנאָרמאַל"? דאָס בוך האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם פון דיסקוסיעס. אויף דעם גרונט פון פאַקטן און שטרענגן אַנאַליז האָב איך אין דעם בוך געלייקנט די ביזהער אָנגענומענע טיילונג צווישן „נאָרמאַל" און „אומנאָרמאַל". — אָט, למשל, מאַהאַמעט האָט געהאַט היסטערישע האַלוצינאַציעס, געוויסע סימנים פון גייסט־קראַנקהייט, — ער האָט אָבער געשאַפן אַ נייע רעליגיע און איז געוואָרן אַ פאַרהייליקטער נביא ביי מיליאָנען. קיין דאָקטאָר וועט זיך דאָ נישט דערוועגן אָנווענדן ביי מאַהאַמעטן (און אַנדערע ענלעכע נביאים) זיין מאָסשטאַב פון גייסט־קראַנקהייט. שטעלט זיך אָבער פאָר, ווען מאַהאָמעט מיט זיין רעליגיעזער פאַנטאַזיע ווערט געבוירן אין היינטיקן יאָרהונדערט אין בערלין, וואָלט ער ביי די איצטיקע אומשטענדן נישט געקענט שאַפן קיין נייע רעליגיע אָדער ווערן אַ נביא. ער וואָלט געבליבן אַ באַהאַלטענער מאַהאָמעט, אַ נישט אויסגעפּיקטער נביא. קיינער וואָלט זיך מיט אים נישט צערעמאָניעט, דער דאָקטאָר וואָלט אים פאַרשפּאַרט אין סאַנאַטאָריע און וואָלט אים ערקלערט פאַר אַ גייסטיק־קראַנקן, אָבער מיט וועלכן רעכט? ס'קומט נאָך דערצו, וואָס...

העלענאַ הערט אים מיט אַן אָפן מויל, זי שלינגט יעדעס וואָרט, גלייך ער וואָלט פון איר האַרצן אַרויסגערעדט, ס'דוכט זיך איר, אַז ער באַוויזט און פאָרמולירט וויסנשאַפטלעך אירע אייגענע אומקלאָרע איבערלעבענישן. אירע גרויסע שוואַרצע אויגן קוקן אויף אים מיט ענטציקנדיקער אויפמערקזאַמקייט און טיפער סימפּאַטיע. ווי בשעת דעם אויספילן דעם פראַגע־בויגן, דערפילט ער, דער דאָקטאָר, פּלוצים אַ וואַרעמע צערטלעכקייט צו זיינע אייגענע געדאַנקען, וואָס פאַרבינדן אים אַזוי אינער־

לעך מיט אַט דער מערקווירדיקער פּרוי אינם שוואַרצן ווייך בּלישטשנדיקן סאַמעט.

אין אַ וואָך אַרום, אין אַ האַרבּסטיק־קילן נאָכמיטאָג, איז פּאָרגעקומען אין סאַנאַטאָריע דאָס אַנטשיידנדיקע קאָנסיליום. ס'זענען געווען פּראָפעסאָר גרובּער, די בּיידע דאָקטוירים גאַרפעלד (דירעקטאָר און אַסיסטענט) און דער פאַמיליען דאָקטאָר פון די קעטנערס. צוערשט האָט דער דירעקטאָר אָפּגעגעבּן אַ בּאַריכט וועגן דעם צושטאַנד פון פּאַציענט, וואָס האָט זיך ווייניק געענדערט זינט ער איז אָנגעקומען אין סאַנאַטאָריע. דער דירעקטאָר האָט געשילדערט דעם צושטאַנד אין קאָמפּליצירטע מעדיצינישע אויסדרוקן, וואָס אויפן פּראָסטן לשון וואָלט עס אָן ערך אַזוי געהייסן. דער פּאַציענט זיצט מייסטנס שטום אומבּאַוועגלעך, מיט פאַרקראַמפּטע גלידער, נאָר דער שלאָף איז בּיי אים די לעצטע וואָך בּעסער, אויך געלינגט עס די לעצטע וואָך אַרויסצובּאַקומען בּיי אים אייניקע ווערטער, וואָס ער רעדט אַרויס שטיל און לאַנגזאַם. צוויי מאָל האָט ער אַפילו מיט אַ זייער שטילער שטים געשטעלט קורצע פראַגן. זונטאָג אין דער פרי האָט ער געפרעגט, צי קאָן נישט זיין פרוי וווינען מיט אים אין סאַנאַטאָריע. דעמזעלבּיקן נאָכמיטאָג האָט ער אַ פרעג געטון, וועלכע לענדער זענען געבּליבּן נייטראַל. פון אַט די קנאַפּע פראַגן זעט מען דאָך, אַז ער אָריענטירט זיך גוט אין דער לאַגע און אַז ער איז אינערלעך בּאַשעפטיקט מיט דער מלחמה...

ווען דער דירעקטאָר האָט געענדיקט דעם אויספירלעכן בּאַריכט, האָט פּראָפעסאָר גרובּער גענומען מאַכן דעם אויספיר מיט דער איבּערצייגנדיסער זיכערקייט פון אַן אָנערקענטן אויטאָריטעט, וואָס האָט צו זאָגן דאָס ענטשיידנדיקע וואָרט. נישט קוקנדיק אויף אַלע אויסטערלישע אומשטענדן, זאָגט ער, האָט מען דאָ צו טון מיט אַ מעלאַנכאָלישער גייסט־קראַנקהייט (אויפן מעדיצינישן לשון: מאַניאַקאַליש דעפּרעסיווער פּסיכאָז). ער האָט עס וויסנשאַפטלעך קורץ בּאַגרינדעט און צוגעגעבּן אַזוינע קאַטעגאָרישע ווערטער. צי איז דער לעצטער שטוים (פאַרן צוזאַמענבּרוך) געווען דער טויט פונם פאָטער, אָדער דער שרעק פון מלחמה, צי איז דער פּאַציענט געווען פריער אַ פילאָזאָף אָדער אַן איינפאַכער מענטש, דאָס אַלץ קאָן צוגעבּן פאַרשידענע פאַרבּן, דער צושטאַנד איז אָבּער סיי־ווי פון אַ מעלאַנכאָלישער גייסט־קראַנקהייט. די ווייטערע ענטוויקלונג פונם צושטאַנד וועט אונז בּאַווייזן, צי איז עס נישט גאָר אַן ערנסטערע גייסט־קראַנקהייט. דער פּראָפעסאָר האָט זיך בּאַרופן אויך אויף אַ וואַרשיינלעכע ירושה פון

דער גייסטיק־קראַנקער מוטער. ער האָט קיילעכדיק פאַרענדיקט מיט אַ פאַרגלייכנדיקן אַנאַליז פון פאַרשידענע גייסט־שטערונגען, וואָס קומען פאָר אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ מלחמה־צייט. נאָך דעם ווי דער פּראָפעסאָר האָט אָנגעמערקט די באַהאַנדלונג פונם פּאַציענט, האָט ער מיט אַ שטאַרק אויפגערעגטן טאָן געמאַכט די באַמערקונג, אַז די טאָג־ביכער זענען גע־שריבן געוואָרן מיט אַ זייער פאַרפירערישן סטיל, און קאָן נאָך, גאָט באַ־היט!, ווערן אַ גיפטיקע אַנטי־מלחמה־פּראָפּאַגאַנדע. מ'מוז אָט די פאַר־פלוכטע טאָג־ביכער פאַרניכטן אָדער ווייניקסטנס האַלטן אונטערן שלאָס.

בשעת דעם רעדן איז דאָס געזיכט ביים פּראָפעסאָר אָנגעכמורעט, די ווייסע לאָקן גלאַט פאַרקעמט, די צוקונג אַרום ליפּן אויג זייער אינ־טענסיוו, און ביי די לעצטע אויפגערעגטע רייד, פאַרכאַפּט די צוקונג דאָס גאַנצע געזיכט. דער דירעקטאָר און דער פאַמיליען־דאָקטאָר האָבן צוגע־שטימט צום פּראָפעסאָרס דיאַגנאָז, אַרויסקוקנדיק צו אים מיט יענעם דרך ארץ, מיט וועלכן פּראַקטיצירנדע דאָקטוירים קוקן צו אַן עלטערן אָנערקענטן אויטאָריטעט. נאָר די זייער אויפגערעגטע באַמערקונג פונם פּראָפעסאָר וועגן די טאָג־ביכער האָט געוואָרפן אַ שאָטן אויף זיינע רייד (איז נישט אָקאָרשט, דער קאַטעגאָריש בייזער דיאַגנאָז, האָט מען געקענט קלערן, אַ פּראָדוקט פון זיין אויפרעגונג), און אַרויסגערופן ביי די דאָק־טוירים דאָס פיינלעכע, ווען אויך פאַרצייענדיקע מיטגעפיל, וואָס מ'האָט צו די שוואַכקייטן פון גרויסע מענטשן.

דער יונגער ד"ר גאַרפעלד האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, קוקנדיק אָן אַ זייט מיט פאַרנעפּלטע גרויע אויגן. און אָט האָט ער ענדלעך גענו־מען דאָס וואָרט. כאָטש ער איז ווי אַלעמאָל עלעגאַנט - העפלעך און שיין־רעדנעריש, איז ער אָבער איצט פול מיט פאַרביסענער אַמביציע. בויגנדיק זיך פאַר דעם אויטאָריטעט פון דעם ה' פּראָפעסאָר, זאָגט ער, ווייל ער צוערשט צוגעבן צום באַריכט פונם הער דירעקטאָר דעם וויכטיקן פאַקט, אַז ווען ס'איז אים נעכטן געלונגען צו רעדן צום פּאַציענט מיט אַן איבער־צייגנדיקן טאָן וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ שנעלן פרידן און אַ ניי־אויפשטייענדיקער עפּאָכע, האָט ביים פּאַציענט דאָס פּנים אויפגעלויכטן. אַזוינע פאַקטן באַווייזן, דאָס דער פּאַציענט האָט זיין אייגענע טיף פילנ־דיקע אינערלעכע וועלט, וואָס נישט מיר ווייסן זי, נישט מיר קענען זי אָפּשאַצן. נעמט אין אַכט די טיפע איבערלעבענישן פונם פּאַציענטן און זיינע וויכטיקע געדאַנקען, וואָס ער האָט פאַרצייכנט אינעם טאָג־בוך אין די גאָר לעצטע טעג פאַרן צוזאַמענבּרוך; דערמאָנט מען זיך ווייטער די

אונז אומבאַקאַנטע געהיימע פּאַסירונג פון דער קינדהייט, וואָס איז זיכער געווען די אינערלעכע פּרוזשינע פון זיין גאַנצן שטורמישן און אומגע־הויער גייסטיקן לעבן — ווערט מען געניינט צו קלערן, אַז דאָ איז נישט אַ גייסט־קראַנקהייט, נאָר אַ טיפער מאָראַלישער קריזיס, וואָס קומט פאָר אין זעלטענע פאַלן ביי קינסטלער און דענקער, ווי איבערגאַנגס - שטופּן אָדער געבורטס־ווייען פון נייע אומוואַנדלונגען. גראָד אין דעם פאַל פון קעטנער זעט מען קלאָר, ווי וואַקלדיק ס'איז דער מאָסשטאַב פון גייסט־קראַנקהייט און גייסט־דערהויבונג, וואָס אייגנטלעך...

פּראָפעסאָר גרובער האָט אים שטרענג איבערגעריסן ווייטער מיט אַן אויפגערעגטן טאָן.

— אייער פילאָזאָפישע טרוימעריי, הער קאָלעגע, איז אונז שוין גוט באַקאַנט. נאָר אַזוינע דיסקוסיעס זענען אפשר אינטערעסאַנט אויף פאַר־זאַמלונגען, אויך נישט אין היינטיקע ערנסטע צייטן, אָבער יעדנפאַלס נישט אויף אַ קאָנסיליום. אַנשטאָט דיסקוסיעס, לאָמיר בעסער האַלטן אַן אויג אויפן פּאַציענט אין משך פון דער קומענדיקער צייט, און די צוקונפט וועט ווייזן דעם אמת. פאַרשטייט זיך, הער קאָלעגאַ, קיינער שטערט אייך נישט צו בלייבן ביי אייער מיינונג...

דער פּראָפעסאָר איז אויפגעשטאַנען פון טיש, האָט דערמיט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס קאָנסיליום איז געענדיקט. —

מ'האָט שוין אין סאַנאַטאָריע אָנגעצונדן די לאָמפּן, ווען דאָס קאָנ־סיליום האָט זיך געענדיקט. אינם גרויסן וואַרטע־צימער זענען געזעסן העלענע, דער אָנקל לעאָפּאָלד, און העלענעס פאָטער, אַדוואָקאַט גרינשטיין מיט דער גרויסער טשופרינע (ער האָט זיך ערשט נעכטן דערוווסט וועגן יאָהאַנס צוזאַמענברוך און איז מיט אַן עקספּרעס געקומען קיין בערלין). זיי האָבן אַלע געוואַרט אויף די רעזולטאַטן פון קאָנסיליום. און אָט האָט דער דירעקטאָר זיי אַריינגערופן צו זיך אין קאַבינעט און זיי מודיע גע־ווען דעם באַשלוס פון קאָנסיליום, אַז ביי יאָהאַנען איז אַ מעלאַנכאָלישע גייסט־קראַנקהייט, וואָס הילט זיך אוים מייסטנס אין משך פון אַ יאָר. נאָך זיכערער וועט מען דעם דיאַגנאָז קענען באַשטעטיקן אין משך פון די נאָענטע חדשים. דער דירעקטאָר האָט אָבער גלייך צוגעגעבן, אַז אינם קאָנ־סיליום איז ד״ר אַרטור גאַרפעלד געבליבן ביי זיין מיינונג, אַז ס'איז ביי יאָהאַנען נישט קיין גייסט־קראַנקהייט, נאָר אַ טיפער מאָראַלישער קריזיס, וואָס פּאַסירט ביי מאַנכע קינסטלער און דענקער...

ביי די לעצטע רייד האָבן ביי העלענען די אויגן אויפגעלויכטן. נאָר

דער אדוואָקאַט גרינשטיין, וואָס איז אַ ביז גאָר ניכטערער און רעאַלער מענטש, האָט סקעפּטיש אַ טרייסל געטון מיט דער טשופּרינע. די רייד וועגן מאָראַלישן קריזיס האָבן אים געשמעקט מיט ליטעראַטור. אַט יענער ד״ר גאָרפעלד, האָט ער אַ קלער געטון, מוז זיין מער אַ ליטעראַרישער קנאַקער, אַ פּראָזן־שיסער. ער האָט אַ פרעג געטון דעם דירעקטאָר:

— אויב ס'איז אַ מאָראַלישער קריזיס, ווי לאַנג קאָן ער דויערן?

— אַ מאָראַלישער קריזיס לאָזט זיך נישט פאָראויס באַשטימען, ס'קאָן דויערן אַ חודש אָדער גאָר פינף יאָר...

— שוין בעסער אַ קורצע גייסט־קראַנקהייט, האָט דער אדוואָקאַט אָפּגעשניטן, איידער אַזאַ פאַרשלעפּטע קריטישע מאָראַלישקייט, אָפּגעהיט זאָל מען ווערן...

העלענאַ האָט אים האַסטיק איבערגעריסן.

— דו ביסט דאָ, פאָטער, נישט אין געריכט, ווו מען טראָגט אַרויס אויף גיך אורטיילן. איר האָט דאָרט מייסטנס נישט גענוג צייט און געדולד. באַפרייען אָדער דעם קאָפּ אָראָפּנעמען — אַבי אַראָפּ פון מאַרק. נישטאָ קיין צייט אַריינצוליגן זיך אין דער אינערלעכער וועלט פון אַ מענטשן אָדער גאָר...

— כ'נעם מיינע ווערטער צוריק, העלענאַ, אַבי ערגער זיך נישט...

דער אדוואָקאַט האָט נאָכגעגעבן אָפּגעשוויגן און פאָטערלעך צאַ־ט גענומען העלענען פאַר דער האַנט. נאָר אין די אויגן האָט ביי אים געלויכטן אַ שפּאָטישער שמייכל. וואָס יונגט איז, האָט ער געקלערט, פאַר העלענען איז ליבער אַ מאָראַלישער קריזיס אויף יאָרן, איידער אַ גייסט־קראַנקהייט אויף חדשים. ווער ווייסט נאָך, מיט וועלכע הימלישע פאַרבן זי מאָלט זיך אָט דעם קריזיס. אַזוינע צעהיצטע קעפּ, אָפּגעהיט זאָל מען ווערן!

אין גיכן איז פאָרגעקומען אַ גאָר אומגעריכטער אינצידענט. אייניקע וואָכן נאָך דעם קאָנסיליום איז איינמאָל ביינאַכט די פּאָליציי געקומען אין סאַנאַטאָריע מאַכן אַן אויספאָרשונג וועגן יאָהאַנען. די מעשה איז געווען, וואָס אָפּגעשריבענע קאָפּיעס פון יאָהאַנס טאָג־בוך, מיט זיין שאַרפן אַנטי - מלחמה - אינהאַלט, זענען אין מאַנכע בערלינער קרייזן געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. די פּאָליציי האָט שטרענג אויסגעפאָרשט דעם דירעקטאָר, דעם גאַנצן פערסאָנאַל פון סאַנאַטאָריע: ווער האָט עס געקענט געבן, אָדער לאָזן אָפּשרייבן קאָפּיעס פון טאָג־בוך. צי האָט זיך דאָ נישט אומבאַמערקט אַריינגעכאַפּט אַ שפּיאָן. ס'איז געפאַלן אַ חשד

אויף איינער אַ שוועסטער, וועלכע מ'האָט אַרעסטירט. יאָהאַנען האָט מען געפונען קראַנק און געלאָזן אין סאַנאַטאָריע, אָבער דאָס טאָג־בוך האָט מען פאַרחתמעט און צוגענומען.

אַ קאָפּיע פונם טאָג־בוך איז דורך איינעם אַ סטודענט אַריינגעפאַלן אין דער אַנטיסעמיטישער סטודענטן־קאָרפּאָראַציע „קאר", ווו די ספּע־ציעלע סעקציע האָט געוואָלט אויפהויבן אַ העצע וועגן „דעם פאַראַט פונם יידישן באַנקיר־הויז קעגנער קעגן דער פאַרטיידיקונגס ־ מלחמה פונם פאָטערלאַנד". פון אַ העכערער אינסטאַנץ האָט מען אָבער געלאָזט וויסן די סעקציע, אַז איצט איז נישט די צייט פאַר אַזאַ העצע, נאָר מען זאָל האַלטן דעם מאַטעריאַל פאַר אַ צייט, ווען מ'וועט עס דאַרפן אויס־נוצן. דער פּאַטריאָטישער ענטוזיאַזם פון דער מלחמה איז געווען אַזוי גרויס, דאָס יעדער אַנטי־מלחמה געדאַנק האָט אויסגעזען, ווי שוואַרצער פאַראַט קעגן פאָטערלאַנד.

אין יענער צייט איז היינריך דער ערשטער, אין אָפיציר־אוניפאָרם, געשטאַנען צייטווייליק אין בערלין מיט זיין מיליטערישער אָפּטיילונג, גרייט יעדן טאָג אַוועקגיין אויפן פראָנט (היינריך האָט זיך די גאַנצע צייט אומ־געדולדיק געריסן אויפן פראָנט, נאָר זיין אָפּטיילונג האָט מען צייטווייליק אָפּגעהאַלטן). ער האָט מיט באַזונדערן אימפּעט געלאָזט מאַכן פאַר זיך אַ קאָפּיע פונם טאָג־בוך, כדי צו האָבן אין קעשענע גרייט אַ דאָקומענט קעגן די קעגנערס. דער פאַרפלוכטער פריץ קעגנער איז נאָך פאַריקן חודש אַוועק פרייוויליק אויפן פראָנט. מיט זיין טייוולאָנישער פלינקייט וועט ער, פריץ, נאָך ווער ווייסט וועלכע קונץ שטיק אַרויסווייזן אויפן פראָנט און וועט זיך נאָך אַריינקריגן אין די ערשטע רייען פון דער דייטשער אַרמיי. קעגן אַזאַ געפערלעכער יידישער בעסטיע דאַרף מען טאַקע באַצייטנס האָבן אין קעשענע גרייט אַ דאָקומענט וועגן פאַראַט אין זיין פאַמיליע.

ס'זענען אָבער געווען אין בערלין פאַרשידענע קרייזן פון אינטע־ליגענץ, וואָס האָבן מיט גרויס אינטערעס געליינט דעם טאָג־בוך און זיך פאַרטראַכט וועגן דעם אינהאַלט. אויף אומדירעקטע וועגן האָט מען זיך דערוווּסט וועגן דעם קאָנסיליום און די מיינונגס־פאַרשידנקייטן צווישן די דאָקטוירים, און כאָטש פילע אינטערעסירטע געהיימע לייענער פונם טאָג־בוך האָבן זיך געמוזט טראָגן אינם מלחמה־שטראָם, האָבן זיי דאָך אין געהיים מיט גרויס אינטערעס און שפּאַנונג געוואַרט אויף דעם אויס־גאַנג פון יאָהאַנס פאַרכאַפּנדיקער דראַמע.

ד ר ק א ר א ו ו א ן

(ע פ י ל אָ ג)

א קורצע צייט נאָך דעם סוף פון דער וועלט־מלחמה האָט יאָהאַן אינגאַנצן אויפגעוואַכט פון זיין לאַנג־יעריקן מעלאַנכאָלישן קריזיס, און איז א פולשטענדיקער געזונטער, ארויס פון סאַנאַטאָריע. העלענע האָט אירע אייגענע אויגן נישט געגלויבט. נישט נאָר איז ער איצט געווען גע־זונט און קרעפטיק, ווי נאָך קיינמאָל פריער, נאָר ער איז ארויס פונם קריזיס מיט א נייער אינערלעכער פעסטקייט. ער האָט אינגאַנצן אויסגע־זעען ווי געוואַשן און געלייטערט דורך די לאַנג־יעריקע ליידן, וואָס האָבן אין אים דערוועקט און צעוויקלט טיף יונגטלעכע כחות. ווי נאָך א לאַנגן ווינטער־שלאָף וואַכן אויף מאַנכע חיות צום פרילינג מיט פרישער מונטער־קייט און נייע אָנגעזאַמלטע כוחות, אַזוי האָט פון אונטער דעם פאַרגלי־ווערטן אומעט (אין משך פונם לאַנגן דויערנדן קריזיס) אויסגערייפט ביי יאָהאַנען א נייע מעכטיקע פערזענלעכקייט.

העלענע האָט זיך נישט געקענט זאַט אָנקוקן אויף יאָהאַנס פאַרענ־דערט פנים. די ארויסגעשטאַרצטע מאַנדל־אויגן, וואָס זענען איצט פול מיט א יוגנטלעך פייכטן גלאַנץ, קוקן רויק־דרייסט און לויכטן מיט דער זאַפטיקער זיכערקייט פון א מענטשן, וואָס האָט דאָס סאַמע ערגסטע אי־בערגעוויטיקט און האָט דערביי דאָס סאַמע וויכטיקסטע און געהיימע־באַהאַלטן דערשפירט. דאָס געזיכט איז איצט ברייטער און מאַסיווער, אָטעמט מיט פאַרטרוימטער קראַפט, און ארום די דינע ליפן האָט זיך באַוויזן, א יונג־בחורשער, אימפעטיק פאַרקלערטער שמייכל.

העלענא האָט אינערלעך געציטערט פון פרייד און גליק. ווען זי איז צום לעצטן מאָל ארויס מיט יאָהאַנען פון סאַנאַטאָריע, דאָס איז געווען ענדע נאָוועמבער, אין א קילן פריש־ווינטערדיקן פרימאָרגן, האָט זי מיט הארציקער דאַנקבאַרקייט געדריקט די האַנט דעם דירעקטאָר און די קראַנקן־שוועסטער (דער יונגער ד״ר גאַרפעלד איז נאָך נישט צוריקגעקו־מען פון זיין אַרמיי אָפטיילונג, וואָס האָט זיך נאָך דער מלחמה נאָך ערגעץ

אויפגעהאַלטן). מ׳האָט געזען, אַז זי איז זייער אויפגערעגט פון פרייד, נאָר זי באַהערשט זיך. ווי נאָר זיי זענען אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט פון סאַנאַטאָריע, האָט זי געבעטן יאָהאַנען וואַרטן אַ ווײַלע אין דרויסן, זי האָט עפּעס פאַרגעסן אין סאַנאַטאָריע. מיט שנעלע טריט איז זי האַסטיק אַרײַן אין קאַבינעט צום דירעקטאָר, איז אים געפאַלן אויפן האַלז און זיך צע־וויינט.

— כ׳בין אַזוי גליקלעך, הער דאָקטאָר, דאָס האַרץ איז מיר פול מיט פרייד און דאַנקבאַרקייט. כ׳קאָן זיך גאָרנישט באַהערשן. לאָזט מיך כאָטש אַ מינוט זיך אויסוויינען... נאָכאַמאָל, הונדערט מאָל, אַ דאַנק אייך, איר זענט דער ערשטער עדות פון מיין גליק, איר זענט...

דער גוטמוטיקער דאָקטאָר מיט די גרויע וואָנצן האָט פאָטערלעך צאַרט געגלעט אירע צוקנדיקע פּלייצעס. נאָר אַט האָט זי זיך אַ כאַפּ גע־טון, די טרערן האָבן מיטאַמאָל אויסגעטריקנט, זי האָט אַ קוש געטאָן דעם דירעקטאָר אין שטערן און איז אַרויס פון סאַנאַטאָריע.

ווי גאָרנישט געשען איז זי מיט האַסטיקע טריט צוגעקומען צו יאָ־האַנען און געגאַנגען רואיק מיט אים ווייטער. דער אָנקל לעאָפּאָלד קעט־נער האָט זיי איינגעלאַדן גלייך פון סאַנאַטאָריע קומען אין זיין הויז אויף עטלעכע וואָכן. ער איז דערויף אַזוי לאַנג באַשטאַנען, ביז זיי האָבן גע־מוזט איינשטימען. איצט גייען זיי אַהינצו.

— כ׳האָב נעכטן, יאָהאַן, געקלונגען צום אָנקל, אַז מיר ווייסן נישט גענוי, ווען מיר וועלן קומען. וועט עס איצט זיין פאַר זיי אַ היבשע איבער־ראַשונג. דו זעסט אויס, יאָהאַן, אַזוי שיין אינם ווינטער מאַנטל...

זי האָט געפילט, אַז אַ כוואַליע פון פרייד פאַרקלעמט איר ווידער דאָס האַרץ. נאָך אַזוי פיל יאָרן פון שטרענגער זעלבסטבאַהערשונג, האָט זי איצט קוים געקענט איינהאַלטן אירע טרערן.

— ווייסטו, יאָהאַן, פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס דו ביסט געווען אין סאַנאַטאָריע, האָב איך כמעט קיינמאָל נישט געוויינט. האָסטו ווען געזען אַ פרוי אָן טרערן? וויל איך טאַקע איצט אין פריידן אָפּוויינען מיין חלק. ס׳איז אַזאַ גרויסע פרייד, יאָהאַן, צו קוקן אויף דיר, דו ביסט ווי ניי־געבוירן, דו ביסט...

— גלויב מיר, העלענאַ, ס׳איז נאָך אַ גרעסערע פרייד צו קוקן אויף דיר און זען, אַז דו ביסט ווי פריער די זעלביקע ליבע העלענע מיט דער־זעלביקער שיינער נשמה, וואָס האָט צו זיך נישט קיין גלייכן אויף גאָר דער וועלט...

אין מיטן גאַס איז זי אים געפאַלן אויפן האַלז און זיך גליקלעך צע־וויינט.

— מיין ליבער, ליבער יאָהאַן...

— מיר מוזן זיך אָבער, העלענאַ, בארואיקן, מיר האָבן איצט זייער פיל וויכטיקעס צו טון...

אין זיין קרעפטיק געוואָרענער שטים הערט זיך איצט עטוואָס רוי־מענערישעס, באַפעלערישעס, וואָס ענטציקט און היפּנאָטיזירט העלענען.. געהאָרכזאַם נעמט זי זיך אין די הענט און ווערט מיט אַמאָל ערנסט.

— דו האָסט מסתמא, העלענאַ, אויך געהערט פונם אָנקל, אַז אין אונזער פאַמיליע איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג, וואָס איז מיר נישט אומ־אַנגענעם. די פירמע קעטנער האָט נאָך פאַראיאָרן געקראַכט און איז גאַנץ ליקווידירט. מיין פאָטערס גוט און פאַלאַץ זענען שוין פאַרקויפט, בלויז די ביבליאָטעק האָט מען נאָך פאַר אונז אָפּגעראַטעוועט. כ׳וועל איצט אויף די לעצטע מיטל עפענען אַ סטודיע פון מאַלעריי, מיר וועלן ווי ס׳איז פאַרדינען אויף אַ באַשיידענער עקזיסטענץ. כ׳מוז נאָר האָבן אייניקע חדשים אויף אַ זייער וויכטיקער אַרבעט, וואָס האָט די גאַנצע צייט אין מיר געעקבערט און וואָס האָט ענדלעך אויסגערייפט...

— דיין אַרבעט, יאָהאַן, איז מיר זייער טייער. כ׳וואַרט אַליין אויף איר אומגעדולדיק. אָבער פאַרוואָס שוין רעדן פון אַרבעט, גלייך אויפן וועג פון סאַנאַטאָריע, פאַרוואָס נישט נעמען זיך אַ ביסל צייט?

יאָהאַן האָט זייער ערנסט אויף איר אַ קוק געטון. אין זיין שטים האָט זיך ווידער דערהערט עטוואָס שטרענג, ערלעכס און רוי־באַפעלע־רישעס.

— דו זאָלסט וויסן, העלענאַ, אַז אַ פאַרטיק געוואָרענער עפּל פאַלט אַליין אַראָפּ פון בוים, אַ נישט צעפּוילט ער. די רייף געוואָרענע אַרבעט האָט מיך פון דער מעלאַנכאָליע אַרויסגעריסן און איצט דרענגט זיך די אַרבעט מיט געוואַלט רעאַליזירט צו ווערן. שוין היינט וויל איך אָנהויבן שרייבן. כ׳וועל דיר יעדן טאָג לייענען דאָס אָנגעשריבענע, דו קענסט מיר פיל העלפן, דו וועסט...

פלוצים האָט זיך אַ געהיימער יונג בחורשער שמייכל באַוויזן אים אויף די ליפּן. קוקנדיק פאַרטראַכט פאַרויס האָט ער מיט אַ רוי־מענערישער און דאָך פאַרטרוימט קלינגענדיקער שטים אָנגעהויבן רעדן ווי פאַר זיך:

— לייענט מען איצט די צייטונגען פון נאָך דער מלחמה, זעט מען, אַז נאָך דער גרויסער שחיטה זעט איצט אויס די וועלט, ווי אַ גייסטיקער

מדבר, אַן עלנד אויסגעטריקנטע וויסטע. צוזאַמען מיט די סקעלעטן פון די מיליאָנען דערמאָרדעטע, דאָרט אויף די אויפגעריסענע פעלדער, אין די איינזאַמע ברידער־קברים, ליגן באַגראָבן דער לעצטער שטאָלץ און דער לעצטער זין פון מענטשלעכקייט. ס׳גליט איצט אומדערטרעגלעך אי־בער גאָר דער וועלט אַן אומפאַרשעמטע העלע זון פון שאַנד, וואָס פאַר־ניכטעט יעדע גייסטיקע בליאונג. אַ מדבר! אין אַט דעם עלנטן מדבר פון דער וועלט — פלאַקערט דאָרט אין מזרח דער רויטער העלישער פייער־פון רעוואָלוציע און אין די לענדער פון מערב הערט מען דעם קאַצן־יאָמער פון פאַרצווייפלטע און דעם רוף פון שאַקאַלן נאָך נייער באַוואָפ־נונג, נאָך נייעם טויטן־טאַנץ אויף פרישע ברודער־קברים... אָבער אַט וויט־וויט אינם האָריזאָנט באַווייזט זיך אַן אימפּאָזאַנטער קאַראַוואַן... כ׳קו־מען אַן קעמלען מיט זייערע באַרגיקע האָרבן, וואָס שפּאַנען טריט ביי טריט, פייערלעך שטאָלץ — זיי זענען אָנגעלאָדן מיט דער טראַגישער גע־דולד פון כּסדר חרוב ווערנדיקע און ווידער ניי געשאַפענע וועלטן. אַרום די קעמלען גייען אָריענטאַליער, ביבלישע געשטאַלטן, וואָרצעליק ־ פאַר־וואַקסענע מיט שוואַרצע בערד און פלאַמענדיקע אויגן. זיי גייען באָרוועסע, אין לאַנגע קאָלירטע העמדער ־ כאַלאַטן, און פאַרציען דעם געהיים איינ־טאָניקן, אָבער שטיל גליענדיקן טרויער־געזאַנג פון דעם מדבר. אַט דער מדבר געזאַנג וועקט די פאַרצווייפלטע און די אויפגעהעצטע, צינדט אָן די הערצער מיט פונקען פון נייער, נאָך גאָרנישט פאַרזוכטער אור־בענק־שאַפט. דער גאַט פון פאַרהלשטער בענקשאַפט ציטערט אויף דעם מדבר. און כאָטש דער געזאַנג איז איינטאָניק, פליסטערט ער באַהאַלטן דאָס גע־היימניש פון דער נאַקעטע פאַרשמאַכטער אייביקייט, וואָס הילט זיך כּסדר אין נייע שלייערס פון אַלע ווילע אויפטויכנדיקע וועלטן און בלייבט שטענדיק נאַקעט, וואָס גייט באָרוועס איבער דעם רוקן פון צייטן און דאָר...

ער האָט זיך פּלוצים אַ כאַפּ געטון און זיך צעשמייכלט צו העלענען.

— טו נאָר אַ קוק, מיר זענען שוין פאַרבייגעגאַנגען דעם אָנקלס הויז.

עפּעס ווי פון זיך זעלבסט זענען מיר אַראָפּ פון די ליפּן (דערוויייל נאָך אין אַ גאָר רויער פאָרם) די ערשטע שורות פונם אַריינפיר אין מיין נייעם ווערק, וואָס כ׳וועל שוין היינט אָנהויבן שרייבן. מיר האָבן איצט, העלענא, גאָרנישט קיין צייט אויף סענטימענטן, מיר מוזן אַרבעטן פּלאַנמעסיק און ענערגיש, קיין איין רגע טאָר נישט אַוועק לידיק. צוערשט מוזן מיר געפינען אַ קליינע וווינונג מיט אַ סטודיע דאָ אין גרונעוואַלד, זיך פאַ־

מעלעך איינאָרדנען. ווען כ'וועל פאַרטיק ווערן מיטן ווערק, וועלן מיר עפענען די סטודיע. אויף אַ געוויסער צייט וועלן אונז כאַפּן די נאָך אי־בערגעבליבענע קנאַפּע געלט־מיטלען, דערנאָכדעם האָף איך צו פאַרדינען פון פּאָרטרעטן־באַשטעלונגען. אויפן ערגסטן פאַל קאָנען מיר פאַרקויפן אַ טייל פון דער ביבליאָטעק, וואָס האָט אַזוי פיל טייערע זעלטענע ביכער... הער נאָר, העלענא, מיר ווערן דאָך איצט זעלבסטשטענדיק, טאָ לאָמיר גלייך אַריינשטעלן אַלס וויכטיקן רעזערוו אין אונזער בודזשעט אַ שטענ־דיקע גרייטקייט צו הונגערן... ווייסטו, העלענא, שפּעטער אין דער פרייער צייט, וועל איך מאָלן אויפן לייוונט אַ גרויס בילד פון דער צעגליטער וויסטע, ווי אויף דעם האָריזאָנט באַווייזט זיך דער אימפּאָזאַנטער קאַראַוואַן מיט די... אָט זענען מיר ווידער געקומען צום הויז, לאָמיר ענדלעך אַריינ־גיין...

אין משך פון די נאָענטע וואָכן, וואָס זיי זענען געווען ביים אָנקל, איז העלענען געלונגען צו געפינען אַ קליינע ווילע מיט אַ סטודיע און מיט אַ חדר פאַר דער ביבליאָטעק (אַ טייל פון דער ביבליאָטעק האָבן זיי געמוזט פאַרקויפן). זיי האָבן די ווילע פּרעכטיק און באַשיידן איינגעאָרדנט. מיט גרויס געשמאַק האָבן זיי אויסגעשטעלט די בילדער און די איבער־געבליבענע זעלטענע קונסט־זאַכן פונם פאָטערס קאַבינעט, אויך די מיט־געבראַכטע טשעקאַווע זאַכן פונם אָריענט. ס'האָט זיך געשאַפן אין זייער וווינונג אַן אייגנאַרטיקע וואַרעמע געמיטלעכקייט, וואָס האָט נישט ווייניק מיטגעהאָלפן דערצו, אַז די ווילע איז שפּעטער געוואָרן אַ מין צוציונגס־צענטר פאַר סאַמע פאַרשידענע קרייזן.

יאָהאַן האָט געאַרבעט זייער ענערגיש און פּראָדוקטיוו. פאַר איניקע חדשים האָט ער אָנגעשריבן אַ גרויס ווערק, וואָס איז אָנהויב זומער ער־שינען אונטער דעם אויסטערלישן טיטל „דער רופנדיקער טרויער־געזאַנג". אין אַ קינסטלעריש געהויבענעם עטוואָס פאַרנעפּלטן סטיל האָט יאָהאַן באַגרינדעט אַ נייע פילאָזאָפיע און רעליגיע פון בענקשאַפט (נאָך אַ טיפער קריטיק פון העגעלס פילאָזאָפיע, האָט ער אויסגעבויט אַ מין נייע דיאַ־לעקטיק, וואָס ער האָט אָרגאַניש פאַרוועבט מיט אַ פאַטעטישער רעליגיע־זישקייט). דער אַלגעמיינער אויספיר פונם בוך האָט איבעראַשט נישט אַזוי מיט זיין אינהאַלט, ווי מיט דעם פייערדיקן אויפשוווּנג און דער נאַאיווער ענטשלאָסנקייט.

(אָט דער טשיקאַווער אויספיר איז, קורץ געזאָגט, געווען אַזאַ. די געטלעכע אייביקייט איז אַזוי פאַרבאָרגן, אַז פילע גלויבן אין איר גאָרנישט,

פאַרלייקענען זי און איגנאָרירן. אָבער די בענקשאַפט צו איר לעבט אין אַלץ און אין יעדן. קיין זאַך אין דער וועלט קאָן אַ רגע נישט בלייבן אויף איין אָרט, ווי אַ טויט־פאַרליבטע, וואָס קאָן אין גרויס בענקשאַפט אַ רגע נישט איינרוען. די ערד און אַלע אומצייליקע עקזיסטענצן אויף איר, באַוועגן זיך אָן אַן אויפהער אַרום דער זון. טאָג און נאַכט, ליכט און פינס־טערניש — יאָגן זיך שטענדיק נאָכאַנאַנדער — נישטאָ קיין אָפּרו, קיין איבערכאַפּן דעם אָטעם. קליינע זאַכן, ווי גרויסע וועלטן טוּכן אויף און פאַרגייען, ענדערן זיך כּסדר און לויפן צוזאַמען מיט דער צייט נאָך דעם נייעם, אָנקומענדיקן. איין סעקונדע יאָגט די צווייטע, און יעדע אָנקומענ־דיקע ווערט גלייך פאַרגאַנגענהייט און שטרעקט זיך נאָך דער נייער אָנקו־מענדיקער — אָן אויפהער, אָן אָפּשטעל. מיט אימהדיקער פאַרפאַלנקייט טרייבט די בענקשאַפט אַלץ ווייטער און ווייטער. אינם בלוט־קרייז־לויף פון יעטוועדן לעבעדיקן באַשעפעניש לויפן די בלוטן אין די אָדערן, ווי אין אַ פאַרכּשופטן קרייז, און יאָגן זיך אָן אַן אויפהער, — דער פּולס שלאָגט, דאָס האַרץ קלאַפּט, בלייבט עס שטיין אַ רגע איז עס דער טויט. וואָרום אַלץ לעבט און אָטעמט מיט דער לויפנדיקער, אויפרייסנדיקער, באַוועגנדיקער אומרו פון דער גרויסער בענקשאַפט. די גרויסע קאַטאַסט־ראָפן, די ערד ציטערנישן, די פייער־שפּייענדיקע ווולקאַנען, מלחמות און רעוואָלוציעס — זענען בלויז קרעמפּן פון דער אומדערטרעגלעכער ווערנ־דיקער בענקשאַפט נאָך נייער אַנטוויקלונג, נאָך ווייטערער נאָענטקייט צו יענעם שאַפונגס־אויפרייס, וואָס שלינגט איין אַלע אָנהייבן און סופן אינם גליענדיקן וויכער פון דער געטלעכער אייביקייט. יעדער מענטש קאָן העלפן זיך און גאָר דער וועלט דורכדעם, וואָס ער וועט פאַרטיפן און באַלויכטן די גרויסע בענקשאַפט, און מיט אַקטיווער זוכעניש וועט ער אויף אַ טריט נענטער ברענגען די פאַרהלשטע און פאַרבענקטע וועלטן צו איר, צו דער גרויסער גלאָריע, צו דער געטלעכער אייביקייט, צו...)

דאָס בוך האָט אַרויסגערופן אַ שטורם פון פאַרשידענע מיינונגען. אייניקע קריטיקער האָבן זיך באַצויגן צום בוך שטאַרק איראָניש און לייבנדיס דעם קינסטלערישן אויפשוונג פונם פּראָפעסער, האָבן זיי אים עטוואָס שפּאָטיש באַצייכנט, ווי אַ נישט אויסגעבאַקענעם בודא, ווי אַ פאַרשפּעטיקטן נביא. אַנדערע קריטיקער האָבן, פאַרקערט, אויפגענומען דאָס בוך זייער באַגייסטערט, ווי אַן עפּאָכע מאַכנדיקן אָנזאָג פון נייע אויפ־לעבנדיקע שטימונגען. ביי אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער יוגנט אָבער האָט דאָס בוך אַרויסגערופן גרויס ענטוזיאַזם. ס'איז יעדנפאַלס ענטשטאַנען

אַ גרויסער אינטערעס צו קעטנערן, מ'האָט פון אַלע זייטן אָנגעהויבן גיין צו אים.

און אָט איז ערשט געקומען די רעכטע איבערראַשונג: יאָהאַן האָט זיך אַלע יאָר פאַרנומען מיט מאַלעריי. כאָטש ער האָט פון אָנהויב אָן (נאָך אין די גימנאַזיע־יאָרן) אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן מאַלערישן טאַלענט, האָט ער זיך דאָך קיינמאָל נישט אָפּגעגעבן ספּעציעל און גרונטלעך מיט מאַלעריי, האָט זיך דערמיט פאַרנומען מער מעשה ליבהאָבער. ווען ער האָט אַנומלטן אָנגעהויבן שרייבן זיין בוך, האָט ער גלייכצייטיק אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער פרייער צייט אין זיין סטודיע אויף אַ גרויס בילד, וואָס איז שוין לאַנג פון אים געווען פאַרטראַכט אין געהיים אויסגעטראָגן. ער האָט נעמלעך גענומען מאָלן אויף אַ גרויסן לייוונט אַ „קאַראַוואַן אין דער מדבר". דאָס בילד האָט אים שטאַרק פאַרכאַפּט. נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעגעבן דאָס בוך אין דרוק, האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן טאָג און נאַכט אין סטודיע, ער האָט געאַרבעט ווי אין אַ פיבער. העלענאַ פלעגט אים קוים קאָנען אָפּרייסן אויף אַ קורצן אָפּרו. זי האָט אים נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזוי צעשרויפט און פאַרחלומט, פול מיט ציטערדיקן אימפעט.

ווען דאָס בילד איז פאַרטיק געוואָרן, האָט עס נישט נאָר אויף העלענען, נאָר אויף אַלע פריינט געמאַכט אַ גוואַלדיקן איינדרוק. דאָס בילד אויף זייער אַ גרויסן לייוונט, האָט פאַרנומען כמעט די גאַנצע ברייט פון דער סטודיע. די פריינט זענען באַשטאַנען דערויף, אַז ער זאָל דורכאויס מאַכן אַן אויסשטעלונג.

איייניקע חדשים נאָך דעם דערשיינען פון בוך, אָנהויב מאַי, האָט זיך טאַקע געעפנט די אויסשטעלונג אין אַ געוויינטלעך היפשן קונסט־סאַלאָן אין מערב־בערלין. אויף די ווענט האָבן געהאָנגען פאַרשידענע גרויסע און קליינע בילדער יאָהאַנס (צווישן זיי האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט דער פּאָרטרעט פון זיין פאָטער מיט דעם קוים צוגעזשמורעטן לינקן אויג). אויבן אָן, עטלעכע שפּאַן אָפּגערוקט פון דער וואַנט, ביי אַ פּאַסיק צוגעקליבענעם ליכט־עפעקט, איז אויף אַ ספּעציעלן געשטעל געשטאַנען דאָס נייע גרויסע בילד: „דער קאַראַוואַן אין דער מדבר".

ווי נאָר מען גייט אַריין אין זאַל, ווערט דאָס אויג מאַגנעטיש צוגעצויגן צום גרויסן בילד. דער פאַרכאַפּטער צושויער דערנענטערט זיך געוויינטלעך מיט לאַנגזאַמע, עטוואָס פאָרזיכטיקע טריט און בלייבט שטיין אַ פאַרגאַפטער אנטקעגן בילד. נישט נאָר די דראַמאַטישע שפּאַנונג פון דער שילדערונג און די הייס וויברירנדיקע פאַרבן, נאָר פיל מער די אומ־

צייליקע קוים באַמערקבאַרע ניואַנסן האָבן אָנגעשטעקט דעם צושויער מיט אַ באַרוישנדיקער אומרו.

פון די צעגליטע זאַמדן אין דער מדבר קוקט אַרויס דורך קוים פאַרביקע שטריכן, דוכט זיך גאָר אַ פאַרפאַלענע און דאָך אַן אומרויִק פאַרשמאַכטע ווייסטעניש, וואָס פאַרלירט זיך דראָענדיק פאַרצווייפלט אין דער פּערספּעקטיוון. אָבער פון רעכטס קומט מיט אַ ביז גאָר איינגעהאַלטענעם טריומף אַ קאַראַוואַן. אָנגעלאָדענע קעמלען מיט הכנעה'דיקע האָרבן און שטאָלץ געהויבענע קעפּ, וואָס מאַרשירן לאַנגזאַם, אָבער זיכער, וואָס...

די אויסשטעלונג האָט געהאַט אַן אומגעווייניטלעכן דערפאָלג. נישט נאָר פון פאַרשידענע קרייזן אין בערלין, נאָר אויך פון די אַרומיקע שטעט איז מען געקומען זען דאָס מערקווירדיקע בילד. פיל צייטונגען האָבן אין די זונטיק־ביילאַגעס געווידמעט ספּעציעלע אַרטיקלען וועגן דעם קאַראַוואַן. און כאָטש די מיינונגען וועגן דער באַדייטונג פונם בילד (ווי פריער וועגן דעם בוך), זענען זיך שטאַרק פונאַנדערגעגאַנגען, האָבן אָבער אַלע אָנערקענט די גרויסע מאָלערישע באַגאַבונג קענטערס און די היפּנאָטיזירנדיק־אָנשטעקנדיקע התגלות־שטימונגען פונם בילד.

איינמאָל, נאָכמיטאָג, האָט זיך צווישן די באַזוכער אויף דער אויסשטעלונג אויסגעטיילט אַ משונה־הויכער, פעסט־געבויטער מאַן מיט לענגלעכע און שמאָלע, שיר נישט מאָנגאָלישע אויגן. יאָהאַן האָט אים גלייך באַמערקט. האָט זיך אַ רגע פאַרוווּנדערט אומגעקוקט, גלייך ווי ער וואָלט זיינע אייגענע אויגן נישט געוואָלט גלויבן. און אָט האָט ער, ערשטוינט און אויפגערעגט, זיך אַ לאָז געטון צו יענעם הויכן מאַן, וועלכער האָט זיך אויך האַסטיק אַ קער געטון צו יאָהאַנען.

— ווי אומגעריכט, ריכאַרד! ווען זענט איר געקומען, ווי...

יענער האָט אויסגעשטרעקט די אָרעמס, האָט מיט אומגעלומפּערטע בערישע באַוועגונגען אַרומגענומען יאָהאַנען און אים צוגעדריקט צום האַרצן. זיי זענען אַוועק אין אַ זייטיקן חדר.

— למאי לייקענען, יאָהאַן, ס'איז מיר אַ טיפע פרייד דיך צו זען נאָך אַזוי פיל יאָרן. נאָך אַ גרעסערע פרייד איז עס, וואָס מיינע אַמאָליקע מיינונגען וועגן דיר האָבן זיך אַרויסגעוויזן לעכערלעך פאַלש. דאָך בין איך אויך נישט געווען גאַנץ אומגערעכט, וואָרום די מייסטע מיליאָנערסקע זינדלעך זענען טאַקע נישט ווערט, וואָס די ערד טראָגט זיי. ווער האָט זיך דען געוואָלט ריכטן, אַז דו וועסט גראָדע זיין אַן אויסנאַם און דערצו נאָך

אַ פּאַרטרוימטער קינסטלער. נאָר אין בלוט שטעקט דיר נאָך דער גרויס־קאַפּיטאַליסט, וואָס גלאָצט די אויגן אויף קאַראַוואַנען און וויסטענישן, נאָר נישט אויף דער רויער ווירקלעכקייט, וואָס זיי, די קאַפּיטאַליסטן, פֿאַרגעוואַלדעווען אומפֿאַרשעמט. דאָך איז עס, וואָס אמת, אַ באַדייטנדיק בילד. וואָס מאַכט העלענאַ? כ׳בין נעכטן אָוונט געקומען, האָב איך זיך גלייך דערוווּסט וועגן דער אויסשטעלונג און בין געקומען אַהער. וועגן מיר קאָן איך נאָר קורץ דערציילן. כ׳האָב פֿאַר דער מלחמה חתונה געהאַט אין אַ יאָר אַרום איז די פֿרוי געשטאָרבן און מיר איבערגעלאָזט אַ מיידעלע. כ׳בין געווען מאָביליזירט. דערנאָכדעם אַ געפֿאַנגענער אין רוסלאַנד. נאָך דעם אויסבּרוך פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע בין איך מיט לייב און לעבן אַריין אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. איצט בין איך דאָ מיט מיין מיידעלע אין בערלין. מער פֿרעג מיך נישט... כ׳וועל אפֿשר היינט זיין ביי אייך מיט מיין מיידעלע, גיב מיר אָקאָרשט גענויער דיין אַדרעס, כ׳וויל העלענען איבעראַשן, כ׳זאָג דיר נאָר פֿריער, כ׳קאָן נישט ליידן, ווען מ׳קושט אָדער מ׳רירט בכלל אָן דאָס מיידעלע. נישט — און גאָר! (ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז ער איז געווען אַזוי ווילד איפּערזיכטיק צו דעם מיידעלע, ווי אַמאָל צו העלענען). געדענקסט נאָך, ווי כ׳האָב דיך דאַמאָלס אַרויסגעיאָגט פֿון שטאָט. כ׳האָב בפּירוש נישט קיין חרטה. אַ מיליאָנערסקן זונדל, מעג ער זיין ווי גוט, שאַדט נישט, ווען מען גיט אים אָן איבעריקן שטויס אין רוקן. אָט רייסן זיך שוין מענטשן מיט דיר רעדן. כ׳וועל דיך איצט נישט אויפֿהאַלטן, — אַלזאָ, היינט אָוונט אין דער היים...

אין אַ קורצער צייט אַרום, איינמאָל אַרום צוועלף אַזייגער ביטאָג, האָט זיך פֿאַר דעם הויז פֿון דער אויסשטעלונג אָפּגעשטעלט אַ פּרעכטיקער אויטאָמאָביל, פֿון וועלכן ס׳זענען אַרויס אַ מאַן מיט אַ פֿרוי, לויטן אויסזען זייער פֿאָרנעמע מענטשן. ביידע הויך, שלאַנק און עלעגאַנט. די פֿרוי איז אַ בילד־שיינקייט, מיט צויבערלעך־גרינע אויגן. ווי נאָר זיי זענען אַריין אין זאַל, האָבן זיך פֿיל באַזוכער אומגעקוקט מיט דרך־ארץ און קוים־איינגעהאַלטענעם נייגיר. מען האָט גלייך דערקענט דעם באַרימטן מלוכה־מאַן. יאָהאַן האָט פֿריידיק־איבעראַשט באַגעגנט די אַריינגעקומענע. די גרינע מאַלאַכיט־אויגן און די ליבע־שטריכן פֿון זיין קוזין און יוגנט־פֿריינט האָבן אַרויסגערופֿן אַ הייסע כוואַליע פֿון וועהמוטיק־זיסע עראינערונגען. נאָר די נאַטירלעכע און איינפֿאַכע פֿאָרנעמקייט פֿון די געקומענע האָט אויך דעם סאַמע נאָענטסטן מענטשן געקאָנט האַלטן אויף אַ

דיסטאַנץ. מיט איינגעהאַלטענער צאַרטקייט האָט יאָהאַן געדריקט זיי די הענט און שטיל הארציק אויסגערופן:

— ווי פּרעכטיק מיין ליבער פּריץ, ווי פּרעכטיק, וואָס איר זענט בּיידע געקומען...

דער איצט־בּארימטער מלוכה־מאַן האָט זיך געהאַלטן ווייט פון פּאַר־וואַנדטע און געוועזענע פריינט (נישט מחמת גרויסקייט, נאָר מחמת דעם ווילן און דעם מוז צו ווערן וואָס מער פאַרשלונגען פון דער נייער אַטמאָ־ספּער), האָט אויך בּיזאַהער נישט געזען יאָהאַנען. אָבער יאָהאַן האָט שוין פון פריער געוווסט די וווּנדערלעכע געשיכטע פון פּריץ קעטנערס קאַריערע. ער איז פריוווּליק אַוועק אויפן פראָנט פון סאַמע אָנהויב מל־חמה. שוין דעם ערשטן יאָר איז ער געוועזן פאַרוווּנדעט און בּאַקומען אויסצייכענונגען. אויף דעם צווייטן—דריטן מלחמה־יאָר, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבּן אין דייטשלאַנד די ווירטשאַפטלעכע נויט, ספּעציעל דער מאַנגל פון רוי־שטאָפן, האָט פּריץ אַוועקגעשיקט (דורך ענטשפּרעכנדיקע אינסטאַנצן אין גענעראַל־שטאַבּ אַן אָפיציעלן ווירטשאַפטלעכן פּראָיעקט, וואָס מען האָט דאָרט גענומען זייער ערנסט. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען אים איינגעלאַדן אין שטאַבּ, פון דאָרט אין רייכס־מיניסטעריום, ווו ער האָט אַרויסגעוויזן גוואַלדיקע אָרגאַניזאַטאָרישע פלינקייט און איז גיך געוואָרן אַ בּארימטער מלוכה־מאַן. ווי אַמאָל אין דער קאָרפּאָראַציע, פּלעגט ער זיך אויך איצט אָפּזאָגן עקשנותדיק פון אָפיציעלע פּאָסטנס. אָבער דורך דעם איז זיין איינפלוס געוואָרן נאָך שטאַרקער, ווייל מען האָט דורכדעם מיט גרעסערן דרך־ארץ און מיט מער זיכערקייט געפילט אין אים דעם מעכטיקן מאַן פון גרויסער טאַט, פון גרויסן ערנסט. אין די רע־אַקציאָנערע קרייזן האָט מען דאָך געקריצט מיט די ציין אויף דעם בּאַ־גאַבּטן יידן, וואָס שטייט אַזוי נאָענט און מיט אַזאַ שטאָלץ בּיים מלוכה־רודער. היינריך דער ערשטער האָט געשיפּעט... אָט דער פלינקער טייוול,— האָט ער געטענהט, — האָט מיט איין קוק אַוועקגערויבּט די שענסטע פּרווי פון דייטשן אַדעל און איצט האָט ער מיט אַ יידישער חוצפה זיך אַריינגעריסן צו דער העכסטער שיכט איבּער דייטשלאַנד... אָט די יידישע חוצפּה, — שיפּעט היינריך ציינקריצעריש, — האָט עס געבּראַכט די נידערלאַגע פון דייטשלאַנד און פענטעט איצט דאָס בּאַזיגטע פאָלק...

יאָהאַן האָט פאַרוווּנדערט געקוקט אויף דעם בּארימטן מלוכה־מאַן. דערזעלבּיקער פּריץ מיט די העל־לויכטנדיקע בּלויע אויגן און דעם רואיקן שמייכל פון איבּערלעגענער אומאויסשעפּלעכער פלינקייט. נאָר אַרום די

אויגן שטייען איצט טונקל־באַשאָטנטע קרייזן און דאָס גאַנצע געזיכט איז איבערפולט מיט אויסדרוק פון איינגעהאַלטן־אַקטיווער טיפזיניקייט. איבעראַשנדיק איז געווען דער פליך, וואָס האָט זיך געצויגן אַזש ביז צו דער פּאַטיליצע. ס'האָט נעמלעך אויסגעזען, אַז דער פליך קומט נישט דורך דעם אַרויספאַלן פון די האָר, נאָר דורך דעם איבערפלוס פון געזיכט־אויסדרוק, וואָס גייט אַרויס פון די גרענעצן און פאַרפנימט אַזש דעם גאַנצן שאַרבן...

מיט אויפריכטיקער פריינטשאַפט, אָבער זייער געלאַסן, האָט פריץ געפירט אַ קורצן הארציקן שמועס מיט יאָהאַנען, האָט מיט סאָלידער זאַך־קענטעניש אַרויסגעזאָגט זיינע איינדרוקן פון דער אויסשטעלונג. ער האָט איינגעלאַדן יאָהאַנען אויף אַ באַזוך און מיט ווערדיקער געלאַסנקייט זיך מיט אים געזעגנט.

די אויסשטעלונג האָט צוגעצויגן אַלץ מער נייע באַזוכער, האָט געדויערט אייניקע חדשים און האָט יאָהאַנען געבראַכט אין באַרירונג מיט סאַמע פאַרשידענע קולטור־קרייזן, וועלכע זענען מייסטנס אויך שפּעטער געבליבן מיט אים אין ענגן אינטימען קאָנטאַקט.

יאָהאַן און העלענע זענען געווען זייער צוציענדיק פאַר די אומצייליקע באַזוכער, וואָס האָבן אויך ליב געקראָגן די וואַרעמע געמיטלעכע אַטמאָספערע פון זייער אייגנאַרטיקער וווינונג. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן זייער אָפטע אויפנאַמען ביי די קעטנערס. פול מיט דעם קולט פון זוכעניש, האָבן יאָהאַן און העלענע געהאַט אינטערעס פאַר יעדער נייער ריכטונג, פאַר יעדן געזעלשאַפטלעכן קאַמף. זייער אָפט זענען פאָרגעקומען ביי די קעטנערס ליטעראַרישע אָוונטן, פילאָזאָפישע פאַרזאַמלונגען, פּאָליטישע דיסקוסיעס אָדער גאָר ראַפינירטע רעליגיעז־מיסטישע שמועסן. אָבער אויף אַלע פאַרווייַלונגען, אויף יעדן שמועס, אויף יעדן באַזוכער האָט אומבאַמערקט געשוועבט יאָהאַנס גלויביקע רעליגיע פון בענקשאַפט, וואָס האָט אַקטיוון אינטערעס פאַר יעדער ריכטונג, טאָר אָבער אין ערגעץ נישט בלייבן פאַרגליווערט, נאָר שטענדיק ברענען און זוכן אַלץ ווייטער און ווייטער.

אין יענער נאָך־מלחמהדיקער צייט זענען אין דעם באַזיגטן און אונטערדריקטן דייטשלאַנד אַנטשטאַנען געוויסע קרייזן פון אַנטוישטער אינטעליגענץ, ווו מען האָט גערעדט וועגן דעם אונטערגאַנג פון דער מערב־קולטור און מען האָט אָנגעהויבן גלויבן אין דער מער־אורטימלעכער קלוגשאַפט פון אָריענט. דאָ און דאָרט זענען אַנטשטאַנען רעליגיעזע

מיסטישע ניגונגען. ביי דער יידישער דייטשער אינטעליגענץ האָט זיך פאַרשטאַרקט דער אינטערעס צו דער יידישער מיסטיק, צו קבלה און חסידות. די מייסטערהאַפטע דייטשע איבערזעצונגען פון חסידישע פאָלקס-מעשיות האָבן באַצויבערט די יוגנט און האָבן געוועקט אַ טיפן אינטערעס צו די יידישע פאָלקס-מאַסן אין מזרח-אייראָפּע. אָט די שטימונגען האָבן אויך פאַרכאַפּט יאָהאַנען. נאָר ער האָט אויף זיין נייעם אייגענעם שטייגער אָפּגעשאַצט דעם אָריענט, ווי דעם הויפּט-קוואַל פון טראַגישער גדולה און שטענדיק-גליענדער בענקשאַפט. די עכטע אָריענטאַלער, די יידן מיט דער וואָרצלדיק-פּאַרוואַקסענער ביבלישער געשטאַלט, האָבן נישט אומזיסט אַרויסגעוואַנדערט אין די אייראָפּעאישע לענדער. אַריינזאַפּנדיק אין זיך די נייע קולטור-אַטמאָספער, האָבן זיי, די מזרח-יידן, געשאַפן אַ טיפערע פילזייטיקערע, פאָלקסטימלעכע מיסטיק. די ביז גאָר אייגנאַרטיקע געשטאַלט פונם משולח איז אים איצט געשטאַנען פאַר די אויגן, יענער גליענדער געזאַנג, וואָס ער האָט געהערט מיט יאָרן צוריק פונם משולח אין דער דייטשער סינאַגאָגע, האָט אים איצט אויסגעזען, ווי אַ גאָר דערהויבנדיקע געבורט פונם געטלעכן מדבר-געזאַנג... יאָהאַן האָט איצט אויף זיין שטייגער געגלויבט, אַז אין דער יידישער מיסטיק, ספּעציעל אין דער יידישער פאָלקס-שאַפונג פון חסידות, זענען פאַראַן אוצרות פון עכט-יידישער גייסטיקייט, וואָס קאָן דערנענטערן די צייט פון דער-לייזונג.

יאָהאַן און העלענע האָבן אפילו געהערט צו די יעניקע, וואָס האָבן געגרינדעט אַ „געזעלשאַפט פון יידישער מיסטיק". זיי האָבן טאַקע דערפאַר מיט אַזאַ באַגייסטערונג אויפגענומען די אומגעריכטע און אַזוי אימפּאָזאַנטע באַגעגעניש מיט דעם גראַליניער רבין אויפן וואָקזאַל „אַלעקסאַנדער-פּלאַץ". דער פּלוצימדיקער געשריי פונם רבין אויפן וואָקזאַל האָט זיי איבערראַשט און געצויגן ווי אַ געהיימער רוף.

צום ערשטן מאָל איז יאָהאַן, גייענדיק מיט העלענען נאָכן אָנגעקומענעם רבין, אַוועק אין דער גרענאַדיר-שטראַסע, וואָס האָט שטענדיק אַזוי געהיים און אומדירעקט געווירקט פון דערווייטנס אויף דעם גאַנג פון זיין לעבן.

שוין פון די פריסטע קינדער-יאָרן דערמאָנט ער זיך דעם לאַנגבערדיקן וואַנדערער פון דער גרענאַדיר-שטראַסע, וואָס גייט איבער בערלינער באַגען און הויפן, אַ פרעמדער, אַ וואָרצלדיק-פּאַרוואַקסענער, און וועקט ביי די פאַרדייטשטע יידישע קינדער אַ געפיל פון אַמאָל-אַמאָליקער, לאַנג-

פֿאַרגעסענער און דאָך װאַרעמער, היימישקייט. אַט דאָס אומקלאָרע געפֿיל האָט דאָך װי אַ שאַרפֿער אַראָמאַט דורכגעדרונגען די טיפֿענישן פֿון זיין נשמה. נישט נאָר בײַ די סטודענטישע אומרועןן, נאָר כּמעט בײַ יעדן צוזאַמענשטויס אין קולטור־לעבן פֿון די דײַטשע ייִדן, האָט מען זיך געשאָלטן אָדער געבענטשט אויף דער גרענאַדיר־שטראַסע. און טאַקע דאָרט, אויף אָט דער גרענאַדיר־שטראַסע, בײַ די פֿאַרװאָגלטע, בערדיק־פֿאַרװאַקסענע ייִדן, אין דער װוּנדערלעכער אַטמאָספֿער פֿון דעם אָנגעקומענעם גראַלניער רבין, האָט זיך אין אים פֿאַרפֿעסטיקט און פֿאַרטיפֿט יענע גלוּיִביקע בענקשאַפֿט, װאָס האָט אים, יאָהאַן קעטנערן, געפֿירט צו זיין שפּעטערדיקן רומרייכן שאַפֿונגס־לעבן.

א י נ ה א ל ט:

זייט

1. אויסטערלישע געשעענישן 7
2. א טשעקאווע לעבנסגעשיכטע (די פארלוירערע מוטער) 16
3. אומהיימלעכע קאָנפליקטן 38
4. סטודענטישע אומרוען און די גרענאדיר־שטראָסע 59
5. אומגעריכטע און אויפגעריכטע 84
6. אויסער קאָנקורענץ — אויסער געזעץ
(א שאָס פון הינטער די פלייצעס) 114
7. אָפיום אויף אַ רפואה 151
8. דאָס לעצטע געהיימניש און דער
אומהיימלעכער שטילשטאַנד 181
9. דער קאַראוואַן (עפּילאָג) 223